ראט אין אויגוסט 1919 ארויסגעשטעלט א באזונדער ליסטע.
אויך זיינען זיי געווען אקטיוו אנהייב 1920 ביים רעארגאניזירן די קהלה, — אונטערן דרוק פון „דזשאינט", — אויף נייע דעמאקראטישע יסודות. די פוע"צ זיינען געווען פארטראטן מיט 4 חברים אין דעם נייעם ועד־הקהל פון 24 מיטגלידער.
אויך אין דער חלוצישער באוועגונג אין 1919—1920 זיינען די פוע"צ געווען טעטיק. אזוי איז געווען דער צושטאנד פון דער פוע"צ־גרופע ביז דער צווייטער סאוועטישער אקופאציע, אזוי ווי עס האט איר געפונען יהושע רוזשאנסקי בעת זיין באזוך אין סלאנים אין יולי 1920.

ק. ל.

אברהם סטאלאוויצקי (ארגענטינע)

# דער מארד פון ר' יוסף, דעם שמש פון בריקער שול

ר' יוסף, דער לאנגיאריקער שמש פון בריקער שול האט בעת דער דייטשער אקופאציע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געהונגערט, ווי אלע יידן אין סלאנים. ר' יוסף איז געווען גוט באקאנט אין שטאט, ניט נאר אין דער געגנט פון בריקער גאס. ווען די מלחמה האט זיך געענדיקט און ס'האט אנגעהייבן פליסן געלט פון אמעריקאנער קרובים, האט זיך אויך די לאגע פון ר' יוסף'ן און זיין משפחה גרינטלעך פארבעסערט. נעמלעך, זיין בכור הערשל, וועלכער האט עמיגרירט אין אמעריקע אייניקע יאר פאר דער מלחמה, איז געווען זייער א לייטיש קינד און האט געשיקט גרעסערע סומעס געלט. איז נישט קיין וואונדער, אז אין שטאט האט מען דאן גערעדט, אז הערשל האט „פארשאטן" זיין טאטן מיט דאלארן, און ווי דער שטייגער איז, האט מען דאביי געוויס געטריבן היבשע גוזמאות. יעדנפאלס, די קלאנגען וועגן זיין „אוצר" מיט דאלארן האבן זיך צוטראגן איבער דער שטאט.

ויהי היום, — דאס איז געווען ביי די פאליאקן, אין די ערשטע טעג פון יוני 1920, — און ר' יוסף איז ניט געקומען אין שול, ווו ער פלעגט יעדן טאג קומען רעגולער צום ערשטן מנין, כדי עפענען די שול און ערפילן זיינע אויפגעבן אלס שמש. מען איז געקומען אים זוכן אין שטוב: ער איז ניטא! א רעטענעש! ס'גייט אריבער נאך א טאג, — ר' יוסף איז פארשוווּנדן ווי אין וואסער אריין. מען האט געמאלדן אין פאליציי, מען זוכט, — אן קיינע רעזולטאטן.

א ווענדונג איז געקומען, ווען אייניקע איינוווינער פון דער גאס „הינטער די מילן" האבן זיך דערמאנט, אז זיי האבן געזען ר' יוסף'ן גיין מיט א שגץ צו דער ריכטונג פון דער „רויטער קרעטשמע", וועלכע האט זיך געפונען ווייט פון שטאט, אויפן וועג צום דארף פעטראלעוויטש. מען האט זיך דערוווּסט, אז דער שגץ איז א יונגער שטאטישער פאליאק, באקאנט אין שטאט מיטן צונעמען „דער שטומער". מען האט אים אזוי גערופן, ווייל ער האט געשטאמלט.

קיין סך שאלות האט מען אים ניט געדארפט שטעלן. נאך א קורצער חקירה ודרישה האט ער זיך מודה געווען אין זיין פארברעכן. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער קלאנג וועגן „דאלארן־אוצר" פון שמש איז דערגאנגען צום שגץ. ער האט דערציילט, אז ער האט גוט געקענט ר' יוסף'ן. ער האט אים פארנארט מיט די דאלארן הינטער דער רויטער קרעטשמע, פארלייגנדיק אים עפעס א „גאלדענעם געשעפט". קומענדיק דארטן, האט ער אים דערשטאכן און באגראבן אויפן ארט. די דאלארן האט ער באגראבן אין נאענטן וועלדל אונטער א בוים.

אין שטאט איז געווען א טרויער. יידן האבן קאמענטירט: ס'טייטש, דאכט זיך א גאנץ קלוגער ייד ווי ר' יוסף זאל זיך לאזן אזוי אפנארן.

איך געדיינק גוט די לוויה, מיט דער באטייליקונג פון א גרויסן עולם. גראד האט שוין דאן אנגעהייבן אמטירן אלס שטאט־רב הרב פיין זצ"ל. ס'איז אפשר געווען א מאנאט נאך זיין אנקומען אין שטאט. דער רב האט אים מספיד געווען נעבן דער גרויסער שול. כ'גלויב, אז ס'איז געווען דער ערשטער הספד וואס הרב פיין האט געהאלטן אין סלאנים. ער האט אויסגעטייטשט דעם „לא תרצח" און דעם יידישן דין, ווען מען געפינט א הרוג.

דעם מערדער האט מען, פארשטייט זיך, ארעסטירט.

*) מעגלעך, אז ס'איז אויך געווען צוליב דער פאליטישער לאגע, ווייל ס'איז געווען בעת די לעצטע וואכן פון דער פוילישער הערשאפט, פאר דער צווייטער סאוועטישער אקופאציע, וועלכע האט זיך אנגעהייבן דעם 20־טן יולי 1920. — רעד.

אבער ווי ערשטוינט איז מען געווארן אין שטאט, ווען מען האט אים אין א פאר וואכן ארום באפרייט! מען האט זיך דערוווסט, אז דאס איז אדאנק זיין שיינער שוועסטער, וועלכע האט געהאט א צוטריט צו געוויסע מאכט־פאקטארן, אדער, בעסער געזאגט, זיין האבן געהאט א צוטריט צו איר... זי האט דעם ענין פארריבן און בינו לבינו איז ער ארויס אויף דער פריי, מכלומרשטן אויף קויציע, צוליבן פעלן פון גענויגנדע באווייזן*). דער רעש אין שטאט איז געווען גרויס. היתכן, אז אין נייעם פוילן איז ניטא קיין יוסטיץ און יידיש־לעבן איז הפקר־פעטרישקע? —

לאנג איז אבער דער מערדער ניט געבליבן אויף דער פרייהייט. אין אייניקע וואכן ארום האבן די באלשעוויקעס פארנומען צוריק סלאנים. ווען די סאוועטישע מאכט האט זיך מער־ווייניקער איינגעשטעלט, איז מען אוועק אין „רעוו־קאם" („רעוואלוציאנערער קאמיטעט" וועלכער האט אנגע־פירט מיט דער שטאט) און דערציילט די געשיכטע פון מארד און אז דער מערדער איז פראנק און פריי. דער רעווקאם האט געשיקט עטלעכע מיליציאנערן אים ארעסטירן. ווען דער מערדער האט זיי דערזען דורך'ן פענסטער, איז ער ארויסגע־לאפן דורך א הינטער־טיר אין דער ריכטונג צו דער שטשארע און געוואלט אריבערשווימען דעם טייך. צופעליק בין איך בייגעווען די געשעענישן און כ'האב געזען, ווי פון אלע זייטן זיינען יידן געלאפן צום טייך. די מיליציאנטן האבן אים נאכגעשאסן אין טייך און פארוואונדט. דער מערדער האט גענומען זינקען אין וואסער. מען האט אים ארויסגעשלעפט. צווישן המון האט זיך אויך געפונען דער זון פון דערמארדעטן שמש. כ'געדיינק, אז ווען מען האט אים ארויסגעשלעפט פון וואסער, האט דעם שמש'ס זון אים גענומען טרעטן מיט די פיס, נעמענדיק נקמה פאר זיין טאטן. דעם פארוואונדעטן מער־דער האט מען געבראכט אין יידישן (דאן איינציקן אין שטאט) שפיטאל און ער איז געבליבן אונטער א שמירה.

זיין שיינע שוועסטער האט נאך געפרובט ווידער העלפן איר ברודער, אבער ביי דעם רעווקאם איז דאס ניט געגאנגען. אגב, אירע באמיהונגען זיינען שוין געווען איבעריק: אין אייניקע טעג ארום איז דער מערדער געשטארבן פון זיינע וווּנדן.



ר' משה'לי החסיד (פוקסמן), בזרזו את החנוונים, לקראת בוא השבת, לסגור את החנויות, התמונה היא מהסרט של שלמה לבדי שהסריט בקיץ 1929 (ר' את המאמר הבא)

ר' משה'לי דער חסיד (פוקסמאן), לויפנדיק ערב ליכט־בענטשן, בעטנדיק פארמאכן די קראמען. דאס בילד איז פון פילם פון שלמה לבדי, וואס ער האט פילמירט אין זומער 1929 (ז' דעם פאלגנדן ארטיקל)

# זכרונות מהשנים 1921—1939

# זכרונות פון די יארן 1921—1939

קלמן ליכטענשטיין

## די גזירה אויף ר׳ משה׳לען דעם חסיד און זיין געשטאלט אין ווארט און אין בילד

דאס האט פאסירט ענדע אויגוסט אין 1929 (ענדע חודש אב תרפ״ט). געוויסע עלעמענטן אין פאליציי, — און יש אומרים, אז אפילו אין סטאראסטווא, — האבן איינגעפונען אז... ר׳ משהלע דער חסיד שטערט די עפנטלעכע ארדענונג אין שטאט, מיט זיין לויפן יעדן פרייטיק פארנאכט איבערן ראד־קראמען און די האנדלס־גאסן און דערמאנען, אז מען זאל פארמאכן די געשעפטן. יארן־לאנג, אפשר נאך פון פאר דער מלחמה אין 1914, דערשיינט ר׳ משהלע יעדן ערב־שבת בין השמשות איבער די גאסן און דערפילט זיין שליחות וואס ער האט גענומען אויף זיך, נישט האבנדיק קיין מאל דערוועקט וועלכע עס איז קעגנערשאפט פון וועמען ס׳איז, — אחוץ אפשר פון אייניקע „אפיקורסישע״ קרעמערס, וואס האבן נישט געוואלט אזוי מקפיד זיין אויף שמירת־שבת... און מיט א מאל — אזא גזירה! „ער שטערט די עפנטלעכע ארדענונג״... און מ׳שטיינס־געזאגט, מיט וואס קען שוין אזא רויקער, איינגעהאלטענער מענטש, אזא צדיק גמור ווי ר׳ משהלע, וואס האט קיין מאל קיין פליג נישט אנגערירט, — מיט וואס קען ער דאס „שטערן די ארדענונג״; — אז סך־הכל רעדט ער קיין מאל נישט מיט א העכערע שטימע; מען הערט קוים די ווערטער: „מאכט צו, מאכט צו, ס׳איז שבת״, — און לויפן לויפט ער פארביי ווי א שאטן.

אין שטאט האט מען געקוועטשט מיט די פלייצעס. די גזירה איז געקומען פלוצלינג, און די פאליציי האט אים בפירוש אנגעזאגט, אז דעם קומענדיקן פרייטיק זאל ער מער נישט „שטערן די ארדענונג״. מען האט געפרווט אויסטייטשן און זוכן דעם מקור אדער די מקורות פון דער גזירה, געוויס איז דאס אנ׳אנטיסעמיטישע שטיקל ארבעט. די מאכט־ספערן אין סטאראסטווא, און אפשר אין דער נאוואגרודקער וואיעוודסטווא האבן נאך נישט געקענט פארצייכענען קיין שום דערפאלג אין זייערע באמיהונגען צו פארווישן א ביסל דעם יידישן כאראקטער און אויסזען פון דער שטאט. די קריסטלעכע געציילטע קראמען און קיאסקן האבן אויף קיין האר נישט פארטושט דעם יידישן שטעמפל פון סלאנים, ווען פון יעדן פרייטיק פאר נאכט ביז שבת־צו־נאכט ווערט אלץ געשלאסן און א יום־טובדיקע שטילקייט הערשט אין די גאסן. געוויס, געוויס... אבער מען האט דערציילט, אז די גזירה האט זיך געשטיצט אויך אויף א יידישן תנא דמסייעא, אויף געוויסע יידישע פערזאנען וועלכע זאלן האבן אנגענומען שריט ביי דער מאכט, אז מען זאל צוליב מכלומרשטע עסטעטישע טעמים פארבאטן משהלען אין זיין שליחות. — ר׳ משה׳לע, — זאלן זיי האבן געזאגט, — מיט זיין משונהדיקער געשטאלט, אין זיין מיטל־אלטערלעכן אויסזען פאסט זיך ניט אריין אין דער מאדערנער גאס און ער ווארפט, מכלומרשט א פלעק אויף דער אויסערלעכער געשטאלט פון דער היינטיקער יידישער געזעלשאפט.*) און אפשר איז טאקע געווען אין דער גזירה אויך א האנט פון פרייע אפיקורסישע קרייזן? אויב ס׳איז טאקע אזוי, איז מצא מין את מינו. דאס הייסט: די מאכטהאבערס זיינען גערן אנטקעגן געגאנגען יידישע אפיקורסים און פריידעבקער פון איין זייט און פיינשמעקער און עסטעטן פון דער צווייטער זייט...

אזוי צי אזוי — דינא דמלכותא דינא! און ר׳ משהלע דארף אפשטעלן זיינע פרייטיקדיקע „מאנעווערס״ איבער די גאסן.

פארשטייט זיך האבן דער רב און די קהילה נישט געשוויגן. נאר איידער וואס־ווען, איז די ערשטע עפנטלעכע רעאקציע צו דער גזירה געקומען דווקא נישט פון די ארטאדאקסישע קרייזן: אני עבדכם האב דאן געהאט דעם זכות צו רעאגירן מיט אנ׳ארטיקעלע, וואס איך האב געשריבן און קלאסירט אין דער סעריע „פון מיין סלאנימער אלבאם״ און פארעפנטלעכט אין פועלי־ציוניסטישן וואכנבלאט וואס איז דאן דערשיינען א״נ „סלאנימער לעבן״, אין נומ׳ 4, פון 30־סטן אויגוסט 1929.

---

*) מען האט גערעדט, אז דאס זאל האבן געקומען פון די קרייזן פון די גאליציאנער לערער פון דער יידיש־פוילישער גימנאזיע. — ק. ל.

די צייטונג האט זיך ביי מיר איינגעהיט און איך רעפראדוציר דא דעם ארטיקל א״נ „ר׳ משהלע דער חסיד״ (פון מיין סלאנימער אלבאם). אגב, איז עס געווען, לויט ווי מיר איז באקאנט, די ערשטע באשרייבונג פון ר׳ משהלען אין דער סלאנימער יידישער עפנטלעכקייט. פון דאנ׳אן, און ספעציעל נאכן אומקום, האט ר׳ משהלע געדינט מערערע מאל אלס טעמע פאר סלאנימער בעלי־זכרונות.

## ר׳ משה׳לע דער חסיד

(פון מיין סלאנימער אלבאם)

ווער קען אים נישט, אט דעם מערקווירדיקן מענטש און ייד, וועלכער איז א שם־דבר אין שטאט, „ר׳ משהלע דער חסיד״? — חסיד? — צי איז אזא עפיטעט גענוג צו כאראקטעריזירן אט דעם ייד, וועלכער איז א זעלטענע דערשיינונג נישט נאר אין סלאנים?

מיר קענען חסידים בעלי־גופים; מיר קענען פוילישע חסידים, צווישן זיי א שפאר ביסל עולם־הזהניקעס; מיר קענען חסידים נאיווע און ענטוזיאסטן. צי קענען מיר אבער פיל אזוינע אסקעטן און נזירים, אזוינע עקסטאז־פולע און טיף־גלויביקע, אזוינע ערלעכע אין זייער גלויבן און אזוי טיפע אין זייער יידישקייט, ווי ס׳איז אונדזער היימישער משהלע דער חסיד?

ס׳איז א זעלטענער פענאמען אין דער הייניטיקער וועלט פון צבועים און פאלשע.

עס איז א יידישער, אויסשליסלעך יידישער פענאמען.

פאר פרעמדע, פאר גויים, איז ער געוויס אנ׳„עקזאטי־שער טיפ״ פון דער יידישער גאס. היימישע גויים קוקן אים אן מיט פאראכטונג און לאכן פון אים אפ. דייטשן *) האבן אים אפגעפארטרעטלט בגנבה (ווייל ער לאזט זיך נישט פאטאגראפירן) און געשיקט זיין בילד אין אנ׳אילוסטרירטע אויסגאבע אלס א „זעענסווירדיקן אסט־יודע״. אפילו געווי־סע סקעפטיקער יידן רופן אים פשוט אן: „א שטיקל צע־דרייטער״.

פאר אונדז אבער איז ער א צדיק, וועמענס מעשים טובים ווערן שוין ארייננעוועבט אין דעם זיידענעם גע־וועב פון פאלקס־לעגענדעס. אין שטאט ווערט מען אייך פון אלע זייטן דערציילן מיט פיעטעט וועגן זיין שטילע „מתן־בסתר״־אקטיוויטעט; וועגן זיין מסירת־נפש פאר יידישע ארעסטאנטן, וועגן זיין ליידנשאפטלעכע איבערגעגעבנקייט צו אלע אונדזערע שוואכע און שוצלאזע. די שטאט קען אים אבער איבערהויפט פון די פרייטיקדיקע בין־השמשות.

א גוטע פאר שעה פאר ליכט־בענטשן, ווען די „פרינ־צעסין שבת״ מאכט נאך איר לעצטן טואלעט פארן אראפ־נידערן אין די יידישע הייזער, ווען יידן זינקען נאך אין תרפ״ט וואכעדיקע דאגות, — שוועבט שוין ארום איבער אונדזער „ראד קראמען״ דאס אומגעוויינלעכע סילועט פון ר׳ משהלען. זיין אונטערגעגארטלטע אויסגעריבענע קאפא־טע הענגט אראפ ביז צו דער ערד; זיינע אראפהענגענדיקע, ווילד־פארוואקסענע פיאות מאכן נאך בולטער די ווייסקייט פון זיינע געזיכט־שטריכן, וואס זיינען ווי שלא מעלמא הדין, און אויף וועלכע עס שטראלט א וואונדערבארער אויסדרוק פון הימלשער רויקייט. און איבער דער גאנצער געשטאלט זיינער שוועבט עטוואס אזוינס, וואס מען קען אנרופן נישט אנדערש, ווי מארטירערטום.

אזוי האבן געדארפט אויסזען די איסיים, וועלכע פלעגן אין א פולשטענדיקער איזאלירונג, אין א שלמותדיקער התבודדות זוכן א הזדווגות מיט דער שכינה... אזוי האבן אויסגעזען די קדושים, וועלכע פלעגן מיט שטראלנדיקע פנימער גיין צום אויטאדאפע...

און עס שוועבט זיין געשטאלט פון קראם צו קראם, און עס בעט זיך זיין ווייך קול מיט תחנונים: „מאכט צו... מאכט צו... ס׳איז שבת״... און אז יידן ווילן אים נישט פאלגן גלייך, — דאן ווערט ער שטרענגער, דאן ווערט ער האר־בער, דאן פאדערט ער! אין נאמען פון איר מאיעסטעט דעם שבת, אין נאמען פון דער שענסטער יידישער טראדיציע, אין נאמען פון דורות־לאנגן יידישן מארטירערטום — פאר־דערט ער, אט דער לעבעדיק־געבליבענער מארטירער אפ־צוהיטן דאס, וואס איז געווען דער זין פון אזוי פיל קרבנות: „מאכט צו... מאכט צו... ס׳איז שבת״!...

מעגן מענטשן פון אים אפלאכן; מעגן פיינשמעקערס אים קרוינען מיטן טיטול: „צעדרייטער״; מעגן עסטעטי־קערס זיך קרימען. ער גייט פארויס, און דער עמוד־האש, דער הייליקער שבת וואס קומט אן, גייט פאר אים. און וואס נענטער עס ווערט צו הדלקת הנרות, אלץ הארבער ווערט ער. ער פאדערט שוין נישט, ער מאכט אליין צו טיר און לאדן ביי פארעקשנטע יידן, וועלכע ווילן אראפגנבענען א פאר מינוט פון שבת.

נישט קיין געדונגענער, נישט קיין געצוווּנגענער, לויפט ער ארום, ווי ער וואלט געווען דאס געוויסן פון דעם אויס־געלייטערטן יידנטום, פון דעם „נצח ישראל״, פון די העכס־טע יידישע אידעאלן, וועלכע זיינען נישט פאר יעדן צו־טריטלעך...

נאר זאלן די פיינשמעקערס זיך בארויקן, זאלן זיך די עסטעטן מער נישט בייזערן און די סקעפטיקערס — מער נישט קרימען דעם באז: ר׳ משהלע דער חסיד וועט שוין מער זייער רו און זייער עסטעטישן געשמאק יעדן פרייטיק בין־השמשות נישט שטערן. מיר ווערן נעמלעך געוויר, אז די פאליציי האט אים פארבאטן אין זיין הייליקער מיסיע צו זיין דער דערמאנער און דער וועקער ביי סלאנימער יידן. דער אויסרייד פון דער היגער מאכט איז, אז ער שטערט די עפנטלעכע רו און ארדענונג אין די גאסן פון שטאט. פרינצעסין שבת וועט שוין פון איצט אן אראפני־דערן אין סלאנים אן איר שליח, אן ר׳ משהלען. זיין שטראפנדיקע שטים וועט שוין מער נישט רופן: „מאכט צו... מאכט צו... ס׳איז שבת״!...

א שטיק יידישקייט וועט צוליב דעם פון יידישן סלא־נים אפגעווישט ווערן. און אין די פרייטיקדיקע פארנאכטן, ווען די זון וועט הינטער די רוזשנאיער בערג אראפזינקען און אין א פורפור־מאנטל דעם הימל פארציען, וועלן נאר

*) בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — ק. ל.

יחידי־סגולה קענען אין דער נישט־געשטערטער שטילקייט אונטערשיידן דאס קלאפן פון די פליגלען פון דער שבתדיקער נשמה יתירה, וועלכע, אן איר שליח, וועט אליין רופן און מאנען:

„מאכט צו... מאכט צו... ס'איז שבת!".

(פון „סלאנימער לעבן", נומ' 4, פון 30־סטן אויגוסט 1929).

## וואס איז געווארן מיט דער גזירה

נאר וואס איז געווארן מיט דער גזירה? — צו קען מען זיך פארשטעלן, אז דאס דעמאלטיקע יידישע סלאנים זאל זיך אונטערגעבן? און איבערהויפט צו קען מען דערלאזן אויף איין מינוט דעם געדאנק, אז ר' משהלע אליין זאל טאקע זיך דערשרעקן פאר עפעס א „רשע" („רשע" איז געווען אנ'אנגענומענער ווארט ביי אים פאר יעדן גוי אדער סתם אנ'אפיקורוס) און ווערן אויס משהלע, דער שבת־שליח, אזוי ווי גאט האט פון אים פארלאנגט?

צו קיין פארמעסט צווישן דער פאליציי און ר' משהלען, אדער צווישן דער מאכט און דעם יידישן סלאנים, איז אבער נישט געקומען. די גזירה איז אפגעשריגן געווארן און אט ווי אזוי:

היות די פאליציי־פארארדענונג איז געווען בלויז אנ'אדמיניסטראטיווע און איז נישט געווען באגרינדעט אויף וועלכן עס איז געריכט־באשלוס, — איז געווען גענוג אנ'אינטערווענץ ביי די מאכט־ארגאנען. איך געדיינק נישט די פרטים, צו דאס איז געווען די איניציאטיווע פון רבינאט אדער פון דער קהילה, אדער פון ביידע קערפערשאפטן צוזאמען. כ'געדענק אויך נישט, צו ס'איז געווען ביים סטאראסטווע אדער ביים פאליציי־קאמיסאר. אויך איז מיר נישט קלאר, פאר וואס האט נישט אינטערווענירט דער אדוואקאט ד"ר ווייס, וועלכער איז דאך דאן געווען דער טריבון פון יידישן סלאנים און זייער אנגענומען ביי דער מאכט, נאר דער ווייניקער באקאנטער אדוואקאט איצקאוויטש, וועלכער איז נישט געווען קיין אויסגעשפראכענער יידישער פאליטישער אדער פארטייאישער עסקן.

נאר אט וואס ס'איז געבליבן אין מיין זכרון און אין זכרון פון נאך אייניקע סלאנימער (צווישן זיי אויך הרב חיים בן ר' יוסף שערעשעווסקי פון ניו־יארק, מיט וועמען כ'האב זיך לעצטנס געטראפן אין תל־אביב). די ארגומענטאציע פון אדוואקאט איצקאוויטש בעת זיין באגעגעניש מיט דעם מאכט־פארשטייער, איז געווען, אומגעפער, פאלגנדע:

— „איר טענה'ט, אז ר' משהלע מיט זיין לויפן, מיט זיין רופן, מיט זיין פארמאכן די טירן און לאדן פון די קראמען, שטערט די עפנטלעכע ארדענונג און רו אין שטאט. איך בין מסכים דערצו. נאר איר דארפט וויסן, אז אפהיטן שבת איז אייגער פון די וויכטיקסטע יסודות פון דער יידישער רעליגיע. די פוילישע קאנסטיטוציע גאראנטירט די גלייכע רעכט פון אפהיטן אלע רעליגיעס. בכן, זייט וויסן, אז אויב משהלע שטערט די עפנטלעכע ארדענונג און רו איין מאל אין וואך במשך פון איין שעה, און דאס נאר אין א פאר גאסן און ביי געציילטע מענטשן, די קרעמערס, — טא שטעלט אייך פאר וויפל עס שטערט אין דער גאנצער שטאט און דער גאנצער באפעלקערונג גלייכצייטיק, דאס קלינגען פון די קלויסטערס און קאשציאלן לויט די באדערפענישן פון דער קריסטלעכער רעליגיע, — און דאס: מערערע מאל אין וואך און מערערע שעהן. איר זייט ניט מחויב אויסצושטיין די „שטערונג" פון משהלען, און איך, ווי אויך די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון שטאט, זיינען נישט מחויב צו ווערן געשטערט אין אונדזער רו (און אפילו שלאף) דורך די קלויסטער־גלאקן. אין נאמען פון דעם געזעץ וועגן רעליגיע־רעכט און שטייצנדיק זיך אויף די זעלביקע טעמים פון אייער פארבאט בנוגע משה־לען, וואלט איך געקענט פארלאנגען, אז מען זאל פארבאטן דאס קלינגען אין די קלויסטערס..."

מען קען זיך פארשטעלן, ווי אזוי אט די לאגישע און געוואגטע מאטיוואציע האט געווירקט. מער האט מען נישט געדארפט. אזוי שנעל ווי די גזירה איז געקומען, אזוי שנעל איז זי בטל געווארן, און ר' משה'לע האט פארגעזעצט אומגעשטערטערהייט זיין שבת־שליחות כמעט ביז דעם אומקום פון דער קהילה. לאמיר ביי דער געלעגנהייט אנערקענען די „לייטישקייט" פון דער פוילישער מאכט אין 1929, וועלכע האט אראפגעשלונגען אזא געוואגטע פארגלייכונג צווישן משהלעס „שבת־שבת" און די קלויסטער־גלאקן. מיט אייניקע יאר שפעטער, ווען די נאצישע פראפאגאנדע אין פוילן האט שוין געבושעוועט גאר שטארק, וואלט די מאכט רעאגירט גאנץ אנדערש אויף אזא יידישע „חוצפה"...

טשעקאווע פעסטצושטעלן אז נאר ווייניק מענטשן אין שטאט האבן געוווסט וועגן „דיאלאג" צווישן אדוואקאט איצקאוויטש מיט דעם מאכט־פארשטייער. די צוויי יידישע וואכנבלעטער וואס זיינען דאן דערשינען, „סלאנימער ווארט" און „סלאנימער לעבן" האבן דאס פארשוויגן. דאס איז געווען צוליב דעם, וואס איצקאוויטשעס געוואגטע טענה, וועלכע ער האט געלאזט הערן בחדרי חדרים, וואלט געקענט, ווען זי וואלט געווארן עפנטלעך, ארויסרופן אנ'אנטיסעמיטישע כוואליע נישט נאר אין סלאנים, נאר אויך אין גאנצן לאנד.

---

אומגעפער אין דער זעלבער צייט האט פאסירט אין שטאט נאך עטוואס אויסערגעוויינלעכעס, וואס איז געווען באקאנט נאר אין אנ'ענגן פאמיליען־קרייז און צווישן פרייגט און קרובים. ענדע זומער 1929 איז פון אמעריקע אראפגעקומען א סלאנימער יונגערמאן אויף א קורצן באזוך צו זיינע עלטערן. דאס איז געווען שלמה שיינבערג, דער זון פון באקאנטן בעל־הבית, למדן און אינהאבער פון וויין־און געטראנקגעשעפט ר' זאב שיינבערג. שלמה האט עמיגרירט אין 1912 אין ארץ־ישראל, און נאך אכט שטורמישע יארן וואס ער האט דארטן דורכגעמאכט האט ער עמיגרירט אין אמעריקע און זיך באזיצט אין טשיקאגא.*)

---

*) וועגן זיין לעבנס־געשיכטע און זיין לעבנסווערק — ז' אין דער אפטיילונג וואס איז אים געווידמעט, בראש פון דאזיקן באנד פון „פנקס".

ווייניק אזעלכע באזוכן פון אמעריקע פון געוועזענע עמיגראנטן זייבען געווען אין סלאנים אין די 20 יאר פון דער פוילישער הערשאפט, הגם אין אמעריקע זייבען דאן שוין געווען טויזנטער אפשטאמיקע פון סלאנים, געוועזענע עמיגראנטן פון פארן יאר 1914. מערסטנטייל האבן פארבראכט די געסט, בעת זייער קורצן אורלויב אין זייער געבורטשטאט, אין די ד׳ אמות פון זייערע פאמיליעס. שלמה שיינבערג, וועלכער איז מיט 20 יאר שפעטער, אין 1949, געווארן באקאנט אין דער יידישער וועלט אלס שלמה לבדי, בזכות פון זיין גרויסן ליטעראַרישן ווערק, די טרילאגיע „שוועלן״, — איז געווען א גאסט, א יוצא־דופן: א מענטש מיט א פארשבדיקן גייסט, מיט הייסע סענטימענטן פאר זיין היימשטאט און טיפע יידישע ווארצלען, האט ער, אזוכנדיק סלאנים אלס טוריסט, מיטגעבראכט א... פילם־אפאראט!

מעגלעך, אז דער היינטצייטיקער לייענער וועט נישט באגרייפן, פאר וואס קומט דער אויסרוף־צייכן: (!) נאך די ווערטער „פילם־אפאראט״. וואס איז דאס פאר א חידוש, איצט, אין די 70־ער יארן, ווען מיליאנען טוריסטן, מיט הענגענדיקע פילם־קאמעראס אויף זייערע אקסלען פארפלייצן די וועלט? — אבער מיט קארגע 50 יאר צוריק, ווען די היימיש־געמאכטע ליבהאבער־פילמען זייבען נאך געווען אין די וויקעלעך, — איז דאס געווען א חידוש אפילו אין אמעריקע, און בפרט אין דעם דאן נאך אפגעשטאנענעם פוילן. טויזנטער קרובים פון אמעריקע האבן באזוכט די יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן אין די יארן 1920—1939. איצט ווייזט זיך ארויס, אז דעם געדאנק צו פילמירן זייערע געבורט־ערטער האבן געהאט נאר 4־5, און צווישן זיי — שלמה שיינבערג. עס דוכט זיך, אזוי ווי ער וואלט געהאט א פארגעפיל, אז אט די שמאלע צעלולאיד־לענטע וואס ער דרייט אין זיין אפאראט וועט פארפיקסירן אויף שטענדיק זיין פולסירנדיקן, זאפטיקן יידישן סלאנים. ער האט פילמירט גאסן און געסלעך, דעם טייך שטשארע און די דאמבע, די שול און די בתי־מדרשים, דעם „ראד״ און דעם מארק, יידן און גויים און אפילו דעם בית־עולם, און, פארשטייט זיך, זיין היימישן פאמיליע־קרייז.

און אט דערשיינט אויפן פילם אויך — ר׳ משה׳לע חסיד. א דינאמישער, לויפנדיקער, שוועבנדיקער, די הענט אין די ארבל און איינגעוויקלט אין זיין קאפאטע, אויפגעכאפט אויף דער הייסער מינוט, ווי ער לויפט פארביי די קראמען; און כאטש עס איז נישט קיין קלאנג־פילם, דוכט זיך אייך, ווי איר וואלט געהערט זיין שטים: „מאכט־צו, מאכט־צו, ס׳איז שבת״!

אט דער קורצער 16־מילימעטערדיקער פילם האט זיך איינגעהיט. זיין שעפער איז שוין נישטא, נאר דער פילם איז דא. די אלמנה, פרוי שיינבערג־לבדי פון טשיקאגא האט אים געשטעלט אין רשות פון „פנקס־סלאנים״. לעצטנס האבן מיר אים באוויזן פאר די סלאבימער אין ישראל. כדאי צוצוגעבן א מערקווירדיקן פרט: די ישראל־טעלעוויזיע האט צוגעגרייט א פראגראם וועגן די חרוב־געווארענע יידישע ישובים פון מזרח־אייראפע. אויסער געוויינלעכע פאטאגראפיעס פון שטעט און שטעטלעך, האט זי געזוכט אויטענטישן פילמירטן מאטעריאל און ווייניק געפונען, אחוץ פילמען פון 4־5 ערטער: סלאנים, נאווארעדאק, האראדאק און אייניקע דאקומענטארע פילמען פון ווילנע, ווארשע, לאדז און קראקע. די ישראל־טעלעוויזיע האט אלזא איינגעפלאכטן דעם סלאנים־פילם, אין פראגראם אונטערן נאמען: „דאס שטעטל״.

און אזוי האט דער גורל געוואלט, אז אין דער זעלביקער צייט מיט 50 יאר צוריק, אין אויגוסט־סעפטעמבער 1929, איז פארצייכנט געווארן לדורות איינע פון די לעצטע הייליקסטע געשטאלטן פון יידישן סלאנים, פון ר׳ משה׳לען דעם חסיד: אין מיין ליטעראַרישן פארטרעט פון אים אין „סלאנימער לעבן״ און אין פילם פון שלמה שיינבערג־לבדי. ביידע פארצייכענונגען אין ווארט און אין בילד, ברענגען מיר דא, ווי א ממשותדיקע אילוסטראציע צו דעם ארטיקל.

---

דר. נח קפלינסקי

# דר. יצחק אפרת

שלוש תקופות שונות זו מזו תכלית השינוי מסתמנות בחייו של ד״ר אפרת: שנות לימודיו, התבגרותו וחינוכו הרפואי עד 1916; עבודתו הרפואית עד פרוץ מלחמת העולם השנייה ותקופת שבתו בישראל משנת 1949.

יליד ורשה. כבן לאב דתי התחיל לימודיו בחדר. בגיל שבע נסע לסלונים אל סבו לחג הפסח וביקור זה התמשך לשלוש שנים, באשר נקשרה נפשו בנפש סבו, ויותר מכן — בכל הליכי החנות הגדולה, שהיתה לסבו בסלונים, כשהנער

*) את המאמר הזה, שפורסם לראשונה בשנת 1975, מסרנו להעתקה בכרך זה של „פנקס סלונים״, עוד לפני פטירת דר. אפרת ז״ל. — המערכת.

הורשה מזמן לזמן למלא תפקיד של גזבר (העבודה התבטאה בספירת הכסף של הלקוח והכנסתו דרך חור בשולחן אל תוך המגירה). בלית־ברירה הסכימו כולם לכך ולימודיו נמשכו שם בעזרת מורים פרטיים (לעברית, תלמוד, רוסית וחשבון). עד היום זכור לו המודל של החושן והאיפוד, שהציג לו המורה לתלמוד.

עם שובו לוורשה למד תחילה בבית־הספר הידוע על־שם מייזלר (המורה לעברית היה פרידברג, מחבר הסידרה „זכרונות לבית דוד") ומשם לגימנסיה, שאותה סיים ב־1910.

למרות היותו תלמיד מצטיין נאלץ לצאת ללימודיו לחוץ לארץ בגלל ה„נומרוס קלאוזוס" ברוסיה. עזה היתה שאיפתו להתמסר ללימודי משפטים, אך גברה עצתו של האב ואפרת יצא למערב אירופה ללימודי הרפואה.

תחילה — במינכן. שם גם היה פעיל בארגון האיגוד היהודי האקדמי־תרבותי, אשר תחילה נשא אופי יהודי כללי, ואחרי כן, עם פרישת ה„בונד", נשא אופי יהודי לאומי. זכורות לו הופעותיהם המרשימות של נתן בירנבוים, חיים זשיטלובסקי, אהרון סינגלובסקי (בעתיד — יו"ר „אורט") ואחרים. הנוער הזה התחנך על ברכיו של כתב־העת „די יידישע וועלט" (העולם היהודי), שבו השתתפו בין השאר שמואל ניגר, דוד איינהורן וד"ר אלכסנדר מוקדוני. ערבי ספרות, ערבי חנוכה, „עיתון חי" — כל אלה תפסו מקום נכבד בצד הלימודים.

עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה עבר לציריך. נשתנה המקום, אך עוד יותר נשתנתה האווירה, שהיתה כאן הרבה יותר נוחה ונעימה. את לימודיו סיים ב־1916. בינתיים שקע בחובות למעלה ראש עקב הניתוק מן הבית בגלל המלחמה. חיפש עבודה וקיבל כל מיני החלפות. אז גם טעם לראשונה את טעמו של רופא משפחה בכפר. ששה חודשים עבד במוסד לחולי נפש, אחרי־כן השתלם ברפואה פנימית ובמחלות נשים.

מודעות מטעם השלטונות הפולניים, הקוראות לאזרחי פולין לחזור לארצם ולהתייצב לשירות צבאי, יחד עם געגועיו אל הציבור היהודי העסיסי בפולין חברו יחדיו והחזירוהו לוורשה. שנתיים שירת כקצין רפואה. בדרכו הצבאית פגש את אשתו־לעתיד ולאחר שיחרורו מן הצבא, ב־1921, השתקע הזוג הצעיר בסלונים, בה גר ופעל עד 1939.

מהר מאוד נקלט ד"ר אפרת במקום מגוריו והפך להיות הרופא העממי בה"א הידיעה. כל ימיו היה עמוס עבודה. לא ידע להבחין בין יום ובין לילה, בין חול לבין שבת ומועד. במיוחד היה אהוד על שכבות „עמך" הנחשלות ועל דלת העם. קבלת חולים במירפאתו השתלבה בביקורי־בית בכל פינות העיר. בעבודתו סימל את רופא המשפחה במובנו הטוב ביותר. עבד גם ב„מגן דוד אדום", שם הגיש עזרה רפואית למעוטי יכולת בעד תשלום סמלי בלבד. היה בהנהלת „טאז", אירגון קייטנות לילדים משכבות העוני. עבד בחילופי תורנויות בבית־היולדות היהודי, שם הוגשה עזרה חינם אין כסף ליולדות מעוטות יכולת. בנוסף לכך עבד גם ב„קופת־החולים" הממשלתית. כאמור היו ידיו מלאות עבודה. ערך ביקורים רבים בכפרים ובעיירות הסמוכות. שמו הלך לפניו בכל הסביבה.

ובתוך כל העבודה המאומצת הזאת עבד ד"ר אפרת במקביל את עבודתו הציבורית הענפה ביותר. היה איש „על המשמר", מנאמניו וחסידיו של מנהיג יהדות פולין יצחק גרינבוים.

הופעתו הפומבית הראשונה בסלונים היתה באסיפת־בחירות לסיים הפולני (1922) למען בלוק המיעוטים מיסודו של גרינבוים. היה יו"ר ההסתדרות הציונית במקום. פעל בוועד הקהילה. אך פעילותו העיקרית היתה בתפקידו כיו"ר אגודת „תרבות". בית־הספר „תרבות" היה בגרעון מתמיד עד שבסופו של דבר שלף ד"ר אפרת את עטו וחתם על שטרות הן לפועלי הבניין והן לתשלום משכורת.

אין ד"ר אפרת נוטה לשוחח על הנושא. אולם בציבור היה ידוע, שהתחייבויותיו הגיעו לאלפי דולרים (היו שהעריכו את הסכום בעשרים אלף דולר!). בשקט ובצנעה סילק ד"ר אפרת את „חובותיו" עד הפרוטה האחרונה בלי שאי־פעם זכה לראות משהו בחזרה. הדבר הגיע לידיעתו של מרכז „תרבות" בוורשה. יו"ר המרכז, ד"ר מאיר קלומל, לא הצליח במאמציו לשתף את המרכז, ולו במקצת, בסילוק חוב זה. הדבר לא העכיר את רוחו של ד"ר אפרת. רוחו הטובה והאופטימיזם העמוק שלו לא התערערו גם על־ידי הפסד כספי אישי זה.

וכך מסכם ד"ר אפרת את עבודתו הרפואית בסלונים בין שתי מלחמות העולם: עם כל המיגרעות שבמחסור בכלי־מעבדה, כשבסך הכול עמדו לרשותו מעבדה פרימיטיבית ורנטגן לא פחות פרימיטיבי, כאשר כל הרפואה כולה התנהלה בביתו של החולה — היה סיפוק עצום בעבודה זו. „העיקר — אומר ד"ר אפרת — הוא המגע בין הרופא לחולה. המעבדות, תהיינה משוכללות כאשר תהיינה, הן רק כלי־עזר. אנמנזה טובה, בדיקה קלינית טובה — ומוסיף ד"ר אפרת בחיוך: בתוספת אינטואיציה טובה — עשו גדולות גם בתנאים ההם".

ב־1939, ב„תקופת ההמתנה" בפולין לפני פרוץ המלחמה, גויס לצבא. בימי־המחץ הראשונים של ההתקפה הגרמנית נפל בשבי. ברח וחזר לסלונים.

שם כבר שלט השלטון הסובייטי בעקבות הסכם ריבנטרופ—מולוטוב. לא ארכו הימים וד"ר אפרת נאסר על־ידי השלטון הסובייטי וכמנהיג ציוני וקצין בצבא הפולני הוגלה לקומי א.ס.ס.ר. בירכתי צפון רוסיה. ב־1942, בעקבות חנינה (הסכם סיקורסקי), הועבר לקזכסטן — לאיחוד עם בני משפחתו. ב־1946 חזר לפולין ואחרי שהייה בוורוצלב ובלודז' עלה ארצה ב־1949.

ד"ר אפרת אינו מרחיב את הדיבור על תקופת הגלות הקשה, על המאסר המשפיל, על הקור ועל הרעב. הוא כאילו מוחק תקופה זו בשיחותיו. אופיו האופטימי והחיוני מכתיב לו זכרון סלקטיבי.

לעומת זאת אוהב הוא להדגיש את המגוחך, את האבסורדי, אפילו את המצחיק מתקופה קשה זו. מי יודע? יתכן שהעובדה, שגלות סיביר זו הצילה את ד"ר אפרת יחד עם רבבות גולים אחרים מצפרני הנאצים, תרמה לריכוך העוול הגדול שבהגלייה זו (גם אם לא להצלה זו נתכוונו השלטונות הסובייטיים).

עם עלייתו ארצה התחיל את דרכו כמחליף (במירפאות של „קופת חולים") עד שנחת לישיבת־קבע בסניף מודיעין ברמת־גן, שם עבד מ־1950 עד פרישתו לגימלה ב־1973.

פרישתו „נתאחרה" הואיל ועבודתו הוארכה מפעם לפעם למרות רצונו.

תקופת עבודתו בארץ הגישה לו את הסיפוק המירבי מן הרפואה. מה שהיה בשבילו בגדר חלום במשך עשרים שנות עבודתו בפולין הוגשם במלואו כאן. לרשותו עמדו כל כלי-העזר הרפואיים. מדי שבוע בשבוע הקפיד להשתתף בבילינסון בהרצאות על מקרים יוצאי-דופן. בכל ימי ששי — ב„חידושים ברפואה" בבית הרופא. פעם בחודש — פגישות בבית-החולים השרון, שהוא אירגן אותן.

„כל ימי — ממשיך ד"ר אפרת — שמרתי על מתן הסברים מקיפים לחולים גם אם זה הצריך, כמעט באופן קבוע, עבודה מעל לזמן הנקוב והרבה מעבר לנורמות. גאוותי על קשרי-הידידות עם קהל-החולים שלי. ואם מצא החולה אצלי מה שחיפש — זה שכרי מכל עמלי".

עתה נמצא ד"ר אפרת בגימלאות. נתון הרבה למשפחה קורא הרבה. עם זאת — „מודה באשמה":

„תמיד הייתי מטיף לחולים שלי בתקופת הקדם-פנסיה: הכינו לכם תעסוקה, תחום-התעניינות, עיסוק מסויים — מתלונן ד"ר אפרת חרישית — לי עצמי לא דאגתי ועל-כן בא עתה השיעמום".

„מקצוע הרפואה טבוע עמוק בלבי, מימי לא הרגשתי בו עייפות ומימי לא השתעממתי, ועתה הוא חסר לי".

(מתוך „מידע לרופא", נובמבר 1975).

---

**יצחק ליכטענשטיין** (פאריז)

# די סלאנימער דרשה פון „באראנאוויטשער טאקער"

עס זיינען פאראן געשעענישן, וועלכע האבן נאר א צייט-ווייליקן און לאקאלן ווערט, און דעריבער פארשווינדן זיי פון זכרון. עס זיינען אבער דא פאסירונגען, וועלכע האבן א סימבאלישן כאראקטער, ווייל זיי שפיגלען אפ די פארהעלטענישן, באדינגונגען און פערזאנען פון א געוויסער תקופה. אזעלכע עפיזאדן קריצן זיך איין אין זכרון און מ'פארגעסט זיי ניט. וועגן אזא פאסירונג וואס איז פארלאפן אין סלאנים אין 1921 אדער 1922 וויל איך דא דערציילן.

אין די שטורמישע יארן 1904—1906 פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע האבן זיך באטייליקט, ווי באקאנט, די רעוואלוציאנערע באוועגונגען און פארטייען פון אלע נאציאנאלע מינדערהייטן פון דער גרויסער רוסישער אימפעריע. צוגלייך מיט די יידישע פארטייען „בונד", „ס. ס." און „פועלי-ציון", האט אויך די פוילישע סאציאליסטישע פארטיי „פ. פ. ס.". גענומען אנ'אנטייל אין די רעוואלוציאנערע אקטן. די רוסישע „אכראנע" (די פאליטישע פאליציי) האט שטארק פארפאלגט אלע רעוואלוציאנערן.

עלטערע לייענער וועלן אפשר געדיינקען דעם פאל, וואס האט פאסירט אין יענע יארן מיטן יונגן פוילישן פרייהייט-קעמפער, יוזעף פילסודסקי, א פאל וועלכער איז געווארן באקאנט ערשט, ווען פילסודסקי איז געווארן דער הערשער פון באפרייטן פוילן אין 1920. פאר די לייענער פון יונגן דור, וועלכע האבן ניט געהערט וועגן דעם פאל, וועל איך דאס איבערגעבן בקיצור: דער יונגער פילסודסקי איז געווארן פארפאלגט פון דער „אכראנע" און אים איז געלונגען צו אנטלויפן פון זייערע הענט. דאס האט פאסירט אין באראנאוויטש. אנטלויפנדיק, האט ער אנגעקלאפט אין אנ'ארעמע יידישע שטוב און געבעטן מען זאל אים באהאלטן. דער בעל-הבית האט דעם אנטלאפענעם רעוואלוציאנער אויסבאהאלטן ביז די סכנה איז פארביי. פארשטייט זיך אז אזא שריט איז געווען זייער מסוכנ'דיק. ווען די „אכראנע" וואלט געפאלן אויף די שפורן, וואלט עס „געשמעקט" מיט סיביר סיי פאר'ן אנטלאפענעם און סיי פאר'ן יידן... דער ייד, וואס איז געווען אזוי געוואגט, איז געווען אנ'ארעמער טאקער מיטן נאמען אליהו שמואל זאקהיים. די גאנצע געשיכטע וואלט געוויס געבליבן אומבאקאנט, ווען ניט די היסטארישע אנטוויקלונג. מען קען זיך פארשטעלן, ווי דער דאנקבארער מארשאל פילסודסקי, וועלכער האט ניט פארגעסן די געשיכטע, האט זיך באצויגן צו זיין רעטער, ווען ער איז עולה לגדולה געווארן. ער איז אים שטענדיק געווען דאנקבאר און האט אנגעהאלטן מיט אים א קאנטאקט. די טירן פון בעלוועדער אין ווארשע, דעם זיץ-פלאץ פון מארשאל, זיינען שטענדיק געווען אפן פאר אים. ער איז געווארן באריימט אין גאנץ פוילן אונטער דעם נאמען „דער באראנאוויטשער טאקער"*. ער האט געהאט א פרייען צוטריט צו די העכסטע אינסטאנצן אין לאנד. ער האט אויסגענוצט די גרויסע פראטעקציע און באקומען פון דער רעגירונג האנדלס-קאנצעסיעס פאר זיך

*) פרטים וועגן אים זיינען פאראן אין „ספר זכרון ברנוביץ'" (תל-אביב, תשי"ד) זייטן 424—425. רעד.

און זיינע זין. ער איז געווארן א גרויסער סוחר. ער האט אבער אינטערווענירט זייער אפט ביי דער מאכט פארן יידישן כלל און האט אויך געראטעוועט יידן פון בלבולים. רבנים און יידישע דעלעגאציעס פלעגן זיך ווענדן צו אים וועגן שתדלנות און ער פלעגט קיינמאל ניט אנטזאגן. אויך די מאכט האט אין אים געזען א מין פארטרעטער פון יידישן ישוב אין לאנד. אבער זיין מעמד ביי דער מאכט האט אים פארדרייט דעם קאפ; זייענדיק אליין אנ'עם־הארץ, האט ער זיך פאר דער מאכט פארגעשטעלט אלס רב, און ער האט ביסלאכווייז באקומען די אמביציע צו ווערן דער הויפט־פארטרעטער און הויפט־רעדנער פון פוילישן יידנטום. ער האט זיך אבער ניט אריינגעפאסט אין די ראמען פון די אמאליקע סאלידע, טאקטישע און ערפארענע שתדלנים, וואס זיינען געווען ביי יידן. און איצט לאמיר איבערגיין צום אינצידענט, וואס האט פאסירט אין סלאנים מיט אים און וועלכער כאראקטעריזירט אים אלס משונה'דיקן שתדלן פון זיין צייט.

אין די יארן 1921—1922 זיינען אנטי־יידישע אומרוהען, עקסצעסן, שניידן בערד און דאס גלייכן געווען אפטע דערשיינונגען אין פוילן. ס'איז געווען אפילו א סכנה צו פארן מיטן באן, ווייל כוליגאנעס פלעגן ארויס־שלעפן יידן פון די באנען און איזדעקעווען זיך איבער זיי. אויסגעצייכנט האבן זיך מיט דעם די אזויגערופענע „האלערטשיקעס", פוילישע זעלנער. ווייזט אויס אז פילסודסקי האט ניט געהאט קיין שליטה אויף דער דאמאלסטיקער ענדעקיש־אנטיסעמיטישער רעגירונג. א ספעציעל־מסוכנ'דיקער ארט איז געווען די באן־סטאנציע מאַלקין, אויף דער באן־ליניע ביאליסטאק—ווארשע, (אגב, ניט ווייט פון דער סטאנציע געפינט זיך דער נאכהער טרויעריק בארימט געווארענער דארף טרעבלינקע). אין די גאנצע מזרח־קרעסן פון פוילן (ווייס—רוסישע געביטן) איז די אטמאספערע געווען אנ'אנגעשטריינגטע און ניט־זיכערע צוליב דעם אנטיסעמיטישן כוליגאניזם. סלאנים איז דאן געווען אין דער הינזיכט אנ'אויסנאם, און דאס ביט־קר־קנדיק אויף דעם, וואס אין שטאט האבן אלס גארניזאן סטאציאנירט צוויי פאלקן. די רוהיקייט און זיכערקייט אין שטאט האט די יידישע באפעלקערונג געהאט צו פארדאנקען דעם הויפט־גענעראל פון גארניזאן, וועלכער איז געווען זייער קארעקט און אנשטענדיק און האט געשיצט די שטאט פון כוליגאנישע אקטן.

ווען דער גענעראל האט געדארפט פארלאזן סלאנים, האבן די קהילה־פארשטייער, אלס אויסדרוק פון דאנקבארקייט, איינגעארדנט פאר אים און זיין שטאב א פייערלעכע געזעגענונג אין דער גרויסער שול. צו דער פייערליכקייט איז די שול געווען געפאקט מיט מענטשן. דער וועד־הקהל האט באשטימט באצייטנס ווער עס זאל ארויסטרעטן מיט רעדעס. מען האט אויסגעשטעלט צווישן בימה און ארון־קודש שטולן, אויף וועלכע עס האבן זיך אויסגעזעצט דער גענעראל מיט זיינע אפיצערן, מיטן פנים געווענדעט צום ארון־קודש, וועלכער האט געדינט ווי אנ'עסטראדע פאר די רעדנער.

ווי נאר דער ערשטער רעדנער האט פארענדיקט (לייַדער געדיינק איך ניט ווער ס'איז געווען), איז ווי פון דער ערד ארויסגעשפרונגען, איינגעוויקלט אין א טלית, דער „באַראנאוויטשער טאַקער", וועלכער האט זיך דאן געפונען אין סלאנים. (און אפשר איז ער געקומען ספעציעל אין שטאט, דערוויסנדיק זיך וועגן דער פייערליכקייט וואס דארף פארקומען, — דאס איז גאנץ מעגלעך). ער האט זיך ארויפגעכאפט צום ארון־קודש און האט אין א צובראכענעם פויליש אנגעהייבן אנ'עם־הארצישע רעדע, אין וועלכער עס האט זיך ניט געקלעפט א ווארט צו א ווארט. איך געדיינק גוט, צווישן אנדערן, זיין פאלגנדע פראזע: „פילסודסקי איז גאלד, די מיניסטארן זיינען גאלד און די גענערעלער זיינען גאלד... אז איינער האט פארלארן א גאלדענעם זייגערל און אים צוריק אפגעפונען, ווייסט ער שוין וואס גאלד איז"... — און אזוי ווייטער, און דאס אלץ מיט א ניגון פון א בלאט־גמרא.

פון אזא לשון איז דער סלאנימער עולם געווארן, ווי געפלעפט. עמיצער האט א געשריי געטאן: „אן א ניגון!" — א צווייטער האט אויסגערופן: „אראפ, ס'איז א חרפה!" —

דער טאקער האט זיך אבער ניט אפגעשראקן און אריבער־גייענדיק אויף יידיש, האט ער מיט'ן זעלבן ניגון אויסגעזונגען: „דוד המלך האט געזאגט מיט א ניגון און איך זאג מיט א ניגון, און אויב אייך געפעלט ניט, איז ווי איר ווילט זיך, און פון ארון־קודש וועט איר מיר ניט אראפוואַרפן, און די געלט פאר מיין דרשה וועט איר מיר ניט באצאָלן." — און צוריק זיך אומקערנדיק צו זיין צובראכענעם פויליש, האט ער זיך געווענדעט צום גענעראל, אז ער וועט מאכן א „מי שברך", אז פילסודסקי זאל געזונט זיין, די מיניסטארן זאלן געזונט זיין און די גענערעלער זאלן געזונט זיין... ער האט קיינעם ניט דערלאזן צום ווארט. דער עולם איז געווען ווי פאראליזירט פון חרפה.

איך געדיינק, אז נעבן מיר איז דאן געשטאנען דער אדוואקאט ווייס, וועלכער איז נאך דאן געווען א פוילישער אפיצער און נאך ניט קיין סלאנימער תושב. ער האט שארף רעאגירט, זאגנדיק צו די נעבן אים שטייענדיקע מענטשן, אז דער פארשוין האט געמאכט צו שפאט די סלאנימער קהלה. נאך דער צו חוזק־געמאכטער פייערונג איז דער עולם זיך צוגאנגען מיט פארדרוס פון דער גרויסער שול.

זיין אמביציע צו ווערן אנ'אנערקענטער פירער פון פוילישן יידנטום איז דערגאנגען נאכהער אזוי ווייט, אז ער האט אין 1928, בעת די וואלן צום סיים, ארויסגעשטעלט אנ'אייגענע ליסטע מיט זיין קאנדידאטור בראש. נאר ער האט קוים אויפגעקליבן א פאר הונדערט שטימען אין גאנצן לאנד.

ער איז געשטארבן אין בארנאוויטש אין 1933.

ראזע לוסקי (ניו־יארק)

# מיין זיידע איז געשטארבן טאנצנדיק...

מיין זיידע, מיין פאטערס פאטער ר׳ אברהם־מיכל לוסקי איז, צוליב זיין הויכן וווקס, געווען באקאנט אין שטאט מיט׳ן צונאמען: „דער הויכער קרעמער״. ווי אלע עלטערע יידן אין זיין צייט, האט ער געהאט א שיינע לאנגע בארד. נאר איבערהויפט האבן ארויסגעלויכטן פון זיין פנים די שטענדיק שמייכלענדע אויגן. ער איז געווען א יודע־נגן און האט געהאט אסך ניגונים. ער איז געווען א גוטער בעל־תפלה, און אין בית־המדרש ווו ער האט געדאווענט פלעגט ער אפט שטיין ביים עמוד. שבתים און ימים־טובים פלעגט ער זיך צוזינגען ביים טיש. אגב, זיין זינגען און זיין קענטשאפט אין די סקארבאווע ניגונים זיינען אריבער בירושה צו מיין פאטער און צו זיינע איבעריקע קינדער.

אט אזוי געדיינק איך מיין זיידן פון מיינע קינדערשע יארן. נאר ס׳איז נישט געווען מיר בעשערט צו קענען אים ליינגער. וויס איך דעריבער וויניקער וועגן זיין לעבן, נאר איך קען דערציילן מיט אלע פיטשעווקעס וועגן זיין טויט, ביי וועלכן איך בין בייגעווען. ווייזט־אויס, אז אים, דעם שמייכלענדן און זינגענדן מענטש, האט טאקע געפאסט אוועקגיין פון דער וועלט אין א פריילאכער שטימונג: מיין זיידע איז געשטארבן טאנצנדיק...

דער זיידע מיט דער באבען האבן געווינט אויף פאנעסווע, און מיינע עלטערן — אויף זאמאשטשע, ניט ווייט פון וואקזאל. פארשטייט זיך אז צוליב אזא מרחק פלעגן דער זיידע מיט דער באבען נישט זיין זייער אפטע געסט ביי אונדז. נאר אין א יום־טוב פלעגט זיך די משפחה צונויפזאמלען ארום דעם זיידן מיט דער באבען, — אמאל ביי זיי און אמאל ביי איינעם פון זייערע קינדער: אין סלאנים האבן געווינט אויך מיינע 2 פעטערס, ברידער פון מיין פאטער, מיט זייערע משפחות (די אנדערע קינדער פון מיין זיידן־באבען האבן שוין געהאט עמיגרירט, איינער אין ענגלאנד, א צווייטער אין אמעריקע און א דריטער אין קובע).

דער עפיזאד פון מיין זיידנס טויט טאנצנדיק האט פאסירט אין 1924, ווען כ׳בין געווען א 9־יאריקע מיידעלע; און זיין מיט־טענצער איז געווען זיין אייניקל, — טאקע איך אליין...

ס׳איז געווען שביעי של פסח. צו דער יום־טוב׳דיקער שטימונג איז צוגעקומען א שמחה אין דער משפחה: מיין מאמעס שוועסטער ברכה יעלעצקי האט געשריבן תנאים מיט איר אויסדערוויילטן (א זעלווער בחור משה ראטנער). איז געווען א שמחה אין שטוב. לכבוד יום־טוב און לכבוד דעם פארלאבטן פאר־פאלק האבן מיינע עלטערן איינגעארדנט שביעי של פסח א יום־טוב׳דיקע סעודה, צו וועלכער ס׳זיינען געקומען זיידע־באבע, מיינע צוויי פעטערס מיט זייערע פאמיליעס און נאך אייניקע קרובים.

איצט, 53 יאר נאך דעם, זע איך נאך דעם געגרייטן יום־טוב׳דיקן טיש, די פריילאכע פנים׳ער פון די מסובים, און איבערהויפט קלינגען נאך אין מיינע אויערן די ניגונים. דער זיידע האט געגעבן דעם טאן: מיין טאטע, די פעטערס און אויך אלע מסובים האבן מיטגעזונגען. מען האט געזונגען כל׳ערליי ניגונים: ניגונים פון דאוונען, חסידישע און סתם יידישע זמירות מיט און אן ווערטער. נאך דער סעודה איז מען נאך לאנג געזעסן, מען האט פארבראכט, מען האט דערציילט מעשיות. ס׳איז געווען פריילאך, גוט אויפ׳ן הארצן. ס׳איז דער ליבער יום־טוב פסח, ס׳איז דא א חתן־כלה, ס׳איז א שמחה ביי יידן...

אייניקע שעה זיינען פאריבער, און ס׳איז צוגעפאלן די שקיעה. די געסט האבן אנגעהייבן זיך פאנאנדערגיין, יעדער איינער אין זיין ריכטונג. אויך דער זיידע מיט דער באבען זיינען אוועק צו זיך אהיים אויף פאנעסווע. מען האט זיך טאקע ניט געוואלט שיידן. ס׳האט זיך אזוי געוואלט פארליינגערן די שעה׳ן פון דער משפחה־טרעפונג, אבער דער זיידע האט ניט געוואלט פארשפעטיקן צו מעריב אין שול אריין און די באבע האט נאך געדארפט קאכן אויף מארגן צו אחרון של פסח.

נאכדעם ווי אלע זיינען אוועק און אין שטוב איז געווארן פוסט, איז מיר געווארן אזוי אומעטיק אויפ׳ן הארצן. ס׳האט זיך מיר אזוי פארביינקט נאך דער פריילאכקייט, נאך דעם זיידנס און באבעס הארציקייט, נאכ׳ן זיידנס ניגונים. ווייזט אויס אז צו 9 יאר האב איך שוין געקענט אננעמען פעסטע באשלוסן. דער זיידע מיט דער באבען זיינען אוועק, — האב איך באשלאסן גיין צו זיי. אומר ועושה. איך געדיינק שוין ניט, ווי אזוי מיינע עלטערן האבן געקוקט אויף דעם. ווייזט אויס, אז זיי האבן זיך ניט אנטקעגנגעשטעלט.

הענדום־פענדום האב איך דורכגעמאכט דעם וועג פון זאמאשטשע ביז פאנעסווע. אז איך בין אריין צו זיי אין שטוב, האט די באבע זיך שוין געפארעט אין קיך און דער זיידע איז געלעגן אויף דער „סאפקע״ און זיך אפגערוט נאכן לאנגן וועג פארן גיין אין שול אריין.

אז דער זיידע האט דערהערט מיין שטימע, האט ער זיך אויפגעהויבן און מיט זיין ליבן שמייכל האט ער אנגענומען מיינע דאן קינדערשע הענטעלאך און געזאגט:

— „קום, רייזעלע, טאנצן מיט דיין אלטן זיידן״. —

און ער האט זיך געגומען, זינגענדיק, דרייהען מיט מיר אין א ראד. לאנג האט ער זיך מיט מיר ניט געדרייט...

פלוצלינג האב איך דערפילט, ווי ער לאזט־אפ מיינע הענטעלאך און — ער לאזט זיך ביסלעכווייז ארונטער אויף דער ערד.

איצט איז אלץ געלאפן שנעל און אזוי איז דאס פאר־בליבן אין מיין זכרון. די באבע איז ארייגלאפן פון קיך. — „ער האט גע׳חלשט! וואסער! וואסער!" — הער איך נאך איצט ווי די באבע שרייט. זי רופט נאך הילף. ס׳לויפן אריין שכנים. איך שטיי אין ווינקל א צושראקענע און קוק וואס עס פאסירט.

ניין, דער זיידע האט ניט גע׳חלש׳ט. ער איז שון געווען טויט. ס׳איז געווען זיין לעצטער טאנץ, זיין לעצטער ניגון, זיין לעצטער „דרייהען זיך"...

...געשרייען, א טומל, געוויינען. אסך מענטשן. איך זע די שכנים, דעם טאטן, די פעטערס, די מומעס, אומבאקאנטע מענטשן — זיי זיינען געקומען אלע צולויפן מיט צושראקע־נע פנים׳ער.

אט אזוי האט דער זיידע זיך געשיידט פון דער וועלט, פון זיינע קינדער, פון זיינע אייניקלאך, — אין א יום־טוב׳דיקן פארנאכט, נאך א יום־טוב׳דיקער רוממות־נפש׳־דיקער, אגיל־ואשמח׳דיקער סעודה, אין סאמע מיטן טאנץ מיט זיין אייניקל.

דער פארנאכט פון שביעי של פסח תרפ״ד שטייט נאך פאר מיינע אויגן. איך הער נאך דעם זיידן זינגען. אגב, ביי יעדער געלעגנהייט, א שבת, א יום־טוב, — זינגען מיר, זיינע לעבנגעבליבענע קינדער, אייניקלאך און אוראייניק־לאך, „דעם זיידנ׳ס ניגון", איינעם פון זיינע פילע ניגונים, וואס מיר גדיינקען אזוי גוט.

און אפטמאל טראכט איך איצט, וואס פאר א גרויסע זכייה עס האבן געהאט מיינע זיידע און באבע: זיי האבן זוכה געווען צו שטארבן אויף דער עלטער מיט א נאטיר־לעכן, מענטשליכן טויט. (די באבע איז פאר דער מלחמה עולה געווען אין ארץ־ישראל און דארט געשטארבן).

מיינע עלטערן האבן דאס ניט זוכה געווען: זייערע ביינער זיינען אין טשעפעלעווע אדער פעטראלעוויטש...

---

קלמן ליכטענשטיין

# צוויי גאסן—געשטאלטן פון לעצטן דור

## (פון מיין סלאנימער אלבאם)

### במקום א הקדמה

דור, דור ודורשיו... יעדער דור און זיינע באזונדערע גאסן־טיפן. סלאנים האט צו זיי געהאט מזל. ס׳האט נאך נישט באוויזן צו פארשווינדן איין דור, ווי פון די טיפענישן פון געטא האט שוין „ארויסגעשיינט" דער צווייטער. די „גלאנץ־רשימה" פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע עס האבן פארשיינט אזוינע „העלדן" ווי „וועלוועלע מיט די רונגען", „נפתלי דער מארק־טרעגער", „בערעלע מגיד", „משה־ארקע", „דער העלד פון נעווסקי" און אנדערע — איז פארשווונדן אין געוויש פון די שווערע מלחמה־יארן. אט די, אין זייערע „שטיק", אזוי יידישלעכע טיפן, וועלכע האבן זיך אזוי רוהיק אויסגעלעבט במשך פון יארן־לאנג אין די שטילע געטא־געסלאך, וועמענס קינדער זיי זיינען גע־ווען, האבן נישט געקענט איבערטראגן די ווילדע צופלוסן און די שווערע באדינגונגען פון די מלחמה און אקופאציע־יארן. געבליבן זיינען פון זיי נאר דערציילונגען, ראמאנ־טישע, ווי ראמאנטיש ס׳איז אלץ וואס ס׳פארשווינדט, און וועמען, איידער זיי וועלן פולשטענדיק פארווישט ווערן, — ווידמעט דער „פנקס סלאנים" לזכרון עולם אייניקע בלעט־לעך אין איצטיקן באנד.

נאר אט: „נייע צייטן — נייע פויגלען", צוגעפאסט צו די מאדערניזירטע שטימונגען. עכטע קינדער פון פאלק, אויסגעוואקסן אין אנ׳אונמיטלבארן קאנטאקט מיט דער גאס, האבן זיי אויפגעהיט דעם יידישן שטעמפל.

פיל, פיל שטריכן פון אט די געשטעמפלטע „העלדן", פון די געקרוינטע גאסן־טיפן זיינען נישט נאר זייערע פערזענלעכע, אינדיווידועלע — זיי זיינען אויך דער רשות הרבים פון דער פאלקס נשמה.

און דעריבער דארף מען אין זיי זוכן נישט נאר דאס נישט־צוגענגלעכע און נישט נארמאלע. מ׳דארף באאבאכטן אין זיי אויך דאס ריין־מענטשלעכע און דאס עכט־יידישלע־

כע. מען דארף זיי באטראכטן ווי דער ערשטער בעסטער פסיכיאטער, וועלכער שיילט ארויס פון אונטער די פארהאר־טעוועטע שיכטן פון די „משוגענע שטיק" — דאס דעליקאטע געוועב פון „מענטשן־קינד".

אגב, צו זיינען זיי טאקע שטענדיק אומנארמאל? גיכער נישט. און כאטש די העסלעכקייט פון די „משוגענע" מא־מענטן האלט זיי ווי אין צוואנגען — דאך האט יעדערער פון זיי זיין געביט, אין וועלכן ס'אנטפלעקן זיך די עכטע און נאטירלעכע מענטשלעכע פונקען אין וועלכע ער לעבט זיך אויס געטריי צו זיך אליין.

אין די ענדע צוואנציקער און אנהייב דרייסיקער יארן, האט סלאנים געהאט אייניקע אזעלכע געשטאלטן, היימישע, נאענטע, אויפגעוואקסן אין שטאט אדער אין דער נאענטער אומגעגנט, וועמענס היים ס'איז געווען די סלאנימער גאס און געסל... צווישן זיי האבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אריגינעלקייט צווי נעמען, וועלכע איך טראג אריין אין דער טיפן־גאלעריע פון מיין „סלאנימער אלבאם".

## משה׳קע קיילער

משהקע קיילער איז ווי ישמעאל; ידו בכל, ויד כל בו. ער איז דאס קינד פון ברוק, דער שטענדיקער עדות פון אלע גאסן־סצענעס און איבער הויפט פון „געווסק".

אין קעגנזאץ צו די פארשוואונדענע „העלדן" פון פאר דער מלחמה, איז ער מערער אויף „פאראדנע" ווי אין די הינטערגעסלאך. נאך נישט קיין גאנצלעך רייפער — האט ער נאך נישט באוויזן זיך פולשטענדיק אויסצופורעמען, נאר דאך איז ער שוין א „געשטאלט". זיין געלעכטער גיט אים דאס רעכט צו געהערן צו אט דער „קאטעגאריע". א ווילד־פארגרעבטער פנים, גראבע ליפן און כיטרע שמייכלענדיקע אויגן — מארשירט ער פעסט איבערן גאס מיטן פאק צייטונ־גען אונטערן ארעם (משהקע קיילער מאכט א לעבן פון צייט־טונגען), זיכער מיט זיין פאזיציע און „ראנג", יוגנטלעך און אפטימיסטיש. נאר אט באגעגנט ער א באקאנטן פנים (און ווער איז אים נישט באקאנט?) — און דאן צעשפרייט זיך איבער זיין קרומלעכן געזיכט א ברייט־בייניקער און פולער געלעכטער, דער געלעכטער וועלכער „גיט אים ארויס".

אידיאטיזם? — לאוו דווקא, פארקערט, א כיטרער פונק צעגליט זיך דאן אין די שווארצאפלען פון זיינע אויגן. און א ספעציעלן פארגעניגן האט ער דאן צו שענקען זיין באר־קאנטן א פעסטן קניפ אין פנים, וואס איז א סימן פון ספע־ציעלער אויפמערקזאמקייט. דער קניפ, זיין ווילדער געלעכ־טער, בילדן א פולשטענדיקן אויסדרוק פון זיין „נשמה־צושטאנד", פון זיין געהויבענער שטימונג.

אגב, איז דאס קניפן — כמעט די אייניציקע „האנט־ארבעט" פון זיינע „שטיק".

טראץ דעם וואס ער לאזט נישט דורך קיין מענטש אין גאס — איז משהקע קיילער א שטילער און מער ווי שטילער: ער איז א „גוטער־ברודער". ער טשעפעט זיך און דאך לעבט ער מיט אלעמען גוט. זיין שמייכל איז אזוי כיטרע און גלייכצייטיק אזוי גוטמוטיק.

עס קעגען אים גוט קרעמערס און סוחרים, וועמען ער דינט אפט צו מיט טראגן א פעקל. משהקה איז א „פראלע־טאריער" און הארעוועט שווער אויף זיין שטיקל ברויט.

הכנעהדיק, ווי פארשטייענדיק זיין פליכט, טראגט ער צו די פעקלעך. ער גייט צו יעדן אנקומענדיקן באן, כדי צו כאפן א פארדינסטל.

משהקע קיילער איז אבער אויך א פסיכאלאג און קען יעדערנס שוואכקייט. מיט די בחורים איז ער לייכטזיניק און דערלויבט זיך א גוטברודערישן קלאפ אין פלייצע אדער א קניפ; מיט עלטערע איז ער ערנסט און האלט זיך אויף א דיסטאנץ, בעטלענדיק ביי זיי חנוכה־געלט, פורים־געלט און פסח־געלט.

נאר איבערהויפט אימפאנירט אים די מיידלעך־געזעל־שאפט, ביי וועלכע ער איז אגב זייער פאפולער. ער קען אלע מיידלעך וועלכע גייען הין און צוריק אויף געווסק; ער שענקט דער א לאך, דער צווייטער א שטיף, דער דריטער א קניפ. אפטמאל פארכאפט ער ביי זיי א משכון און לאזט זיך דאן לויפן מיטן גאס אונטערהאנדלען מיט די עלעגאנטע פריילינס וועגן אויסקויפן ביי אים פאר א געוויסן פרייז דעם משכון. משהקע קיילער קען אבער אויך זיין גוטוויליק צו שוואכערע און קלענערע פון אים. ער אינטערווענירט אין גאסן־געשלעגן, רוקט זיך אריין אין א געזעמל מיט זיין ברייטן געלעכטער — פילנדיק זיך אין גאסן־געטומל ווי ביי זיך אין דער היים.

פאר די אפגעריסענע „אויטאבוס־יינגלעך", וועלכע שטייען שטענדיק ביי די אנקומענדיקע אויטאבוסן (אין יענע יארן האבן שוין אויטאבוסן פארבונדן סלאנים מיט די נאענ־טע שטעטלעך), איז משהקע קיילער אויך א פראטעקטאר און עלטערער „ראטגעבער"; ער נעמט זיי אונטער זיינע פליגלען, רעדט מיט זיי ארום, אויף זיין שטייגער, די אקטוע־לע ענינים פון גאס און פארענדיקט דעם געשפרעך מיט א שטופ און א שטויס — פון ליבשאפט וועגן.

אזוי שווימט ארום זיין געשטאלט איבער די שטאטישע גאסן, מיט א האלב כיטרען, האלב אידיאטישן שמייכל אויף זיין פארקרימטן פנים. עס קומט אויס, אזוי ווי אנ׳אינערלעכע פארטומלונג אדער ליידנשאפט רופט ביי אים ארויס דעם ברייטן געלעכטער, אין וועלכן עס צעשווימען זיך זיינע אויגן, און אזא פארטומלונג קומט איבערהויפט דורך א באגעגעניש, ווען דער „יצר" רחמנה ליצלן, — צו א קניפ איז גרויס און מען קען אים נישט ביישטיין...

און אויב ס'איז פאראן אין אים עטוואס, וואס געהערט נישט נאר צו זיין „אינדיווידואליטעט" נאר צו דער גאס, צו דער יידישער גאס ווו ער איז אויסגעוואקסן — איז דאס די גוט־ברודערישקייט, די צוטריטלעכקייט, דאס קענען אלעמען אויסגעבונדן און זיין מיט אלעמען „נאשבראט". ס'איז די ווירקונג פון דער גאס, פון דער פאלקס־הייזקע, ווו אלץ איז היימיש און חבריש, ווו ס'הערשט א שטילער בונד צווישן אלע פאלקשיכטן: אנהייבנדיק פון פשוטן ייד וועלכער הערט זיך צו אין בית המדרש בין מנחה למעריב צו א שיעור „עין יעקב" און ענדיקנדיק מיטן פארווארלאזטן גאסן־יונג... ס'איז דאס יידישלעכע, דאס היימישע וואס געהערט צו אונדז אלעמען...

משהקע קיילער האט אבער זיינע עכט מענטשלעכע מאמענטן. ער איז דאך מער נישט ווי א מענטש און עס זיינען פאראן רעפלעקסן, געפילן, שטימונגען... די געפילן — ווער קען זיי איינצוימען? — עס ווענדט זיך בלויז ווי מען דריקט זיי אויס... משהקע קיילער האט זיין אייגענעם אופן ווי זיי אויסצודריקן.

צו געדענקט איר דעם דארפס־יונג ביי שלום אש, וועלכער האט יום־כיפור אין שול אוועקגעשיקט זיין תפילה צום רבונו של עולם דורך א פייף? — משהקע קיילער, נישט זייענדיק קיין דארפס־יונג, גלייבט אויך פיל אין כוח פון פייפן. ווען ער לאכט ווילד און ווען ער קנייפט — איז דאס פאר יענעם, נאר ווען ער פייפט, איז דאס פאר זיך. דאן איבערלעבט ער, דאן רוישן די געפילן.

זיין פייף דערקענט מען פאר א מייל: ס'איז א ווילדער, א פרייער, צעוישעטער פייף. וואס ער פייפט איז נישט וויכטיק. זייענדיק באשאנקען מיט א מוזיקאלישן חוש — פייפט ער אויס אין זעלביקן אטעם: „כל־נדרי" און „זלאטא פאנטרא".

ער זעטיקט אן זיין געהער, איינער פון די ערשטע, מיט די נייסטע שלאגערן.

דער מוזיקאלישער ריטעם פון זיין פייפן איז דערביי נישט וויכטיק, עס פייפט־ארויס א פרייע און פריילעכע נשמה. און ווער ווייסט? אפשר דריקט עפעס אויפן הארץ, עפעס שווערעס, עטוואס אזוינס, פון וואס ס'ווילט זיך אי לאכן, אי וויינען? ווער קען אריינדרינגען אין די תהומות פון דער נשמה? — דאן פייפט זיך פון זיך אליין, פריי און פויגלדיק, און ס'שפרייט זיך אויס ברייט און אפן אויף די צעמענטענע טראטוארן.

אנדערע אינטימע געפילן באהערשן אים צו הזכרת־נשמות, ווען ער שטעלט אין בית־המדרש א ליכטל פאר דער נשמה פון זיין פאטער. עפעס א כוח טרייבט אים דאן אין בית־המדרש אריין. ער זעצט זיך ביי די הינטערטישן מיטן שמש און פשוטע עמך־יידן. חברה קונדסים פרווון זיך טשעפען צו אים, דאן גיט ער א שארפן ברום פון אונטער די גראבע ליפן. די ליכט צאנקען און משהקע קוקט שטום און פארטעמפט אין אפענעם מחזור אריין.

נאר צום נאטירלעכסטן און צום געטרייסטן צו זיך אליין איז ער אין די פרימארגן־שעה'ען, ווען ער גייט צום באן, וועלכער קומט־אן פון ביאליסטאק 8 א זייגער אין דער פרי.

משהקע קיילער טוט זיין ארבעט, ער גייט אפנעמען צייטונגען. אין די גאסן איז שטיל, שטאט שלאפט נאך. דאן גייט זיך אזוי לייכט, אזוי פריש, און די נשמה זינגט אין אזא שטילקייט; אין א זוניקן זומער־פרימארגן זינגט זיך יעדערן און בפרט אזא פרייען מענטש ווי אונדזער העלד. עס טראגט זיך דאן דער אפקלאנג פון א שטארקן און פעסטן טראט איבער די בריקן און באלד נאך דעם א צעפארענער, א ברייט־ווינטיקער פייף...

פון זאמאשטשער הייזער ציט זיך דער פרימארגן־רויך, דער בלויער הימל שפרייט זיך ברייט פונאנדער ביז איבער די אלבערטינער וועלדער.

און משהקע קיילער גייט צו דער ארבעט, שפרייזט ווי א סאלדאט און פייפט־ארויס פון זיך א לוסטיקן הפקר־פייף, א מין אייגנארטיקן עבודת הבורא, א מין לויב און דאנקגעזאנג צו דער בריאה, פאר וואס ער איז יונג, לוסטיק, מונטער און וואס עס פייפט זיך...

## צאליע פאצאווסקי — משיח זשידאווסקי

אייגנטלעך האט ער געהערט צום גאנצן סלאנימער אומגעגנט און איז געווען א פראדוקט פון אנ'אייגנטימלעכן רעגיאנעל־לאקאלן געוועב, וואס האט זיך אריינגעפלאכטן אין דער „יידישקייט" פון גאנצן סלאנימער געביט.

געשטאמט האט ער, ווי מען האט דערציילט — פון קאזלווישטשינע, אבער ער פלעגט ארויפשווימען פון צייט צו צייט דא אין זשעטל, דא אין דערעטשין אדער האלינקע, נאר מערסטנטייל האט ער „גאסטראלירט" אין סלאנים...

אפשר איז ער געווען א מאדערנער גילגול פון די בעלי־מופתים און „גוטע יידן" מיט וועלכע דאס אלט־יידישע סלאנים און אומגעגנט זיינען געווען געבענטשט מיט א פאר דורות צוריק — ווי דער אזערניצער בעל־מופת, אדער דער בייקייער בחור"? אפשר האט דער נייער דור נאך די אלע מלחמה־נסיונות זיך שוין נישט געקענט באנוגענען מיט סתם א ברכה פון א „גוטן יידן", נאר האט זיך געגייטיקט דווקא אין א גאולה, אדער א בשורה וואס קומט נישט ווייניקער ווי פון א משיח?

אויב מען וויל, קען מען באהויפטן, אז ער — דער „משיח" איז דווקא געווען „אין ארדענונג". שטעלט אייך פאר: ער שטייט אויפן מארק אין סלאנים, אין סאמע מארקטאג, ווען דער פלאץ איז באליגט מיט וועגענער, פויערים, מארקהענדלערס, און ארום אים איז א געזעמל פון יידן, יידענעס, חדר־יינגלעך וואס הערן זיך מכלומרשט טשעקאווע צו זיין פליסנדיקן לשון. וועגן וואס פריידיקט ער מיט אנ'אומגעהייערן אימפעט און פלאם? — אמאל, נישט לאנג צוריק, אין פינפטן יאר און אויך אין ניינצנטן יאר ביים אריינגיין פון די באלשעוויקעס אין שטאט — האבן אויפן מארק אפגעקלונגען אזוינע רייד; ער פריידיקט וועגן א געזעלשאפט פון יושר און צדק, וועגן „קבצנים און בורזשויען" און אפילו וועגן זעלבסטבאשטימונג־רעכט פון פעלקער...

אזוי רעדט א משוגענער? צו האט מען נישט אין יענע יארן — אין פעלקער־בונד אין זשענעווע, געהערט די זעלביקע באמבאסטישע פראזעס וועגן פעלקער־רעכט? צו האט נישט פון קרעמל ארויסגעשאלט איבער דער גאנצער וועלט די בשורה וועגן א וועלט פון יושר און צדק?

כדי זיין „אודיטאריע" זאל זיך אריענטירן אין די מקורות פון זיינע מענטשהייט־רעטנדיקע לאזונגען, ענדיקט שטענדיק אונדזער „משיח" זיינע מוסר־דרשות מיט דער פאטעטישער דערקלערונג: „אזוי זאג איך: יא צאליע פאצאווסקי, משיח זשידאווסקי".

דאס דערמאנט א ביסל דעם בארימטן זאץ פון ניטשען: „אזוי האט געזאגט זאראטוסטרא". און פאר וואס שטעלט ער זיך פאר דווקא אין פויליש? — דאס איז ווייזט־אויס

א מין אויפמערקזאמקייט־זשעסט אויפן אדרעס פון די פויערים אויפן מארק, וועלכען שטייען אויך צו צום רעדל און הערן זיך צו — הגם זיי פארשטייען נישט קיין ווארט. זיי קענען אים אבער גוט, אלע גויים פון די דערפער לענג־אויס די טראקטן צו דערעטשין, זשעטל און קאסאווע, ווו ער קומט גאנץ אפט. זיי ווייסן, אז מיר יידן פון סלאנימער פאוויאט, האבן אנ'אייגענעם משיח: „צאליע פאצאווסקי", משיח זשי־דאווסקי". אגב, משיחים זיינען דאן געווען אין דער מאדע: גאנץ אייראפע האט זיך געקוויקט מיט א נייעם משיח — מיטן אינדישן קרישנאמורטי, — איז פאר וואס טאקע נישט אנ'אייגענער, היימישער משיח?

אונדזער משיח דערשיינט א געוויסע צייט — א מאל אויפן מארק, א מאל אויפן שולהויף, נאכהער פארשווינדט ער און נאך א פאר מאנאטן שווימט ער ארויס ווידער אויפן סלאנימער האריזאנט. סך־הכל איז ער רוהיק, געדולדיק, טשעפעט נישט קיין פליג, נאר האלט אין איין פריידיקן.

ביז, — ביז ער האט זיך ארומגעזען, אז די מענטשהייט איז נאך נישט גענוג רייף כדי זיינע ווערטער זאלן אויף זיי ווירקן. די מענטשן מוזן האבן א קנוט, א קאנטשיק — הכלל, משיח האט אנגעהויבן שלאגן די מענטשהייט, און צום ערשטן — די שויבן פון סלאנימער הייזער... אין יענעם טאג האבן די פענצטער אויף פאנעסווע, קעגנאיבער דעם קלויסטער, אויסגעזען ווי, כ'בעט אייך איבער — אין פשיטעק נאך די אנטי־יידישע עקסצעסן...

נאר די מענטשהייט איז געגליכן צו יענעם קינד, וואס לאזט זיך נישט היילן און וויל נישט נעמען קיין „ריצנאייל"... אנשטאט זיך צו לאזן היילן, האט די מענטשהייט, כ'מיין די סלאנימער פאליציי, געשיקט משיחן בינו־לבינו אין חד־גדיא ארייַן...

פון דעמאלט אן האט מען אים אין סלאנים שוין מער נישט געזען.

מען האט דערציילט, אז צום זיכערסטן האט ער זיך דעמאלט געפילט אין זיין היימישער קאזלוישטשינע, ווו ער האט אומגעשטערט ממשיך געווען זיינע משיחישע אראטא־ריעס, וועלכע ער פלעגט פארענדיקן מיטן אימפאבירנדיקן שלוס־אקארד:

„אזוי זאג איך: יא צאליע פאצאווסקי, משיח זשידאוו־סקי".

---

דוד כנעני (הנדלסמן)

# יום של קיבוץ ההכשרה בסלונים

פעם איוו להם למושב בסלונים רבנים, גאונים, "מאורי הגולה" "הפטישים הגדולים". קול תורה נישא מבתי ישיבות, פלפול חריף של "עוקרי הרים" ו"סיניים", אברכי־משי שחו בים התלמוד. אך נשתנו העתים. קול חריקת המשורים בחצרות, המולת גרזינים המורמים בידים חזקות של בחורי ישראל. שריקת המנסריות "ל—ע—ב—ו—ד—ה!". וכוח, רצון אמיץ.

מהפכה: קיבוץ־הכשרה של "השומר הצעיר" מצא כאן אכסניה זמנית. לפני שנתיים דרכה כאן בפעם ראשונה רגל כובשי הקיבוץ. ימי רעב מאחוריהם. נדודים ברחבי ביצות פולסיה ווהליניה. אך עקשן הוא הצעיר בישראל. משהחליט לתקוע יתד בהווי פועלי, הייה בטוח שמדרכו זו לא ימוש. וזכתה סלונים להיות בין הראשונות — ראשית רשת הקיבוצים השומריים העירוניים המכסים את מדינת פולין, דף חדש ונהדר בתולדות התנועה. וכבר דור שני לקיבוציות ועבודה מתחנך בחומותיה לקראת היעוד.

הקיבוץ.

בית־עץ נמוך על שפת נהר־השצ'רה. ללמדך ששוטף הכל וחולף. היום בסלונים. מחר, — — — לקראת מחר זה מכוון כל רגע בקיבוץ, קרש קפיצה הוא לחדשים ושנים, לאלפי קילומטרים למזרח. 5 חדרים. חדרי שינה, בגדים, חדר אוכל, מטבח, ספריה בצלע קיר אחד, כנגדה כלי עבודה. כעין סמל. כלי נגינה. שולחן ארוך —

5 בבוקר. חורף. כפור בשמשות. זה לא כבר גמרו עבודת ליל. ובינתיים משוחחים. הטבח הספיק לשוב עם שק הלחם על שכמו ובשורה בפיו. חבריה, קר נורא! נר כהה וסדרני־העבודה נודדים לחדרי השינה האפלים. קול נשימה בריאה, חצאי־מלין מתוך שינה. נחים פועלים מעמל יום. בלוריות פרועות נעות הנה והנה לקראת ה"לקום! לקום!" עיניים חוטפות מבט מהיר — גנוב, אשמורות חיש נעצמות.

חבל על כל רגע. עוד דקה אחת, רק אחת...

אך המעורר לא ידע רחמים. העבודה דורשת את שלה. החבריה אוזרת כוח, במאמץ עקשני מתחמקים מתחת לשמיכות החמות, לוחמים עם שרידי שינה אחרונים. היום בקיבוץ התחיל.

מקדימים וסועדים בפת של שחרית. קהוה, פת קיבר שחורה. צלצול עליז של כפיות, לעיסת תיאבון של שיניים חזקות, קצב העבודה המחכה, הוספות טעימות. צללים ארוכים — זה רק האיר הבוקר.

בפינה — ויכוח חריף. שיחת מומחים שדנים בשאלות הגרזינים והמשורים, על יתרון עץ האורן על השיטה; מגלים בקיאות וחריפות בחידוד שיני המשור, חוד הגרזן, התאמת הפצירה. וה"תימנים" עומדים מן הצד, מקשיבים ביראת הכבוד לשיחת תלמידי־החכמים, ואינם מעיזים להתערב. מהדורה חדשה לחכמת ישראל. מגפים מזופתים, מקטורן קשור בחגורה, כפפות חמות — "באשטיוולט און באפעלצט" — יוצאת החבריה לעמל יום. מי למינסרה, מי לבית־חרושת. מי לחטיבת־עצים, ומי לטעינת קרונות, כי עשרות שנים היה נדחק הפועל היהודי לקרן זוית. עבודת־כפים — רק ענין ל"גויים" היתה. ברם, עקשן הוא החלוץ, עקשן!

ערימת קורות במגרש. עד ל־20 מטר ארכן. יש לעלות במגפיים החלקים על העצים הרטובים, לטפס משכבה לשכבה, לגזור ל־15, 10, 7 מטר ובמשא זה על השכם לרדת ולסדר לפי הסוגים. מבט ראשון: ברבר... בקלות הם עובדים, כמעט ברקידה עולים ויורדים, יורדים ועולים. שבע יפול ויקום חלוץ...

מינסרה. הומים הגאטרים (מכונות לגזירת עצים) הגדולים, הטורפים עצים בני מאות בשנים והופכים אותם לקרשים וקורות. חורקות שיניים, מסתובבים אופנים, ממהרות טרנס־מיסיות חשמל, אצות קרוניות טעונות קרשים ושבות עייפות לאט־לאט. הנסורת ממלאת חור וסדק. פועלים מכוסי זעה ומאובקים נעים כשדים זעירים בקצב, כאברי גוף ענקי.

זוג חלוצים עוסק בחצר יהודית בנסירת עצים וחטיבתם. המשור חודר עמוק־עמוק לקורה, לועס, טורף גוף חי. העץ בוכה בדמעות־שליש של נסורת. בחור, ספוג ורווי תורות, דיאגנוזות ופרוגנוזות, חוטב עצים. בעשר אצבעותיו משתכר כדי מנת יום, שווה־זכויות בציבור העובד. מהקליפה השחורה חומה מתבקע העץ הלבן, בולים ענקיים נהפכים לגזרים ובקעים. גדלה ערימת העצים.

הליל מתקרב. הצללים מתארכים, השמש שוקעת, חזרה לקיבוץ.

פושטים את בגדי העבודה. מסביב לשולחן — ארוחה משותפת. עולה שירה. חזקה, מעומקא דליבא.

נשמות טעונות מרץ, גופים מלאים רוח מחפשים ביטוי בשירה.

המלאכה מרובה, כיבוש עבודה — בעיר. מו"מ עם נותני עבודה, אסיפות פנימיות, פעולה תרבותית. הוועדות עובדות, ההווי הקיבוצי הולך ונוצר.

שעות חולפות. דממה מתפשטת בחדרים. מי שמתעמק בספר, ומי שמספר על דברים שעומדים ברומו של עולם, ויש שסתם נרדמים יגעים מעמל יום.

שעות חולפות ואתן היום, — יום של קיבוץ־הכשרה בסלונים.

(מ„ספר השומרים", אנתולוגיה, וורשה תרצ"ד, עמ': 281—283)

---

אליעזר שפירא

# טיול ביער החורפי עם צופי „השומר הצעיר" בסלונים

מי שהולך לקן „השומר" בסלונים — נראה לו היער מרחוק, מעבר לגגות הבתים, שדות וגנים. בחורף הגבעות עומדות עטופות ערפל כחלחל ושדרת היער מתבלטת מבין לערפל, כחומה שחורה הנושאת סוד עמוק. מלא סתרים אז היער ויש רצון ללכת ולראות מה מאחורי הגבעות, איזה סוד הוא מסתיר בתוכו...

בשבת אחרי הצהרים ערכנו, קבוצת חברים מהקן, טיול היערה. „הלביא" (כינוי למדריך הקבוצה) הודיע, כי אנו, בני „עדת היער" (כינוי הקבוצה) שחסינו בצילו בקיץ, זה זמן שנתרחקנו ממנו, ולכן חובה עלינו לבקר אותו גם בימי חרפו, ולא תינתק הברית בינינו ובינו...

מזג האויר היה צח ובריא. פתיתות שלג צחור ירדו על הארץ. אנו עוברים דרך רחובות, עולים על גשרים בשיר וצפצוף, — היערה, היערה... אחרי שעברנו כברת דרך נגלו לפנינו מרחוק, מעבר לשדות, גבעות היער, יעד טיולנו. עתה הן נראו לנו עוד יותר עטויות סודות כמוסים, רזין דרזין.

ההליכה בשדות נעשתה קשה. הלכנו בטור, איש בעורף רעהו. המשעול הלך הלוך וצר, עד שאבד לגמרי בשלג. טבענו עד הברכים בשלג. „הלביא" צווה ללכת בעקב הודי, ז. א. שכל אחד יציג כפות רגליו בעקבות ההולך לפניו. אנו, בני התת־קבוצה „גבורים", ההולכים ראשונה בטור, סללנו דרך, וכולם הלכו הלוך ודרוך בעקבותינו. היער קבל אותנו בנשמת אפו הקרה. רוח של רצינות ורוממות קודש נסכה עלינו שלווה. היער סגר עלינו סביב. עשרות לבבות דופקים בקצב אחד עם דופק היער הגדול ונושמים את נשמת אפו. ומרחוק, בשלל אורותיה נשקפת העיר. מה רחוקה היא עתה מאתנו עם שאונה והמונה! מה רב ההבדל בינה ובין המקום הזה!

הפקודה: „בעיגול הסתדרו" הפסיקה את מחשבותי. כולנו עומדים בעיגול, איש איש ניצב תחת עץ. אנו שומעים פרק בהלכות יער מפי „הלביא": — „חמודות היער בהדרו גלויות לכל אחד ואחד, לכל מי שעין לו לראות ולב להרגיש. היער טומן את סוד החיים. ביערות למדו האנשים הקדמונים

להכיר את החיים, לגלות סודותיהם. צופים, הדבקו ביער וגיליתם בתוככם את סוד החיים!" — וכאשר „הלביא" מסיים וקורא: „עדת־היער! שאו ברכה ליער, — חזק!" הרחק הרחק התגלגל הקול, והיער ענה לנו על ברכתנו בהד מתגלגל: „חזק ואמץ!" —

— „היער ביעור", — לחשנו זה לזה. הקול נדם, — בני „עדת־היער" רוקדים ריקוד לכבוד היער. הקולות והריקודים חדלו. דממה ואפלה. ומתוך הדממה עולה קול „הלביא":

— „אבל יער זה לא ידינו נטעוהו. הרואים אתם את הגבעות המיוערות האלה? על גבן רוחשים חיים רעננים, הארץ הזאת תתפאר בהם — אך בארצנו הרחוקה עשרות הרים וגבעות רמים ונשאים מאלה עודם עומדים במערומיהם קרחים וחשופים, — ואין מי שיכסה את ערוותם ויגל חרפה מעליהם. הרבה מהם כבר כוסו ביד דואגת ומסורה של החלוץ העברי, של אחיכם הבוגרים, אך אין בכוחם את המלאכה לגמור, כי זוהי עבודה לדורות. ועכשיו, — כל גבעה ערומה ביהודה וכל הר חשוף בגליל עומדים כמהים ומצפים לגואל, שיבוא ויתן להם תיקון. הנה בעמק־יזרעאל קם ישוב צעיר ונעשה „משמר" לעמק, ולא יכלו השומרים, מייסדי הישוב, לראות את ההר החשוף בשכנותם, כשהוא עומד במערומיו, בלי סמל זה של חיי נעורים, עלומי נצח. ואז החלה יד השומר בארץ לכסות את מערומי הר זה אשר קם להם לנחלה. על רכסיו חורשה תצמח, תשגשג. צופים, השמעתם? הר שומם בארץ יקום לתחיה והיה ליער מצל, כיער זה אשר מצאתם היום סתר בסבכיו. התעמדו מרחוק? אתם, הניצבים כיום בתוך שפעת עצי היער, האם נבצר מידכם להשיג שתילים בשביל יערנו החדש? יקח נא כל אחד ממקום זה שתיל וישאהו כסמל לחורשות שעוד נטע בארצנו. הבו שתילים ויהיו לנו לאות ברית בינינו ובין העצים שניטע, בבוא היום, בארצנו המתחדשת. ועתה, לאות ברית זו, שאו שלום ליער החדש, הרחוק־הקרוב! קשר חי קיים בין היערות בעולם. עץ לעץ קורא, יער ליער יביע אומר וברכתכם תימסר ותשרה על הגבעה הקרחה בארץ ההיא, בארץ משאת נפשנו, ותביא לה בשורה, כי ימי גאולתה קרובים, כי עיני כל הצופים העברים נשואות אליה לכסות את מערומיה, לשים פארה עליה. צופים, המבטיחים אתם?" —

— „יחי היער!" — היה המענה והיער שוב נענה לנו לאות הברית שכרתנו.

אנו נפרדים מהיער ושרים את שיר הצופים: „היה מוכן, שומר, לפעולת יושר". הד צלילי השיר מתנשא מן העמקים המסובבים אותנו, ואיזה רגש טמיר כובש אותנו במתיקות חמה, ואנו ממשיכים: „אומץ לב יוביל לקראת האושר". — אנו שרים והיער שר. העצים הקפואים, הנרדמים פצחו רנה... אנו יורדים מן הגבעה בצהלה. כל אחד מאתנו קוטף זמורה קטנה מהאשוח שהוא עומד תחתיו. הזמורות תעידנה על בריתנו והבטחתנו לקיים את מה שקבלנו עלינו, להיות נוטעי חורשתנו.

ירדנו מהגבעה וחזרנו לשדה. היער מאחורינו שוב נדם, מלא סוד כבתחילה. ולפנינו מרחוק, באפלולית הערב החורפי, מאירה קרית־סלונים באורותיה. עלינו על הכביש. כל אחד תקע את זמורתו בכובעו או בבגדו, וכך שבנו העירה, בפצחנו בשיר: „השיבנו אליך".

(„מספר השומרים", אנתולוגיה, ורשה, תרצ"ד).

---

קלמן ליכטענשטיין

# ר' יאנקל דער שמיד

## (פון מיין סלאנימער אלבאם)

שטיל, באשיידן, אן רעש און אן „חכמות" האט זיך יאנקל דער שמיד אריינגעלייגט אין בעט, אפגעלעגן א פאר טעג און מער ניט אויפגעשטאנען. דער הארעפאשנער ייד איז געשטארבן מיט א פשוטן ליבן טויט. אזא מיתת־נשיקה זאל זיין א באלוינונג פאר אנ'ערנטלאך דורכגע־מאכטן און מיט הומאר באוויצטן לעבן. אין זיינע פארהארע־וועטע טעג האט ר' יעקב אזוי ווי אומבאוווסטזיניק באגריפן, אז „לאכן איז געזונט" און האט געטאן אלץ וואס ער האט געקענט: געלאכט, גע'חוזק'ט, דערציילט וויצן, אפגעטאן שפיצלאך, און אסור ניט זיין שולד, אויב די וועלט איז אזוי טרוקן און ערנסט...

בשכבר הימים, האט ער ארויסגעוויזן גאר א שטארקע־

„שוואכקייט" צו פּאליטיק. דאס האט זיך גענומען ביי אים פון דעם, וואס ער האט אביסל אנגעזען די וועלט, געארבעט אלס שלאסער אין באקו אין די נאפט־ראפינעריעס, און — זאגט אייך וואס איר ווילט, — אז מען פארט ארום א מדינה, מ׳זעט בפירוש לענדער און לענדעלאך, ווערט מען געכאפּט אין דער מעשה, כ׳מיין אין חכמת־המדינות...

„ארויסגעשפּרונגען" האט עס ביי אים איבערהויפּט בעת׳ן רוסיש־יאפּאנישן קריג. ער האט געוווּסט אלע קונצן און קונצעלאך פון פּארט־ארטורער פראנט. די מלוכות האט ער אנגעטאן נעמען און דווקא יידישע, כדי עס זאל זיין נענטער, פארשטענדלעכער. רוסלאנד איז געווארן א ברייט־פּלייציקע, צוגאסענע, צויאכמערטע מומע רייזשע; יאפּאן — א זשוואווער, פלינקער פעטער פיניע, און כינע, דער תמ׳עוואטער ריז איז ביי אים געווארן א מויד, א רויהע מויד כינקע מיט די צעפּ, און אט מיט די לעבעדיקע פיגורן האט ער מאניפּולירט אזוי ווי א געניטער שאכמאטיסט, להבדיל, מיט די שאך־פיגורן; געשטעלט זיי אין פארשיידענע פּאזיציעס, לאגעס, סיטואציעס. ער איז געווארן א גאנצער „ספּעץ" אין חכמת־הסטראטעגיע, און אין אלע בתי־מדרשים, ביי די „עין־יעקב" און „חברה־תהלים" טישן האט מען פון אים אין אט די ענינים געהאלטן ענ׳עולם ומלואו.

נאר א חוץ דעם איז יאנקל דער שמיד געווען מסוגל אריינצוזאגן אט מיניה וביה א שטארקן „ווארט". מיינט איר אפשר, אז עס זאל יענעם וויי־טאן, אדער ער פלעגט חלילה זיך טשעפּען? — ניין, זיינע ווערטלאך און שפּיצלאך זיינען געווען גוטמוטיקע, ליבהארציקע, איך וואלט געזאגט פורים׳דיקע, אזוינע וואס א ייד פון א גאנץ יאר קען זיך ערלויבן נאר אין א פורים, צו א שמחת־תורה. מער ניט, וואס יאנקל דער שמיד האט זיך פארגונען דעם לוקסוס אויך אין א פּשוטן מיטוואך. אזא ייד איז ער שוין געווען. ער האט געלאזן, ברוך השם, א היבשע ירושה פון אזוינע מעשיות און מען דערציילט זיך זיי אין פארשיידענע וואריאנטן.

איר האט געהערט זיין מעשה מיטן חסידישן רבי?

איינמאל זיצט ר׳ יעקב ביים אלטן אין שטיבל, ביי ר׳ שמואל׳קען זי״ע. קיין חסיד איז יאנקל ניט געווען, אבער א מעורב עם הבריות. און פארוואס טאקע ניט זיצן א ביסל ביים טיש און אנקוועלן פון עולם חסידים? — ס׳איז שוין געווען נאך „מלוה־מלכה". נאך מעריב און הבדלה. דער אלטער רבי איז געווען אויפגעלייגט, געשמועסט, געזונגען מיט די חסידים. און אז ער האט באמערקט דעם ליבהארציקן שמיד ביים טיש, האט דער רבי, אן קיין שום מיין, א שפּאס געטאן מיט אים:

— „גוט, יאנקל, וואס דו ביזט דא. איך האב צו דיר אנ׳ענין. דו ביזט דאך עפּעס א מייסטער, א מעכאניקער. עס איז דא, פארשטייסטו מיר, א פארדרייעניש אין קיך: אנ׳עולם חסידים, אן עין־הרע, קומט. אראפּ, און די קיכערקע דארף מיט די הענט מאכן פארפל פאר אזא עולם, אן עין־הרע... פארשטייסט? — אפשר קענסטו עפּעס אויסמייסטרע־ווען אזא מאשינע, וואס זאל מאכן פארפל? אנו, יאנקל, ווייז וואס דו קענסט". —

יאנקל פארשטייט דעם רבינ׳ס שפּאס און בלייבט ניט שולדיק: ער הייסט זיך דערלאנגען פּאפּיר מיט א בלייפע־דער: ס׳איז דאך שוין נאך הבדלה. דער שמש ברענגט די שרייב־געצייג, און יאנקל מאלט גלייך אן אויפ׳ן פּאפּיר אַ ציג און ווייזט דעם רבי׳ן:

— „אט איז, רבי, דער פּלאן פון אזא מאשינע: פון איין זייט לייגט מען אריין מעל און פון דער אנדער זייט וועט ארויספאלן — פארפל..." —

אדער די מעשה, ווי אזוי יאנקל האט עס „אפּגעיאלדע־וועט" אנ׳עולם מיט מענטשן ביי דובינבוים׳ען אויפ׳ן טאר־טאק? — כ׳לעבן, עס שאדט ניט דערמאנען די מעשה.

ויהי היום, און א ווו ויהי איז דאך א צרה: דער גאטער אין דובינבוים׳ס טארטאק וויל ניט גיין. ס׳איז געווען א נייע דייטשע מאשינע, און די היגע מעכאניקער קענען זיך קיין עצה ניט געבן. מעלדעט זיך יאנקל אז ער האט אנ׳עצה. די שלאסערס און מעכאניקער, — זאגט ער — זיינען אלע פארטאטשעס. ער אבער ווייס דעם אמת׳ן סוד הגאטער... נאר איין תנאי שטעלט ער: מען זאל פריהער אלע צוזאמען מאכן א „לחיים". הכלל, מען האט געבראכט א פלעשעלע פון נאנטן מאנאפּאל און א וואזשנעם צובייסאכטס. און נאכ־הער, ביי דער סאמע שפּאנונג פון אלע מאשיניסטן צו זען, ווי אזוי יאנקל וועט עס לאזן אין גאנג דעם גאטער, רופט זיך יאנקל אפּ בזה הלשון:

— „פארשטייט איר מיר, ס׳איז גאנץ פּשוט: אז איר פירט דעם גאטער איבערן קלאץ — גייט ער טאקע ניט. אבער אויב איר וועט פירן דעם גאטער גאנץ באזונדער, ווייטער פון קלאץ, אזוי אז ער זאל אים ניט אנרירן, וועט איר זען: דער גאטער וועט פארן ווי א מזמור"...

אַ ווילער, פּשוט׳ער פאלקס־מענטש איז ער געווען, און אנ׳עכטער יגיע־כפּיים׳ניק. א לעבן אפּגעלעבט אין שמי־דעריי. זיין עטוואס פארסאזשעטער פּנים שמייכלט ברייט איבערן קורצן צופלאסענעם בערדל, די פונקען גליהען אין קוזשניע און יאנקל בלאזט און קלאפּט, האמערט און — שמייכלט, אדער ער רעדט זיך גאר ברייטהארציק דורך מיטן ערל, וועלכער איז געקומען אנשמידן א פּאדקעווע צום סוס...

און אזוי האט ער געפּראצעוועט א גאנצן לעבן ביזן טיפן עלטער, ביז׳ן לעצטן טאג, ביז... עס האבן זיך פארלאשן די פונקען אין קוזשניע, און יאנקל איז אין חשון תרצ״ד אנטשוויגן געווארן, נישט דערזאגנדיק זיין לעצטע „חכמה", זיין לעצטן וויץ...

טא זאל כאטש זיין נאמען זיין צווישן דער גאלעריע פון די הארציקע יידישע פאלקס־מענטשן פון סלאנים, וועלכע האבן אזוי זאנפטיק שעמערירט אין די פארגאנגענע דורות, און וועמענס רייהען זיינען געווארן אלץ שיטערער אין שטאט און אלץ געדיכטער דארטן, אין בית־עולם אויפן רוזשנאיער בארג.

(„סלאנימער ווארט", נומער (202) 42, 10 נאוועמבער, 1933)

ישראל ראבינאוויטש

# א באזוך אין סלאנים אין 1935

### פאַרוואָרט פון דער רעדאַקציע

דער געוועזענער רעדאקטאר פון דער גרויסער טעגלעכער יידישער צייטונג אין קאנאדע „קענעדער אדלער" ישראל ראבינאוויטש ע"ה האט געשטאמט פון ביטען און האט אין זיין יוגנט פארבראכט אייניקע יארן אויך אין סלאנים. ער האט עמיגרירט אין קאנאדע אומגעפער אין 1910. ער האט זיך אויסגעצייכנט אלס גלענצנדער זשורנאליסט און האט געשפילט במשך פון קרוב 40 יאר א וויכטיקע ראלע אין דער יידישער זשורנאליסטיק בכלל און אין דער קאנאדער יידישער פרעסע בפרט. ער איז נפטר געווארן מיט אייניקע יאר צוריק און זייט דאן האט דער „קענעדער אדלער" פארלארן פיל פון זיין מעמד אלס וויכטיקער יידישער ארגאן.

ה' ראבינאוויטש האט אין 1935, צו די ימים-נוראים תרצ"ו, נאך א רייזע אין ארץ-ישראל געמאכט א באזוך אין זיין „אלטער היים", אין ביטען און סלאנים צום ערשטן (און איינציק) מאל, זינט זיין פארלאזן רוסלאנד. ווי „א גאסט אויף א ווייל וואס זעט אויף א מייל" און ווי אנ'ערפארענער זשורנאליסט, האט ער, טראץ זיין קורצן אויפנטהאלט אין שטאט, אויפגעכאפט און פארשטאנען גלייך די שטימונגען וואס האבן געהערשט אין די יאוש'דיקע עקאנאמישע באדינגונגען פון דער יידישער באפעלקערונג. זיינע איינדרוקן האט ער פארעפנטלעכט אין „קענעדער אדלער" אין פעברואר און מערץ 1936. דאס איז א ריכטיקע שילדערונג פון יידישן סלאנים, 4 יאר פארן אונטערגאנג, און א ווערטפולער צושטייער צו די מעמואריסטיק וועגן לעצטן דור נאנט פארן אומקום.

אין נאוועמבער 1953 האט ישראל ראבינאוויטש ווידער באזוכט ישראל. דאס איז געווען א יאר נאכדעם, ווי איך האב פארעפנטלעכט דעם אלגעמיינעם פראספעקט מיטן אינהאלט פון דאן שוין פראיעקטירטן „פנקס סלאנים און אומגעגנט". ער האט מיר דאן דערציילט וועגן זיינע פובליצירטע רייזע-איינדרוקן פון 1935 און מיר פארגעלייגט זיי פארן „פנקס".

היות ווי אין דריטן באנד איז ניט געקומען קיין רעדאקציאנס-מאטעריאל פון דער פוילישער תקופה, גיבן מיר איצט פלאץ פאר די אזוי ווערטפולע זכרונות פון פארשטארבענעם לאנדסמאן און זשורנאליסט.

ק. ל.

### איך האב אפילו אין ירושלים ניט געזען אזא שבת ווי אין סלאנים.

מיטן צוג, וואס גייט פון פאריז קיין מאסקווע דורך פוילין, בין איך געפארן פון ווארשע קיין סלאנים, די שטאט פון ר' אייזעלע חריף, ר' מרדכי'לע אשמענער און אנדערע גאונים און משכילים. צווישן די פאסאזשירן האט מען געזען מענטשן פון פארשייקענע נאציאנאליטעטן: פראנצויזן, שפאניער, פאליאקן, רוסן, יידן.

איך האב ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און האב געהאט די אילוזיע, אז אט די פעלדער און וועלדער וועלכע איך זע איצט, זיינען מיר באקאנט. גענומען האט זיך די אילוזיע דערפון, וואס איך האב געוווּסט, אז איך פאר איצט צו יענעם פינטל פון דער וועלט-מאפע, ווו איך האב צום ערשטן מאל דערזען די ליכטיקע שיין און ווו איך האב פארבראכט מיין יוגנט. ווען דער צוג איז אנגעקומען קיין ביאליסטאק, האב איך שוין געהאט דעם געפיל, אז איך געפין זיך שוין אין דעם קרייז פון יענעם פינטל. אט באלד-באלד נאך צוויי סטאנציעס און איך בין אין סלאנים.

דער צוג איז געלאפן שנעל און מיט אים אויך די צייט. אט איז דער באקאנטער סלאנימער וואקזאל. די קליינע געביידע האט א פנים אויסגעהאלטן די אלע שטורם-יארן און געבליבן אויף אנ'ארט. איך גיי ארונטער און א יונגערמאן באגעגנט מיך מיט א פראגע, צו איך וויל פארפארן אין א האטעל. אודאי וויל איך. נעמט ער גלייך לויבן זיין סחורה: „איך וועל אייך, — זאגט ער, — נעמען אין א האטעל, ווו אלץ איז אנשטענדיק, בעל-הבית'יש און ביליק". — איך האב אים דערקלערט, אז פון אלע מעלות געפעלט מיר אמבעסטן די לעצטע...

מיר זעצן זיך אויף א דראשקע און ער שושקעט מיר אריין אין אויער, מעשה גוטער פריינט, אז מער ווי איין זלאטע זאל איך דעם „איזוואשטשיק" ניט געבן. די איזוואשטשיקעס, — זאגט ער, — ווי נאר זיי דערזעען א גאסט פון דרויסן ווילן זיי זיין „קלוגיטשקע"...

דער יונגערמאן איז ניט דער בעל-הבית פון האטעל, ער איז דארטן בלויז א משרת. ער איז עס דער וואס ברענגט אהין געסט.

מיר זיינען צוגעפארן צום האטעל און איך האב דעם איזוואשטשיק געגעבן א צוויי-זלאטע שטיק. האלט ער די צוויי-זלאטע שטיק אין דער האנט, קוקט אויף מיר מיט בעטנדיקע אויגן און איך קוק אויף אים. — „איך פארשטיי, — זאג איך, — אז איר דארפט מיר געבן א זלאטע רעשט". —

— „ס'איז דאך אבער ערב יום־טוב", — בעט ער זיך. (ס'איז געווען ערב שבת־תשובה).

זאג איך, אז אויב עס איז ערב יום־טוב, — טא זאל ער מיר געבן א האלבע זלאטע רעשט. —

— „ס'איז דאך ערב יום־טוב!" — חזר'ט ער איבער דעם זעלביקן געבעט.

— נו, אז ס'איז ערב יום־טוב, טא זאל שוין זיין אָן רעשט". —

אריינקומנדיק אין האטעל, וועלכער האט דעם גאנצן אויסזען פון א טיפּישן פּראווינצער האטעל אין א קוויי־בעקער שטעטל, האב איך גלייך געהאט א מאדנע איבערא־שונג. זיך צורייידנדיק מיט דער בעל-הבית'טע האב איך אויסגעפונען, אז זי איז אליין טאקע א ביטענער, די טאכ־טער פון אנ'אנגעזעענעם חסידישן יידן, פון וועלכן איך פלעג אמאל קריגן פולע קעשענעס מיט יאדרען (סעמעטש־קעס) פאר העלפן אים זינגען חסידישע ניגונים אין חסידי־שן שטיבל פון ביטען. און אט שטייט פאר מיר זיין טאכ־טער. יע, יע, איך הייב זי שוין אן צו דערקענען. אט דאס איז זי טאקע!

דער משרת דערציילט דער בעל־בית'טע, ווי אזוי דער איזוואשטשיק האט „באראבעוועט" איר לאנדסמאן: „הערט נאר א גזל־עוואיע, — זאגט ער, צוויי זלאטעס פאר פארן פון וואקזאל! איך האב דעם גאסט געווארנט פריהער. אבער דער גאסט האט מיר ניט געפאלגט". —

אבער די בעל־הבית'טע האט אנדערש געענטפערט. „נישקשה, נישקשה; ישראל'קע (זי געדיינק מיר נאך אלס ישראל'קע) האט פארדינט א מצוה! זיי זיינען נעבאך ביי־טערע ארעמעלייט, די איזוואשטשיקעס". —

דאס אלץ האט מיר גלייך באוויזן אין וועלכע עקאנא־מישע השגות מען לעבט איצט אין סלאנים. אז א זלאטע (20 אמעריקאנער סענט) איז א גאנצער אייגנס, און ווי־באלד אז אנ'ארעמן בעל־עגלה האט געטראפן א „גליק", אז ער האט געקראגן פערציק סענט פאר פירן מיך פון וואק־זאל צום האטעל, וואס איז א גאנץ היבשער מהלך, האב איך זיך שוין מיט דעם איינגעקויפט עולם־הבא...

אך, ווי ביליק מען קען איצט איינקויפן עולם־הבא אין דער פאר'חושכ'טער ארעמקייט פון דעם יידישן לעבן אויף דער פוילישער פראווינץ!

איך בין נאכהער ארויסגעגאנגען כאפן א קוק אויף סלאנים. איך בין געווען דערשטוינט צו זען, ווי ווייניק די שטאט האט זיך געביטן אין די 25 יאר צייט. באקאנטע גאסן און באקאנטע געביידעס: אט איז דער פראוואסלאוו־נער קלייסטער און פאנעסווע גאס; אט איז דער „ראד קראמען" און אט איז „נעווסקי פראספעקט" — א שטיקל טראטואר ביים זייט פון א סקווער, ווו יוגנווארג גייט שפאצירן הין און צוריק. אט דא האב איך מיט איבער 25 יאר צוריק, צום ערשטן מאל אין מיין לעבן, גענומען א שפאציר מיט א „בארישניע" (פריילין) און איך האב זיך, מעשה־קאוואליער, געסטאראעט צו פירן מיט איר אנ'אינטע־ליגענטנעם ראזגאוואר" (געשפרעך). איך געדיינק אויך, ווי זי האט געוואלט וויסן מיין מיינונג וועגן „ליובאוו" (ליבע). ווי איך קען זיך דערמאנען, האט מיר גענומען קלאפן אין הארצן און די צונג איז מיר געבליבן שטיין פאר־פערפראק. איך בין א פנים שטארק רויט געווארן, ווייל זי האט מיר עפעס מאדנע אנגעקוקט און געזאגט, אז מען דארף זיך ניט „אבידיען" (זיך באלייידיקן), ווייל ס'איז „אנ'אינטערעסאנטער וואפראס" (אינטערעסאנטע פראגע).

אט בין איך אויפ'ן מארק. — דערזעלביקער מארק, נאר ס'איז צוגעקומען א רייהע בודקעס, ווו יידן האנדלען מיט קובעבע און לאקריץ. אפילו די „טשאיינע" — אנ'עפנטלי־כער זאל, ווו מ'פלעגט אמאל שפילן „טרעאטער", — שטייט נאך אויך. אלץ איז א פנים ארויס גאנץ סיי פון די רוסן, סיי פון די דייטשן און סיי פון די פאליאקן! וווּנדער אי־בער וווּנדער!

עס האט אנגעהויבן ווערן טונקל. שנעל האבן זיך פאר־מאכט אלע קראמען. דורך די פענסטער פון די הייזער האבן זיך דערזען אנגעצונדענע שבת־ליכט. די גאנצע שטאט איז מיטאמאל געווארן ארומגעכאפּט פון שבת'דיקער רו, פונקט ווי אמאל. איך קען זאגן, אז אפילו אין ירושלים האב איך ניט געזען אזא הונדערט־פּראצענטיקן שבת ווי דעם, וואס איך האב ביגעווינט אין סלאנים. אין ירושלים קען מען נאך פרייטיק־צו־נאכט געפינען א פאר יידישע רעסטאראנען אפן, אבער ניט אין סלאנים. דא האט זיך מיטאיינמאל אלצדינג געגעבן א מאַך צו און אלץ איז געבליבן אין פולשטענדיקער רו ביז אויף מארגן נאך הב־דלה.

א שטארקע איבערלעבונג איז פאר מיר געווען די באגעגענעש מיט מיינע קרובים אין סלאנים. דעם ערשטן האב איך אפגעזוכט מיינעם א קוזין. ווען איך האב אים איבערגעלאזן איז ער געווען א יונגער בעל־הבית'ל, נאר וואס חתונה געהאט, א גלאט ראזירטער. איצט האב איך געפונען א מיטל־יאריקן ייד מיט א שווארץ־גרויער באָרד אין חסידישע קליידער. ער איז אזוי ענליך אויף מיין פאָ־טער ע"ה (ער איז א זון פון מיין פאטער'ס א ברודער) אז ווען איך האב אים דערזען, האט מיר אזש געגעבן א קלאפּ אין הארצן. צום ערשטן האב איך אים דערזען דורכ'ן פענסטער פון זיין הויז, ווען איך בין אהין צוגעקומען. ס'איז געווען פרייטיק־צו-נאכט. ער איז שוין געקומען פון שול און איצט איז ער געזעסן ביי א שבת'דיקן טיש נעבן איבערגעדעקטע חלות; דערביי איז געשטאנען א פלאש ווייַן און א בעכער. ער האט זיך געשאקלט איבער א ספר. מסתמא געזאגט די „תיקוני שבת". ס'האט נאך אויסגעזען ווי פאר קידוש.

איך בין ארײַן אינווייניק מיט א ברייטן „גוט־שבת". ער האט געענטפערט „גוט־יאר" און געקוקט אויף מיר פאר־וווּנדערט.

— „שלום־עליכם" — זאג איך און גיב אים די האנט. ער ענטפערט „עליכם שלום" און קוקט מיר אלץ אן שטארק פארווונדערט.

— „איר דערקענט מיר נישט?" —

ער דרייט מיט'ן קאפּ אויף „ניין", אבער ער גיט צו: „עפּעס זייער קענטליך". —

— „אייער פאטער און מיין פאטער זיינען געווען ברידער" — זאג איך.

— „או! — שרייט ער אויס, — איז דאס אמת? פון אמעריקע?״ —

— „יע, פון אמעריקע״. —

— „ישראל?״ —

איבערצוגעבן וואס ווייטער איז געווען איז שוין ניט נייטיק. עס איז פארגעקומען דאס, וואס עס קומט געוויינלעך פאר בײַ אזעלכע באגעגענישן און עס איז אזש געקומען צו טרערן...

איינער פון די זין האט געדינט אלס שטאפעט צו גיין אנזאגן די אנדערע קרובים וואס פאר א מין גאסט עס האט זיך מיטאמאל באוויזן אינגאנצן אומדערוואַרטעט. אין הויז איז געווארן „ליהודים״.

### א שפּאציר איבערן שטאט. — די עקאנאמישע לאגע.

א שבת גאנץ פרי אין סלאנים. עס איז געווען א פראכטפולער פרימארגן, די שטאט איז געווען ווי איינגעהילט אין שבת׳דיקער רו. קיין זאך האט זיך ניט באוועגט. בלויז ווּ ניט ווּ האט מען געזען א גוי׳אישע פור דורכפארן. ארום „ראד קראמען״ איז געווען טויט. בלויז אויף איינעם פון די בריקלאך האט מען געזען א פאר פויערים זיצן און רויכערן זייערע ליולקעס מיט אזא רוהיקייט, אז עס האט אויסגעזען, אז אויך אויף זיי און זייערע לולקעס האט זיך צולייגט א שבת׳דיקע רו.

אויף די גאסן זעט מען יידן גיין אין שול אריין. עס גייען טאטעס מיט קינדער, עס גייען עלטערע יידן און אויך פרויען מיט גראבע „קרבן־מנחה׳ס״ אונטער׳ן ארעם. איין יינגל פון א יאר צען גייט ביים זייט פון טאטן און טראגט דעם טאטנס טלית־זעקל. ער מאטערט זיך דאס צו האלטן אונטערן ארעם, ווי א גרויסער, אבער עס האלט זיך ניט ביי אים. עס גליטשט זיך ארונטער. האלט ער עס צו מיט דער אנדער האנט און מען זעט, אז עס קומט אים שטארק שווער. ווייל עס דער טאטע צונעמען פון אים, אבער ער לאזט ניט.

איך באַשליס צוצוגיין צום רבינ׳ס הויף און א קוק־טאן ווי עס זעט דארטן אויס נאך די אלע יארן. מיט דעמדאזיקן „הויף״ האב איך אמאל געהאט גאר א גרויסע שייכות. דארטן האט מיין פעטער געהאלטן אנ׳אכסניה פאר חסידים, וועלכע פלעגן זיך צונויפפארן קיין סלאנים פון פארשיידענע געגנטן, פון ווייט און פון נאנט. אויסער דעם איז מיין טאטע ע״ה טאקע געווען א סלאנימער חסיד. ניטא שוין מער דער רבי, ר׳ שמואל׳קע. שוין לאנג נפטר געווארן. א שאד. ער איז געווען א ייד א הדרת־פנים מיט קלוגע אויגן און א גאלד־בלאנדע בארד, ווי איך געדיינק אים פון אמאל. אבער דאס שענסטע וואס האט מיר באצויבערט איז געווען זיין שבת׳דיקער קידוש. חסידים פלעגן זאגן, אז בעת ער מאכט קידוש שוועבט ער אין די עולמות העליונים. די חסידים זיינען געווען גערעכט. ווען איך קען אייך, ליבע לייענער, אט דא, אין מיין באשרייבונג נאכזאגן דעם סלאנימער רבי׳ס זצ״ל קידוש מיטן דערהויבנדיקן ניגון, פול מיט התלהבות, וואלט איר אויך צוגעגעבן, אז די חסידים זיינען געווען גערעכט. עס האט געקלונגען ווי א פייערלעכע פראקלאמאציע פאר אלע וועלטן, אז „יום־הששי ויכולו ה־שמים והארץ וכל צבאם״, און אז „אין דעם זיבעטן טאג האט גאט גערוט און ער האט אים געהייליקט״. די אויסערגעוויינלעכע פייערליכקייט פון דעם רבינ׳ס קידוש־ניגון פלעגט אריינפירן די חסידים אין די פארבארגענע סודות פון שבת און זיי פלעגן אין זיך דערפילן די נשמה־יתירה, און זיי האבן געוווסט, אז אין אט דער שעה האבן די קליפּות קיין שום שליטה ניט איבער דער וועלט, ווייל אלץ איז איינגעהילט אין קדושת־שבת.

גיי איך צום רבינ׳ס הויף. מען זאגט מיר, אז דעם „שטול״ פארנעמט איצט אנ׳אייניקל, נאך גאר א יונגער, און ניט אין סלאנים, נאר אין בּאראנאוויטש. סלאנימער חסידים זיינען ניט צופרידן. ס׳איז א ירידה, זאגן זיי. „ניטא מער אמאליקע גדולה״, — האט זיך פאר מיר א חסיד באקלאגט.

איך וויל זען, צו איך וועל אהין טרעפן. איך געדיינק, אז די גאס ווּ דער הויף האט זיך געפונען האט געהייסן „סקראַבעווע״. איך געפין די גאס, אבער זי הייסט שוין מער ניט סקראבעווע, נאר „טשעטשעגא מאיא״, — דריטער מאי, הייסט דאס. דער דריטער מאי איז א גרויסע דאטע אין דער געשיכטע פון פוילן, האט די פוילישע מאכט געקרוינט מיט דעמדאזיקן געהויבענעם נאמען די גאס, ווּ עס געפינט זיך דער צענטער פון סלאנימער חסידות. איך האב פונדעסטוועגן געוואלט זיין זיכער, צו איז דאס טאקע די ריכטיקע גאס. שטעל איך אפּ א יידן און פרעג אים: „צו איז דאס די געוועזענע סקראבעווע?״ — ענטפערט מיר דער ייד: „וואס הייסט די געוועזענע? ס׳איז איצטער אויך סקראבעווע און ס׳וועט אלע מאל זיין סקראבעווע״.

אז איך בין צוגעקומען צום רבינ׳ס הויף, איז מיר געווארן פינסטער אין די אויגן. מען זעט דארטן ירידה אין אלע זייטן. אויף דעם ארט, ווּ ס׳איז אמאל געשטאנען מיין פעטער׳ס אכסניה, וואקסט איצט גראז און אויף אלץ ליגט אזא ארעמקייט, אזא פארלאזנקייט!

די קלויז איז נאך די זעלבע וואס געווען. ווען איך בין אנגעקומען איז נאך געווען פאר׳ן דאווענען. בלויז עטלעכע יידן האבן „געדאוונט פון פארנט״ (געמיינט די ערשטע תפילות פון סידור). מיין קוזין דער חסיד איז נאך דארטן אויך ניט געווען. האב איך באשלאסן, אז מען דארף דערווייל גיין כאפּן א קוק אין די בתי־מדרשים פון שולהויף. ווען איך בין אנגעקומען אהין האב איך געפונען, אז דארטן איז דאס איינציקע פּלאץ ווּ מען זעט א לעבעדיקע באוועגונג. אלע בתי־מדרשים זיינען געווען געפּאקט. אזוי איז אויך געווען אין דער גרויסער שול, וואס איז אמאל געווען בארימט מיט אירע גרויסע חזנים. אין אט דער שול האט מען צום ערשטן מאל געהערט די שיינע קאמפּאזיציעס פון יאשע סלאנימער. דעם איצטיקן חזן איז מיר ניט אויסגעקומען צו הערן, ווייל ס׳איז געווען שבת־תשובה און דער חזן האט געשפּארט זיינע כוחות אויף יום־כיפור.

אויך די גאסן זיינען איצט געווארן מער באלעבט ווי פריהער. מען האט איצט געזען רעדלאך יונגווארג שטיין און שמועסן. איך האב באמערקט, אז די יוגנט רעדט אומעטום יידיש, ניט ווי אין ווארשע אדער אין לעמבערג. אויך די

קינדער ריידן צווישן זיך יידיש. אהער האט זיך נאך די פּאַ־לאניזאציע ניט אריינגעריסן, כאטש דא איז פאראן א יידיש־פּוילישע גימנאזיע, ווו די לערן־שפּראך איז פּויליש, מען זאגט מיר אפילו, אז א טייל פון דער יידישער יוגנט ווערט שוין באהערשט פון א טענדענץ צו ריידן פּויליש, אבער איר צאל איז נאך מסתמא אומבאדייטנד, ווייל זי הערט זיך גאר ווייניק אן אויף די גאסן.

דאס עקאנאמישע לעבן פון די יידן אין סלאנים איז, ווי אומעטום אין פּוילן, א שווערער און געדריקטער. פאראן אפילו יידן וואס עס גייט זיי נאך פאַרהעלטניסמעסיק ניט שלעכט, אבער דער גרעסטער טייל באשטייט פון ביטערע ארעמע לייט. די יוגנט געפינט זיך אין א לאגע פון אבסאלו־טער אויסזיכטסלאזיקייט. א גרויסער טייל פון דער סלאני־מער יוגנט לעבט מיט דער האפנונג צו פארן קיין ארץ־ישראל. אין סלאנים איז אפילו פאראן א קיבוץ, ווו מען מאכט דורך א „הכשרה" פאר ארץ־ישראל, מיט דער האפנונג, אז אזוי־ארום וועט מען קענען קריגן א סערטיפיקאט און אויסוואנדערן.

און ניט בלויז די יוגנט אליין טראכט דארטן צו פארן קיין ארץ־ישראל. מיינער א קרוב, א מיטל־יאריקער פאמי־ליע־מאן האט זיך פאר מיר אויסגערעדט דאס הארץ, אז כאטש ער שלעפּט נאך א שטיקל געמאטערטע פּרנסה פון מעקלעריי, פונדעסטוועגן איז אים שוין אזוי נמאס דאס לעבן און ער איז אזוי פארצווייפלט איבער דער צוקונפט פון זיינע קינדער, אז ער קלייבט איצט א גראשן צו א גראשן מיט דער האפנונג צו קענען פארן קיין ארץ־ישראל אלס „קאפּיטאליסט". וואס האט ער בדעה צו טאן אין ארץ־ישראל? אויף דעם ענטפערט ער: „איך בין, גאט צו דאנקען, א געזונ־טער מענטש און איך בין גרייט צו טאן די שווערסטע אר־בעט, אפילו האקן שטיינער, אבי איך זאל וויסן, אז מיינע קינדער האבן א צוקונפט און ניט דארפן שטענדיק לעבן אין דער מורא פאר'ן מארגנדיקן טאג".

און ער געהערט שוין דווקא צו די „גליקלעכע", וואס האבן נאך א שטיקל חיונה. קען מען זיך שוין פארשטעלן, וואס עס פילן די, וועלכע זיינען אים מקנא...

אין דער צייט ווען איך בין געווען אין פּוילן, אין 1935, איז נאך אין לאנד געווען רוהיק. ווי מען קען זיך פארשטעלן, איז איצט, אין 1936, די שטימונג אסך שווערער, צוליב די באיקאט־אגיטאציעס מיט די אנדערע צרות.

ווי אלע גרעסערע פּראווינץ־שטעט אין איצטיקן פּוילן, האט אויך סלאנים א יידישע צייטונג „סלאנימער ווארט". עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט'ן רעדאק־טאר פון דער צייטונג*), וועלכער האט מיר איבערגעגעבן, אז סלאנים האט נאך אלץ א שיינע און אינטעליגענטע יידי־שע יוגנט, וועלכע נעמט א לעבעדיקן אינטערעס אין יידי־שע קולטור־פּראבלעמען. די יוגנט איז, ווי געווײנלעך, צע־טיילט אויף פארטייען, אבער דער גרעסטער טייל איז ציוי־ניסטיש געשטימט. די העברעאישע שפּראך ווערט פלייסיק געלערנט. איך האב דארטן געטראפן א 14־יאריקן יינגל, וועל־כער איז א גאנצער עקספּערט אין העבּרעאישן דקדוק און ער גריבלט זיך שוין אפילו אין העברעאישער פילאלאגיע!

עס איז קיין פראגע ניט, אז די אינטענסיווע העברעאי־זאציע האט אלץ צו טאן מיט דעם שטארקן ארץ־ישראל־סענטימענט, פון וועלכן דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט איז ארומגעכאפּט. ס'איז אבער ניט נאר קיין הוילע ראמאנ־טיק. דער ארץ־ישראל־סענטימענט וואקסט דארטן ארויס פון טיף־פארווארצלטע יידישע טראדיציעס, וואס ווערן נאך אויפ־געהאלטן אין דעם גאנצן לעבנס־שטייגער.

### פון סלאנים אין ביטען מיט יאנקלען, דעם חסידישן בעל־עגלה.

איך האב געהערט מענטשן דערציילן וועגן דער נערווע־זער שפּאנונג וואס זיי האבן געהאט, ווען זיי האבן צום ערשטן מאל געמאכט א נסיעה אין אנ'אעראפּלאן. איך האב נאך די דאזיקע שפּאנונג ניט געהאט. דערפאר קען איך דערציילן עפּעס אנדערש, וואס קען אויסקוקן ווי ווילד: דעם שטארקסטן ציטער און שפּא־נונג פון מיין גאנצע רייזע קיין ארץ־ישראל און אייראפּע און צוריק האב איך געהאט, פארנדיק אויף אנ'אלטן גע־שפּאן פון פערד און וואגן, וועלכער האט מיר געפירט פון סלאנים צו מיין געבורטס־שטעטל ביטען.

די נסיעה האט זיך אנגעהויבן ערב יום־כיפור 4 אזייגער פארטאג. דער בעל־עגלה הייסט יאנקל און ער איז דער איינציקער חסידישער בעל־עגלה אין סלאנים. דאס האבן מיינע קרובים די חסידים מיר אים רעקאמענדירט. זיי האבן מיר געזאגט, אז ער איז זייער אנ'ערלעכער ייד און דערי־בער דארף איך פארן מיט אים און ניט מיט עמיצן אנדערש.

דער פּלאן ארויסצופארן 4 אזייגער פארטאג און ניט שפּעטער איז געווען יאנקלס. מחמת דעם וואס עס איז גע־ווען ערב יום־כיפור, האט ער געוואלט אפּפארטיקן וואס פרי־ער, כדי ער זאל זיך קענען צוריקקערן קיין סלאנים פאר האלבן טאג. ווען מיר זיינען ארויסגעפארן איז נאך געווען פינסטער. ערשט ווען מיר זיינען שוין געווען א פּאר ווערסט הינטער'ן שטאט, האט אנגעהויבן טאגן. יאנקל האט שטארק געיאגט דעם פערד. ער האט געפּלאנט צו מאכן די נסיעה אין דריי שעה צייט (אין א לאנגזאמע נסיעה נעמט עס צוויי מאל אזוי פיל) און ער האט דאס טאקע אויסגעפירט.

איך בין געזעסן אויפ'ן וואגן און האב געהאט דעם גע־פיל, אז דאס איז מסתמא אייבער פון יענע חלומות, וואס איך האב שוין ניט איין מאל גע'חלומ'ט און מורא געהאט, אז אט־אט וועל איך זיך אויפכאפּן און עס וועט זיך ארויסווייזן, אז עס איז לא דובים ולא יער... אבער דאס רעדט זיך נאר אזוי. איך האב גוט געוווסט, אז דאסמאל איז עס טאקע א ווירקלעכקייט. דער ערשטער דארף וואס מיר פארן דורך איז זשירעוויע. ס'איז א הייליק דארף, פול מיט קלויסטערס און מאנאסטירן, ווייל דא האבן אמאל גרויסע „נסים" געטרא־פן: דא האט די „הייליקע בתולה" זיך אמאל באוויזן... פון דאמאלט אן ציהען זיך אהער פּילגרימען פון גאנצן געגנט

---

* דער רעדאקטאר פון „סלאנימער ווארט" איז דאן געווען דער דיכטער ניסן אייזין. — רעד.

און אויך פון ווייטע מקומות. זיי קומען אהער אין די טויזנ־טער.

איך פארפיר א שמועס מיט יאנקלען וועגן פרומקייט אין היינטיקע צייטן. ער קלאגט זיך, אז די אמונה איז געווארן שוואך ביי „זיי". דאס הייסט ביי די גויים, אזוי גוט ווי ביי די יידן, — און אלץ קומט דאס פון יענעם זייט גרענעץ, פון רוסלאנד. „ווו — זאגט ער, איז דאס געהערט געווארן, אז יידן זאלן שוין ניט האלטן אפילו פון מילה?" — ער האט אויך געהערט זאגן, אז די יידן אין רוסלאנד ארבעטן יום־כיפור. אזא אומגליק איז נאך ניט געווען!" —

יאנקל, דער סלאָנימער חסידישער בעל־עגלה, איז א געז־ונטער תמימות'דיקער פאלקס־מענטש. ער איז א ייד אין די מיטעלע יארן. אויסערליך איז אויף אים ניט צו זען קיין סימן פון חסידות. ער האט א גוטמוטיקן פנים, אביסעלע געשטופלט און אין זיינע ברוינלעכע אויגן ליגט אזא מילד־קייט און אזא רוהיקייט. דאך איז ער שוין דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנום. ער האט מיר דערציילט פון זיינע איבערלעבענישן אין די יארן פון מלחמות און וואס עס האט זיך אפגעטאן ביי די דייטשן, ביי די באלשעוויקעס און נאכ־דעם ווען די פאליאקן זייבען געקומען און ווי מ'האט זיך ווידער געשלאגן מיט די באלשעוויקעס.

מיר דערנענטערן זיך צו ביטען. אט באלד וועל איך ווידער זיין אין מיין שטעטל, נאך 25 יאר. וואס וועט דא זיין? וואס וועט דא פארקומען? וווהין וועל איך פארפארן? איך ווייס, אז עס דארפן נאך זיין קרובים, — וועל איך דארפן זיך באכפרעגן אויף זיי אבער ביי וועמען פרעגן? וועל איך דערקענען דעם ערשטן מענטשן וואס איך וועל באגעגענען, אדער אלע וועלן מיר אויסזען ווי פרעמדע?

יאנקל טרייבט דעם פערד שנעל און איך ווייס, אז אט־אט באלד־באלד, אז מיר וועלן צוקומען צו אט יענעם בארג, — דארפן זיך ווייזן די שפיצן פון שטעטלשן קלויסטער. איך שפיץ אן די אויגן. דאס הארץ טיאכקעט און עס נעמט מיר ארום א געפיל, וועלכן איך מוז איצט קאנטראלירן... אט שפארן זיך שוין ארויס די שפיצן פון דעם קלויסטער. זיי הייבן זיך אויף גאר הויך און לאזן זיך צוריק ארונטער גלייך ווי דער בארג ענדיקט זיך. אבער עס נעמט בלויז עטליכע מינוט און די שפיצן פון קלויסטער באווייזן זיך נאכאמאל, און איך דערזע דאס גאנצע שטעטל. אט איז עס. עפעס דער־קען איך עס יע און איך דערקען עס ניט.

אט פארן מיר שוין ארויף אויף דעם ברוק פון „ביישטאט". איך זע שוין, אז אונדזער געשפאן ציט אויפמערקזאמקייט פון אלע זייטן. אבער איך דערקען דערווייל קיין איין מענטשן ניט און אויך די הייזער זעען מיר אויס פרעמד. איך הייס יאנקלען זיך אפשטעלן און גלייך ווערט דער וואגן ארומגע־רינגלט פון א רעדל נייגעריקע צושויער.

— „גוט מארגן, יידן! א גמר חתימה טובה!" — באגריס איך זיי.

— גוט מארגן, גמר־חתימה גם אתם! — ענטפערט מען מיר פון אלע זייטן. זיי הערן ניט אויף צו קוקן אויף מיר מיט פארשפיצטע אויגן.

— „יידן, איר דערקענט מיך?" —

גלייך האבן אלע גענומען זייער אויפמערקזאם מיר צו באטראכטן, אבער אן ערפאלג. אפאר האבן באמערקט, אז איך בין זיי זייער קענטליך. און פונקט ווי יוסף אמאל, האב איך זיך געלאזט דערקענען צו מיינע ברידער. די איבערא־שונג איז געווען גאר א גרויסע. איצט האט שוין יעדערער פון זיי גענומען מיר אויף דער פראבע:

— „און מיר, ישראל, דערקענסטו? דערקענסט מיר ניט? וואסי דער מער מיט דזשיר? קוק זיך אקארשט גוט איין..." —

איך דערקען דעם „דזשיר". ס'איז א טייל פון אונדזער דיאלעקט, פון סלאנים און פון אלע שטעטלאך ארום. איך קוק זיך גוט איין און זאג אויף דעם פזמון: „זייער קענטליך". אבער ווייס איך וואס! איך דערקען במעט קיינעם ניט. איך שטיי און איך וווּנדער זיך, איך בין אין כעס אויף זיך אליין. ווי איז דאס מעגליך? איינער זאגט מיר אפילו, אז ער האט מיט מיר געלערנט אין איין חדר, אנ'אנדערער דערמאנט מיר אנדערע זאכן, אבער איידער זיי זאגן ארויס די נעמען, בין איך א פארלוירענער.

א פנים, אז 25 יאר איז טאקע א לאנגע צייט!

מערע ליכטענשטיין־שערעשעווסקי (פאריז)

# אונדזער לעצטע רייזע אין סלאָנים

אין יאר 1938 האט שוין היטלער געפירט זיין אגרעסיע־פאליטיק. עס איז שוין געווען נאכן „אנשלוס”, די סודעטן זיינען שוין געווען אין היטלער׳ס לאפעס. שווארצע וואלקנ׳ס האבן זיך שנעל גערוקט אויפ׳ן האריזאנט. מיר האבן געפילט, אז עס קומט א שטורעם אויף דער וועלט.

פארויסזעענדיק, אז מיר וועלן פלוצלינג אפגעריסן ווערן פון פוילן און פון אונדזערע נאענטסטע, האבן מיר באשלאסן צו פארן אויף פסח אין סלאנים. מיט׳ן שווערן פארגעפיל, אז עס איז דאס לעצטע מאל, וואס מיר וועלן זען אונדזער אלטע היים, האבן מיר זיך געלאזן אין וועג.

סלאנים האט זיך אין יענע צייטן געפונען אויף דער ליניע פאריז—מאסקווע—טראנססיביר. אונדזער רייזע איז, אלזא, געווען א דירעקטע.

דייטשלאנד, וועלכע מיר האבן דורכגעפארן, האט אויף אונדז געמאכט א פיינלעכן איינדרוק. אומעטום, איבער די וואקזאלן האבן געפלאטערט די נאצישע פאנען. מיליטער, היטלער־יוגנט אויף יעדן טראט, אפילו אין די באנען. די באציאונג צו אונדז פון די רייזנדיקע דייטשן, ווי פון די צאל־באאמטע און פאליציי איז געווען א פיינטלעכע. שנאה און רציחה האט ממש געשפראצט פון זייערע אויגן, ווי נאר מיר האבן באוויזן אונדזערע פאספארטן. די היטלער־פראפאגאנדע האט געטראגן אירע פרוכט.

מיר האבן אפגעאטעמט א ביסל לייכטער נאכן איבערגיין די פוילישע גרעניץ. אבער לײדער האבן מיר זיך ווידער אנגעשטויסן אויף דער שווער־געדריקטער אטמאספער. די יידישע רייזנדיקע, מיט וועלכע מיר האבן זיך צוזאמענגערעדט, האבן אונדז דערציילט וועגן שטארקן אנטיסעמיטיזם, וועגן עקאנאמישן באיקאט לגבי די יידישע געשעפטן, פיקעטן א. א. וו.; עס איז געווען נאכ׳ן פארנעמען די סודעטן דורך היטלער׳ן און פוילן האט דערביי אויך גענאסן א ביינדל. אין דעריבער אנגעגאנגען א געוויסער פלירט צווישן פוילן און היטלער־דייטשלאנד. אלע יידן, מיט וועלכע מיר האבן געשמועסט אין באן, האבן אויסגעדריקט א שווערן פעסימיזם און אונדז באטראכט פאר פריווילעגירטע, וואס אונדז איז געלונגען צו פארלאזן פוילן צו דער צייט, ווייל אין יאר 1938 איז עס שוין געווען אוממעגליך. פיל לענדער, ווי אמעריקע, אפריקע, ארגענטינע האבן פארמאכט זייערע גרעניצן פאר עמיגראנציע. די ענגלענדער האבן פארשלאסן פאר יידן די טיר׳ן פון פאלעסטינא און די אומלעגאלע עליה איז געווען ווי א טראפן אין ים. אזוי, אז די יידן אין פוילן האבן זיך געפילט, ווי פארשלאסענע אין א גרויסן געטא, פון וואנען ס׳איז קיין אויסוועג נישט געווען. דאס איז אויך געווען אונדזער ערשטער פערזענלעכער געפיל.

אנגעקומען זיינען מיר אין סלאנים ערב פסח, אין א שיינעם פרילינגס־טאג. א גרויסע עמאציע האט אונדז ארומגענומען דערזעענדיק אונדזער שטאט; די זעלבע זאמאסטיע, שטשארע, דאמבע, ניעווסקי, שול־הויף, פלאץ... די זעלבע הייזער, די זעלבע יידן. אין די הייזער איז געווען יום־טוב׳דיק, מ׳האט זיך געגרייט צום סדר. אונדזערע עלטערן האבן געוויינט פון פרייד, דערזעענדיק אונדז מיט אונדזער 5½־יאריקער טאכטער׳ל.

נאכ׳ן פארברענגען די ערשטע טעג מיט אונדזערע משפחות, זיינען מיר ארויס אין שטאט, זיך געטראפן מיט פריינט און באקאנטע. און דא זיינען מיר תיכף באהערשט געווארן דורך אנ׳אויסטערלישן איינדרוק: סלאנים האט זיך פלוצלינג אנטפלעקט פאר אונדזערע אויגן, ווי א פארכישופטער אינזל. די געשעעענישן פון דער וועלט, די דראענדיקע לאגע האבן דא אויסגעזען אומרעאל, פארנעפלט. זיי האבן ביי דער באפעלקערונג נישט ארויסגערופן קיין ספעציעלן אומרו. סלאנים האט אונדז אויסגעזען, ווי פארזונקען אין א טיפן שלאף, אינגאנצן אומבאוווסטזיניק וועגן דעם אנקומענדיק׳ן שטורעם.

אמת איז, אז די יידן זיינען דאן געווען דער עיקר פארזארגט פון דער טאג־טעגליכער ארטיקער קאניונקטור. דער אנטיסעמיטיזם האט געבושעוועט, כדי אפצושוואכן ביז א מינימום דעם יידישן עקאנאמישן מצב. די באפעלקערונג איז געווען אין פארצווייפלונג. דער „נומערוס־קלאוזוס” אין די אוניווערסיטעטן; די פארמאכטע טירן פאר די אויסגעשטודירטע יוגנטליכע, וועלכע האבן זיך ארומגעדרייט אן ארבעט איבער די סלאנימער גאסן; דער האנדל, וועלכער איז באדראט געווארן דורך די ניי־געשאפענע פויליש—קריסטלעכע קאאפעראטיוון; די אפענע פראפאגאנדע קעגן דער יידישער באפעלקערונג; דאס אלץ האט געבראכט צו ארבעטסלאזיקייט אין שטאט.

די פוילישע רעגירונג האט אנגעווענדעט אלע מיטלען, כדי צו רואיניר׳ן די יידישע באפעלקערונג, וועלכע איז באהערשט געווארן פון א טיפן יאוש. דערדריקט פון די ארטיקע פארפאלגונגען, האט קיינער נישט געטראכט, אז עס קען נאך זיין ערגער. די וועלט איז געווען פארמאכט; די ידיעות פון דרויסן זיינען צו סלאנים דערגאנגען פארהילכטע, געמינדערטע. אונדזערע ברידער און שוועסטער האבן נישט אויסגעפילט די גרויסע סכנה, וואס האט אויף זיי געלויערט און אפילו נישט באטראכט די עווענטואליטעט פון א מלחמה

אלס א מעגליכקייט. ווען מיר האבן פרובירט זיי צו עפענען די אויגן, האבן זיי אונדז אויסגעהערט, אבער... נישט געגלויבט. אפילו די פארטייען (בונד, ציוניסטן, קאמוניסטן) האבן נישט באוויזן אויפצובראויזן דעם באוווסטזיין פון דעם סלאנימער יידנטום.

יא, די וועלט איז געווען פארמאכט פאר אונדזערע ליבסטע און טייערסטע, עס איז גענוג צו דערמאנען, אז מיר, אלס יידן מיט פוילישע פאספארטן, האבן שוין אין 1938 געמוזט אויסנוצן „פראטעקציע", כדי צו באקומען פון דער פוילישער אמבאסאדע אין פאריז, א וויזע אויף א באזוך אין סלאנים. איך מיין, אז מיר זיינען געווען די איינציקע, ווייל די "פראטעקציע" איז געווען אזש צום וויצע־אמבאסאדאר א פריץ פון נעבן סלאנים, וועלכער איז געווען א קליענט אין געשעפט פון מיינע זעליקע שוויגער־עלטער׳ן.

עס איז אבער געווען פסח, און טראץ דאס איבערגעוואגטע, האבן מיר אפגעפילט אין סלאנים די יום־טוב׳דיקע שטימונג. עס האבן זיך אנגעפארן אויף פסח, אויסער אונדז, נאך אנדערע געסט פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך, ווו סלאנימער האבן זיך געהאט באזעצט. מ׳איז געווען גליקליך זיך ווידער צו טרעפן. ניעוווסקי איז געווען פול און באלעבט. פון רוט־קאווסקי׳ן ביז זעליקאווסקי׳ן האט אפגעהילכט דער שיינער סלאנימער יידיש.

חול־המועד זיינען, ווי געוויינלעך, פארגעקומען רעפע־ראטן און פארזאמלונגען, סיי פריוואט און סיי אין די פארטיי־קלובן: בא די ציוניסטן, בונדיסטן, השומר־הצעיר, רויטן מגן־דויד, ווי אויך בא די אומלעגאלע קאמוניסטן.

עס איז גראד געווען ארום 1־טן מאי און אין צוזאמענהאנג מיט דעם, האבן מיר, באלד בא אונדזער אנקומען, באמערקט דעם פארשטארקטן פאליציי־רעזשים. געהיים־פאליציי האט נאכגעשפירט יעדן איינעם. ארעסטן זיינען שוין פארגעקומען נאך פאר׳ן 1־טן מאי.

מיר האבן פארבראכט אין דער משפחה אומפארגעסליכע טעג. די סדרים מיט אונדזערע עלטערן, ברידער און זייערע משפחות; די צוזאמענטרעפן מיט אלע אונדזערע יוגנט־פריינט; מיט גלאט באקאנטע אין גאס, האבן אונדז אפגע־פרישט און אויפגעוועקט די קינדער־חלומות און צארטע יוגנט־האפענונגען. מיר זיינען ארומגעגאנגען, ווי פארכישופ׳טע און געלעבט גליקלעכע טעג, וועלכע מיר האבן באטראכט, ווי די לעצטע זונען־שטראלן פאר א גרויסן שטורעם.

יעדער טאג, יעדע מינוט פון דעם דאזיקן לעצטן באזוך איז געבליבן פריש אין אונדזער זכרון; זיי באגלייטן אונדז שטענדיק און מונטערן אונדז, ווען די איינזאמקייט דריקט צו שטארק אויפ׳ן הארצן.

מיט א שווערן געמיט און א טיפן פארגעפיל, אז ס׳איז דאס לעצטע מאל, אז מער קיינמאל וועלן מיר באטרעטן די ערד פון אונדזער היים־שטאט און אז מיר לאזן איבער אונדזערע נאענטסטע און טייערסטע אויף „גאטס גענאד", האבן מיר פארלאזן אונדזער שטאט, אונדזער היים, אונדזערע חלומות.

נפש ללייבל לוסקי ז"ל,

יושב־ראש ארגון „יזכור"

של יוצאי סלונים בניו־יורק

צום אנדענק פון לייבל לוסקי ז"ל,

פארזיצער פון דער סלאנימער

„יזכור"- ארגאניזאציע אין ניו־יארק



לייבל לוסקי ע״ה זמן קצר לפני פטירתו

לייבל לוסקי ע״ה א קורצע צייט פאר זיין טויט

ד״ר. נח קאפלינסקי

# לייבל

לייב לוסקין איז געווען זיין נאמען. צו זיין בר־מצווה האט מען אים אויפגערופן צו מפטיר ווארשיינליך מיטן נאמען „החתן אריה־לייב״; אין ישראל וואלט ער געוויס געווען באקאנט מיטן נאמען „אריה״; זיין אפיציעלער געשעפטס־נאמען אין ניו־יארק איז געווען „לארענס לוסקין״; באקאנט איז ער אבער געווען מיטן נאמען, וועלכער האט געקלונגען פשוט און איינפאך, היימיש און פריינטלעך — לייבל.

אזוי האט ער זיך פארגעשטעלט אין אונדזער ערשטן טעלעפאנישן שמועס אין ניו־יארק („לייבל, לייבל לוסקין״); אזוי פלעגט ער זיך אונטערשרייבן אין זיינע הארציקע בריוו, וועלכע זיינען געווען באקאנט מיטן ממש קאליגראפישן האנטשריפט, פראסט און פשוט: לייבל.

פארטווישט די געשטאלטן פון די מיטגלידער פון ביידע פאמיליעס. און ווען כ׳בין געקומען דאס ערשטע מאל אין אמעריקע (מערץ 1966) האב איך נאך ניט גאנץ קלאר רעסטאוורירט אין זכרון די געשטאלט פון לייבל לוסקין. ערשט ווען כ׳האב אים צום ערשטן מאל בעגעגנט אין ניו־יארקער האטעל, ווען ער איז געשטאנען פאר מיר אין זיין הויכער פעסט־געבויטער געשטאלט, האב איך אין אים גלייך געפונען א „פארגרעסערטע אויפלאגע״ פון דעם בערך בר־מצווה־ייִנגל, וועלכן איך פלעג פון צייט צו צייט זען אין דעם געגנט פון לוסקין׳ס הויז, א הויך־געוואקסענער ייִנגל מיט קורצע, ביז די קני, הויזן, וועלכע פלעגן איבערגיין גלייך, כמעט אן א בולט׳ער גרעניץ, אין די לאנגע זאקן. דיזעלבע שטריכן, דערזעלבער געשטעל, נאר אין א געשטאלט פון א דערוואקסענעם, פעסט־געבויטן מאנסביל.



לייבל לוסקי (באמצע) עם חבריו ערב עזיבתו את סלונים בשנת 1936
לייבל לוסקי (אינמיטן) מיט זיינע חברים פאר זיין פארלאזן סלאנים אין יאר 1936

ביי מיין ערשטן באזוך אין אמעריקע האב איך ערווארט צו געפינען אים צווישן די טעטיקע פון דער סלאנימער לאנדסמאנשאפט, לויט די אינפארמאציעס, וועלכע זיינען מיר איבערגעגעבן געווארן אין ישראל. ביי מיר אין זכרון זיינען געווען צוויי פונקטן, צוויי אדרעסן, פארבונדן מיטן פאמיליע־נאמען לוסקין: דאס הויז אויף פאנעסוועער גאס, קעגנאיבער דעם גרויסן הויף פון מאניע שערעשעווסקי און דאס הויז קעגנאיבער דעם וואקזאל. די יארן האבן

„לייבל״ — האט ער זיך מיר דאן פארגעשטעלט און צוגלייך מיט זיין היימישן נאמען האט געשטראלט פון אים, שוין ביי דער ערשטער באגעגעניש: פריינטליכקייט, איידלקייט, באנטקייט.

שוין פון דעם מאמענט איז געווען ממש איבערראשנד, ווי ווייט לייבל איז געווען צוגעבונדן מיט זיין גאנצן וועזן צו דער אלטער היים. זיינע פראגן וועגן די פארשניטענע

אין דעם אומקום אין סלאנים, זיין פאראינטערעסירונג מיט יעדן נאמען פון סלאנימער וועלכע געפינען זיך אין ישראל, זיין גאסטפריינטליכקייט פאר יעדן איינעם וואס האט נאר א שייכות צו סלאנים, — האבן עדות געזאגט וועגן א טיפע זעלישע באציהונג צו דער סלאנימער היים, צו סלאנימער יידן, אירע אינסטיטוציעס, איר פארגאנגנהייט.

זייער אפט פלעג איך קלערן: פונוואנען קומט אזא טיפער באנד, אזא אויסערגעווייגלעכע צוגעבונדנקייט צו א היים, צו א שטאט, צו א געזעלשאפט, וועלכע לייבל האט פארלאזן זייענדיק ממש א ייגגל (געוויס ניט עלטער ווי 16 יאר)), פארוואלגערט זיך אין קובא, געדינט אין דער אמעריקאנער ארמיי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך באזעצט אין קובא און דערנאך ווידער געמוזט זיך איבערווארצלען פון דאסניי אין ברוקלין, — און דאך איז ער געבליבן מיט לייב — און לעבן־פארבונדן מיטן יידישן סלאנים, גלייך ווי ער וואלט ערשט ניט־לאנג פארלאזן זיין היימשטאט אלס א דערוואקסענער, ערפארונגס־רייכער מאן.

לייבל איז געווען א פארנומענער מענטש. זיין באשעפטיקונג אין פארזיכערונגס־בראנזשע האט אים פארנומען זייער פיל צייט. דאך האט ער שטענדיק געהאט צייט אויף צו ווידמענען זיך צו אלץ וואס עס האט נאר געהאט א שייכות מיט סלאנים.

יאר־איין, יאר־אויס האט ער אפגעהיט איינצוארדנען די אזכרה־פארזאמלונגען צום אנדיינקען פון די פארשני טענע טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער, קינדער און עופ׳עלאך אין דעם חורבן פון סלאנים.

אין דעם אויבנדערמאנטן דאטום (20־טער מערץ 1966, ווי עס איז געשריבן אין דער איינלאדונג צו מיר מיט זיין, ווי מ׳פלעגט אמאל זאגן „געציקלטער" האנטשריפט) בין איך געווען איבערראשט צו געפינען די אזוי גוט־איינגעארדנטע פארזאמלונג און צו באגעגענען אפאר הונדערטער פון סלאנימער, וועלכע זייען געקומען פון ווייט און פון נאנט, כדי צוזאמען, אין משך פון א גוטע פאר שעה, זיך פאראייניקן מיט די זכרונות פון דער אלטער היים.

דער לעבעדיקער גייסט פון אט די צוזאמענקונפטן איז געווען לייבל, וועלכער, מיט דער הילף פון א קליין הייפל „לעצטע מאהיקאנער" פון סלאנימער לאנדסלייט, האט געטאן אלץ כדי אנצוהאלטן די „גחלת", דעם נר־תמיד פון דער אומגעקומענער היים.

אין לויף פון אט דער פארזאמלונג האט מיר ערווארט נאך אן׳איבערראשונג: לייבל האט איינגעפירט א טראדיציע צו לייענען יעדעס יאר אויף דער הזכרה־פארזאמלונג א קאפיטל פון מיין מגילה וועגן אומקום פון סלאנים, וועלכע איז פארפאסט געווארן צום אנטהיילן די מצבה פון די סלאנימער קדושים אויפ׳ן בית־הקברות קרית־שאול אין תל־אביב. שוין דער געדאנק אליין איז געווען איינדרוקספול. נאך שטארקער איז געווען דער איינדרוק, הערנדיק די דאזיקע קאפיטלען געליינט מיט געפיל און הארץ, מיט גוטער דיקציע און אינטאנאציע דורך לייבלען.

און ווידער איז געווען שווער זיך אפצורייסן פון געדאנק: פונוואנען איז עס געבליבן ביי א יונגן ייגגל, וועלכער האט פארלאזן זיין געבורטס־היים אין אזא פריהער יוגנט, אזא נאנטקייט, אזא אידענטיפיצירונג, אזא פילבארקייט צו אלץ וואס קומט פון אמאליקן סלאנים? שטארק, זייער שטארק זיינען די באנדן פון דער פארגאנגענהייט, פון דער אמאליקער היים, פון דעם אומקום, באזונדערס דאן ווען עס האנדלט זיך וועגן אזאווארעמע יידישע נשמה, וועגן אזא הארציקע איבערגעגעבנקייט, וועלכע האבן כאראקטעריזירט לייבלס נאבעלע און איידעלע געשטאלט.

איך האב זיך באגעגנט מיט לייבלען אויך ביי מיינע ווייטערע באזוכן אין אמעריקע, אין די יארן 1967 און 1971. אונדזערע באגעגענישן זיינען געווען הארציקע, פריינטלעכע. סיי אין אייניקע צוזאמענטרעפן אין האטעל און קאפעהויז און נאכמער אין דער אינטימער באגעגעניש אין זיין וווינונג אין ברוקלין מיט עטלעכע סלאנימער פריינט האב איך ווידער געהאט די געלעגנהייט זיך אפצושטעלן אויפן פענאמען „לייבל".

איך האב געהאט דעם פארגעניגן אנצוהאלטן א ווייטערן בריוולעכן קאנטאקט מיט לייבלען און כ׳האב געהאפט נאך ווידער מיט אים זיך צו טרעפן, אדער אין אמעריקע, אדער, — ווי מיר האבן ערווארט, — אויף א באזוך אין ישראל.

ביי מיין נעכסטן באזוך אין אמעריקע, אין 1973, האב איך, ווי געוויינליך, גלייך נאך מיין אנקומען אין ניו־יארק, זיך פארבונדן מיט לייבלס וווינונג כדי מיטצוטיילן אים וועגן דעם. אויף מיין טעלעפאן האט געענטפערט... לייבל׳ס אלמנה. ערשיטערט בין איך געבליבן, ווען כ׳האב דערהערט וועגן לייבל׳ס טויט. דבקה לשוני לחכי! איך האב קוים געקענט באגרייפן, אז לייבל איז מער ניטא.

עס איז פארשניטן געווארן אין בליהענדן עלטער א גוטער מענטש, א מענטשן־פריינט, א מענטש מיט הארץ און געפיל און — א צוגעבונדענער מיט דער יידישקייט, פאלקסטימלעכקייט, זאפטיקייט פון דער אלטער סלאנימער היים, וואס איז אמאל געווען און איז נישטא מער.

ערע זיין אנדיינקען! !

יוסף פוקסמן

# לייבל לוסקי – היורש של מסורת סלונימאית בת דורות

## (לזכרו היקר של לייבל לוסקי)

### א.

**עם פטירתו**

אנו מרגישים את האבידה של לייבל לוסקי, ז״ל, נשיא ארגון יזכור הסלונימאי בניו־יורק, כאילו רק תמול ארעה. הוא חסר למשפחתו, לידידיו, למכיריו ולבני עירו. אני רואה את המשכן של האזכרות הסלונימאיות כמין „עליית נשמה" לידידינו החביב לייבל לוסקי, כי על כן הוא השקיע באסיפות האזכרה מרץ, זמן ובריאות. לכן ראוי מאד להקדיש את אסיפת ה„יזכור" לקדושים גם לזכרו של לייבל לוסקי, ז״ל.

שבתפוצה. ידענו את זה גם קודם, ועתה יודעים אנו את זה עוד יותר.

ידוע, שסלונים העיר והאם בישראל הוציאה הרבה סבים והורים בעלי „יחוס אבות", ואני מוסיף, שסלונים הוציאה גם בנים בעלי „יחוס בנים", שנושאים בגאווה ובכבוד את „נוסח סלונים", המסורתי. אחד מאלה, בעלי „יחוס בנים", היה ללא ספק ידידנו לייבל לוסקי, ז״ל. מתוך שמץ של גאווה היה אומר: „נולדתי בסלונים, בסלונים בליתי את ימי ילדותי ונערותי, סלונים חינכה אותי, סלונים היתה כל־כולי. עוד היום, היה מוסיף, עוד היום אחרי מבול הדמים, שמחה את



יוסף פוקסמן בנשאו את דברו באספת ארגון „יזכור" בניו־יורק
על ידו יושב לייבל לוסקי ז״ל

יוסף פוקסמאן טרעט ארויס מיט א רעדע ביים סלאנימער „יזכור" פאריין
אין ניו־יארק. נעבן אים זיצט לייבל לוסקי ז״ל

אמרתי, שלייבל היה נשיא ארגון „יזכור" הסלונימאי בניו־יורק. הריני נזכר בקושיה, ב„שקלא־וטריא" הנושנה: מה עדיף, האדם או מקומו בחיים?? אומרת הגמרא: „לא המקום מכבד את האדם, אלא האדם מכבד את המקום", או את שליחותו בחברה. ארגון „יזכור" הסלונימאי בניו־יורק בנשיאותו של לייבל לוסקי זכה לשם של ארגון חשוב בין כל אלפי בני עירנו ברחבי אמריקה, בישראל ובארצות האחרות

סלונים שלי מעל מפת־העולם, עדיין נשארתי סלונימאי, וכזה אשאר לתמיד".

כאשר הבעתי לו פעם, אחרי אסיפת „יזכור" סלונימאית, הבעת „יישר כוח" על דברי האזכרה הלבביים שלו, השיב לי: „כל מה שנהגיתי וספגתי לתוך ה„אני" שלי שימרתי בתוכי באהבה. אפילו פלוגתות בית־שמאי ובית־הלל, של אביי ורבא, שלמדתי לפני הרבה שנים, יכול אני לחזור עליהן

אפילו באותו ניגון ובאותה תנועה שלמדתין מפי מלמדי, רבותי ומורי".

בדורנו זה, דור „אשר לא ידע את יוסף", היה לייבל היורש המופלא של דורות סלונימאים נהדרים של סבים וסבות. היתה בו „יניקה" סלונימאית, ירושה רוחנית סלונימאית, תוכיות סלונימאית, אמונה ובטחון סלונימאי, תורה ותרבות סלונימאית. העיקר: שרשרות סלונימאית נשא בתוכו אל כל מקום שהלך ולכל מקום שבא.

כשם שבני עירנו זוכרים את ערש מולדתם את קהילת מוצאם, כך עליהם לזכור גם את בעל „יחוס הבן" שלהם, לייבל לוסקי, שהיה צדיק במעשיו ותמים בדרכיו.

עובדה מצערת היא: אין עוד לייבל — היהודי, האדם, הידיד הטוב והנלבב, בן העיר היקר. יהי זכרו ברוך! יהי זכרו שמור וברוך בלבות אנשי סלונים.

## ב.

### עם גילוי הלוט ממצבתו

קיים מנהג עתיק, שעם בוא הקיץ החביב, היינו: למן השבת הראשונה שלאחר הפסח, עד ערב ראש השנה מתחילים בלימוד „פרקי אבות" בכל שבת, או בקיצור: „פרק". זה הוא אוצר של דברי חכמה, לימוד נפלא של אהבת התורה ואהבת ישראל, תורת מוסר ומידות יהודיות טובות והנהגות חיים אצילות, תורה שאפשר הרבה ללמוד ולהשכיל בה.

בפרק מובאת תורה וחכמה מפי שבעים ושנים מגדולי ישראל, הידועים בשם „תנאים". לפרקי האבות אנו מקדימים הקדמה מתאימה: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא". אנו שומעים כאן שתי מלים: „יש" ו„חלק" — המפרשים עומדים על כך, שהמדובר הוא בשני סוגי יהודים: מהם שזוכים ב„יש", ומהם שזוכים ב„חלק". רק מעטים זוכים בשניהם, גם ב„יש" וגם ב„חלק". מי הם אלה שזוכים לכך? אותם ששוכנות בהם שתי נשמות: נשמה אחת, רגילה, שמצויה בכל אדם, ונשמה שניה, שנקראת: „נשמה יתרה". חלקו של האחד בעולם הבא מכוסה בעשבים שוטים, לפי מעשיו הנקלים. אצל אחר, על חלקת ה„יש" שלו צומחים ירק ופרחים, לפי מעשיו הטובים בעולם המעשה.

אנו, הנאספים כאן לגילוי מצבתו של לייבל לוסקי הבלתי נשכח, מציבים את מצבתו הן למען ה„יש" והן למען ה„חלק" שלו בעולם הבא. הן למען מעשיו הטובים והן למען מידותיו הטובות. נזכיר, למשל, את ארגון „יזכור" הסלונימאי בניו־יורק ואותם שהגיעו לכאן אחר החורבן. עד בואו של לייבל הארגון הזה לא היה כמעט קיים. רק עם בואו לניו־יורק נוצרה מסגרת הארגון, שהוא נפח בו רוח חיים, פעולה ותנופה. לייבל השקיע בארגון נוסח, ערכים ותוכן. הוא היה המנהיג המוכר של יוצאי סלונים, המשפיע בכל פעולה ותכנית.

בשנה שעברה בזמן הזה הגיעו לקיצם חייו מלאי התוכן של לייבל על שלוש תחנותיהם: סלונים, קובה, וארצות־הברית. לדאבוננו וכאבנו וצערנו הרב נותק פתיל חייו באמצע. חיי יצירה שקופדו ללא עת.

הייתי רואה את לייבל רק פעם-פעמיים בשנה, והייתי מתפלא תמיד על מרצו השופע, מקוריותו. ללייבל היה תמיד זמן והתעניינות עמוקה למען יוצאי סלונים שביקשו ונזקקו לעצתו של ידיד טוב ואדם קרוב. הוא הרגיש קירבה לבבית אליהם. מידת החסד והאמת של לייבל היתה כנה ונבעה מאורח חיים ישרים. היתה בו אהבת ישראל ואהבת הבריות מסורתית. מידת „בין אדם לחברו" שלו היתה שלמה, מדרגתו של „רבי" לגבי חסידיו. הוא חי בהכרה עמוקה, שאורח חייו הוא הנכון, „דרך המלך" ללא סתירות וסטיות.

לייבל היה בן נאמן לעם היהודי. נאמן ומסור ומלא אמונה בקיומה של מדינת ישראל. הוא היה ער לקריאתה של מדינת ישראל בימי מצוק וסכנה. הוא היה קשור ברוחו ובנפשו למדינת ישראל. שמח בשמחותיה והישגיה וסבל את סבלותיה וצרכיה. הוא היה אחד גדול בינינו ברגש האחריות ובדמות ה„הדר" המקורית שלו.

אנו בני עירו, ידידיו, מכריו וחבריו נזכור אותו לאורך ימינו על מידותיו הנאות, על הנהגותיו ומעשיו ופעולותיו שהעסיקוהו תמיד.

יוסף פוקסמאן

# לייבל — דער יורש פון שיינע סלאנימער דורות

עס זיינען שוין פארגאנגען זעקס חדשים, ווי לייבל לוסקי ז"ל, דער פארזיצער פון דער סלאנימער „יזכור"־ארגאניזאציע אין ניו־יארק איז אוועק פון אונדז. דאך פילן מיר דעם פארלוסט פון לייבל לוסקי, אזוי ווי דער אומגליק וואלט ערשט נעכטן געשען.

ער פעלט ביים שבת־אחים פון די סלאנימער, ביי די מיטינגען, זיצונגען און בארּאטונגען. ער פעלט ביים צוגרייטן די יערלעכע אזכרה; ער פעלט דא היינט ביים „יזכור"־טיש פון דער היינטיקער אזכרה.

ער פעלט זיין משפחה, זיינע פריינט, זיינע באקאנטע און זיינע לאנדסלייט.

איך באטראכט דעם המשך פון די סלאנימער אזכרות, אלס אמין „עליית־נשמה" פארן ליבן אונדזערן לייבל לוסקי, ווייל פאר די אזכרות האט ער אפגעגעבן ענערגיע, צייט און געזונט. דעריבער איז זייער פאסיק און זייער ווירדיק צו ווידמענען היינטיקן אלגעמיינעם סלאנימער „יזכור" צום אנדיינקען פון די קדושים אויך דעם אנדיינק פון לייבל לוסקי ז"ל.

איך האב דערמאנט, אז לייבל איז געווען דער פארזיצער פון דער סלאנימער „יזכור"־ארגאניזאציע אין ניו־יארק. דערמאנט זיך מיר דאס אלטע פראבלעם, אנ'אלטע „שקלא וטריא": וואס איז גרעסער? דער מענטש, אדער זיין ארט, זיין אמט וואס ער פארנעמט? — זאגט אונדזער גמרא, אז ניט דער אמט, ניט דער ארט באשיינט דעם מענטשן, נאר פונקט פארקערט: דער מענטש באשיינט און באפוצט זיין ארט, אדער זיין שליחות וואס ער פירט אויס פאר דער געזעלשאפט.

די סלאנימער „יזכור"־לאנדסמאנשאפט אין ניו־יארק מיט לייבל לוסקי אין דער שפיץ האט ערווארבן א נאמען פון א סאלידע ארגאניזאציע צווישן די טויזנטער סלאנימער לאנדסלייט אין גאנץ אמעריקע, אין ישראל און אין אלע אנדערע לענדער פון די תפוצות. מיר האבן דאס געוווסט נאך פריהער און איצט ווייסן מיר עס נאך בעסער.

עס איז באקאנט, אז סלאנים, די עיר ואם בישראל, האט ארויסגעגעבן א סך יחוס'דיקע שיינע זיידעס און יחוס'דיקע שיינע טאטעס. וויל איך צוגעבן, אז סלאנים האט אויך „יחוס־בנים", קינדער פון סלאנים, וועלכע טראגן מיט שטאלץ און מיט פיל דרך־ארץ דעם טראדיציאנעלן „נוסח־סלאנים".

איינער פון די „יחוס־בנים" איז געווען אָן קיין שום צווייפל אונדזער פריינט לייבל לוסקי ז"ל.

מיט געוויסן שטאלץ פלעגט ער זאגן: „איך בין אין סלאנים געבאָרן, אין סלאנים פארבראכט מיין קינדהייט און מיין יוגנט. סלאנים האט מיר דערצויגן; סלאנים איז געווען מיין „אלץ און אנאנדער. אויך היינט — פלעגט ער צוגעבן, — היינט נאך דעם בלוטיקן מבול, וואס האט אפגעווישט מיין סלאנים פון דער וועלט־מאפע — בין איך נאך אלץ פארבליבן א סלאנימער, און אזא וועל איך שטענדיק פארבלייבן".

ווען איך האב איינמאל, נאך א סלאנימער „יזכור"־נאכמיטאג, אויסגעדריקט אים מיין „יישר־כוח" פאר זיין אמת־טראדיציאנעלן, נשמהאויפציטערנדיקן, „הנני — העני — ממעש'דיקן" „אל מלא רחמים" וואס האט ער געמאכט בעת דער יזכור־צערעמאניע, האט ער מיר געענטפערט: „אלץ וואס איך האב גענאשט און איינגעשלונגען אין מיין באשיידענעם „איך", האב איך מיט ליבע קאנסערווירט אין מיר; אפילו די פלוגתות פון בית־שמאי און בית־הלל, פון אביי און רבא, וואס איך האב מיט א סך יארן צוריק געלערנט — בין איך ביכולת איצט איבערצוזאגן, אפילו מיטן ניגון און מיט דער תנועה, אזוי ווי איך וואלט דאס ערשט נעכטן געהערט פון מיינע מלמדים, רביים און לערער".

אין אונדזער היינטיקן דור, דער דור „אשר לא ידע", — איז לייבל געווען א וואונדערבארער יורש פון שיינע סלאנימער דורות, טאטעס און זיידעס. ער האט געהאט אין זיך סלאנימער יניקה, סלאנימער גייסטיקע ירושה, סלאנימער זאפטן, סלאנימער אמונה און בטחון, תורה און קולטור, דער עיקר: סלאנימער פארוואָרצלטקייט, ווו ער זאל ניט זיין און ווו ער האט זיך ניט געפונען. אזוי ווי אונדזערע לאנדסלייט געדיינקען זייער וויגעלע, די קהלה פון זייער אפשטאמונג, אזוי דארפן זיי אויך געדיינקען זייער יחוס'דיקן זון לייבל לוסקי, וועלכער איז געווען א צדיק במעשיו און א תמים בדרכיו.

עס איז א טרויעריקער אמת: ניטא מער לייבל דער ייד, דער מענטש, דער הארציקער גוטער פריינט, דער טייערער לאנדסמאן.

יהי זכרו ברוך! זאל זיין ליכטיקער אנדיינק צווישן די סלאנימער בלייבן דויערהאפט און געבענטשט!

רוזה לוסקי

# ליום הזכרון הראשון של אחי לייבל לוסקי ע״ה

חלפה שנה, כיום אתמול שעבר, מהיום שאחי הלך אל הנצח. פצע עמוק נשאר בלבי, וספק אם ירפא עוד. ב־28 במאי 1973 התארח אצלנו עם רעייתו. ביום ד׳ בשבוע, 30 במאי, היה אצלנו בבית־המסחר. כסוכן לביטוח היו לו לקוחות באותה סביבה, ומעולם לא הזניח הזדמנות לסור, ולו אך לשעה קצרה, ובבת שחוקו התדירית שואל: „מה נשמע״? „מה שלום כולכם?״ שיתפנו אותו ברשמינו מביקורנו בישראל, הראינו תמונות. כלום יכולתי לתאר, שמלאך המוות פרש את רשתו עליו? למחרת בבוקר בא בננו ובפיו הבשורה המחרידה: לייבל שלנו איננו. המוות חטפו מאתנו...

זוכרת אני היטב, כשאבי, ע״ה, הוביל את לייבל בפעם הראשונה אל בית ספרו של וולפוביטש. זוכרת אני את חגיגת הבר־מצוה שלו. הוא למד אז בישיבה. היא הוחגה בבית החומה החדש שלנו. היו בין המשתתפים ראש הישיבה הרב ר׳ שבתי יגל, ז״ל. הרבי שלו, ר׳ אהר׳לה ז״ל וכן רבים אחרים וכל בני המשפחה. עדיין רואה אני את פניהם המאושרים של הורי, כאשר לייבל דרש את הדרשה שלו. הם רוו נחת מהבן־יחיד שלהם. אחרי לייבל נוספו עוד שלושה ילדים, ביניהם בני הזקונים אברהם ומיכל׳ה. ששה ילדים היינו. בשנת 1934 עזבתי את סלונים ונסעתי לקובה. בשנת



לייבל לוסקי עם הוריו, ערב צאתו את סלונים לקובה בשנת 1936

לייבל לוסקי מיט זיינע עלטערן, פאר זיין אפפארן פון סלאנים
אין קובא אין יאר 1936

מאותה שעה פסקה השמש לזרוח למעני. תנה נא לי אלהים כוח להבין את הנעשה, כדי שיהיה טעם לחיי. הלך אל הנצח אח יקר, דוד, בעל ואב. לי ולאשר בעלי היה לייבל כבננו הבכור (יבדלו לחיים ילדינו).

לייבל נולד בסלונים ב־22 בינואר 1920. זוכרת אני את טקס הברית שהתקיים בחצר בניין המונופול בזאמושצ׳ה. רבים מאנשי עירנו זוכרים בוודאי את המקום. זה היה בצריף ארעי, כי הורי היקרים, זכרונם לברכה, כאנשי סלונים אחרים, היו אז בין הנשרפים בשרפות של שנות המלחמה.

1936 בא אלינו לייבלה. הוא היה אז בן שש עשרה. הייתי כבר נשואה, ובננו, שגם שמו מיכל׳ה, היה אז בן שמונה חדשים. בשנת 1940 עזב לייבל את קובה והיגר לארצות־הברית. הייתי כבר אז אם לשלושה ילדים. ילדתי תאומים, בן ובת, ולייבל היה „קוואטער״ לבננו נחומ׳קה, יבדל לחיים ארוכים. לא עבר זמן רב וגייסו אותו לצבא ארצות הברית. אלה היו ארבע שנים קשות לו וגם לנו. הוא היה באירופה בתוך האש של מלחמת העולם השניה וראה בעיניו מה שהרוצחים הנאצים עוללו לאחינו ולאחיותינו היהודים.

ולבסוף, ביום א׳ בהיר אחד נשמעה דפיקה על הדלת.

בננו נחומ׳קה, בן ארבע, פתח את הדלת, ולעולם לא אשכח דבריו: „מאמי, און סינור!״ (בספרדית: אמא, איש). לשוני דלה מלתאר את האפתעה הנפלאה בראותי את לייבלה לפני. היה זה חג גדול לכל המשפחה. וכמה גדולה היתה שמחתי, כשהוא ניאות להצעתנו להשאר שוב בקובה.

נשארנו מבין כל בני משפחת הורי, מבין ששת הילדים, רק שנינו, אני ולייבל.

והגיע הזמן ולייבל התוודע אל רעיית חייו, שיינדל-זולא, כפי שאנו קוראים לה בספרדית. לייבל ושיינדל היו אמנם זוג מן השמים, חיו חיים אידיליים, בנו בית מסורתי וגידלו שלושה ילדים יקרים. אולם הגורל רצה אחרת. לא נגזר שימשיכו את חייהם המאושרים. לייבל הלך לעולם. ידעתי כמה אהבו זה את זו, כמה אני ובעלי וכל בני המשפחה אהבוהו. ללייבל היו הרבה מאד ידידים. הוא היה טבעי וצנוע, מעולם לא דיבר על עצמו. הוא אהב לשיר ולהתבדח, לשמח אחרים. את אנחותיו שמר בוודאי עמוק בלבו לעצמו. מעולם לא התאונן, היה תמיד שמח בחלקו. קבל הכל בשקט נפשי וברוח טובה. היה מוכן תמיד לעזור לזולת. התייחס בכבוד לכל אדם. אני ובעלי ידענו כמה השביענו נחת בחייו. אנו מרגישים עכשו, אחרי מותו, כמה אהבה נטע בלבותינו. הרבה מאד מידידיו הטובים, יהודים ולא יהודים, ליוו אותו לפני שנה למנוחתו האחרונה.

אף על פי שהיום הוא יום סגריר, כאילו השמים משתתפים אף הם בצערנו ואבלנו הרב, באו גם היום רבים ממוקירי זכרו אל גילוי המצבה. כולם מזכירים אותו מתוך אהבה כנה.

היינו צריכים למצוא נחמה בשמו וזכרו הטוב. אולם קשה לנו להתגבר על אבלנו העמוק וגעגועינו אליו. במקום אח נלבב ניצבת לפנינו אבן גדולה ועליה חרותות המלים:

אריה לייב בן ר׳ משה הלוי לופקין

החיים חזקים אמנם מהמוות. המוות הוא תופעה חד-פעמית. החיים מסובכים מאד. מוכרחים לחיות ולהתגבר.

הוי, אחינו הבלתי נשכח! כך ראינו את התגשמותם של כל בני משפחתנו המושמדים. בבקרנו אותך היום הרגשנו כאילו עלינו לקברות בני משפחתנו המושמדים.

אני נשארת היחידה. לא אשכחכם לעולם, ואשא בלבי את זכרכם הקדוש עד לנשימת חיי האחרונה.

---

ראזע לופקי

# צום ערשטן יארצייט פון מיין ברודער לייבל לופקי ע״ה

שוין א יאר אריבערגעלאפן און ווי נעכטן וואלט עס פאסירט, אז לייבל איז אוועק אין דער אייביקייט. א טיפע ווונד איז געבליבן אין מיין הארצן און איך צווייפל, צו זי וועט זיך ווען ס׳איז פארהיילן.

דעם 28־טן מאי 1973 איז ער געווען ביי אונדז צו גאסט מיט זיין פרוי. מיטוואך דעם 30־טן מאי איז ער געווען ביי אונדז אין געשעפט. אלס אגענט פון א פארזיכערונג געזעלשאפט, האט ער געהאט קלייענטן אין זעלבן געגנט און קיינמאל ניט דורכגעלאזן די געלעגנהייט ארייַנצוכאפן זיך, כאטש אויף א קורצע ווייל, און מיטן שטענדיקן שמייכל א פרעג טאן: וואס הערט זיך? וואס מאכן אלע? — מיר האבן זיך געטיילט מיט אים וועגן אונדזער רייזע קיין ישראל, געוויזן פאטאגראפיעס.

ווער וואלט זיך געקענט פארשטעלן, אז דער מלאך המוות האט שוין פארלייגט פאר אים די נעץ? צומארגנס גאנץ פרי איז אונדזער זון געקומען מיט דער דערשיטערנדיקער בשורה, אז אונדזער לייבעלע איז מער ניטא. דער גרויזאמער טויט האט אים אזוי אומגערווארטעט ארויסגעריסן פון אונדז!

פון יענעם מאמענט האט די זון אויפגעהערט צו שיינען פאר מיר. גיב מיר, א גאט, כוח! כ׳מוז דאך באנעמען דעם זין פון דאס וואס איז געשען, — אנדערש האט דאך מיין אייגענער לעבן קיין זין ניט. ס׳איז אוועק אין דער אייביקייט א טייערער ברודער, פעטער, מאן און פאטער. פאר מיר מיט אשר׳ן, מיין מאן, איז לייבל געווען אזוי ווי אונדזער עלטסטער זון (אונדזערע קינדער צו לאנגע יארן).

לייבל איז געבארן געווארן אין סלאנים 22־טן יאנואר 1920. איך געדיינק לייבל׳ס ברית. ס׳איז געווען אויף זאמאשטשע, אויפ׳ן הויף פון דער מאנאפאל־געביידע. א סך פון אונדזערע לאנדסלייט געדיינקען געוויס דעם פלאץ. דאס איז געווען אין אנ׳אויפגעקלאפטן באראק, ווייל מיינע עלטערן ע״ה, ווי נאך אסך אנדערע סלאנימער, זיינען געווען צווישן די נשרפים פון די שריפות פון די מלחמה־יארן.

כ׳געדיינק אויך ווי היינט, ווען מיין טאטע ע״ה האט

---

*) ווערטער געזאגט דורך דער שוועסטער פון פארשטארבענעם ביי דער ענטהילונג פון דער מצבה.

אוועקגעפירט לייבלען צום ערשטן מאל צו וואלפאוויטשן אין שולע. כ'געדיינק ווי היינט לייבל'ס בר־מצוה. ער האט דאן געלערנט אין ישיבה. ס'איז געפייערט געווארן אין אונדזער בייעם אויסגעבויטן מויער. עס זיינען געווען אנוועזנד דער ראש־הישיבה הרב ר' שבתי יגל ז"ל, זיין רבי ר' אהר'עלע ז"ל און פיל אנדערע, ווי אויך די גאנצע משפחה. כ'זע נאך איצט די גליקלעכע פנימ'ער פון מיינע עלטערן, ווען לייבעלע האט געזאגט די דרשה. זיי האבן אנגעקוואלן פון דעם בן־יחיד'ל. נאך לייבלען זיינען צוגע־קומען נאך דריי קינדער, צווישן זיי דער מוזיניקל אברהם־מיכעלע. 6 קינדער זיינען מיר געווען.

אין 1934 האב איך פארלאזן סלאנים און כ'בין אוועק קיין קובא. אין 1936 איז לייבעלע געקומען צו אונדז. ער איז דאן אלט געווען 16 יאר. כ'בין שוין דאן געווען פאר־הייראט און אונדזער זונעלע, אויך מיטן נאמען אברהם־מיכעלע, איז דאן אלט געווען 8 מאנאטן. אין 1940 האט לייבל פארלאזן קובא און עמיגרירט אין די פאראייניקטע שטאטן. דאן בין איך שוין געווען א מאמע פון דריי קינ־דער. איך האב געבוירן א צווילינג, א זון מיט א טאכטער, און לייבל איז געווען קוואטער ביי אונדזער זון נחום'קען, אים צו לאנגע יאר.

ס'נעמט ניט לאנג און מען מאביליזירט אים אין דער אמעריקאנער ארמיי. דאס זיינען געווען 4 שווערע יארן פאר אים און אויך פאר אונדז. ער איז געווען אין אייראפע אין סאמע פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און האט געזען מיט זיינע אויגן וואס די נאצישע רוצחים האבן געטאן צו אונדזערע ברידער און שוועסטער יידן.

און ענדליך, אין א שיינעם זונטיק האט עמיצער אנגע־קלונגען אין טיר. אונדזער דאן 4־יאריקער נחום'קע האט געעפנט די טיר. כ'וועל קיינמאל ניט פארגעסן זיינע ווער־טער: „מאמי, און סענאר" (אין שפאניש: „מאמע, א מאן"). צו ארעם איז מיין שפראך צו שילדערן דעם וווּנדער־לעכן סיורפריז, ווען כ'האב דערזען לייבעלען פאר זיך. א גרויסער יום־טוב איז געווען פאר דער גאנצער משפחה. און ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען ער האט, אויף אונדזער פארשלאג, ווידער באשלאסן צו פארבלייבן אין קובא.

געבליבן זיינען מיר, — פון אונדזערע עלטערנס מש־פחה מיט די 6 קינדער — נור צוויי: לייבל און איך.

און די צייט איז געקומען און לייבל האט זיך באקאנט מיט זיין לעבנס־באגלייטערין שיינדל, זאלא ווי מיר רופן איר אין שפאניש. לייבל מיט שיינדלען זיינען געווען אנ'אמתער זיווג מן השמים, געפירט אנ'אידיליש לעבן, אויפגעבויט א טראדיציאנעל יידישע היים, אויפגעהאדעוועט דריי געראטענע טייערע קינדער.

דער גורל האט אבער אנדערש געפירט. ניט באשערט געווען, אז זיי זאלן פארזעצן צוזאמען זייער גליקלאכן לע־בן. לייבל איז אוועק אויף אייביק.

כ'האב געוווּסט, ווי שטארק זיי האבן זיך ביידע ליב געהאט; ווי שטארק איך און מיין מאן, ווי אויך די גאנ־צע משפחה האבן אים ליב געהאט. לייבל האט געהאט גאר אסך פריינט. ער איז געווען נאטירלעך און באשיידן, קיינמאל ניט גערעדט וועגן זיך; ער האט ליב געהאט צו זינגען, זיך וויצלען, פריילעך מאכן אנדערע. די אייגענע זיפצן און קרעכצן האט ער מסתמא טיף באהאלטן אין זיך אליין; ער האט זיך קיינמאל ניט געקלאגט, א שטענדיקער שמח בחלקו; אנגענומען אלץ רוהיק און גוטמוטיק; שטענ־דיק געווען גרייט צו העלפן דעם יחיד. ער פלעגט שוינען אלעמענס כבוד און זיך באצויגן מיט רעספעקט צו יעדן איינציקן מענטש. מיין מאן און איך האבן געוווּסט, וויפל נחת ער האט אונדז פארשאפט ביים לעבן. מיר פילן איצט, נאך זיין טויט, וויפל ליבע ער האט פארפלאנצט אין אונדזע־רע הערצער. זייער פיל פון זיינע גוטע פריינט, א גרויסער צאל פון יידן און אויך ניט־יידן האבן אים מיט א יאר צוריק, באגלייט צו זיין אייביקער רו.

טראץ דעם וואס היינט איז א רעגנדיקער טאג, פונקט ווי דער הימל וואלט אנטיילגענומען אין אונדזער גרויסן טרויער און צער, — זיינען אויך היינט גאר אסך פריינט און באקאנטע געקומען צו דער אויפדעקונג פון דער מצבה. אלע דערמאנען אים מיט אזויפיל אויפריכטיקער ליבע!

מיר האבן דאך געדארפט געפינען א טרייסט אין זיין שם — נאך וואס ער האט איבערגלאזן. דאך איז אונדז אזוי שווער גובר צו זיין דעם טיפן טרויער און די בענק־שאפט. אנשטאט א הארציקן ברודער שטייט פאר מיינע אויגן א קאלטער גרויער שטיין מיט אויסגעקריצטע אותיות: „אריה־לייב בן ר' משה הלוי לוסקין".

יע, דאס לעבן איז שטארקער פון טויט. דער טויט איז אנ'איינמאליקע דערשיינונג; דאס לעבן האט גאר אסך קאמפליקאציעס. מען מוז לעבן, אדורכלעבן און איבערלעבן, ווי שווער עס זאל ניט זיין.

א, מיין אונפארגעסלעכער ברודער! דו האסט ביים לעבן פארקערפערט אונדזער גאנצע אומגעקומענע משפחה. באזוכנדיק דיר היינט, זיינען מיר אויף קבר אבות פון אונד־זער אומגעקומענער משפחה, הי"ד!

איך, די איינציקע לעבנגעבליבענע, וועל אייך קיינמאל ניט פארגעסן און כ'וועל הייליק האלטן אייער אנדיינקען ביז מיין לעצטן לעבנס־אטעם!

אליעזר ווילענטשיק

# מיין חלום

**ווערטער געזאגט צום אנדיינקען פון לייבל לוסקי
אויף דער סלאנימער „יזכור״־פארזאמלונג,
25-טן נאוועמבער 1973**

אין מיינע יונגע יארן אין סלאנים האב איך ליב געהאט צו שפאצירן ביינאכט אליין. מיין געוויינלעכער מארשרוט איז געווען גיין צום באן וואס קומט אן שפעט ביינאכט און צוריק. דער שפאציר פלעגט פאר מיר זיין אינטערעסאנט און אנגענעם: די לופט איז פריש, ס׳הערשט אן׳אבסאלוטע רוהיקע שטילקייט; נאר איינצלנע פענסטער זיינען באלויכטן און מען טרעפט קוים א פארשפעטיקטן פארבייגייער; אויך הערט מען ווי ניט ווו דאס בילן פון א הונט; ביי דער דאמבע דערטראגט זיך דאס שטארקע קוואקען פון די זשאבעס און דאס לייכטע פאליושקען זיך פון די שטשארע־וואסערן. די שפאצירן זיינען געווען ווי א באלזאם פאר מיין יונגע נשמה.

נעכטן ביינאכט האב איך ווידער איבערגעלעבט עטוואס אזיינס. דאס איז געווען א חלום.

איך האב געהאט א וויזיע, אז איך גיי אזוי צוריק פון וואקזאל און עפעס א מאדנע טויטע שטילקייט הערשט ארום מיר. מען זעט ניט קיין ליכט פון א פענסטער, מען הערט ניט קיין סקריפען פון א טיר, קיין בילן פון א הונט, מען טרעפט ניט קיין שום פארשפעטיקטן דורכגייער; אפילו די שטשארע איז געבליבן באוועגונגסלאז און די זשאבעס זיינען ווי פארשוואונדן; ניטא קיין שום שארך, קיין שום סימן פון לעבן; די הייזער זעען אויס ווי טויטע סילועטן, די פענסטער — פוסטע לעכער אן שויבן, אן לאדן. איך ווער אומרוהיק און ס׳באהערשט מיר א שרעק. איך גיי ווייטער און אט בין איך שוין ביים ראד־קראמען, דער רייכער און ארעמער זייט; אפענע טירן, אינווייניק פוסט, ניט קיין קרעמער, ניט קיין סחורה, ניט קיין קונדן. איך קום צו צום מארק, צו מיין שווער ר׳ ירוחם לעווינשטיין׳ס הויז, צו לאה־ראכעס קראם פון געבעקס. ווו זיינען די מילכיקעריגס, די מארק־יידענעס מיט זייערע פיש־באלעיעס און פרוכט־קאשיקעס? און אט איז די גרויסע שול, דער געמויערטער בית־מדרש, אלץ איז טויטשטיל, באוועגונגסלאז און פוסט. דער אפקלאנג פון מיינע טריט שרעקט מיר; איך קום צו צום הויז פון מיינע עלטערן: די טירן, די פענסטער זיינען אפן, ניטא קיין מעבל, קיין בעטגעוואנד, קיינע שטוב־זאכן, א פוסטקע! איך שטיי א צוטומלטער און א צושראקענער. אין מיין פארצווייפלונג פאלט מיר ארייִן א געדאנק: גיין צום רוזשנאיער בית־עולם. שנעל פארלאז איך מיין עלטערן׳ס היים און כ׳גיי האסטיק אהין. אט בין איך שוין נעבן די מאגילקעס. כ׳גיי פארביי יואל דעם חסיד׳ס בערגל און כ׳דערנענטער זיך צום טויער פון בית־עולם. דער ארט איז מיר גוט באקאנט. איך פלעג גיין תשעה־באב מיט מיין טאטן עליו השלום צו די קברים פון מיין זיידן און באבען ע״ה און אפשטעלן זיך נעבן די מייערלאך פון די רבנים און צדיקים און לייענען די אפגעריבענע מצבות. איך גיי פארביי די טהרה־שטיבל און פארקירעווע זיך צו מיין זיידנס קבר. פלוצלינג דערזע איך, ווי ס׳שטייט מיר אנטקעגן — לייבל לוסקי! עס ציטערט מיר און כ׳רוף אויס: „לייבל, וואס טוט איר דא? און ווו זיינען אלע אונדזערע סלאנימער יידן?״ — לייבל ענטפערט מיר מיט א פארטרויערטער שטימע: „קומט מיט מיר, איך וועל אייך וויינזן אונדזערע לאנדסלייט״. און אזוי ווי ער רעדט דאס ארויס, שוועבן מיר ביידע אין דערלופטן און ער ברייגגט מיר צום טשעפעלאווער וואלד. מיר שטעלן זיך אפ אויף א קליינעם בערגל. קעגנאיבער אונדז — א פלאכער טאל, באוואקסן מיט שיטערע גראז און פול מיט מענטשלעכע ביינער, שארבנס פון קעפ, צושאטן איבערן גאנצן טאל. און לייבל זאגט צו מיר: „איר געדיינקט יחזקאל׳ס נבואה וועגן די עצמות יבשות? וויל איך דאס איצט פארלייענען פאר אייך״. — און מיט זיין הויכער באריטאן־שטימע האט ער גענומען רעציטירן:

„די האנט פון גאט איז געווען אויף מיר און האט מיר אראפגעלאזן אין מיטן פון א טאל און ער איז געווען פול מיט מענטשלעכע ביינער. זיי זיינען געווען זייער פיל, און זיי זיינען געווען זייער פארטריקנט, און גאט האט צו מיר געזאגט: — „מענטשנס קינד, צו קענען די דאזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?״ — האב איך געזאגט: א, גאט, דו ווייסט דאך!״ — האט ער צו מיר געזאגט: „זאג נביאות צו די דאזיקע ביינער און זאג צו זיי: איר טרוקענע ביינער, הערט דאס ווארט פון גאט! אזוי האט גאט געזאגט צו די דאזיקע ביינער: זעט! איך וועל געבן אויף אייך אדערן און ארויפטאן אויף אייך פלייש און ארויפציהען אויף אייך א הויט און ארייַנגעבן אין אייך אן׳אטעם, און איר וועט לעבעדיק ווערן און איר וועט וויסן אז איך בין גאט״. און איך האב נביאות געזאגט אזוי ווי איך בין באפוילן געווארן. און עס איז געווארן א גערויש און א גערודער, און די ביינער האבן זיך דערנענטערט ביין צו ביין, און איך האב געזען אז אדערן זיינען אויף זיי געגעבן געווארן, און פלייש איז ארויפגעוואקסן, און א הויט האט זיך אריבערגעצויגן אויף זיי, נאר קיין אטעם

איז אין זיי ניט געווען. האט גאט צו מיר ווידער געזאגט: „מענטשנסקינד, זאג נביאות צום אטעם: אזוי האט גאט דער האר געזאגט: פון די פיר ווינטן קום, דו אטעם! און הויך אריין אין די דאזיקע הרוגים, אז זיי זאלן לעבעדיק ווערן". — און איך האב נביאות געזאגט, אזוי ווי ער האט מיר באַ־פוילן. און דער אטעם איז אין זיי אריין, און זיי זיינען לעבעדיק געווארן און זיי האבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס זייער א גרויסע מחנה. און גאט האט צו מיר נאך א מאל געזאגט: „מענטשנסקינד, די דאזיקע טרוקענע ביינער, זיי זיינען דאס גאנצע הויז פון ישראל. זיי זאגן: פארטריקנט זיינען אונדזערע ביינער, פארלארן איז אונדזער האפנונג, פארשניטן זיינען מיר. דערום זאג נביאות: אזוי האט גע־זאגט גאט דער האר: איך וועל אייך ארויסברענגען פון אייערע קברים און ברענגען אייך אויף דער ערד פון ישראל, און איך וועל אייך לאזן רוהען אויף אייער ערד, און איר וועט וויסן, אז איך גאט האב גערעדט און געטאן". —

און אזוי ווי לייבל האט דאס פארגעלייענט פאר מיר, האב איך דערזען, ווי די קערפערס פארמירן זיך פון די צע־ווארפענע ביינער, און פון די טויטע גריבער שליאכען זיך ארויס מענטשלעכע געשטאלטן; טונקעלע, פאראומערטע פארוויינטע פנימער, מיט אפענע אויגן־לעכער, טוליען זיך איינער צום צווייטן, שטילערהייט דריקן זיי זיך צוזאמען. זייערע שטעכיקע בליקן פאדערן און מאנען דרינגענד: „פאר־געסט אונדז ניט, גיט אונדזער מארטירערטום א תקומה, זעצט פאר דעם המשך פון אונדזער פאלק ישראל; זייט וויסן אז מיר זיינען אנ׳עם־עולם, אנ׳אייביק פאלק, נצח ישראל לא ישקר. געדיינקט שטענדיק די טיפע יידישע ווארצלען פון דער פארגאנגענהייט. דעו מאין באתם און זאלן אונדזערע נעמען ניט פארגעסן ווערן". —

ארום איז א טויטע שטילקייט. קיין צווייגעלע גיט זיך ניט א שאקל. אין דעם בין־השמשות׳דיקן, טונקל־גרויען שיין שטייען די בוימער ווי פארפרוירענע. אלץ איז אפגעשטארבן. און לייבל זעצט פאר: „מארגן איז די „יזכור"־פארזאמלונג פון אונדזערע לעבנגעבליבענע לאנדסלייט, גיי און דערצייל זיי וואס דו האסט געזען און זאג זיי, אז איך, לייבל לוסקי, בעט אלע סלאנימער זיי זאלן קומען צו דער הזכרה, ווו אויך מיין גייסט וועט דארטן שוועבן".

און ווי לייבל האט געענדיקט ריידן, דערזע איך, ווי ער ווערט לאנגזאם פארשוווגדן און די גאנצע סלאנימער עדה פארשווינדט מיט אים. איך בלייב אליין, אליין אויפ׳ן טשעפעלאווער בערגל, און דער פלאכער ברייטער טאָל איז ווידער פארפולט מיט מענטשלעכע ביינער. —

איך גיב זיך א צאפל פון שרעק, עפן אויף מיינע אויגן און כ׳דערזע: איך ליג אין בעט. ס׳איז געווען א וויזיע, א חלום.

דורך׳ן פענסטער שיינט אריין א שפראץ פון דער פריי־מארגנדיקער זון, וואס זאגט אן דאס אנקומען פון א נייעם טאג. איך באשליס: איך מוז דערציילן אונדזערע לאנדסלייט אויף דער „יזכור"־פארזאמלונג דעם אייגנארטיקן חלום.

און אט שטיי איך פאר אייך, ליבע לאנדסלייט, און גיב אייך איבער אונדזער לייבל׳ס ווערטער.

לייבל! איך האב ערפילט דיין שליחות. און צו דעם וועל איך צוגעבן: מיר וועלן דיר שטענדיק געדיינקען און האלטן טייער דיין נאמען.

ימתקו לך רגבי עפרך ותנוח בשלום על משכבך!

---

**יוסף פוקסמאן**

# ביי דער אנטהילונג פון זיין מצבה

ביי יידן איז פאראן א מנהג זייט לאנגע, לאנגע יארן, אז ווי נאר עס קומט דער ליבער זומער, און טאקע פון ערשטן שבת נאך פסח ביז ערב ראש־השנה, הייבט מען אן פון שבת, צו שבת, צו לערנען פרקי־אבות, וועלכע זיינען באקאנט מיט׳ן פאפולער־פארקירצטן נאמען „פרק". עס איז אנ׳אוצר פון חכמה, א וואונדערלעכע לערע פון „אהבת־התורה" און „אהבת ישראל", א לערע פון עטיק, מאראל, גוטע שיינע יידישע מידות און נאבעלער אויפפירונג אין לעבן, א תורה פון וועלכער מען קען זייער אסך לערנען און אפלערנען.

אין פרק ווערט געבראכט תורה און חכמה פון 72 גרויסע יידן, באקאנט מיטן נאמען: „די תנאים". די דערמאנטע פרקי־אבות זיינען פארזען מיט א משנה, אדער א הקדמה, זייער א פאסיקע: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", וואס דאס מיינט צו זאגן, אז יעדער ייד, נאכ׳ן אפלעבן זיין לעבן אויף דער פיזישער וועלט, האט אויך א רעכט אויף דער גייסטיקער וועלט פון עולם הבא. אין פסוק זיינען פא־ראן די צוויי ווערטער: „יש" און „חלק". מפרשים טייטשן, אז עס זיינען פאראן צוויי קלאסן, אדער קאטעגאריעס:

אייניקע האבן א „יש", און אנדערע האבן א „חלק". זייער ווייניק זיינען פאראן, וועלכע פארדינען זיך ביידע: אי דעם „יש" און אי דעם „חלק".

ווער זיינען דאס יענע ווייניקע, וואס האבן אזא זכות? דאס זיינען די, וועלכע האבן געהאט און געלעבט מיט צוויי נשמות: איין נשמה ווי יעדער איינער און א צווייטע נשמה, וועלכע מען רופט „נשמה יתרה". ביי איינעם איז זיין „חלק" אין דעם „עולם־הבא" באוואקסן מיט ווילד־גראז, לויט זיינע נישטיקע מעשים; ביי א צווייטן איז זיין „יש" פארפלאנצט אין גרינס און אין בלומען, לויט זיינע מעשים טובים אויף דער פיזישער וועלט.

מיר דא, פארזאמלטע היינט צו דער אנטהילונג פון דער מצבה צום אונפארגעסלעכן לייבל לוסקי, שטעלן די מצבה הן צו זיין „יש" און הן צו זיין „חלק" אין זיין עולם־הבא וועלט, — סיי פאר זיינע מעשים טובים און סיי פאר זיינע גוטע מידות.

נעמט צום ביישפיל די סלאנימער „יזכור" — ארגאניזאציע אין ניו־יארק, די וועלכע זיינען אנגעקומען אהער נאך דעם חורבן. ביז לייבלס קומען האט די קערפערשאפט כמעט ווי ניט עקזיסטירט, אבער מיט זיין קומען אין ניו־יורק איז געשאפן געווארן די ראם פון אנ'ארגאניזאציע מיט לעבן, טעטיקייט און שווונג. לייבל האט אריינגעגעבן אין דער ארגאניזאציע נוסח, ווערטן און אינהאלט. ער איז געווארן דער אנערקענטער פירער פון די לאנדסלייט, דער אינספיראטאר פון יעדער טעטיקייט און אונטערנעמונג.

פאראיארן אין דער צייט האט זיך פארענדיקט לייבלס אינהאלטסרייכער לעבן, וואס איז באשטאנען פון דריי עטאפן: סלאנים, קובא, אמעריקע.

צום גרויסן ווייטאק, פארדרוס און צער, האט זיך זיין לעבנס־שאפונג פארענדיקט אין מיטן וועג, א שאפונג אן א סוף.

געזען האב איך לייבלען נאר 1—2 מאל א יאר און שטענדיק האב איך באוואונדערט זיין שפרודלדיקע ענערגיע, זיין אייגנארטיקייט. לייבל האט שטענדיק געהאט צייט און טיפן אינטערעס פאר די לאנדסלייט, וועלכע האבן געזוכט און זיך גענייטיקט אין אנ'עצה פון אגוטן פריינט און א נאנטן מענטש. ער האט זיך געפילט הארציק נאנט צו זיי. לייבלס מידה פון חסד און אמת איז ביי אים געווען אנ'אויפריכטיקע און א רעזולטאט פון אנ'ערלעכן לעבנס־שטייגער.

ער האט געהאט אין זיין וועזן א טראדיציאנעלע אהבת ישראל און אהבת הבריות. זיין „בין אדם לחברו" איז געווען אין פולן זין פון ווארט און אין דער מאס און מדרגה פון א „גוטן יידן" צו זיינעם א חסיד. ער האט געלעבט מיט דער טיפער איבערצייגונג, אז זיין לעבנס־וועג איז א ריכטיקער, א דרך־המלך'דיקער, אן סתירות, אן זיגזאגן און אין הארמאנישקייט.

לייבל איז געווען א געטרייער זון פון יידישן פאלק, געטריי, איבערגעגעבן און פול מיט גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל; ער איז געווען וואך צו ישראל'ס רוף אין צייטן פון נויט און געפאר; געווען זעליש און אויך אידעאיש פארבונדן מיט ישראל; געפרייט זיך מיט אירע פריידן און דערגרייכונגען און אויך געליטן אירע ליידן און נויטן.

ער איז געווען א גרויסער יחיד צווישן אונדז, מיט זיין געפיל פון פאראנטווארטלעכקייט און זיין אייגנארטיקער „הדר"־געשטאלט.

מיר, זיינע לאנדסלייט, זיינע פריינט, באקאנטע און חברים, וועלן אים לאנג געדיינקען מיט זיינע שיינע מידות, פירונגען און מעשים, אויף וועלכע ער האט קיינמאל ניט מוותר געווען!

JOSEPH FUXMAN

## LEIBL LUSKI

There is an age-old custom among Jews that as soon as summer arrives — indeed, from the first Sabbath after Pesach until Erev Rosh Hashona — we begin to read, every Sabbath, in the Pirkey Ovos, popularly known as "Perek". Perek is a treasure of wisdom, a wonderful lesson of Ahavas Torah (Love of Torah) and Ahavas Yisroel (Love of the Jewish People), a teaching of ethics and morality, of beautiful habits and a nobility of living, a teaching from which we can all learn very much.

In Perek we have the teachings of 72 great

Jewish sages know as Tanaiim. Pirkey Ovos is introduced by a very fine mishne: *Kol Yisrael yesh lohem kheylek l'olom haboh.* (Every member of the Jewish people has a portion in the world to come); that is, every Jew — after the 120 years in the material world — has a right to the spiritual world to come. The commentators interpret this to mean that there are two categories of people: those who have a "yesh" and those who have a "kheylek". Far and few between are those who have earned both categories.

Who are those rare individuals who have that honor? Those who have lived their lives with two souls: One soul of the everyday variety, and another soul which is called "neshomoh yesere" (additional soul). With some people, their portion of the world to come is overgrown with weeds, in accordance with their worthless deeds. With other people, their portion is planted with fresh grass and flowers, in accordance with their good deeds in the material world.

Those of us who are gathered here today to dedicate the gravestone of our unforgettable Leybl Luskin are establishing a memorial both to his yesh and to his kheylek in the world to come, both for his good deeds and for his fine ways. Take, for instance, the Shevet Slonim (Society of Slonim) in New York which, when Leybl came here, was practically non-existent. With his arrival, it immediately became an organization with life, with activity, with tempo. Leybl gave the organization style, importance, content. He became its leader. He was the inspiration, the driving force behind every activity and every undertaking.

Last year at this time Leybl's stormy and spiritually rich life came to an end, a life that stretched from Slonim to Cuba to America. To our great heartbreak, his life story ended in the middle — a story without an end.

I saw Leybl only once or twice a year, and each time I marveled at his boundless energy and enthusiasm, his creativity, a rarity among the survivors, who came to America seeking only one thing: "Success". But Leybl also found time for an abiding interest in members of Shevet Slonim who needed a bit of advice from a good friend and close companion. He felt close to such people, and in turn, they felt close to him. Leybl's way of being fair and truthful with others was open and honest; it was part of his personal philosophy.

Leybl possessed a traditional love of the Jewish people, as well as of all creation. Leybl's relationships with his fellow human beings was, in the full sense of the word, on the level of that of a saintly Jew with a disciple. Leybl lived with the deep conviction that his way of life was right, without contradictions, without zigzags; it was a life of harmony.

Leybl was all Jew and all mentsh, all comrade and all friend. He was a loyal son of the Jewish people, devoted to the existence of the State of Israel. He was alert to Israel's call in time of need and danger. He was spiritually and ideologically bound up with Israel, he rejoiced in her achievements and suffered with her misfortunes and defeats.

Leybl was a great man among us in Shevet Slonim, with his sense of responsibility and his unique sense of honor. Such was Leybl in life, and such was Leybl when he went to what we call "the eternal world".

We, his landsleit, his friends and acquaintances, will long remember him, his beautiful ways and deeds, which he never forsook.

Yisgadal v'yiskadash...

ROSE LUSKY

# ON THE FIRST YORTZEIT OF MY BROTHER LEYBL

A year has already flown by, but it seems as if it were only yesterday that Leybl went to his eternal rest. A deep wound remains open in my heart, and I doubt that it will ever heal.

On the 28th of May, 1973, he and his wife were at our home for a family gathering. Wednesday the 30th he was in our place of business, because as an insurance agent he had clients in the neighborhood where our business is located, and he never let an opportunity go by to drop in even for a few minutes, always with a smiling "Hello, how are you". I recall that I was busy with a customer. Leybl sat down and waited until I was finished. Then I showed him pictures which I had taken on our trip to Israel. We had returned from Israel on May 13th. Who could have imagined that the Angel of Death had already spread out his net for Leybl? Six o'clock the next morning our son came in with the shattering news that Leybl was gone. So suddenly, so unexpectedly, he had been torn away from us...

From that moment, the sun ceased to shine for me. O God! Give me the strength to comprehend the meaning of what has happened, otherwise my life will have no meaning. A beloved brother has gone to his eternity. For me and my husband Osher he was like an oldest son.

Leybl was born in Slonim on the 22nd of January, 1920. I remember his bris. It was on Zamostcie in the courtyard of Monopol. Many of our landsleit remember the place. I remember it was a kind of makeshift barracks, because my parents house, along with many others, had been burned out in a fire. I also remember, as if it were today, when my father took Leybl, for the first time, to Wolfowitch's school. How clearly I recall Leybl's bar mitzva! He was then a student at the yeshiva. The bar mitzva celebration was in our newly built home. Present were the head of the yeshiva, R' Shabsi Yagel, of blessed memory. Also, Leybl's teacher, R' Areleh, and our whole family. I can still see the happy faces of my father and mother when Leybl delivered his drosha, his speech. They were so proud. After Leybl came



לייבל לוסקי עם אשתו וילדיו בחתונת בתו אסתר
לייבל לוסקי מיט זיין פרוי און קינדער אויף דער חתונה פון זיין טאכטער אסתר

*Leybl Lusky with his wife and their children at the wedding of their daughter Esther.*

three more children, including one boy, Avrom Michele, the youngest. We were six children.

In 1934 I left Slonim and went to Cuba. In 1936 Leybl came to stay with us. He was then 16. I was already married. Our son Avrom Michele was eight months old. In 1940 Leybl left Cuba and went to the United States. I was then a mother of three children. When the twins were born — a boy and a girl — Leybl was godfather.

It wasn't long before Leybl was drafted into the U. S. Army. Those were four difficult years for him and for us. He was at the front, in the very heart of the battle. He witnessed with his own eyes what the Nazi murderers did to our brothers and sisters.

But finally, one bright Sunday afternoon, our doorbell rang and our four-year-old Nochemke opened the door. I will never forget his words: "Mami, un Senor". How poor are my words to describe that wonderful surprise when Leybl appeared before us. What a holiday that was! And how happy I was when he decided to accept our proposal that he remain in Cuba. He and I were the only two left...

The time came and Leybl met his life-companion Sheyndl — Zoila, as we call her in Spanish. Leybl and Sheyndl were a real "match made in heaven". They led a Jewish life and created a traditional Jewish home, raised three dear, gifted children.

But Fate had its own plans for Leybl. It was not destined that he and Sheyndl should live out their happy life. Leybl has left us forever.

I know how deeply they loved each other. I know how much the family loved him. I know how many good friends he had. Leybl was naturally modest, never talked about himself. He loved to sing, to tell jokes, to make others happy. His own sighs and groans he probably kept hidden within himself. He never complained. He was content with his luck. He took everything calmly and good-naturedly. He was always ready to help another. He respected the other fellow's feelings. Osher and I know how much pleasure he brought into our lives. Now, after his death can we see how much love he implanted in our hearts. So many Jews — and non-Jews — accompanied him last year to his final resting place.

And despite the fact that today is a rainy day, as if the heavens had joined us in our grief and pain, today too, many people have come to the unveiling of the gravestone, and everyone here recalls him with genuine affection.

We should have been able to find some consolation in the good name he left us. Yet it is still so difficult for us to overcome the deep sorrow we feel at his absence. Instead of a warm and hearty brother. I see before me a cold grey stone, bearing the inscription: Arye Leyb, son of Moshe Halevi Luskin.

Yes, life is stronger than death. Death happens only once, and life has many complexities. We must continue to live, to live through, to outlive, no matter how difficult it is.

O my unforgettable brother! In your life you embodied our entire destroyed family, and now, as I visit your grave, I visit them too: Father, Mother, sisters and brothers.

I, the last and only survivor, will never forget you. I will hold sacred your memory until the last breath of my life. I will always remember you...

# מדור לידע עם

# אפטיילונג פאר פאלקלאר

נוסחאות סלוניקאיות של שיר־עם ומשחק־עם שהושרו והוצגו הרבה פעמים על־ידי בחורי הישיבה בסלונים. נרשמו על־ידי שלמה שיינברג (לבדי) בשנת 1908.

סלאָנימער ווערסיעס פון א פאָלקס־געזאנג און א פאָלקס־שפיל, וואָס ישיבה־בחורים פון דער סלאָנימער ישיבה האָבן מערערע מאָל געזונגען און פאָר־געשטעלט. זיי זיינען פארצייכנט געוואָרן דורך שלמה שיינבערג (לבדי) אין יאָר 1908.

---

המשך סיפורי־עם על ר' מרדכי'לי.

פאָרטזעצונג פון פאָלקס־מעשיות וועגן ר' מרדכי'לען.

---

סיפורי עם אחרים.

אנדערע פאלקס־מעשיות

---

קלמן ליכטענשטיין

# די סלאנימער לאקאל-פאלקלאריסטישע באדייטונג פון א פאלקס-שפיל און א פאלקס-געזאנג

מען האט שוין אזוי פיל געשריבן וועגן דער הויכער לומדישער מדרגה פון דער סלאנימער ישיבה, וועגן דעם חשוב'ן ארט וואס זי האט פארנומען צווישן די ליטווישע ישיבות צוגלייך מיט וואלאזשין, סלאבאדקע און מיר, און וועגן די טויזנטער ישיבה-בחורים, וואס האבן במשך פון דורות געשעפט צווישן אירע ווענט ממעינות התורה, — אז יעדער צוגאב-ווארט וועגן דעם איז איבעריק. (ז' צום ביישפיל, די צאלרייכע זכרונות וועגן דער ישיבה אין דריטן באנד פון „פנקס-סלאנים").

אבער אז אין סלאנימער ישיבה האט מען ניט נאר געלערנט תורה, נאר אויך... געשפילט „טעאטער", — דאס איז ווייניקער באקאנט.

אז מיר זאגן „טעאטער" מיינען מיר ניט, חלילה, „קאל-דוניע", „שולמית", צו „צווי קונעלעמלאך" פון גאלדפאדן, אדער „מירעלע אפרת" פון גארדין. מיר מיינען די פאלקס שפילן אין יידיש אויף ביבלישע טעמען, ווי „עקדת יצחק", „מכירת יוסף", „דוד און גלית" און דאס גלייכן, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען אין פאלק, פון איין גלות-לאנד אין צווייטן, פון מיטלאלטער-אן אין דייטשמעריש און אין שפעטערע צייטן אין א ריינערן פאלקס-יידיש. די ישיבה-בחורים האבן, פארשטייט זיך, ניט געמיינט דווקא דאס שפילן לשם קונסט, נאר אלס שליחות צו מקיים זיין די מצוה פון „ושמחת בחגך", צו פייערן פאסנדע פריילאכע טראדיציאנעלע טעג, איבערהויפט פורים, חנוכה, מוצאי שמ-חת-תורה א. ד. גל. געלעגנהייטן צו שפילן אזא „טעאטער" זיינען געווען אויך ביי שמחות-מצוה, סיי אין ישיבה ווי סיום-הש"ס, אדער ביים זאגן א הדרן, און סיי ביי חברות, ווי חברה-משגיות, און אפילו ביי חתונות פון ישיבה-בחורים. הכלל, קיין געלעגנהייטן האבן ניט געפעלט. און געוויס איז דאס פארגעקומען אויך אין אנדערע ישיבות.

וועגן אזעלכע פאלקס-געזאנגען און פאלקס-שפילן, וואס זיינען פארגעשטעלט און געשפילט געווארן אין סלאני-מער ישיבה, האט פיל דערציילט שלמה שיינבערג-לבדי, אלס זכרונות פון זיינע ישיבה-איבערלעבונגען אין די יארן 1907—1912, ווען ער אליין האט אויך גענומען אנטייל אלס „ארטיסט" אין די פארשטעלונגען. דער צוקונפטיקער מחבר פון „שוועלן" האט שוין דאן, אלס יונגער בחור'ל, פארשטא-נען די וויכטיקייט פון אט די ספעציפישע פאלקס-שאפונגען, און האבנדיק שוין דאן א טיפן זין פאר פאלקלאר-זאמלונג, האט ער אין 1908 פארשריבן גענוי די טעקסטן פון צוויי אזעלכע שאפונגען: „דאס גלית-שפיל" און דעם פאלקס-געזאנג „שיר-התורה". די פולע טעקסטן האבן זיך ביי אים איינגעהיט, אזוי ווי זיי זיינען געשפילט און געזונגען געווארן אין סלאנים דורך די ישיבה-בחורים.

בעת זיין לעצטן באזוך אין ישראל אין 1972 (ז' די אפטיילונג געווידמעט דעם אנדענק פון לבדי אין דיזן באנד), האט ער מיר פיל דערציילט וועגן זיין „ארטיסטישער" ער-פארונג אין דער אויספירונג פון אט די שפילן און האט מיר נאכהער, קורץ פאר זיין טויט, צוגעשיקט פון טשיקאגא ביי-דע פולע טעקסטן.

לויט זיין עדות זיינען די שפילן פארגעשטעלט געווארן מערערע מאל און אין זיי האבן זיך באטייליקט ישיבה-בחורים פון פארשיידענע כיתות. אפטמאל פלעגן צוקומען נייע „ארטיסטן", און היות קיין געדרוקטע טעקסטן האבן זיי ניט געהאט און זיי האבן זיך אויסגעלערנט די ראלן איי-נער פון צווייטן, זיינען נאטירלעך פון מאל צו מאל אריינ-געפאלן ענדערונגען אין די טעקסטן, אדער זאגאר צוגאב-פראגמענטן, לויט דער פאנטאזיע פון די „ארטיסטן". אזוי-ארום אז במשך פון די מערערע פארשטעלונגען האט זיך, ניט-ווילנדיק, געשאפן א מין לאקאלע ווערסיע פון די טעקס-טן, וועלכע אונטערשיידעט זיך געוויס פון די מקורות אדער פון אנדערע ווערסיעס.

שטעלנדיק אין אונדזער רשות די פארשריבענע טעקסטן מיט דער כוונה אז זיי זאלן עווענטועל פארעפנטליכט ווערן, האט שלמה שיינבערג מיט פולן וויסן אונטערשטראכן זייער לאקאלן אספעקט און דעם פאקט, אז דאס זיינען בפירוש סלאנימער ווערסיעס פון די אורשפרינגלעכע מקורות. פון פאלקלאריסטיש-וויסנשאפטלעכן שטאנדפונקט, האבן געוויס די סלאנימער ווערסיעס א באדייטונג פארן פארשער, וועל-כער וועט זיך קענען באנוצן מיט זיי אלס פארגלייכונג צו די מקורות.

הגם די טעקסטן זיינען די נחלה פון אונדזער אלגעמיי-נעם פאלקס-אוצר, פארעפנטליכן מיר זיי דא, הן ווייל מיר זיינען בארעכטיקט צו באטראכטן זיי אלס סלאנימער צוש-טייער צו דער פאלקס-שאפונג און הן אלס אנערקענונג-אויסדרוק פארן מחבר פון „שוועלן", וועלכער האט ניט נאר פארייביקט סלאנים-פילענאווע אין זיין מייסטער-ווערק, נאר האט אויך מיטגעשטייערט אויפן געביט פון זאמלען לאקאלן פאלקלאר אין זיין געבורטס-שטאט.

פארשריבן דורך
שלמה שיינבערג־לבדי

# שיר - התורה

## א פאלקס־געזאנג

לויט דער ווערסיע פון סלאנימער ישיבה־בחורים

(דער „שיר התורה" אין געבראכט און געזונגען געווארן אין סלאנים דורך א ישיבה בחור מיטן נאמען דוד סקידלעוו, א זון פון סקידלער חזן, אומגעפער אין יאר 1907 אדער 1908. ער איז שפעטער געזונגען געווארן כמעט ביי יעדער שמחה פון חברה ש"ס, ביי א סיום התורה, און אויף אנדערע שמחות פון רעליגיעזן כאראקטער. איך גיב עס איבער ווי איך האב עס געהאט פארשריבן אין יענע יארן (אומגעפער אין 1908).

בשעת דער בורא יתברך האט באפעלט
עס זאל ווערן באשאפן פון גארניט א וועלט,
דער הימל, די ערד, די זון, די שטערן,
און אלע לעבעדיקע ברואים זאלן זיך רירן און קערן —
דאן האט ער מיט זיי א שמועס געמאכט:
„זעט, איך האב אייך פון גארניט געבראכט;
נאר איך נעם אויס מיט אייך בפירוש א תנאי,
אז מיין טאכטער זאל זיין דערביי.
איך האב א טאכטער, א פיינע שטיקל סחורה,
זי הייסט מיטן נאמען „די הייליקע תורה";
זי איז ביי מיר די אויג אין קאפ
און איך וויל איר שיקן צו אייך אראפ.
ווען זי וועט ביי אייך הערשן און רעגירן,
דאן וועט איר קאנען אלע עקזעסטירן;
נאר טאמער ניט, — הויב איך אויף מיין האנט
און איר ווערט אלע גלייך צום שטראנד".
אלע צוזאמען, פון קלענסט ביז גרעסט,
האבן פארשפראכן שטרענג און פעסט,
אז זי וועט געוויס א חתן געפינען
וואס וועט איר זייער ערליך דינען.
ביי דער ערשטער פאר אדם און חוה
איז שוין דער בורא געוועזן טשיקאווע
זיין הייליקן רצון צו זיין ממלא
און אראפצושיקן די הייליקע כלה.
אבער עס האט זיך מיט זיי א סיבה געטראפן,
זיי האבן דערין גארניט געקאנט האפן:
עס האט זיך זיי פארגלוסט פון עץ־הדעת,
וואס איז געווען פארבאטן שטרענג, קיין שפאס.
דאן האט זיך דער בורא ארומגעזען
וואס עס איז מיט זיי געשען
און האט באשלאסן ביי זיך
די חתונה צו מאכן ניט אזוי גיך.
ס'זיינען אוועק פיל יארן פון יענער צייט
און עס האט זיך ניט געמאכט קיינע לייט;
דורכאויס גארנישטן און גרויסע ליידאקעס,
יונגאטשעס, זשוליקעס און גאלע פראסטאקעס.
מיטאמאל האט זיך געפונען נוח, א פיינער מאן.
דא איז שוין ביי דעם בורא געבליבן א פלאן
צו שליסן מיט אים זיין פארטיי,
נאר אינמיטן האט זיך געמאכט א וואהעי (ויהי):
ער האט אמאל אויף דער עלטער געטרונקען א כוס,
דערפון איז דערנאך א מיאוסער סקאנדאל ארויס.
דאס האט דעם בורא זייער פארדראסן
און האט אים געזאגט: „דו ביסט ניט מיין חתן!"
עס איז דערנאך אוועק א צייט מיט יארן,
ס'איז אלץ קיין רעכטער חתן ניט געווארן.
חברה בונדיסטן האבן געמאכט א טרעוואגע
און האבן געקראגן דעם נאמען „דור הפלגה".
מיטאמאל גאר אומגעריכט
האט דערשיינט א פיינע ליכט.
עס האבן זיך געשאטן שטראלן און שטראם:
עס האט דערשיינט אונדזער פאטער אברהם.
„כ'לעבן," זאגט כביכול, „ס'איז א גוטע סחורה;
אט דאס איז א חתן פאר מיין תורה!
פאר אים אז איך וועל איר אפגעבן
וועט זי האבן א גליקליכן לעבן".
נאר איידער צו געבן דער כלה די גארדעראבע
האט ער אים געוואלט מאכן א פראבע —
צו זען ווי ווייט שיין־פיין ער איז
און צו האט ער ניט אין זיך עפעס א קאפריז.
מיט אלע שווערע פראבעס האט ער אים פרובירט,
מיט כלערליי עקזאמענעס האט ער אים עקזאמענירט;
ער האט פון גארניט געהאט קיין פארדרוס
און אויף אלץ פאלוטשעט א פיאט פלוס.
עס האט שוין געהאלטן קרוב למקח
צו נעמען טיילן בראנפן מיט לעקאך,
ווען אינמיטן האט א מעשה געשען:
אברהם האט עפעס א הארעלע פארזען.
דער אויבערשטער האט אים צוגעזאגט א זאך:
פארשפראכן צו געבן אים לאנד אסך.
ער האט „במה אדע?" א זאג געטאן,
און דערמיט איז ער אראפ פון טראן.
אויף זיין זון יצחק דעם צדיק, די עולה תמימה,
איז אודאי געווען שווער צו געפינען א פגימה.
א צדיק, א מיוחס, א מקדש־השם —
„אט זי טויג נאר פאר אים!"

נאר עס האט זיך געפונען אויך אויף אים א זינד:
ער האט ליב געהאט זיין תכשיט עשו׳קען זיין קינד:
דערפאר וואס זיינע אויגן זענען געווען פארבלענדט,
האט ער הייראטן ניט געקענט.
יעקב דער צדיק, דער איש תם,
דער זון פון יצחק, דער אייניקל פון אברהם,
דער בחיר שבאבות דער באַרימטער,
וואלט געוויס געווען דער חתן דער באשטימטער —
נאר זיין ברודער, דער רשע, האט אים אומגליקלעך געמאכט:
צוליב אים צוויי־און־צוואנציק יאר אין דער פרעמד
פארבראכט;

דורך דעם וואס ער איז ניט געווען אינדערהיים
האט ער ניט געקאנט מקיים זיין כבוד אב ואם.
כאטש ער איז ניט געווען שולדיק דעריין,
פונדעסטוועגן האט ער דער חתן ניט געקאנט זיין.
און אזוי זיינען אוועק יארן לאנג
און דעם בורא האט זיך אלץ ניט געמאכט צום פארלאנג.
מיט איין מאל האט א ליכט דערשיינט!
עס האט געלויכטן, עס לייכט נאך היינט:
משה רבינו איז ארויס אויף דער וועלט
און אים האט שוין קיין מעלה ניט געפעלט.
ער האט ארויסגענומען זיין פאלק פון קנעטן לייס
און זיי געפירט צו זיך אהיים.
ער איז דעם בורא זייער געפעלן,
וועלכער האט גענומען דעם שידוך פארצושטעלן.
אבער איידער ער האט אנגעהויבן שרייבן תנאים,
האט ער געוואלט פרובירן ריידן מיט די גויים:
אפשר וועלן זיי מיט אים שליסן א פארטיי.
כאטש ער האט געוווסט, אז ס׳איז אומזיסט זיין מי.
כאטש ער האט עס גאנץ גוט געוווסט,
נאר יוצא זיין האט ער געמוזט:
זיי זאלן ניט זאגן אז ס׳איז אזוי גוט,
דערפאר האט ער זיך אנגעמוט.
ער איז אוועק צו עשוקען דעם נאר
און׳ט געזאגט: „קופי או מעניא כאַראַשי טאָוואַר;
מאָיא דאָטש תורה כאָטשעש פאָקופּאָט, —
אַליע טאָלקאָ נאָדאַ יעיאַ טשעסנאָ־דיערזשאַט."
„איך וויל פריער וויסן שטאָ טאָקאָיע תורה?
וואס איז דאס פאר א מין סחורה?
וואס האט עס פאר א געשמאק
און ניט קויפן קיין פארבונדענעם זאק".
„לא תרצח שטייט דארט מיט איין אלף"
כביכול האט געוווסט אז ס׳איז פאר אים א חלף.
„לא תחמד און לא תגנב שטייט דארטן אויך" —
פאר דעם וועט ער אנטלויפן ווי פון א רויך!
„ניעט, ספאַסיבאָ, יא ניע זשעלאיו!
טאָקאָי טאָוואַר יא ניע פאָקופאיו.
אזא מין שידוך איז מיר ניט ניחא:
איך קאן ניט לעבן אָן גזלה, אָן רציחה!"
פון אים איז ער אוועק צו ישמעאלקען דעם טערק
און האט אים פארגעשלאגן זיין טייער ווערק.
ער האט מיט אים פיל רייד פארבראכט — —
נאר איך פארשטיי ניט קיין טערקיש, ניט פאר אייך געדאכט.
ער האט, מיט אים דאס זעלבע רייד גערעדט,
אבער מ׳קויפט ניט קיין סחורה איידער מ׳זעט.
„איך וויל פריער וויסן וואס דארט שטייט,
דאן בין איך צו נעמען אויך גרייט".
„לא תנאף", האט ער אים אנגעכאפט.
ער האט אים דא ביים דופק דערטאפט.
ער האט געוווסט אז ער וועט דורכפאלן,
ווייל ער איז אויף דעם א גרויסער בעלן.
כך הוה: ער האט דערלאנגט א געשריי:
„נעם דיין סחורה — — נעם און גיי!
„איך בין דיר מוחל, איך וויל קיין פרוש ניט זיין,
איך וועל ליבערשט ניט טרינקען קיין בראנפן, קיין ווין!"
אזוי איז ער צו אלעמען ארומגעפארן
און איטלעכער האט געפונען אנ׳אנדער חסרון;
קיינער האט ניט געוואלט זיך מיט אים פארבינדן.
כאטש ער האט זיי געקאנט די הויט אפשינדן.
דא האט זיך דער בורא געטאן צו משהן א קער:
„משהלע, נעם דיינע ברידער און ברענג זיי אהער;
שטעל זיי פאר דער כלה מיטן טאטן,
פרעג זיי צו ווילן זיי זיך זיין מיט מיר מתחתן.
זאג זיי: זיי וועלן זיך מוזן דורך איר פירן;
וואס זי הייסט ניט — טאר מען ניט רירן.
און טאמער, חס ושלום, וועלן זיי זאגן ניין,
דאן מוז שוין די וועלט אונטערגיין!"
„מיר זענען צופרידן!" האבן געענטפערט אלע — — —
מיטן מחותן, מיט דער כלה:
„מיר וועלן טאן וואס זי וועט באפוילן,
אפילו מ׳זאל אונדז ברענען אויף קוילן!"
דאן האט זיך דער בורא זייער געפרייט
און האט די חתונה צוגעגרייט.
ער האט אויסגעקליבן דעם טאג בכיוון —
דאס איז דער זעקסטער טאג אין סיון.
די חתונה איז געווען מיט גרויס פאראד,
מיט ארדענונג און מיט גרויסן לאד.
און ביי דעם הייליקן בארג סיני
איז באשטעטיגט געווארן דעם אויבערשטנס תנאי.
עס זיינען שוין דורכגעגאנגען הונדערטער יאָר,
און זיי לעבן נאך אלץ ווי א יונגע פאר;
זיי האבן זיך קיינמאל ניט איבערגערעדט,
און ווער רעדט, חס ושלום, אז ס׳זאל האלטן ביי גט?!"
עס זיינען געווען פארשיידענע צייטן;
מ׳צופט, מ׳רייסט פון אלע זייטן;
מ׳וויל אלץ מאכן א בייז לעבן — —
עס האט זיך זיי אבער קיינמאל ניט איינגעגעבן.
בשעת עס ווערט שוואך א חברה גמרא — —
עס מישט זיך אריין דער יצר־הרע — —
מאכט מען א סיום הגדול, ווערט ווייטער שטארק
און דער יצר־הרע ברעכט דעם קארק.

פארשריבן דורך
שלמה שיינבערג-לבדי

# גלית-שפיל

## א פורים-שפיל

לויט דער אויספירונג פון די פורים-שפילער פון דער פלאנימער ישיבה

די פארשוינען

שמואל הנביא
שאול המלך
אגג — קעניג פון עמלק
דוד בן ישי
גלית הפלשתי
מלאך הדומה
מכשפה
יונתן — שאול׳ס זון
ערשטער לויפער
צווייטער לויפער
אקטיאָר
פאיאץ
ערשטער יועץ
צווייטער יועץ
פאלק, העלדן, דינער, ווייבער

**כאָר:**

שטיל, שטיל, שטיל!
רוישט ניט ווי א מיל!
הערט נאר אויס׳עט גלית־שפיל.
הערט נאר אויס׳עט גלית־שפיל.

**לויפער:**

(קומט אריין).
שאט, ניט שרייט,
אַ, שטילער זייט,
איר הערן, איר דאמען, איר אדעלע לייט.
מיט גרויס געאַכט
צו הערן א פראכט,
טא שווייגט־זשע שטיל
און מיט גרויס געפיל
הערט נאר אויס דעם גלית־שפיל.
הערט אויף צו ברומען
און אויך צו שומען,
ווארעם באלד וועט אהער
אונדזער פאיאץ אריינקומען. (אָפּ)

**פאיאץ:**

(קומט אריין)
איך פאיאץ קום צום ערשטן מאָל
און מיינע ווערטער זענען מיט א צאָל.
מיר זענען ניט געקומען צו פארשטעלן טעאטער,
נאר צו דערציילן פון דוד אונדזער פאטער,
וואס איז דער יינגסטער פון ישי׳ס קינדער,
און פון אגג׳ן און זיינע שאָף און רינדער.
מיר ווען דאָ באלד שאול׳ן פאר א מלך מאכן.
איך בעט אייך נאר איר זאלט פון מיר ניט לאכן.
הערט אויף צו ברומען און אויך צו שומען,
ווארעם באלד וועט אהער אונדזער אקטיאָר
אריינקומען. (אָפּ)

**אקטיאָר:**

(קומט אריין)
הערט מיר אויס, איר ליבסטע מענטשן,
וואס די וועלט טוט אייך רימען:
א גוטן אוונט אייך צו ווינשן
זיינען מיר אהער געקומען,

מיט מיינע דיבורים
וועל איך טאָן די הויז פאַרקלינגען;
און א ליד פון מלכות שאול
וועלן מיר פאַר אייך אויסזינגען.
הערט אויף צו ברומען
און אויך צו שומען,
ווארעם באַלד וועט אהער
דער קעניג שאול אריינקומען. (אָפּ)

**לויפער:**
(לויפט אריין)
ציט־אויס, ציט־אויס, איר אלע, די וואָכן!
טיר און טויער אָפּן צו מאכן!
די וואָכן, די וואָכן זאלן ווערן פאַרשפּרייט!
שפּילט א מארש — דער קעניג שאול גייט! (אָפּ)

**כאָר:**
(זינגט א מארש)
(עס קומען אריין: שמואל הנביא, שאול, יועצים, פאָלק)

**שמואל:**
צי האָט איר, אידן,
געזען אמאָל אויף דער וועלט
אזא מין גיבור,
אזא מין העלד?!
אים האָט גאָט
פאַר א קעניג געטאָן,
און האָט אים געשאָנקען
דעם קעניגליכן טראָן.
אָך, שאול דו שאול,
צו גאָט זאלסטו הערן,
כדי די מלוכה
זאל זיך פון דיר ניט אָפּקערן.
אָך, שאול דו שאול,
צו גאָט זאלסטו שבחים ריידן,
כדי די מלוכה
זאל זיך פון דיר ניט אָפּשיידן.
א, אידן איר אידן,
זייט אלע פריילעך!
און טוט מיט מיר שאלן:
„יחי שאול המלך!"

**אלע:**
יחי שאול המלך!
יחי שאול המלך!
יחי שאול המלך!

**שמואל:**

(טוט שאול'ן אן די קרוין אויפן ק/פּ. (אָפּ)

**שאול:**
איך בין דער קעניג שאול,
איך קעניג אויף דער וועלט;
און איר זענט מיינע יועצים,
איר זענט פאַר מיר געשטעלט.
איר זענט מיינע יועצים,
איר זענט פאַר מיר געשטעלט.
איך זעץ זיך אויף מיין טראָן
און קעניג אויף דער וועלט.
(זעצט זיך אויפן טראָן)
א, דיר, גאָט, טו איך דאַנקען און לויבן,
ווייל דו האָסט מיר געטאָן אזוי דערהויבן!
צו דיר, גאָט, טו איך א שבח והודיה אָפּגעבן,
אז מיר זאלן אלע איבעראיאר דערלעבן!
איבער די אידן וועל איך רעגירן
און אין גאָט וועג וועל איך זיי פירן.
איבער די אידן וועל איך רעגירן
און אין גאָטס וועג וועל איך זיי פירן!

**יועצים:**
דער קעניג זאל אויף אייביג לעבן!
גאָט זאל אים געזונטע געבן!
דער קעניג זאל די מלוכה רעגירן
און אין גאָטס וועג זאל ער איר פירן!

**לויפער:**
אדוני המלך! שמואל הנביא איז דא.

**שאול:**
זאל ער אריינקומען.

**לויפער:**
(אָפּ)

**שמואל:**
(קומט אריין)
גאָט האָט דיר געבאָטן דו זאלסט צו עמלקן גיין,
און זאלסט אים פאַרוויסטן פון גרויס ביז קליין!
דו זאלסט ניט האָבן קיין רחמנות
ניט אויף יתומים און ניט אויף אלמנות.
דו זאלסט ניט שוינען קיין ווייבער און קיין קינדער,
און ניט קיין שאָף און ניט קיין רינדער!
טו ווי גאָט האָט דיר געהייסן. (אָפּ)

**צוויי לויפערס:**
(קומען אריין)
ציט־אויס, ציט־אויס, איר אלע, די וואָכן!
טיר און טויער אָפּן צו מאכן!
די וואָכן, די וואָכן זאלן ווערן פאַרשפּרייט!
שפּילט א מארש — די מלחמה גייט! (אָפּ)

**כאָר:**
(זינגט א מארש)
(א געשאַל פון פאָלק. דער גערויש פון מלחמה.)

צוויי לויפערס:
(קמען אריין. פאלן צו שאולס פיס)
מיר זענען אין מלחמה געווען,
מיר האבן די שלאכט געזען!
מיר זענען אין שונאס לאגער אריינגעגאנגען
און האבן דעם קעניג אגג געפאנגען!

שאול:
ברענגט אים אריין!

צוויי לויפערס:
(אפּ און באלד צוריק. ברענגען אריין דעם
קעניג אגג א געבונדענעם)
אָט איז ער, אדוננו המלך!

אגג:
(קניט זיך און בוקט זיך פאר שאולן)
אָ דו ליבער שאול!
אָ, דו זיסער שאול!
אָ, לאז מיר נאך לעבן!
איך וועל אליין גיין
צום אידישן גאט
א שבח והודיה אפּגעבן.
איך בין געלאפן אהיים
מיט א גרויס געוויין,
ווי א פארסמטע פיש.
איך בין געקומען אהיים
האב איך געזען מיין ווייב און קינדער
ליגן געקוילעטע אונטערן טיש!
אָ, שענק מיר מיין לעבן!
כ'על לויפן א דאנק געבן
און וועל דינען דיין גרויסן גאט.
איכ'ל גיין אין אלע גאסן
און שרייען און רעשן:
אדוני אלוהינו, אדוני אחד!
אָ, דו ליבער שאול!
אָ, דו זיסער שאול!
זע, מיין לעבן איז אין סכנות!
באהאלט פון מיר דיין כעס,
און דיין גרימצארן וואש,
און האב אויף מיר רחמנות!

שאול:
זעצט אים אריין אין תפיסה!

צוויי לויפערס און אגג: (אפּ)
(א קול פון שאף און רינדער)

שמואל:
(קומט אריין געאיילט)
אַך, וואס פאר א קול טו איך הערן אין דיינע הויפן
און שטאלן,
וואס איז אויף מיר אזא בייזע מורא געפאלן?!
דערפאר וואס דו האסט ניט געטאן ווי גאט האט
דיר געהייסן,
וועט זיך דיין מלוכה פון דיר אָפּשטויסן!
דערפאר וואס דו האסט געלאזט לעבן די שאָף און
די רינדער,
וועט זיך די מלוכה אפּטאן פון דיר און פון דיינע
קינדער!
גאט האט געשווארן ביי זיין הייליגן כסא־הכבוד,
אז ער וועט די מלוכה אָפּגעבן צו זיין ליבן זון דוד!
ברענגט אריין דעם רשע אגג!

יועצים:
יאָ, נביא! (גייען אָפּ און קומען צוריק מיט אגגן)

אגג:
(בוקט זיך פאר שמואלן)
אָ, דו ליבער נביא!
אָ, דו זיסער נביא!
אָ, טו מיר שענקען מיין לעבן!
איך וועל אליין גיין
צום אידישן גאט
א שבח והודיה אפּגעבן!

שמואל:
אַך, רשע, דו טמא!
דו טוסט נאך ריידן?!
כ'על דיין הינטישן קאָפּ
דא פון דיין גוף אָפּשניידן!
(דערשטעכט אים מיט א שווערד)

שאול:
לאמיר גיין מקריב זיין קרבנות.

שמואל, שאול, יועצים (אָפּ)
(עס הערן זיך תפילה־געזאנגען. שאול און יועצים
קומען צוריק)

שאול:
אָ, מיינע ליבסטע גענערעלער,
שטעלט זיך נעבן מיר אנידער —
עס ציטערן אין מיר
אלע מיינע גלידער!
און פון דער בייזער נבואה,
וואס דער נביא האט געטאן דערוועקן,
טוט א וויסטער חלום
מיר טאג און נאכט שרעקן.
בכן, מיינע ליבסטע גענערעלער,
פארנעמט מיין געוויין און געבעט,
און גיט מיר אן עצה און א ראָט!
גיט מיר אן עצה און א ראָט!

יועצים:
דער קעניג זאל אויף אייביג לעבן!
מיר וועלן דעם קעניג אן עצה געבן:
אזוי ווי ס'איז פאראן א יונגער אידל,
וואס קאן שפילן זייער גוט פידל,
זאל מען אים ברענגען פארן מלך
און ער וועט מאכן דעם מלך פריילעך.

שאול:
ברענגט אריין דעם אידל
וואס שפילט אויפן פידל!

יועצים:
(אָפּ). קומען צוריק מיט דעם קליינעם דוד)

שאול:
שיינער יונגערמאן! פיינער יונגערמאן!
צי קאנסטו זינגען, צי קאנסטו שפילן?

דוד:
איך קאן זינגען, איך קאן שפילן
אויף א פידעלע, אויף א פידעלע:
טרי־לא־לא־לאם, טרי־לאלאלאם
טרי—לא—לא—לאם, טרי—לא—לא—לאם,
שפילט א פידעלע, שפילט א פידעלע.

שאול:
שיינער יונגערמאן! פיינער יונגערמאן!
צי קאנסטו זינגען, צי קאנסטו שפילן?

דוד:
איך קאן זינגען, איך קאן שפילן
אויף א פייפעלע, אויף א פייפעלע:
פליו—ליו—ליו—ליו, פליו—ליו—ליו—ליו,
שפילט א פייפעלע, שפילט א פייפעלע.

שאול:
שיינער יונגערמאן! פיינער יונגערמאן!
צי קאנסטו זינגען, צי קאנסטו שפילן?

דוד:
איך קאן זינגען, איך קאן שפילן
אויף א טראַמביטשקע, אויף א טראַמביטשקע:
טרא—דירי—דיראַם—באַם, טרא—דירי—דיראַם—באַם,
שפילט א טראַמביטשקע, שפילט א טראַמביטשקע.

שאול:
שיינער יונגערמאן! פיינער יונגערמאן!
צי קאסטו זינגען, צי קאנסטו שפילן?

דוד:
איך קאן זינגען, איך קאן שפילן
אויף א פייקעלע, אויף א פייקעלע:
טי—רי—די—ראם, טי—רי—די—ראם,
שפילט א פייקעלע, שפילט א פייקעלע,
טא—דירי—דירם—באם, טרא—דירי—דיראם—באם,
שפילט א טראַמביטשקע,
פליו—ליו—ליו—ליו, פליו—ליו—ליו—ליו,
שפילט א פייפעלע,
טרי—לא—לא—לאם, טרי—לא—לא—לאם,
שפילט א פידעלע, שפילט א פידעלע,
זינגט א אידעלע, זינגט א אידעלע.

לויפער:
(קומט אריין און בוקט זיך פאר שאולן)
צום קעניגס קני טו איך זיך קניען און בוקן,
אז דער קעניג שאול זאל דאס בריוועלע איבערקוקן.
(אָפּ)

שאול:
איך וועל אייך דערציילן א נייע היסטאָריע:
דער רשע גלית וויל מיט אונדז מאכן א ספאָריע.
איך שאול, דער אידישער קעניג,
אלץ איז אונטער מיין האנט.
אידן און אנדערע פעלקער אונטער מיין באשטאנד,
טו איך פארגעבן אַ צו און א חוק:
דער וואס וועט גיין גליתן שלאגן
דעם וועל איך געבן עשירות כהגון!
דער וואס וועט גיין רייסן זיין לייב
דעם גיב איך מיין איינציגע טאכטער פאר א ווייב,
און זיין גאנצע משפחה מאך איך פריי, פריי, פריי!

לויפער:
ציט־אויס, ציט־אויס, איר אלע, די וואַכן!
טיר און טויער אָפּן צו מאכן!
די וואכן, די וואכן זאלן ווערן פארשפרייט!
שפילט א מארש! דער רשע גלית גייט! (אָפּ)

כאָר:
(זינגט א מארש)

גלית:
(קומט אריין. מיט העזה)
איך בין גלית, דער גרעסטענער העלד!
פאר מיר טוט ציטערן די גאנצענע וועלט.
איך בין איינער און צו מיר איז ניט קיינער!
איך האב אין זיך פערדישע ביינער!
אידן, איר אידן, קלייבט זיך אויס א העלד,
פארוואס גייט איר ניט מיט מיר אויסשטרייטן?!
אידן, איר אידן קלייבט זיך אויס א העלד,
וואס זאל זיך מיט מיר פארמעסטן אויפן פרייען פעלד!
הערט אויף צו ברומען און אויך צו שומען:
איך גיי איצט אוועק, כ'וועל באלד צוריקקומען! (אָפּ)

דוד:

(קומט אריין, דערשראקן)
אַך, מיינע ליבסטע ברידער!
וואס איז דא פאר א גערודער?

יועצים:

דו זעסט ניט דעם העלד
וואס שטייט אויפן פעלד?

דוד:

אויך מיר א סחורה!
וואס האט איר פאר אים מורא?
האט ער סיידן וועגן געלערנט תורה?
(צו שאולן)
דער קעניג זאל מיינע רייד פארצייען,
נאר איך טו הערן דעם קול ווי אידן שרייען.
און דארט ביים ים שטייט א הויכער מאן
מיט א רויטן קאָפּ, ווי א טיראן.
ער לעסטערט און שילט דעם נאמען פון גאָט,
און שפּאָט פון זיין תורה און זיין געבאָט.
דארום בין איך געקומען ביים קעניג צו בעטן,
ער זאל מיר לאזן דעם רשע גלית׳ס קאָפּ צעפּלעטן.

שאול:

אַך, דוד, דו דוד,
דו ביסט דאך אזא יונגערמאן — —
ווי אזוי וועסטו זיך גיין שלאָגן
מיט אזא טיראן?!
אַך, דוד, דו דוד,
ביסט דאך אזוי יונג און שיין —
ווי אזוי קאָן איך דיר לאזן
אין מלחמה גיין?!
אַך, דוד דו דוד,
דו ביסט דאך אזוי יונג או שוואך —
ווי אזוי קאָנסטו זיך אונטערנעמען
אזא גרויסע זאך?!

דוד:

דער זכות פון די אבות וועט מיר ביישטיין
ווען איכ׳ל אין מלחמה גיין.
איך וועל דעם רשע גלית׳ס קאָפּ צעשפּאלטן
און איבער זיינע מחנות א נצחון אָפּהאלטן.
דא וועל איך דעם קעניג מיינע גבורות דערציילן.

שאול:

דערצייל, דערצייל.

דוד:

ביי מיין פאטער האב איך די שעפּסעלעך געפּיטערט,
און אלע בייזע חיות האבן פאר מיר געציטערט.
איינמאל אין א אָוונט בין איך געוואָרן אַנטשלאָפן,
איז א בער מיט א לייב אין מיין סטאדע אריינגעלאָפן.
איך האב זיך אויפגעוואכט פון מיין ארט,
און האב אנגעכאפּט דעם לייב פאר דער באָרד.
דערנאך האב איך זיך געטאן צום צוויטן א קער,
און האב געטאן ס׳אייגענע צו דעם בער.
צי איז דען דער רשע גלית שטארקער פון א בער מיט א לייב?
איך וועל אים צעטרעטן אונטער מיין שטויב.

שאול:

נו, אויב אזוי, טו תפילה צו גאָט.

דוד:

אלמאכטיגער בעשעפער,
זע און קוק אראָפּ!
זע ווי דער רשע גלית
לאכט פון אונדז אידן אָפּ.
אלמאכטיגער באשעפער,
זע און האָב רחמנות!
זע ווי דיין קליין דודל
שטייט אין גרויס סכנות.
הימל און ערד
טוען איצט עדות זאָגן,
אז מיר אידן
דארפן וויינען און קלאָגן.
גרויס און קליין
דארפן איצט אננעמען א געוויין,
ווייל אזא יונגער מענטש
דארף פון דער וועלט אוועקגיין!

שאול:

שיינער דוד, קום צו מיר;
טו־אָן מיין שווערד און מיין פּאנציר.

דוד:

איך דארף ניט קיין פּאנציר:
ער איז פאר מיר שווער;
דער אלמעכטיגער גאט
ער איז מיין געווער.

גלית:

(קומט אריין)
ווער איז דער העלד
וואס׳ט גיין מיט מיר אויפן פעלד?

דוד:

איך.

גלית:

כאַ—כאַ—כאַ!
אַך, יודקע, דו יודקע, גיי אוועק פון מיינע אויגן!
איך וועל דיר דא באלד אין דר׳ערד אריינלייגן!

דוד:

אָ, נאַר, דו נאַר, ווער האָט מורא פאַר דיר,
ווען דער אידישער גאָט איז מיט מיר?!

גלית:

אַך, יודקע, דו יודקע,
גיי אוועק פון מיר!
איך גיב דיר א פּראַסק, —
פאַרפליסטו צום טיר!

דוד:

אָ, גלית, דו רשע,
זיי ניט אזא העלד! —
איכ'ל נאָך דיין פלייש אָפּגעבן
צו די פייגעלעך פון פעלד.

גלית:

צי בין איך א הונט,
וואס דו קומסט צו מיר מיט שטיינער?!
צי דען ווייסטו ניט
אז איך בין איינער?!

דוד:

דו ביסט נאָך ערגער פון א הונט
ווען דו גלויבסט ניט אין גאָט,
און מאַכסט זיין פאָלק
צו שאַנד און צו שפּאָט!
(ער פאַרציט דעם וואַרפער. דער שטיינדל טרעפט גליתן אין שטערן. גלית פאַלט טויט. דוד נעמט אַרונטער די היטל פון גלית'ס קאָפּ, הענגט עם אָן אויפן שווערד, וואס ער נעמט אַרונטער פון גליתן, און טאַנצט אַרום גליתן, זינגענדיג).
היינט זעט איר, אידן,
ארויף און אראָפּ:
זעט, כ'האָב אָפּגעשניטן
דעם רשע גליתעס קאָפּ!
היינט זעט איר, אידן,
אהין און אהער:
זעט, כ'האָב אים בייגעקומען
אָן שום געווער!
היינט זעט איר אלע
דעם רשע גליתס קאָפּ,
און ביי די פלישתנים
איז א יאָמער און א קלאָג!
אידן, איר אידן,
איר דאַרפט איצט זיין פריילעך,
און מיט שמחה מאַכן
גאָט פאַר א מלך! (אָפּ)

מלאך הדומה:

(קומט אריין)
מה שמך?

גלית:

איני יודע.

מלאך הדומה:

(קלאַפּט מיטן שטעקן)
רשע! מה שמך?!

גלית:

איני יודע.

מלאך הדומה:

רשע בן רשע! מה שמך?!

גלית:

גלית הפלשתי.

מלאך הדומה:

אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
זיי זיך מתודה אויף דיינע עבירות!
וואס האסטו געטאָן אום ראש־השנה?

גלית:

ראש־השנה האָב איך געפייניגט יתום ואלמנה.

כאָר:

טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיין זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:

אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
זיי זיך מתודה אויף דיינע עבירות!
וואס האסטו געטאָן אום יום־כפור?

גלית:

יום־כפור בין איך געלעגן א גאַנצן טאָג שיכור.

כאָר:

טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיי זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:

אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
זיי זיך מתודה אויף דיינע עבירות!
וואס האסטו געטאָן אום חג הסוכות?

גלית:

סוכות האָב איך געריסן די טירן פון די קרוקעס.

כאָר:

טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיי זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:
אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
זיי זיך מתודה אויף דיינע עבירות!
וואס האסטו געטאן אום שמיני עצרת?

גלית:
שמיני עצרת האב איך געמאכט א מיידל מעוברת.

כאָר:
טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיי זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:
אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
זיי זיך מתודה אויף דיינע עבירות!
וואס האסטו געטאן אום שמחת־תורה?

גלית:
שמחת־תורה האב איך געהאנדלט מיט טריפהנע סחורה.

כאָר:
טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיי זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:
אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
זיי זיך מתודה אויף דיינע עבירות!
וואס האסטו געטאן אום חג הפסח?

גלית:
פסח האב איך געמאכט קידוש אויף יין־נסך.

כאָר:
טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיי זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:
אַך, רשע, דו טמא, דו אפיקורס!
וואס האסטו געטאן אום שבועות?

גלית:
שבועות בין איך עובר געווען אויף אלע חרמות ושבועות.

כאָר:
טו גיי־זשע און רוף־זשע חברה קדישא
און זיי זיך מתודה קודם המיתה.

מלאך הדומה:
(שלעפּט גליתן אוועק פאַר די האָר)

ווייבער:
(קומען אריין זינגענדיג און טאנצענדיג)
היינט, ווייבער, ווידער,
לאָמיר זינגען לידער!
וואס טויג דער קעניג שאול
מיט זיין פייל־און־בויגן,
אז אויף דער מלחמה איז ער געשטאנען
ווי א שטיק פלייש מיט צוויי אויגן?!
און דער קליינער דודל
איז אין שלאכט געגאנגען
און האָט דעם רשע גלית׳ס
קאָפּ און שווערד געפאנגען.
היינט, ווייבער, ווידער,
לאָמיר זינגען לידער! (אָפּ)

שאול:
אַך, מיינע ליבסטע גענערעלער,
שטעלט זיך נעבן מיר אנידער!
עס ציטערן אין מיר
אלע מיינע גלידער.
און אין מיינע אויערן
טוט נאָך קלינגען
וואס די פארפלוכטע ווייבער
האָבן וועגן מיר געטאן זינגען.
דערפאר, מיינע ליבסטע גענערעלער,
פארנעמט מיין געוויין און געבאט,
און גיט מיר אן עצה און א ראָט!
גיט מיר אן עצה און א ראָט!

יועצים:
דער קעניג זאָל אויף איביק לעבן!
מיר וועלן דעם קעניג אן עצה געבן:
אזוי ווי ס׳איז דאָ א מארקושקע, וואס קען מיט צויבער
אויפברענגען א טויטן פון קבר, —
זאל דער קעניג געבן א באפעל
אז זי זאל אויפברענגען דעם נביא שמואל.

שאול:
(טוט אָן אן אויבערמאנטל)
שיקט נאָך איר און ברענגט איר!

מכשפה:
(קומט אריין, טאנצט ארום א פייער־טאפּ)
אי—אי—אי, וואס איך האָב דערוואַרט —
אז דער קעניג שאול האט מיר אָפּגענאַרט!
איך זע דעם קעניג שאול דורך מיין צויבעריי
און דער טויטער נביא וועט באלד שטיין דערביי.
שמוליאַ, טי שמוליאַ! ווסטאַוואַי!

שמואל:
(גייסט): (באווייזט זיך)
צו וואס האסטו מיך אויפגעבראכט אויף דער נארישער וועלט?

בײַ װעמען האָב איך געגנבעט געלט ?
בײַ װעמען האָב איך אײזלען גענומען ?
און פֿון װעמען האָב איך שוחד באַקומען ?

שאול:
יאָ, עס איז װאָר דײַנע רײד ;
נאָר װאָס האָב איך געקאָנט טאָן אין מײַן נויט ?
אַז די פּלישתּים האָבן מיר אַרומגענומען,
האָב איך ניט געהאַט װאוהין צו קומען.
בין איך געלאָפֿן צו גאָט אַלײן,
האָט ער מיר ניט געענטפֿערט אויף מײַן געװײן.

שמואל:
הײַנט אַז גאָט האָט ניט געװאָלט זיך קערן צו דיר,
טאָ װאָס האָסטו געהאַט צו מיר ?
הײַנט בין איך בײַ דיר,
מאָרגן ביסטו בײַ מיר. (אָפּ)

שאול:
(צו זײַן דינער)
זאָג װידוי מיט מיר!

דינער:
אלף!

שאול:
אַז אַך און װײ צו מײַנע יאָרן,
צו װאָס איך בין געבאָרן געװאָרן!

דינער:
בית!

שאול:
בײַ מײַן פֿאָטער זײַנען די אײזעלעך געװאָרן
פֿאַרלאָרן,
און דאָס איז די סיבה װאָס איך בין אַ קעניג געװאָרן.

דינער:
גימל!

שאול:
גרויס און קלײן דאַרפֿן איצט אָננעמען אַ געװײן,
אַז דער קעניג שאול מוז פֿון דער װעלט אַװעקגײן!

דינער:
דלת!

שאול:
דאָס טוט מיר גאָט באַצאָלן
פֿאַרװאָס איך האָב אַגגן צום טויט ניט דערשלאָגן.

דינער:
הא!

שאול:
הימל און ערד טוען איצט עדות זאָגן,
אַז מיר אידן דאַרפֿן װײנען און קלאָגן.

דינער:
װאַװ!

שאול:
װאָס העלפֿט װײנען און װאָס העלפֿט שרײַען,
אַז עס איז אַ ביטערער גזר מן־השמים ? !

דינער:
זײַען!

שאול:
זאָלבן פֿאַר אַ קעניג האָט מיר שמואל געטאָן,
און איך האָב ניט קײן מנוחה זינט דאַמאָלט־אָן.

דינער:
חית!

שאול:
חרטה צו האָבן איז איצט שוין צו־שפּעט,
װען די פּלשתּים האָבן געפֿאַנגען אין זײער נעץ.

דינער:
יוד!

שאול:
יה — גאָט, זע און קוק אַראָפּ!
זע װי מ'נעמט אַראָפּ די קרוין פֿון מײַן קאָפּ!
(צום דינער)
נעם מײַן שװערד אין דײַן האַנט,
און קוילע מיר גיך און באַלד!

דינער:
(דערהרגעט אים) (אָפּ)

יונתן:
(קומט אַרײַן)
איך אומגליקלעכער יונתן
טו איצט װײנען און קלאָגן
אויף מײַן פֿאָטער שאול,
װאָס איז געװאָרן דערשלאָגן.
אָ, שאול, דו שאול,
דו ביסט דאָך געװען אַזאַ פּראַכט —
װי אַזוי ביסטו געפֿאַלן
אין מיטן דער נאַכט ? !
(ער דערשטעכט זיך מיט זײַן שװערד און פֿאַלט
נעבן שאולן)

דוד:
(קומט אַרײַן)

איך עלנטער דוד
טו איצט וויינען און קלאגן
אויף שאול און יונתן,
וואס זיינען געווארן דערשלאָגן.
אָ, יונתן, דו יונתן,
ביסט דאך געווען אזא גרויסער העלד —
ווי אזוי ביסטו געפאלן
אויפן פרייען פעלד?!
יונתן, דו יונתן,
ביסט דאך געווען מיין בעסטער פריינט —
ווי אזוי ביסטו געקומען
צו אזא באשטאנד?!
שאול, דו שאול,
בביסט דאך געווען אזוי געשטארקט און געהויכט, —
ווי אזוי האט דיר דעם שונאס
בייזע האנט דערגרייכט?!
בערג פון גלבוע,
פארשאלטן זאלט איר זיין!
ווייל אויף אייך האט זיך אויסגעלאשן
בית־ישראלס שיין! (אָפּ)

כאָר:
(זינגט א לויה־מארש. שאול און יונתן ווערן ארויסגעטראגן)

לויפער:
(קומט אריין)
ציט־אויס, ציט־אויס, איר אלע, די וואכן!
טיר און טויער אָפן צו מאכן!
די וואָכן, די וואָכן זאלן ווערן פארשפרייט!
שפילט א מארש — דער קעניג דוד גייט!

כאָר:
(זינגט א פריילעכן מארש)
(עס קומען אריין: דוד המלך, יועצים, דינער, גבורים.
פאָלק)

דוד:
איך בין דער קעניג דוד,
איך קעניג אויף דער וועלט!
און איר זייט מיינע יועצים,
איר זייט פאר מיר געשטעלט.
איך זעץ זיך אויף מיין טראָן
און קעניג אויף דער וועלט!

יועצים:
דוד מלך ישראל חי וקיים!
דוד מלך ישראל חי וקיים!

פאָלק:
יחי המלך! יחי המלך!



הרב ר' יהודה־לייב פיין זצ"ל וראש־הישיבה ר' שבתי יגל זצ"ל, בצילומם האחרון בצוותא בקייטנת נובווילנה בקיץ 1938. בימי כהונתו של ר' שבתי יגל „שיחקו" בני הישיבה במחזות ת"נכיים עממיים.

דער שטאט־רב ר' יהודה־לייב פיין זק"ל און דער ראש־הישיבה ר' שבתי יגל זצ"ל אין זייער לעצטער אויפנאמע צוזאמען אויף דאטשע אין נאוואיעלנע, אין זומער 1938. אין די צייטן פון ר' שבתי יגל האבן די ישיבה־בחורים „געשפילט" טעאטער אין ביבלישע פאלקס־שפילן

# המשך סיפורי־עם על ר׳ מרדכי׳לי

# פארטזעצונג פון פאלקס־מעשיות וועגן ר׳ מרדכי׳לען

יהושע רוזשאנסקי

## מעשיות וואס איך געדיינק

1

### א מעשה מיט אנ׳אמעריקאנער גויע, א עקרה

ס׳איז אונגלויבליך אבער א פאקט: די פאפולאריטעט פון ר׳ מרדכי׳לען אלס בעל־מופת איז געווען גרויס ניט נאר אין דער יידישער וועלט און אפילו גויים פלעגן פארן צו אים אזש פון אמעריקע. איך געדיינק א פאל, וואס האט פאסירט אין מיינע יונגע יארן, ווען כ׳בין געווען א ייִנגל פון 10—11 יאר (ד. ה. אין 1906 אדער 1907). מיינע עלטערן זיינען געווען די בעלי־בתים פון „האנדלס־האטעל״ (קופעטשעסקע גאסטיניצע) אין סלאנים, וואס האט זיך געפונען אנהייב רוזשנאיער גאס. איינמאל איז צו אונדז פארפארן פון וואקזאל א דראזשקע מיט 2 פרויען און פיל באגאזש. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז זי איז זייער א רייכע קינדערלאזע רוסישע פרוי, א געוועזענע עמיגראנטין, וואס איז געקומען פון אמעריקע. זי האט גערעדט א צובראכענעם רוסיש און זיך נאכגעפרעגט ווי אזוי קען זי אויפגענומען ווערן דורך׳ן הייליקן מאן. זי וויל פון אים א ברכה צו געבענטשט ווערן מיט א קינד.

ס׳איז ניט געווען אזוי פשוט אנצוקומען צו ר׳ מרדכי־לען, וועמנס הויז איז שטענדיק געווען באלאגערט פון מענטשן. דער אנגעשטעלטער אין האטעל, א ייד מיטן נאמען אייזל וועלכער פלעגט באדינען די אורחים, האט זיך אונטערגענומען דאס צו ערליידיקן. ער האט זיך צונויפגערעדט מיט ר׳ מרדכי׳לעס שמש, ר׳ אייזיק, וועלכער פלעגט האלטן ארדנונג ביים אריינגאנג צום רב לויט דער רייהע פון ווארטנדן עולם. איך פארשטיי, אז ניט אייזל און ניט ר׳ אייזיק האבן צום ענין דערלייגט...

אויף מארגן איז די אמעריקאנערין, מיט איר באגלייטערין וועלכע איז געווען אַ יידישע פרוי, צוגעלאזן געווארן צום רב און געווײַלט ביי אים א קורצע ווײַלע. די ביידע פרויען זיינען קורץ באכהער אפגעפארן.

ס׳איז דורך אביסל מער פון א יאר און דיזעלבע אמעריקאנערין איז ווידער פארפארן צו אונדזער גאסטיניצע — דאסמאל אין באַגלייטונג פון 2 פרויען מיט א קינד. די ברכה איז מקוים געווארן און זי איז געקומען ספעציעל פון אמעריקע באדאנקען ר׳ מרדכי׳לען. זי האט איבערגעלאזן א שיינע סומע געלט אין די האנט פון רבי אלס צדקה פאר דער שטאט. ווי באקאנט האט ר׳ מרדכי׳לי קיין איין פרוטה פאר זיך ניט גענומען פון די צדקה־געלט וואס מען פלעגט אים געבן.

2

### ווי אזוי איוואנאוו האט געבעטן מחילה ביי ר׳ מרדכי׳לען

ווען מ׳האט איבערגעבויט אין סלאנים דעם ראד־קראמען (אין 1907 אדער 1908), האבן די יידישע אונטער־נעמער־מולערס באשטעלט א מערהייט קריסטלעכע שווארצע ארבעטער. דאס בויען האט געדויערט אייניקע חדשים. ס׳איז דאן געווען זעלבסטפארשטענדלעך, אז שבת האט מען ניט געארבעט, און ניט נאר דערפאר ווייל סיי די קרעמער און סיי די בויער־אונטערנעמער זיינען געווען יידן, נאר קיינער וואלט זיך אין יענע יארן גארניט געקענט פארשטעלן, אז אין סלאנים זאל מען אין צענטער שטאט, ניט ווייט פון שולהויף ארבעטן אום שבת...

איינמאל, א שבת אין דער פרי איז געקומען צום ראד־קראמען דער באקאנטער דאן אין שטאט פאליציי־„אקאלאדאטשניק״ (באצירק־שעף) איוואנאוו צוזאמען מיט די קריסטלעכע ארבעטער און האט זיי געהייסן זיך שטעלן צו דער ארבעט. די איבערראשונג איז געווען א גרויסע, און מען איז גלייך אוועקגעלאפן אין מויערנעם בית־המדרש, ווו דער רב האט געדאווענט. ר׳ מרדכי׳לע האט גלייך אויס־געטאן דעם טלית און זיך געלאזן צו די קראמען, און אסך יידן און א המון פון קינדער, — ואני בתוכם, —— זיינען נאכגעגאנגען דעם רב. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו די קראמען, האבן מיר ווירקלעך געזען, ווי די קריסטלעכע ארבעטער ארבעטן און איוואנאוו שטייט דערביי און גיט אכטונג.

ר׳ מרדכי׳לע האט ניט געקענט קיין רוסיש. האט ער אנגעהייבן שרייען אויף די ארבעטער און מיט די הענט באוויזן זיי זאלן אראפגיין פון דער ארבעט. דאן איז איוואנאוו צוגעגאנגען צו אים און ערקלערט, אז ס׳איז פאראן

*) מיר גיבן דא דעם המשך פון פאלקס־מעשיות וועגן ר׳ מרדכי׳לען. ז׳ פנקס־סלאנים, דריטן באנד, ז׳: 354—357. — רעד.

א באפעל אז מען זאל ארבעטן שבת. עמיצער האט דאס ר׳ מרדכי׳לען איבערזעצט. דער רב איז, ווייזט־אויס, ארויס פון די כלים, האט געשריען אויף איוואנאוון, זשעסטיקו־לירט מיט די הענט, — און דערמאנענדיק זיך אפשר א פאר שימף־ווערטער אין רוסיש וואס ער האט געהערט אמאל און געדיינקט, — האט ער ארויסגעזאגט א קללה אויפ׳ן אדרעס פון אקאלאדאטשניק, — צו דער גרויסער איבערראשונג פון עולם וואס איז געשטאנען ארום.

אבער נאך מער איז מען געווארן ערשטוינט, ווען דער הויכער, ברייט־פלייציקער איוואנאוו האט פלוצלינג געביטן דעם טאן און — געבעטן מחילה ביים רב... דער עולם איז געבליבן שטיין געפלעפט. א פנים, אז אויך איוואנאוו האט געגלויבט אין דעם מיסטישן כוח פון „ראבין״, און ווער ווייס, אפשר איז זיין קללה אזוי ווירקזאם ווי זיין ברכה...

איוואנאוו האט געהייסן די קריסטלעכע ארבעטער זיך פאנאנדערגיין, און דאס איבערבויען די קראמען האט זיך פארענדיקט אן חילול־שבת*).

3

## שמחת תורה ביי ר׳ מרדכי׳לען מיט ישיבה־בחורים

הגם די סלאנימער ישיבה איז געווען בארימט אין דער לומדישער וועלט און האט זיך ניט געהאט וואס צו שעמען פאר סלאבאדקע, מיר און טעלז, — פלעגן פיל סלאנימער ישיבה־בחורים, נאכ׳ן אפלערנען עטלעכע יאר אין דער היימישער ישיבה, פארן לערנען אין אנדערע ישיבות, כדי מקיים זיין דעם „הווי גולה למקום־תורה״. איבערהויפט פלעגן סלאנימער בחורים לערנען אין מיר און אין סלאבאד־קע (קאוונע) און מען פלעגט זיי, אין פארשיידענע צייטן, טרעפן דארטן אין די צענדליקער. אויף פסח און אין חודש תשרי פלעגן זיך די ישיבה־בחורים צונויפפארן אהיים, כדי צו פארברענגען ימים טובים און ימים־נוראים מיט זייערע פאמיליעס.

אין ר׳ מרדכי׳לעס צייטן איז געווארן א מין מנהג, אז די צונויפגעפארענע ישיבה־בחורים פלעגן קומען צו ר׳ מרדכי׳לען שמחת־תורה נאכ׳ן דאווענען אויף א קידוש און זיך משמח זיין מיט אים, ווי ס׳פאסט פארן טאג.

איינמאל (אין שנת תר״ע אדער תרע״א) האב איך דאס אויך מיטגעמאכט, ווען כ׳בין געקומען פון דער מירער ישיבה אהיים אויף ימים־טובים. שמחת־תורה נאכ׳ן דאווענען זיינען מיר, א פאר צענדליק ישיבה־לייט, געווארן פארבעטן צום רב אין שטוב. דער רב האט געמאכט קידוש און מען האט דערלאנגט כיבוד. ר׳ מרדכי׳לע האט זיך מיט אונדז משמח געווען מיט דברי־תורה. מיר האבן אויך געזונגען און פארבראכט צוזאמען מיט אים ביז פארנאכט.

נאכדעם זיינען מיר, אלע ישיבה־לייט, ארויסגעגאנגען אין גאס מיט א ספר־תורה. מיר זיינען, זינגענדיק און טאנ־צנדיק, געגאנגען צום שולהויף און פון דארטן צום שטוב פון ראש־הישיבה ר׳ שבתי יגל. די איינוווינער פון די הייזער פארביי וועלכע מיר זיינען געגאנגען, זיינען אונדז ארויס אנטקעגן מיט ליכט אין לאמפן און האבן אונדז באגלייט ביז׳ן ראש־הישיבה. אויך בעלי־בתים פון די בתי־מדרשים זיינען צוגעשטאנען צו אונדזער „פראצעסיע״, בעת וועלכער מיר האבן די גאנצע וועג געזונגען און געטאנצט, און מיר האבן דאס נאכהער פארגעזעצט ביים ראש־הישיבה אין שטוב. ס׳איז געווען די אמתע שמחת־תורה...

איך געדיינק אז צווישן די ישיבה־לייט זיינען געווען יודל, דער בכור פון ר׳ יוסף שערעשעווסקי (וועלכער האט געלערנט אין מירער ישיבה) און ביידע זין פון ר׳ הירש שערעשעווסקי (זיי האבן, דוכט מיר, געלערנט אין סלאבאד־קע); א זון פון באקאנטן אין שטאט איזוואשטשיק מיטן נאמען „איטשע למדן״ (ווייל כאטש א איזוואשטשיק האט ער נאך געדיינקט זיין גירסא דינקותא פון די חדרים). אגב, זיין זון וועלכער איז געווען א גרויסער למדן איז אין יארן ארום געווארן רב אין פילאדעלפיע. אויך איז געווען מיט אונדז ביי ר׳ מרדכי׳לען פרץ, דער זון פון ר׳ שבתי יגל ז״ל.

*) דיזעלבע מעשה, אין אנ׳אנדער וואריאנט, ווערט דערציילט דורך מרדכי ספיר אין סלאנימער ארגענטינער ביולעטין, נומער 22, 1974.

---

מרדכי ספיר—רובינאווסקי

# א משוגענער און א דיבוק זוכן הילף ביי ר׳ מרדכי׳לען

### א.

### דער משוגענער

אין דער גימנאזיע „הרצליה״ פון יפו—תל־אביב האבן געלערנט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה 4 סלאנימער יינגלאך: יהושע אלוף (וואלאפיאנסקי), משה ספיר (טשע־פעלעווסקי), חיים ראבינאוויטש ע״ה (דער זון פון ר׳ בער קאזינקער) און איך.

אין חודש יולי 1914 זיינען מיר געפארן אויף וואקא־

ציעס אין סלאנים. אין מיטן וועג האט דער שיף־קאפּיטאן (ס'איז געווען א רוסישע שיף וואס איז געפארן אין אדעס) דערהאלטן א טעלעגראמע, אז ס'איז אויסגעבראכן א מלחמה, און דער באפעל האט געלויטעט: „נישט אפּשטעלן זיך אין קיין שום פּאָרט און פארן דירעקט קיין אדעס".

אדעס איז דאן געווען איבערפולט מיט סאלדאטן און מאטראסן. די באנען זיינען געווען באלאדן מיט מיליטער און אמוניציע, וועלכע זיינען געפארן צום פראנט. אויפן פערטן טאג נאך אונדזער אנקומען, האבן מיר ווי עס איז זיך געקענט אריינכאפּן אין א וואגאן, אין וועלכן עס איז געווען אונמעגלעך צו אטעמען צוליב דעם געדיכטן רויך פון מאכארקע און מענטשלעכן שווייס.

נאכן אפּפארן אייניקע סטאנציעס, איז פלוצלינג פון אנ'אויבערשטן געלעגער אראפּגעשפּרונגען א יונגער, גע־זונטער בחור און איז אנגעפאלן אויף די סאלדאטן מיט פויסטן. ס'איז אויסגעבראכן א געשלעג. אינדעם האבן זיך אריינגעמישט צוויי אנדערע ציוויליע בחורים וועלכע האבן קוים איינגעצוימט דעם אנפאלנדן. דאן האבן מיר באמערקט, אז אלע דריי זיינען ענלעך איינער צום צווייטן און האבן געהאט א רוסישן אויסזען, שיעור ניט „קאצאפּעס".

אויף דער לאנגער רייזע פון אדעס אין סלאנים זיינען פיל פּאסאזשירן אראפּ און אנדערע ארויף. נאר די 3 בחורים רירן זיך ניט פון ארט און זעצן פאר די רייזע מיט אונדז. ערשט אז מיר זיינען אנגעקומען אין סלאנים, זיינען די דריי „קאצאפּעס" אויך אויסגעשטיגן, זיי האבן גענומען א איזוואשטשיק און געפארן אין שטאט אריין. די מעשה איז אונדז געווארן זייער אויפפאלנד. וואס האט זיי באוויגן אונטערצונעמען אזא לאנגע און מסוכנדיקע רייזע אין סלאנים, און אין אזעלכע שווערע באדינגונגען? —

אין סלאנים זיינען קיין סודות ניט געווען. אין א פּאר טעג ארום האב איך זיך דערוווסט, אז די דריי פּאסאזשירן זיינען ברידער, יידישע בחורים פון טיף רוסלאנד, און איינער פון זיי, דער וואס איז אנגעפאלן אויף די סאלדאטן, איז משוגע, און די ברידער האבן אים געבראכט צו ר' מרדכי'לען, אז ער זאל אים אויסהיילן... אין די ווייטע מקומות פון וואנען זיי קומען האבן זיי געהערט, אז אין סלאנים איז פאראן א בעל־מופת וועמענס א ברכה העלפט צו אלע מחלות, און אויך צו משוגעת... אזוי ווייט איז דער־גאנגען ר' מרדכי'לעס פּאפּולאריטעט.

מען האט דאן דערציילט אין שטאט, ווי אזוי ר' מרדכי־לע האט זיי אויפגענומען. דער שמש ר' אייזיק האט זיי אריינגעפירט אין רב'ס צימער. דער רב, אנגעטאן אין זיין זיידענער זשופּיצע, האט גערויכערט דעם לאנגן ציבעק (מען האט געזאגט, אז ער האט אים באקומען א מתנה פון אדוו. יאקאבסאן).

אין אנזיכט פון צדיק מיט זיין ווייסער בארד און פּיאות און לייכטנדיקן פּנים, האט זיך דער משוגענער באַרויקט. עס האבן אים געציטערט הענט און פיס. ר' מרדכי'לע האט צו אים גערעדט מיט אזייער פריינטלעכן טאן. ווייזט־אויס, אז די היפּנאטישע ווירקונג פון צדיק האט געווירקט אויפן משוגענעם. די ברידער האבן געגלויבט, אז דער משוגענער איז שוין אויסגעהיילט. צופרידענע, זיינען די 3 יידישע „קאצאפּעס" צוריקגעפארן אין זייער ווייטער היים.

### ב.

### דער דיבוק.

איך געדענק, ווי איינמאל אלס יינגל האב איך געזען, ווי נעבן געמויערטן בית־מדרש זיצט א יונגע פרוי ארומ־גערינגלט מיט א גרופּע מענטשן. זיי האבן דערציילט, אז אין דער יונגער פרוי, וועלכע איר משפחה האט אראפּגע־בראכט פון דערווייטנס קיין סלאנים, איז אריין א דיבוק, נעמלעך זי קרייט ווי א האן... און מען האט איר געבראכט צו ר' מרדכי'לען, אז ער זאל איר ארויסטרייבן דער דיבוק.

מער האב איך די פרוי נישט געזען און איך געדענק נישט וואס איז געווארן מיטן „דיבוק", צי ר' מרדכי'לע האט אים טאקע ארויסגעטריבן. נאר מערקווירדיק, אז דאס פאלק בכל התפוצות האט געגלויבט, אז דער סלאנימער בעל־מופת איז א „כול־יכול" און קען אויך ארויסטרייבן א דיבוק.

---

אברהם סטאלאוויצקי (ארגענטינע)

# צו שפּעט...

## א פּאסירונג מיט ר' מרדכי'לען

איטשע דער שוסטער, אדער ווי מען האט אים גערופן, „איטשע דער חסיד" האט געוווינט אויף רוזשנאיער גאס, אין א קליינעם, אייגענעם הייזל. ער איז געווען א געטרייער סלאנימער חסיד און זייער פרום, אבער פון נאטור — א כעסן, א נערוואַישער און א שרייער. האט זיך געמאכט, אז ער האט פארקויפט זיין הייזל, און ווי עס פאסירט בעוונותינו הרבים גאנץ אפט, איז צווישן קויפער און פארקויפער אנט־שטאנען א סכסוך, און מען האט באשלאסן איבערגעבן דעם ענין צו בית־דין, צו ר' מרדכי'לען. נאכן אויסהערן די טענות און באטראכטן גוט דעם ענין, האט ר' מרדכי'לע געפּסק'נט

דעם דין לטובת דעם צווייטן צד. ווערנדיק אויפגערעגט, האט איטשע פארגעסן ווו ער שטייט און זיך צושרייען אויפן רב מיט זידלערייען און איז ארויס מיט א געשריי: „אויך מיר א דין־תורה, אויך מיר א רב"... —

ר' מרדכי'לע האט אים געענטפערט:

— „אויב אייך געפעלט ניט דער בית־דין של מטה, טא זאל אייך משפטן דער בית־דין של מעלה". —

אז ר' איטשע איז צוריקגעקומען אהיים האט ער זיך באטראכט וואס ער האט דא אפגעטאן: אזוי באליידיקן דעם רב! ער האט זיך שוין קיין מנוחה ניט געפונען, און בשום אופן ניט געקענט זיך זעצן צום ווארשטאט ארבעטן. ער האט זיך דערפילט שלעכט און איז אריין אין בעט. די נאכט האט ער שוין ניט געקענט איינשלאפן.

אויף צומארגנס איז איטשע געווען ממש קראנק און ס'האט אים געפיבערט. ער האט געשיקט זיין ווייב צום חסידישן רבין ר' שמואלקען, זי זאל דערציילן די גאנצע געשיכטע און פרעגן אנ'עצה וואס צו טאן. אז ר' שמואלקע האט דאס דערהערט, האט ער זיך געכאפט פארן קאפ: ס'טייטש, אזוי אריינזאגן דעם גרויסן צדיק! — ער האט גע'עצה'ט דער יידענע, זי זאל גלייך גיין צו ר' מרדכי'לען און אים בעטן מחילה, און דערווייל, ביז וואס ווען, האט ער איר געגעבן א קוויטל, זי זאל ארונטערלייגן איטשען צוקאפן, אונטערן קישן.

בינו לבינו איז איטשען געווארן ערגער פון שעה צו שעה און מ'האט געבראכט א דאקטער. דער טאג איז אריבער, און איטשעס ווייב האט ניט באוויזן גיין צו ר' מרדכי'לען. ערשט אויף מארגן איז זי געלאפן צו ר' מרדכי'לען מיט א געוויין און אים געבעטן מחילה פאר איר מאן:

— „הייליקער רבי, זייט אים מוחל! מיין מאן איז אנ'ארנטלעכער און פרומער ייד. ער האט בלויז אויף א ווייל פארלארן דעם רעיון און ער האט ניט געוווסט וואס ער רעדט. ראטעוועט אים! ער איז א טאטע פון קינדער!" —

ר' מרדכי'לע האט אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געענטפערט:

— „איך בין אים מוחל. זאל דער רבונו של עולם אים אויך מוחל זיין." —

יידן וואס זיינען בייגעווען דעם דאזיקן דראמאטישן מאמענט האבן באמערקט, אז נאך דעם ווי די יידענע איז אוועק, איז דער רב געבליבן שטארק פארטראכט. ער האט נערוועאיש געדרייט זיין ציבעק וועלכן ער פלעגט, ווי ס'איז באקאנט, ניט ארויסלאזן פון האנט און פון צייט צו צייט ארויסגערעדט, אזוי ווי צו זיך:

— „צו שפעט, צו שפעט..."

ס'איז שוין באמת געווען צו־שפעט: איטשע איז געשטארבן דעמזעלבן טאג.

---

חיים שלו

# מזכרונותי על ר' מרדכי'לי מסלונים

## א. עריק מצבא הצאר הרוסי

בסתיו 1914 גוייסתי לצבא רוסיה ונשלחתי לריבינסק ואחר־כך לירוסלבל. לאחר חדשי שרות מעטים שלחוני לחזית.

בדרכי לחזית עלה בדעתי לערוק ולנסוע הביתה להיפרד מהורי ובני משפחתי, כי חשבתי שבוודאי לא אשוב חי מהחזית. זה היה בליל שבת. בשבת לפנות בוקר עמדה הרכבת שלנו בתחנת סלונים. ירדתי לשתות ובינתיים הלכה הרכבת שלי בדרכה לחזית. כאשר האיר היום שמתי פעמי העירה. בסלונים לא היה לי שום מכר ומודע. ראיתי מרחוק יהודי הולך עם טלית לבית כנסת ועקבתי אחריו. נכנסתי לבית הכנסת, פתחתי גמרא ועיינתי בה. תיכף התאספו סביבי ילדים ובחורים והסתכלו בי בסקרנות. אחרי התפילה נגשו אלי גם כמה יהודים, בעלי־בתים, וסיפרתי להם בגלוי את אשר בלבי לעשות. הם קיבלו את זה כדבר רגיל, הביאו לי אוכל מסעודת שבת ואכלתי לשובע.

בין מנחה למעריב המשיכו לדבר אתי ויעצו לי להחליף את מדי הצבא שלי בבגדים אזרחיים וללכת לרבי מרדכי'לי, שיברך אותי. הסכמתי תיכף להחליף את הבגדים וקניתי בו במקום מיהודי אחד אדרת כבשים קצרה, מכנסיים וכובע. את בגדי הצבא שמתי בשק, כי הרי כוונתי היתה רק להיפרד מהורי ולחזור לצבא. אולם בנוגע לברכת ר' מרדכי'לי אמרתי להם: „אני גדלתי בין מתנגדים מובהקים ובעיירתי אין אף חסיד אחד ואיני מאמין בברכת רבי". — למרבה תמהוני הם הסבירו לי, שאין ר' מרדכי'לי כלל וכלל אדמו"ר של חסידים, ומה גם שיש בסלונים אדמו"ר של חסידים ממש, אך ברכתו של ר' מרדכי'לי עדיפה, כי הוא צדיק שאין כמותו. עלי להודות שהסכמתי ללכת אליו יותר מתוך סקרנות מאשר הרצון להתברך על ידיו.

ביום שני הלכתי לבוש אזרחית לביתו של ר' מרדכי'לי. משראיתי הדרת פניו נפל עלי פחד ויראת כבוד, התבלבלתי ורציתי לשים יד למצחיה, לאות כבוד, כמו שהורגלתי בצבא. על שולחנו היתה מונחת גמרא גדולה, והוא בעצמו — קטן קומה ובפיו מקטורת ארוכה מאד.

הרבי פנה אלי ושאל: מה רצוני? — סיפרתי לו

ששולחים אותי לחזית ורצוני לנסוע הביתה להיפרד מהורי ולחזור לצבא. הוספתי ואמרתי: ברכני נא, אבי!

הוא שאל אותי לשם אמי, אמרתי לו: חנה. שמעתי אותו לוחש איזה פסוק והוסיף: „פארט, דער אויבערשטער וועט אייך מצליח זיין!" (תסע, הקב"ה יצליח דרכך). רציתי להשאיר כסף לצדקה אך הוא אמר: בחוץ יש קופה של צדקה.

חזרתי לבית הכנסת. בחורים התנדבו לעזור לי והלכו וקנו לי כרטיס רכבת וגם ליוו אותי לתחנה. ליד דלתות היציאה עמדו שוטרי צבא ודרשו מכל הרוצה לצאת תעודת מסע, תעודת זהות, צו חופשה וכיוצא בזה. בידי הרי לא היתה אף אחת מהתעודות הנ"ל ולכן נסוגותי תמיד לאחור, כי ידעתי שיאסרו אותי. רגעים אחדים לפני צאת הרכבת באה רכבת אחרת מלאה אנשי צבא הנוסעים לחזית. אלה התפרצו לתוך אולם התחנה ודחפו את שוטרי הצבא הצדה. באותו רגע נדחקתי ויצאתי לרחבה, נכנסתי לקרון ונסעתי.

לפנות בוקר הגענו לברנוביץ, ושם צריך הייתי להחליף רכבת ההולכת עד לוניניעץ. אחרנו את הרכבת הזאת ונאלצתי להמתין עד בוא רכבת שניה בערב.

בברנוביץ ישב אז מפקד כוחות הצבא הרוסי ניקוליי ניקוליביץ', דודו של הצאר. השמירה היתה שם מעולה, שוטרי חרש הסתובבו על כל צעד ושעל. לעיני דרשו מאנשים תעודות ואסרו גברים ונשים אזרחיים וגם הרבה מאנשי הצבא נאסרו. את השק עם בגדי הצבא שהובלתי אתי שמתי בצד והפקרתיו כאילו אינו שלי, כי חששתי שמא יחשבוני למרגל, ובעצמי נדחקתי לקרן זוית וציפיתי לערב. עבר היום ולא שאלו אותי ולא דרשו ממני שום דבר. סוף סוף באה הרכבת ונסעתי עד לוניניעץ, ומשם למיקשביץ', הביתה.

אחרי הגיעי הביתה הייתי בימים מתחבא בבית ובערבים הייתי יוצא לבלות עם חברים וחברות. רציתי לעשות זמן מה באווירה ביתית. שהיתי בבית כמה שבועות. בינתיים נודע הדבר למשטרה ואלה התחילו לסחוט כספים מהורי. על-כן החלטתי לחזור כבר לפלוגתי, ולנסוע לוורשה כדי להתייצב שם.

מתחנת מישקביץ' עד וורשה נוסעים כל הלילה. נכנסתי לקרון והשק עם בגדי הצבא אתי. לפנות בוקר, כשהרכבת עמדה בתחנה הקרובה לוורשה, נכנסו ז'נדרמים לכל קרון לבדוק את תעודות הנוסעים ולא פסחו על שום אדם, אנשי צבא ואזרחים. אותי לא בדקו ולא שאלו. ראיתי בזה השפעת ברכתו של ר' מרדכי'לי.

בוורשה מצאתי בן-עיר שהסתתר מעבודת הצבא, גידל זקן ארוך ועבד כשמש בבית כנסת קטן. נכנסתי לבית הכנסת שבו שימש בן-עירי זה, לייזר אשר'ס שמו. סיפרתי לו את כל העניין, שהייתי בבית וראיתי את הוריו, ואמרתי לו שאני רוצה להתייצב לפני המושל הצבאי ולהיכנס חזרה לשורות הצבא.

אולם אין הדבר קל כלל וכלל. אם הולכים ברחוב — יש סכנה להיאסר ולהישלח למאסר ממושך במבצר. להיכנס למושל הצבאי והתייצב פשוט, — גם כן מסוכן. כי מה אומר לו? בשארתי. היכן, מתי? —

יעץ לי לייזר: „חכה עד לפנות ערב. בין מנחה למעריב באים חיילים יהודים להתפלל ואז נמצא איזו דרך". — לבשתי כאן מחדש את בגדי הצבאיים.

לפנות ערב התחילו להתאסף לבית הכנסת חיילים וביניהם בחור אחד ענק. אמר לו לייזר: „את היאט" (זאטוט) הזה צריך להכניס לחצר הקסרקטין של המושל הצבאי"... וכך היה.

בהשתדלותו הובילוני חיילים אל מחוץ לעיר, שם עברו פלוגות חיילים החוזרים מעבודה. הם הכניסוני לבין השורות, והממונה על הביקורת לא הרגיש שיש אחד מיותר. נכנסתי ונמניתי על אוכלי שולחן המלך, כי לא שאלו ולא בדקו.

כעבור שלושה ימים הרכיבו מכל הבודדים פלוגה חדשה ושלחו אותם לעיירה ליד וורשה, כדי להתאמן ביריה ותרגילי צבא, ואחרי חודש שלחונו לצבא.

נשארתי בחיים, כי תמיד שיוויתי נגד עיני את ר' מרדכי'לי וברכתו.

## ב. ר' מרדכי'לי מציל יהודי מעלילה

בהיותי בסלונים סיפרו לי: בכפר אחד היה מוזג המתפרנס ממכירת משקאות חריפים לאנשי הכפר. באותו כפר היה כומר שונא ישראל. יום אחד אירע מקרה, שגוי אחד שהשתכר בבית המוזג מת מיתה פתאומית.

באותם הימים לא היתה אפשרות לבדוק את סיבת המות. קברו את הגוי והעלילו על המוזג, שהוא הרעילו במזיד. אסרו אותו. על ידי השתדלות ושוחד הוציאו את המוזג בערבות עד יום המשפט.

מה עושה יהודי מאמין? נוסע לרבי. בא לר' מרדכי'לי וסיפר לו את המעשה שהעלילו עליו. שמע ר' מרדכי'לי את דברי היהודי ואמר לו: „ביום המשפט שיתקיים בעיר המחוז תסע ברכבת במחלקה הראשונה". —

המוזג התפלא מאד למשמע העצה המוזרה הזאת, אך אין להרהר אחרי הוראותיו של ר' מרדכי'לי.

ביום המשפט אסף המוזג את שארית פרוטותיו, לקח טליתו ותפיליו, פרוסות לחם יבש, קנה כרטיס במחלקה הראשונה ונסע למשפט. לפנות בוקר, בשבתו עוד ברכבת, התעטף היהודי בטלית ותפילין והתפלל בכוונה עצומה ושפך דמעות לרוב. אחרי זה טבל לחם יבש במלח ואכל ובירך.

על ידו ישב איש מכובד לבוש הדר, והיה הדבר תמוה בעיניו. יהודי עני ומר נפש כזה, נוסע במחלקה ראשונה, — דברים בגו, ושאל אותו לסיבת הדבר. היהודי סירב לדבר, אולם כאשר נוכח ביושרו של השואל שדיבר אליו רכות, רכש את אימונו וסיפר לו את כל העניין על העלילה ואמר: „היתכן הדבר? — הריני חי עם אנשים אלה עשרות שנים בשלום ובשלווה ואני מתפרנס מהם, ואיך יעלה על דעת מישהו שאני ארעיל שכן טוב שלי?" —

האיש התרשם מדברי היהודי והפטיר בשפה רפה: ה' ירחם! אותו איש מכובד היה אב בית הדין, שנסע גם כן למשפט זה.

הכומר, העד הראשי, בא גם הוא למשפט. במקרה התאכסנו השופט והכומר במלון אחד, חדר על יד חדר, עשו הכרה והתידדו, וכנהוג אצלם שתו יחד. בזמן השתייה,

כטוב לבם ביין, התחילו לדבר רעות על היהודים, והכומר הגדיל והתפאר, שבקרוב יתנקם ביהודי אחד ויפיל אותו למאסר עולם ואולי גם ידונו אותו למות. והוא סיפר לו את כל סיפור המעשה הבדוי על המוזג הזה.

שמע השופט את דברי הכומר, ובהיותו משוכנע בצדקת היהודי חקר את העדים שתי וערב, עד שהכומר הסתבך בעדותו ונאלץ להודות על האמת. היהודי יצא זכאי והכומר נידון למאסר.

חייקל לונסקי

# א סלאנימער לעגענדע וועגן הרב ר׳ שמשון בר׳ מרדכי

וועגן בארימטן סלאנימער רב פון דער צווייטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט הרב ר׳ שמשון ב״ר מרדכי האט מען דערציילט אין שטאט פאלגנדע לעגענדע, וועלכע איך האב געהערט נאך אין מיינע יוגנט־יארן, 100 יאר נאך זיין פטירה אין קעניגסבערג:

אין דער צייט ווען ר׳ שמשון איז געוועזן דער רב אב״ד פון סלאנים, האט געלעבט א גרויסער צדיק ר׳ יוחנן, וואס האט מגלה געווען אלע ל״ו-ניקעס אין זיין דור. ר׳ חיים וואלאזשינער האט געזאגט אויף אים, אז ער האט רוח הקו-דש. בשעת ר׳ יוחנן האט, — ווי דער מנהג איז געווען ביי די גדולים — „אפגעריכט גלות, — איז ער אמאל געקומען אין סלאנים און געהאלטן שבת ביי א חשוב׳ן בעל-הבית, א ייד א למדן. שבת בייטאג האט זיך דער בעל־הבית אפגערופן צום אורח: „לאמיר גיין אין שול הערן די ד׳רשה פון אונד-זער גרויסן גאון און חכם ר׳ שמשוג׳ען.״ — דער אורח האט געענטפערט, אז ער וועט ניט גיין, ווייל דער רב איז ביי אים ניט אזוי שטארק חשוב, ווייל היינטיקע וואך האט ער געהאט א טעות אין א דין-תורה.

דער בעל־הבית האט זיך זייער פארוואונדערט און אים שטארק געראטן, ער זאל פארט גיין אין שול. איז ר׳ יוחנן געגאנגען.

נאך דער דרשה האט אים דער בעל־הבית געפרעגט: „ווי איז אייך געפעלן די דרשה?״ — האט אים ר׳ יוחנן געענטפערט: — „ווי אזוי זאל מיר ניט געפעלן, אז די גאנצע פמליא של מעלה איז געקומען הערן די דרשה״. —

האט זיך דער בעל-הבית אפגערופן: — „ס׳טייטש? איר האט דאך פריהער געזאגט, אז דער רב איז ביי אייך ניט זייער חשוב, ווייל ער האט געהאט א טעות אין א דין-תורה״. — האט אים ר׳ יוחנן געענטפערט: — „אמת! דער רב האט טאקע א טעות געהאט אין א דין, נאר פרייטיק פארנאכט פאר דער טבילה, האט ער, — ווי זיין שטייגער איז געווען, — געמאכט א חשבון־הנפש און זיך דערמאנט, אז ער האט אין היילענעש געהאט א טעות אין א דין, האט ער תיכף געשיקט נאך די בעלי־דינים און זיי איבערגע׳-פסקנ׳ט דעם דין, און היינט האב איך שוין אויף אים צוריק געזען דעם צלם-אלקים; דעריבער בין איך זייער צופרידן.״

---

משה פרומער

# דער בעל „חסד לאברהם״ אלס „רופא חולים״

## (א מעשה שהיה פון סלאנימער חסידישן פאלקלאר.)

אין מיינע יונגע יארן אין אנהייב יארהונדערט האב איך געלעבט אייניקע יאר אין דער שטאט באקו אין קאווקאז; כ׳האב דארטן געהאט א פאסנדע ארבעטס־שטעלע. אין יענ־ער צייט איז אין באקו געווען א היבשע צאל יידן פון די פוילישע און ליטווישע גובערניעס, וועלכע זיינען געווען אויף שטעלעס ביי די נאפט־ראפינעריעס און אין אנדערע אונטערנעמונגען. צווישן זיי זיינען אויך געווען „חמץ־געווארענע״ חסידים, דאס מיינט חסידים, וועלכע האבן זיך אין די יונגע יארן גענוג געשטופט מיט חסידישע עלנבויגנס אין די זייטן, ביי די טישן פון חסידישע רביים, און געכאפט שיריים, — און נאכדעם, ביים ארויספארן אין דער גרויסער וועלט, זיינען זיי געווארן, אויב ניט־אפיקורסיש, איז געוויס אנטי־חסידיש...

צוזאמען מיט מיר האט זיך געפונען מיינער א קוזין

וועלוול רוזשאנסקי, וועלכער האט געשטאמט פון א שטעטל ביי נעסוויזש. ער איז געווען עלטער פון מיר, שוין אין די מיטעלע יארן.

וואס טוען פוילישע און ליטווישע יידן אין באקו נאך דער ארבעט, אין א פרייע שעה? — מיט די דארטיקע, גרוזינישע יידן האט מען זיך ווייניק געטראפן. פלעגן מיר זיך טוליען איינער צום צווייטן, זיך צונויפקלייבן ארום א גלאז טיי און שמועסן. יעדער איינער פלעגט דערציילן פון זיין שטאט אדער שטעטל, ווו ס'האבן געלעבט זייערע פאמיליעס.

איינמאל ביי אזא שמועס, איז מען ארויפגעקומען אויף דער טעמע „חסידישע רביים און סתם גוטע יידן, בעלי־מופת". דער עולם האט אנגעהויבן זיך פריילאך מאכן אויף זייער חשבון, און פראוווען ליצנות. דא האט זיך אויפגעהויבן מיין קוזין און האט אויסגערופן:

— „איר הערט, רבותי, וואס איך וועל אייך זאגן? לאכט ניט פון גוטע יידן. מאכט ניט קיין חוזק פון זיי. אט וועל איך אייך דערציילן א מעשה וואס מיט מיר אליין האט געטראפן, — און איר קענט דאך מיר שוין פון יארן, אז איך וועל אייך קיין ליגן ניט דערציילן." —

אלע האבן אנגעשטעלט די אויערן און דער קוזין האט דערציילט: — „די מעשה האט פארלאפן ווען כ'בין געווען שוין א פארהייראטער יונגערמאן און כ'האב שוין געהאט מיין בכור נחום'ען. איך האב דאמאלסט געוווינט אויף דער אייזנבאן־סטאנציע גאראדיי, אויף דער ליניע מאסקווע־בריסק, אויפן וועג צו מינסק. איך בין נאך דאן געווען א הייסער חסיד, בן חסיד, און כ'פלעג פארן אין סלאנים, צום רבי'ן ר' אברהם דעם בעל „חסד לאברהם". איינמאל האב איך זיך דערוווסט, אז דער רבי קומט צום פאסעסאר, וועלכער האט געוווינט ניט ווייט, א וויארסט צען פון מיר. האב איך גענומען די פאטשט און בין צוגעפארן צום פאסע־סאר, ווו דער רבי איז געווען אויף שבת.

„פרייטיק צו־נאכט ביים טיש, רופט זיך אן דער רבי צו מיר: „וועלוול, ביי דיין טאטן איז אמאל קראנק געווארן א קינד, האב איך אים געהייסן זינגען „ישמחו במלכותך"; האט ער געזונגען און דאס קינד איז געזונט געווארן. זינג איצט „ישמחו". — דערהערנדיק די ווערטער, האב איך זיך זייער דערשראקן, און כ'האב געזונגען, ווי דער רבי האט געהייסן. אין א פאר שעה איז געקומען א רייטער, א שליח פון מיין פרוי, מיט דער ידיעה, אז מיין נחום'קע איז זייער קראנק געווארן און כ'זאל באלד קומען אהיים. כ'בין אריין צום רבי'ן און האב דאס אים דערציילט. האט ער מיר גע־הייסן גלייך פארן אהיים, ווייל פיקוח נפש איז דוחה שבת. כ'בין גלייך אוועקגעפארן. ווען כ'בין געקומען אהיים, האב איך געטראפן נחום'קען אין בעט און ער ברענט ווי א פייער, און נעבן אים זיצט דער שטאטישער פעלדשער און ער פילט־אויס די פאראָרדנונגען פון דר. מאלקעוויטש, דעם קריסטלעכן דאקטער פון נעסוויזש, וועלכן מיין פרוי האט שוין באוויזן צו ברענגען צום קינד. דר. מאלקעוויטש איז געווען בארימט אין גאנצן געגנט און האט גע'שמ'ט אלס זייער א גוטער דאקטער.

„ס'איז אריבער דער שבת. זונטיק פרי דערזע איך, ווי דער רבי איז צוגעפארן צו אונדזער הויז. פארשטייט זיך, האב איך אים גלייך צוגעגרייט א חדר מיוחד. — „וועלוול, — זאגט ער צו מיר, — כ'בין געקומען מבקר־חולה זיין דיין זון". — און ער איז גלייך אריינגעקומען אין צימער, ווו דאס קינד איז געלעגן און געברענט פון היץ.

— „האט מען אים שוין געשטעלט עטלעכע פיאווקעס אונטער די אויערן?" — פרעגט דער רבי. — „ניין" — זאגט דער פעלדשער, וועלכער איז געזעסן נעבן קינד. — „פאר־וואס?" — פרעגט דער רבי. — „ווייל דער דאקטער האט מיר ניט געהייסן, און אן דעם דאקטער טאר איך גארניט טאן". — ענטפערט דער פעלדשער. — „נו — זאגט דער רבי, — הייס איך. אז מען זאל אים באלד שטעלן צו צוויי פיאווקעס אונטער יעדן אויער". —

„דער פעלדשער האט ניט געוואלט פאלגן דעם רבינ'ס פאראָרדנונג, נאר מען האט אויף אים ניט געקוקט און מען האט אים באלד געשטעלט פיר פיאווקעס. ערשט דאן איז דער רבי אוועק זיך אפרוהען אין חדר מיוחד, וואס איך האב אים צוגעגרייט.

„אין עטלעכע שעה שפעטער איז געקומען דער דאק־טער מאלקעוויטש. ווען ער איז אריין צום קראנקן קינד, איז ער נתפעל געווארן: זיין מצב האט זיך ראדיקאל גע־ענדערט צום גוטן. — „וואס האט איר געטאן צום קינד, וועלכער איז מיטאמאל אזוי בעסער געווארן?" — פרעגט דער דאקטער. — „מיר האבן אים געשטעלט פיר פיאווקעס." — „ווער האט דאס אייך געהייסן?" — „ביי אונדז איז דא איצט דער סלאנימער חסידישער רבי" — האבן מיר זיך פארענטפערט. — אויף דעם רופט זיך אפ דער דאקטער: „איר ווייסט גארניט, ווי מען האט דאס קינד געראטעוועט. איך האב דאס פארגעסן אייך אנצוזאגן, און דאס איז גע־ווען לעבנסוויכטיק פאר אים. אלזא, איך וויל זען אייער רבי'ן". —

„מיר האבן אים אריינגעפירט צום רבי'ן. זיי האבן דארט געשמועסט א לייגערע צייט. און ווען דער דאק־טער איז ארויסגעגאנגען פון אים, איז ער געווען א צוהיצ־טער: — „ס'טייטש, איר ווייסט דאך גארניט וואס פאר א וויסנשאפטס־מאן ער איז. ער ווייס דאך די חכמת האנאַ־טאמיע און חכמת הרפואה. דער רבי האט גלייך דערקענט, אז דער יינגל האט א מארך־אנטצינדונג און מיטן שטעלן פיאווקעס האט ער אים געראטעוועט.

„נו, פרעג איך אייך, רבותי, — ענדיקט וועלוול זיין דערציילונג, — מעג מען חוזק מאכן פון אזעלכע יידן? איר דארפט וויסן, אז די „גוטע יידן" זיינען פול ניט נאר מיט תורה און חסידות, נאר אויך מיט חכמה און וויסנשאפט, יעדערער אין זיין באזונדער צווייג. נאר זיי האלטן דאס פארמאכט און פאר'חתמ'עט, און נאר ביי א געלעגנהייט דערוויסט מען זיך פון דעם." —

דער עולם האט אויפגעהערט צו לאכן. מען איז זיך צוגאנגען אהיים און מען האט זיך אנגעהויבן דערמאנען אן די אמאליקע יארן פון שטופן זיך מיט די עלנבויגנס און כאפן שיריים ביי רביישע טישן...

יונה מלודק

# מסע הצלב של העז

## צלב בככר השולהויף...

אכן מעשים קלים ומצחיקים לכשעצמם, — גם להם שמור מקום בזכרונותינו, ואלמלא העוקץ שבמעשה המסופר כאן, שבסופו הזדקר... צלב גדול בטבורה של ככר השולהויף, אל־מול בית־הכנסת הגדול — לא היה שווה להעלותו בדברי הימים של הקהילה.

ומעשה שהיה כך היה: בית הורי גבל בבית-הקברות הנוצרי („די מאגילקעס״) שבמעלה רחוב רוזנוי. בשנים 1914—1915 נתמלא בית הקברות המון קברים של חיילים רוסיים, חללי המלחמה שמתו מפצעיהם בבית-החולים שבקסרקטין ברחוב סקרובובה *), וכן קברות פליטי המלחמה, שעברו דרך העיר ומתו בצדי הדרכים ממגפות הטיפוס והחולירע שפשטו אז באיזור. את גוויות הפליטים היו קוברים בחפזון בקבר אחד והיו מכסים אותן בשכבת-עפר דקה, ובמקום מצבה היו תוקעים צלב-עץ לציון הקבר. וכך נתמלא השטח הריק צלבי־עץ סמוך לביתנו. באותה שנה, בעקבות הקרבות שהיו בעיר עם כניסת הגרמנים, נפרצו הגדרות של „המאגילקעס״ והגבול בין ביתנו ובין בית־הקברות היה פרוץ.

בצוק העתים של שנות הכיבוש, כשאפסה פרנסה בעיר ורבים מאד מתושביה הגיעו עד ככר לחם, היו משפחות רבות מסתייעות לקיומן בהחזקת פרות. פרה בבית — חלב, גבינה ושמנת בבית. וכך הפכו מאות בעלי-בתים מכובדים ל„רפתנים״ בזעיר־אנפין. ברם, גם פרה היתה, בגלל מחירה הגבוה אז יחסית, — בחינת מותרות להרבה משפחות. ובאין פרה — גם עז טובה. הרי גם עז, וביחוד המתיחסת על גזע משובח, שופעת חלב, אם כי בצמצום.

אבי, ר׳ חיים קויפמן ז״ל, שהיה בנאי וקבלן-בנייה, ומטופל בשמונה ילדים קטנים, התרושש אז בשל המלחמה: תנועת הבנייה בעיר פסקה, וכן ייצור הלבנים במלבנה („ציגעלבע״) שבה היה שותף, לא התחדש. למחיית המשפחה הוא נדד על פני כפרי הסביבה ועסק שם בכל מיני עבודות ומלאכות, כגון תיקוני בתים, התקנת ארובות וכולי, וגם עסק בחכירת חלקות-שדה. על־אף עמלו וטרחותיו לא היה סיפק בידו לקנות פרה, ובכן הסתפק בעז. ודווקא נתמזל מזלנו ונזדמנה לנו עז שופרא דשופרא. בעל העז שגר בסביבת השולהויף שיבח את „סחורתו״ בגין התיחסותה על גזע משופר ועטיניה המלאים חלב. וכך נתברכנו בעז, שכלאנוה בדיר, שאבא התקין לה במיוחד בחצר ביתנו. ואשר למרעה, — הרי בית־הקברות הנוצרי הפרוץ והגובל בחצרנו משופע בדשא רך ודשן. אך דא-עקא שהעז היא, רחמנא ליצלן, תוקפנית, ולפי מיטב הבנתנו — תקפוה געגועים לבעליה הקודמים, שכן היא מתפרצת תמיד למורד הרחוב, כאילו רוצה לברוח בחזרה לכיוון השולהויף... ואי-אפשר להביא את העז הפרועה לשטח־המרעה בלי להחזיק בה בכוח.

טיכס אבי עצה ומצא: קשר חבל ארוך לקרניה. למה ארוך? — כדי שלא תתקוף מקרוב את המושך בחבל. ועל מי הוטלה המשימה למשוך בחבל? — הווה-אומר עלי, בת השמונה שנים אז. עלי נפל הפור להוביל את העז בכבוד למרעה הסמוך, לדשא של „המאגילקעס״, תוך כדי משיכה בקצה החבל.

בימים הראשונים של משכי ב„חבל-הרועים״, החזקתי מעמד איך שהוא, כי ככל שהתאמצתי למשכה לעבר הדשא שמסביב לצלבים, כן היא עמדה במרדה והתעקשה לרדת למורד ההר. עד שעלתה „המצאה״ במוחי: במקום להחזיק בקצה החבל, קשרתי אותו קשר הדוק לאחד הצלבים, כדי שהעז השובבה לא תנסה שוב להתחמק מהמרעה ושתלחך, באין-ברירה, את הדשא שלפניה. ואני לכשעצמי התישבתי בריחוק־מקום כדי להשגיח עליה.

אלא שכוח-המשיכה של העז גבר על חוזק הצלב שהתרופף באדמה הלחה, וטרם שהיה לי סיפק להתמצא במה שאירע, משכה העז בחזקה, ובכוחה כי עז גררה אחריה את הצלב, — ואז נחרדתי למראה עיני: שתי רגלים מונעלות במגפים בלטו מהקבר, כשכפותיהן מופנות למעלה... הצלב נגע, כפי־הנראה, בגוויה הקבורה סמוך לפני הקרקע, וכשהצלב נעקר, הוא משך וגרר את רגלי הגוויה החוצה.

אחוזת פחד איום התחלתי לרוץ ובצעקות-אימים צווחתי: „אמא, חייל יוצא מהקבר!!!״ — אחרי שהרגיעוני הלכו לחפש את העז ומצאוה בשולהויף, בין בית־הכנסת ובית-המדרש דחומה (מויערנער בית-המדרש), כשהיא נמשכת בחבל ארוך לצלב גדול, וקהל אנשים תמוהים סביבה... וכדי בזיון וקצף...

*) ר׳ על זה בפרוטרוט: פנקס־סלונים כרך שלישי, עמודים 301—309, בכרוניקה „אויפן גרענעץ פון צוויי תקופות״. — המערכת.

# מדור לזכר האישיות רבת־הפעלים

# של ישראל מרמינסקי־מרום

# אפטיילונג געווידמעט דעם אנדענק

# פון דער פארדינסטפולער

# פערזענלעכקייט ישראל

# מערעמינסקי־מרום



מימין לשמאל: דוד בן־גוריון, ישראל מרמינסקי ויצחק בן־צבי בירושלים בשנת 1924,
חברי הועד הפועל של הסתדרות העובדים

פון רעכטס צו לינקס: דוד בן־גוריון, ישראל מערמינסקי און יצחק בן־צבי אין ירושלים
אין יאר 1924, מיטגלידער פון אקציאנס־קאמיטעט פון הסתדרות העובדים

ישראל מערעמינסקי

# א לעבן פארן פאלק

## קאפיטלען פון מיין קינדהייט און יוגנט אין סלאנים

דערציילט פון מחבר און באארבעט דורך קלמן ליכטענשטיין

## ערשטער טייל

### קאפיטל 1

מיינע זיידעס ר׳ ליאטע מערעמינסקי און ר׳ ישראל זעלווער. — מיינע עלטערן. — מיינע חדרים און מלמדים: ר׳ פייוול גראדענטשיק, ר׳ איטשע ארעס, דער מאסטער מלמד, ר׳ יהודה שמעלעס, די מלמדים שושן און לפידות. — מיין דין־תורה מיט יאנקל־מלאך". — מיינע משמורים אין געמויערטן בית־המדרש.

די שטאם־בוימען פון מיינע עלטערן זיינען געווען טיף איינגעווארצלט אין דער יידישער פארגאנגעהייט פון סלאנים און אומגעגנט. מיין זיידע פון פאטערס צד ר׳ ליאטע (אליהו) מערעמינסקי איז געווען אנ׳אנגענומענער עסקן אין שטאט און א שטארקער בעל־דעה. זיין כלל־טועריי איז געווען לשמה. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט א שטענדיקן ציטער און בענקשאפט נאך לשון־קודש, א לשון־קודש׳דיקן ספר און גאולת־ציון. זיין לשון־קודש־ליבע האט ער אויסגעדריקט אין אבאנירן די „הצפירה", און „המליץ". זינט איך געדיינק אים און ביז זיין טויט אין 1905 האט ער געלעזן ביידע העברעאישע צייטונגען. ער האט אבער אויך ארויסגעוויזן אנ׳אינטערעס אין וועלטלעכקייט און וועלט־ענינים. עד האט ליב געהאט נגינה און פלעגט זיך פארגיין ביים דאווענען און מיטזינגען מיטן חזן אדער מיטן בעל־תפילה.

מיין זיידע פון דער מוטערס צד איז געווען ר׳ שמואל קאפלאן, באקאנט אין סלאנים און אין גאנצן געגנט מיטן נאמען „ר׳ ישראל זעלווער". ער איז געווען דער ערשטער דיין ביי ר׳ אייזעלע חריף. און איינער פון זיינע נאנטסטע מקורבים. פאנאטיש־פרום, עקסטרעם און א קנאי אין אפהיטן מצוות, איז ער געווען אן פשרות. אויב מיינע חברים און איטארבעטער האבן אמאל געליטן פון מיין קנאות, איז דאס דער „חטא־הקדמון" פון דעם זיידן. א סברא, אז זיין התקרבות צו ר׳ אייזעלען איז טאקע געווען אדאנק זיין גרויסע מאס פון קנאות און יושר, וועלכע זיינען אויך געווען די כראקטער־שטריכן פון ר׳ אייזעלען. ס׳איז געווען ווי מצא מין את מינו. נחום סאקאלאוו, וועלכער האט בשעתו פיל געהערט פון ר׳ ישראל זעלווער, האט אים אפגעשאצט געהעריק אויפן ציוניסטישן קאנגרעס אין 1933 (ביי דער געלעגנהייט פון אויסדריקן מיר מיטגעפיל צום טויט פון מיין מוטער רחל ז"ל).

מיין זיידע ר׳ ישראל האט געוווינט אויפן מארק־פלאץ, אין א צוויי־שטאקיק הויז, ניט ווייט פון בערנארדינער קלויסטער. מיין באבע גאלדע האט געהאט א באקאליי־קראם אין זעלבן הויז און דער זיידע איז געזעסן על התורה ועל העבודה... איך בין א נאמען נאך אים.

מיין טאטע ר׳ לייב־וואלף האט גע׳ירשנ׳ט פון זיין טאטן די כלל־טועריי און נייגונג צו גבאות. ער איז געווען אין זיין צייט איינער פון די „צוועלפטלאך" אין שטאט. אויפריכטיק און אפנהערציק אין זיין ריידן, האט ער אבער געהאט א פייהיקייט צו פילן און שוויגן, סיי אין שמחה און סיי אין צער. זיין טרוים איז געווען האדעווען די קינדער מיט תכלית. ער איז אויך געווען, ווי דער זיידע, א טרוימער פון ציון און גאולה.

מיין מאמע איז אויך געווען א געטרייע יורש׳טע פון איר טאטן. זי האט פארמאגט זיין גראדליניקייט, אויסגעהאלטנקייט, געטריישאפט צו אירע איינגעבארענע אייגנשאפטן. זי איז געווען איינע פון די ערשטע „ציוני־ציון" אין סלאנים. א גלענצנדע העברעאיסטין, האט זי געקענט גוט תנ"ך. זי איז געווען זעלבסטשטענדיק אין איר וועג, אין איר האנדלונג און אין איר לעבן. זי איז געווען אויך א שרייבערין און פארעפנטלעכט דעם ליבּרעטא „ציון" און ערציילונגען.

אין די הייזער פון מיינע ביידע זיידעס און באבעס האבן זיך געהאדעוועט אסך קינדער, מיינע צאלרייכע פעטערס און מומעס, וועלכע האבן אויך געהאט אין מיינע קינדער — און יוגנט־יארן א גרויסע השפעה אויף מיר.

צו 5 יאר האט מען מיר אפגעגעבן אין חדר. די דעה

אויף מיינע מלמדים און לערער איז געווען ביי מיין זיידן ליאטען און ביי מיין טאטן. מיין ערשטער רבי איז געווען דער מלמד־דרדקי ר׳ פייוול גראדענטשיק. ער האט געהאט קלוגע־אויגן, צוריקגעהאלטענע ווערטער ווען ער האט גע־רעדט מיט די בעלי־בתים, זייער הארציק מיט די קינדער ביי זיי אין דערהיים, און — א„שררה״, א קבצן, אנ׳אביון — אין חדר. ער איז געווען א „גוטער מלמד״ און האט געוווּסט ווי מ׳לערנט אויס אלף־בית אויף שנעל. אז די



ישראל מרמינסקי בילדותו

ישראל מערעמינסקי אלס קינד

תלמידים האבן חנוכה באוויזן די קונץ פון מצרף זיין די אותיות אין ווערטער, האבן זיך געשאטן אויף זייערע קעפלאך און סידורים „גאלדענע״ גראשנס ווי א רעגן. ביים רבי׳ן האבן דאן געגלאנצט די אויגן פון נחת פון פרעמדע קינדער און פון קנאה, פארוואס די קליינוואַרג באקומען אזא חנוכה־געלט. דער חדר איז געווען אויף דער קדר׳שער גאס. אין חדר איז געווען שמוציק און ר׳ פייוול פלעגט צוגיין מיטן רוקן צום וואנט און זיך קראצן... טאטעס האבן געוווּסט דעם צער פון רבינ׳ס הונגער און פלעגן אויך אים געבן חנוכה־געלט. ער האט געהאט פינף קינדער. זיינע אייגענע קינדער האט ער געלערנט „אין דער שטיל״ אויך לייענען א ספר. איינער פון זיינע זין, א משכיל, איז שפעטער אוועק קיין רוסלאנד, און זיין טאכטער שרה־לאה׳קע איז שפעטער געווארן א לערערקע מיט חן און א בונדיסטקע מיט ברען. ר׳ פייוול האט זייער געשעצט זיין טאכטער פאר איר רעוואלוציאנערן ברען. איך אליין האב איר אמאל געפרעגט, ווער איז געווען איר וועג־ווייזער, איר „פירער״ צום רעוואלו־ציאנערן געדאנק, האט זי מיר געענטפערט, אז דאס איז געווען איר פאטער, דער דרדקי־מלמד...

ר׳ פייוול איז געווען א רבי נאר אויף 4—6 חדשים, ווייל די זיידעס און טאטעס האבן ניט געוואלט לערנען די קינדער סתם לייענען און „מרצף אותיות״ זיין. זיי האבן געוואלט מ׳זאל קענען לערנען, און מיין טאטע מיטן זיידן האבן געוואלט, אז איך זאל פארשטיין דעם דאווענען און בפרט די שפראך פון השתפכות־הנפש. זאגן און פילן תהילים — איז פאר זיי ביידע געווען א מדרגה און זיי האבן אויסגעפירט: איך האב זיך וויניקער געשאקלט ביים דאווענען און געזאגט די תפילות מיט כוונה. ביי ר׳ פייוולען האב איך געלערנט אנדערטהאלבן זמנים.

מיין צווייטער רבי איז געווען ר׳ איטשע־ארעס. (ארע האט געשטאמט פון נאמען אהרן, נאר מ׳האט דאס ארויסגע־רעדט פארקירצט ארע). דאס אריינגעבן מיר אין זיין חדר איז געווען אינגאנצן אין דעם גייסט פון טאטן. מיינע פעטערס, די זין פון ר׳ ישראל זעלווער, זיינען ניט געווען באגייסטערט פון דעם רבי׳ן. ר׳ איטשע־ארעס איז געווען א מלמד בן מלמד. ר׳ ארע, זיין טאטע, איז געווען פאר גמרא־יינגלאך וואס האבן געלערנט לשמה. זיין זון ר׳ איטשע (יצחק) איז געווען הארציק אין באנעמונג, ליריש אין טייטשן די תפילות און — ארעם און נעבעכדיק אין פרנסה. מיין זיידע ליאטע האט ר׳ איטשעס חדר ארויסגעשלעפט פון די ד׳ על ד׳ פון זיין קאלטע אלטע וואנונג און מיר האבן געלערנט אין „עזרת־נשים״ פון דער בריקער שול. אין חדר ווו מיר האבן שוין געלערנט חומש זיינען געווען ביי 20 יינגלאך. דער רבי האט, נעבעך, געליטן פון מערידן. דאס האט אים ניט געשטערט ארויסווייזן א גרויסע נייגעריקייט צו וויסן וואס עס טוט זיך אין דער וועלט, און ער פלעגט מיר פארשן צו הערן די נייס, וואס איך האב געהערט פון זיידן, פון „הצפירה״. ביי ר׳ איטשען האב איך געלערנט דריי זמנים.

אין 25 יאר ארום, אין 1923, גייענדיק אמאל אין ירושלים, האב איך דערקענט מיין אלטן רבי, ר׳ איטשע ארעס. ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט נאך געהאלטן זיין חדר ביז דער מלחמה, און אין די אנהייב צוואנציקער איז ער, שוין אנ׳אלטער מאן, עולה געווען אין ארץ־ישראל.

ווייזט־אויס, אז ווען, נאך ר׳ איטשען, האט מען מיר אריינגעזעצט אין חדר פון זיין פאטער ר׳ ארע, איז עפּעס געווען א מיספארשטענדעניש, — ווייל נאך איין חודש אפזיין אין ר׳ ארעס חדר, האט מען מיר פון דארטן ארויסגע־נומען און אפגעגעבן צום מאסטער מלמד. דער מאסטער רבי, וועלכן דער האלץ־סוחר און לובאוויטשער חסיד ר׳ שמואל טשערניאווסקי האט אראפגעבראכט פון שטעטל מאסט, גראדנער גובערניע, האט זיך געהאלטן „אריסטאקראטיש״

אין קליידן זיך און אין גייסט. כאטש 1—2 מאל א יאר האט
ער נאך געסטראשעט און געפרווט שמייסן די גרויסע
ייִנגלאך, — אבער דאס איז שוין ביי אים געווען נאר א
ווידער־קול פון זיין חדר אין דער „אלטער היים". אין סלאנים
איז ער געווארן „מאדערנע" און האט שטארק געציטערט
פאר די נייע חדרים מתוקנים, וועלכע האבן זיך שוין דאן
אנגעהויבן גרינדן אין די גרעסערע שטעט. ער איז געווען
מיין ערשטער „עקסטעריטאריאלער" רבי, וועמנס חדר האט
זיך דאן געפונען אויף ברייטער גאס, ווייט פון בריקער גאס
ווו מיר האבן געוווינט. דא האבן שוין געלערנט קינדער פון
אלע עקן שטאט, מערסטנטייל פון פארמעגלעכע עלטערן,
און יחידים אלס „גוטע קעפּ". אין די בין־הזמנים — חול־
המועד פסח און סוכות — האט ער באזוכט די עלטערן אין
די הייזער און האט זיך פארזיכערט מיט א נייעם „זמן". ער
האט געוואלט, אז מ'זאל קענען א בלאט גמרא אויף אויסוווי־
ניק, פונקט אזוי ווי תנ"ך. האט ער אבער דעם תנ"ך געלערנט

באזוכט דעם חדר און האט אונדז קינדער פאר'כשופ'ט מיט
זיין ריידן עברית אין דער הברה ספרדית.

מיט א נייעם גייסט און ניגון איז געווען באגלייט דאס
לערנען תנ"ך און גמרא ביים רבי ר' יהודה שמעלעס, צו
וועמען איך בין אנגעקומען נאכ'ן מאסטער מלמד. דער רבי
איז געווען פול מיט שירה פון נביאים: זיין טייטשן איז
געווען קלאר; זיין פשט איז ארויס פון די גרענעצן פון
טייטש; זיין פארגלייכן די תקופות פון תנ"ך מיטן היינט
איז געווארן א קוואל פון מחשבות און מוסר פאר די תלמידים...
א שאד נאר, וואס גייענדיק אמאל אין א שטורם אויפן שול־
הויף, איז אויף זיין קאפּ אראפּגעפאלן א פארטקע פון א
פענסטער, און פון דאן אן פלעגט ער ביי א גרויסן עקסטאז
אין לערנען פלוצלינג אוועקפאלן אין א חלשות (כמעט ווי א
„פאליקע").

זיין ווייב, די רבי'צן, האט געהאנדלט מיט מולטערס,
באלעיעס, פוטער־שלעגער, הילצערנע העמערלאך, לאפּעטעס



ר' לייב וולף מרמינסקי ואשתו עם ישראל, סוניה וצבי

ר' לייב־וולף מערעמינסקי און זיין פרוי, מיט ישראל, סאניע און צבי (הירש)

מיט ברעגן און פייער, און גמרא — סכאלאסטיש. די תלמידים
האבן אויסגעלערנט די בלאט גמרא אויסוווייניק, אבער ווייניק
פארשטאנען די הלכה. צום טעם פון תנ"ך האט אסך צוגעגעבן
דער גרויסער גארטן אין הויף, אין וועלכן עס זיינען געוואקסן
גרויסע וועלישע ניס און ספּעציעלע בארנעס, רויט אויף
דורך און דורך. איך האב געלערנט ביים מאסטער מלמד דריי
זמנים. די זכרונות פון דעם חדר זיינען ביי מיר אויך
פארבונדן מיטן באזוך פון דעם ציוניסטישן טוער ווילקאוויטש,
וועלכער האט דאן געוויילט אין סלאנים אלס גאסט, האט

פאר ברויט — און מצה־באקן, ברעטלאך מיט רעשעטעס צו
זאלצן און ווייקן פלייש און אלערליי אנדערע האלץ־אויס־
ארבעטונגען. אויך פלעגט זי פארקויפן קליינע פעסלאך פאר
וואזאנעס און ליימענע ליאכינעס צו בראטן פלייש און באקן
רעטשענע באנדעס מיט שמאלץ־הערינג און ציבעלע. זי האט
אויך געהאט טעפּ פאר וואזאנעס פון הדסים און טייטלען,
וואס פלעגן צוגעבן א סלאנימער שטוב דעם ארץ־ישראל'דיקן
חן און טאקע דינען אלס אייגענע „ארץ־ישראל — צוגאבע"
צום סוכות'דיקן אתרוג וואס שטאמט פון קארפו.

ווי מיר זעען האט די רבי'צן שיעור ניט געהאט א „כל־בו" געשעפט מיט הילצערנע און ליימענע כלים און מכשירים.

די ברוקירטע גאסן, מיט שפיציקע שטיינער זומער און מיט בלאטעס אין ווינטער, זיינען געווען אזוי לייכט און גוט אונטער די פיס, ווען מ'איז געלאפן מיט חברה ארויף פון בריקער גאס צום שולהויף און פון דארטן צום שמאלן געסל, וואס האט פארבונדן דעם שולהויף מיטן „פלאץ", ווו ס'פלעגן פארקומען די תבואה — און פערד־ירידים, און ווו ס'פלעגט אמאל אין א נאווינע פארבלאנדזשען א צירק מיט חיות און מיט אטלעטן.

שטיל געלעבט און געלערנט, שטיל געליטן און אויסגעאטעמט האט דער רבי זיינע יארן אין דעם געסל, וואס ס'איז געווארן א נעסט פון גייסט און פון שירה פאר זיינע תלמידים, א צוויי מנינים יינגלאך, א העלפט פון וועלכע האבן שפעטער געשפילט א וויכטיקע ראליע אין שטאט און אין דרויסן. דאס געסל האט פארמאגט אלט און ניי. פון איין זייט—די ליובאוויטשער שטיבל, ווו חסידים האבן הונגעריקע געטאנצט אין התלהבות פארן בורא־עולם, און פון דער צווייטער זייט האט שפעטער דער ציוניזם געפונען זיין ערשטן סלאנימער ל"ה, — („לאמעדוואוניק") פון ציוניסטישע מעשים: דאס איז ר' יוסף גאלדבערג, אדער ווי מען האט אים גערופן: „יאסל באדאנעס", פון באדאנעס שיינק



תמונה משפחתית משנת 1910 של ר' לייב־וולף מרמינסקי ואשתו עם האחים והאחיות ומשפחותיהם. ישראל הוא הראשון מימין בשורת העומדים

א פאמיליען־בילד פון ר' לייב־וואלף מערעמינסקי און זיין פרוי, מיט די ברידער און שוועסטער און זייערע קינדער. די בילד איז פון 1910. דער ערשטער וואס שטייט פון רעכטס איז ישראל

קעגנאיבער. און פון ווינקל געסל צום שולהויף — דא האט מען געהערט אין די נעכט דעם ניגון פון א משמר פון געמויערטן בית־המדרש.

אין אָט דעם חדר פון ר' יהודה שמעלעס האב איך אויך געהאט א דין־תורה מיט „יאנקל־מלאך" — דעם „שרייבער" (ר' יעקב אורלאנסקי). ער איז געווען א גרויס־וווקסיקער, ברייט־פלייציקער, מיט לאנגע דינע פינגער אויף זיינע לייכטע הענט, מיט קלוגע דורכדרינגענדע אויגן, מיט א בארד וואס האט צוגעגעבן הדרת־פנים און א פאר ליפן פול מיט הומאר. און א כתב־יד האט ער געהאט, וואס נאר מלאכים האבן געקענט אזוי שרייבן, און יעדער איינער וואס האט נאר פארשטאנען א יידישן אות האט אים געקענט לייענען. ער האט געשריבן מיט „צוקן" און אן „צוקן" מיט לבנה־אותיות און מיט „פערעלאך", מיט רש"י־כתב און מיט שפיציקע גאטישע כמעט „קעניגסבערגער" אותיות. ער האט געשריבן אייגענע און פרעמדע שירים אין א כתב וואס איז צוגעפאסט צום תוכן. צו יעדן יום־טוב האט ער געשריבן „אנ'אנטפאר" (ווייזט־אויס, א פאריידישונג פון דייטשן ווארט „ענטוורף"), אין פארבן און צייכנונגען וואס האבן זיך געפאסט צום יום־טוב. ער האט געהאט א ספעציעלן כתב פאר א ברכה צו א גבירישע חתונה און א תפילה פאר טאטע־מאמע, ווען חס ושלום דאס קינד איז „ניט מיט אלעמען".

זיינע „מוהר"ר", זיינע „מופלג", זיין „שלום" מיט טייבעלאך, א מין „שלום" מן השמים; זיין „שלום" צווישן אויפגייענדיקע אדער אונטערגייענדיקע שווארץ־ווייסע ליניעס, אדער מיט א דרייגארנדיקן „ש"; זיינע צוקן אין דעם לפ"ק און אין דעם „פה ק"ק סלאנימא", — מיט שטאלץ און גוטמוטיקייט שטייען זיי פאר מיינע אויגן.

מען האט ביי אים געלערנט „שרייבן" א שעה א וואך פאר א האלבן רובל א חודש. ס'האט זיך געמאכט אזוי, אז איך האב ביי אים ניט געלערנט, נאר מיין כתב־יד איז געווארן בא'איינפלוסט פון זיין קונסט, בלויז פון צוקוקן זיך צו די העפטן פון זיינע תלמידים... גייט טאקע אמאל אריין ר' יאנקל־מלאך צו אונדז אין חדר. ער האט, ווייזט־אויס, אין ערגעץ געזען מיין כתב. ער האט מיר א צי געטאן דעם רעכטן אויער און געמאכט מיר א „פזור", אז איך האב דערזען מיינע און זיינע עלטער־באבעס"...

— „יונגאטש דו איינער — זאגט ער צו מיר, — דו ביזט א טייערער יינגל, אדער מיר קומט פון דיר שכר־לימוד און דו צאלסט ניט". —

ענטפער איך אים, האלטנדיק מיט דער רעכטער האנט מיין פזור'דיקן רעכטן אויער:

— רבי, איך האב דאך ביי אייך קיינמאל ניט געלערנט!"

— — „אבער דו שרייבסט דאך מיט מיין האנטשריפט" — זאגט ער. ווער איך שרעקעוודיק און עס כאפט זיך ביי מיר ארויס:

— „איר שרייבט דאך אבער אלע כתבן, און איך האב מיין כתב". באשליסט דאן ר' יאנקל־מלאך: „אויב דו ווילסט ניט, אז איך זאל דיר מאכן א צווייטן „פזור" אויפן זעלבן אויער זאל זיך ניט שעמען". —

קום איך אהיים און כ'קלאג זיך פאר מיין טאטן:

— „היתכן? איך האב ביי אים קיינמאל ניט גע־לערנט!" —

נעמט דער טאטע ארויס דריי זילבערנע שווער־פארהארעוועטע רובלס און הייסט מיר באצאלן, און ער מאטיווירט דאס אזוי: „די „פערעלאך" און דער „לכבוד" און דיינע „שלום'ס" זיינען, לויט זיין מיינונג, מיטן אויג אריבער צו דיר פון אים, פון „יאנקל־מלאך", און עס קומט אים". —

באצאלט אים, האט ער מיט די ווערטער: „מיין קינד, יושר איז יושר!" — מיר געגעבן אנ'איינמאליקן גוטן צי־

פארן לינקן אויער און געזאגט: „דאס איז, כדי דער רעכטער אויער זאל זיך ניט שעמען״ —

פון ר׳ יהודה שמעלעס, אדער ווי מען האט אים גערופן אין שטאט „דער פאליקער״ (צוליב זיין אפטן פאלן אין חלשות). בין איך אריבער אין א העכערן גמרא־חדר פון מלמד שושן. א„ העכערן״ — תרתי משמע: ניט נאר מען האט ביי אים געלערנט גמרא מיט אלע מפרשים אויף א העכערע מדרגה, נאר דער חדר האט זיך געפונען אויפן העכסטן ארט אין שטאט, ארויף רוזשנאיער גאס. שושן איז געקומען פון סטוטשין, — האט מען אים גערופן „דער סטוטשינער מלמד״ (כדאי ביי דער געלעגנהייט צו באמערקן, אז אין סלאנים זיינען אריינגעפארן א היבש־ביסל מלמדים פון אנדערע ערטער, און זיי האבן געטראגן די צונעמען פון זייערע אפשטאמונג־שטעטלאך, ווי דער מאסטער, סטוטשינער, דווארעצער, פאלאנקער און אנדערע. — רעד.). אפגעלערנט א פאר זמנים ביי אים און געגאנגען 2 מאל א טאג פון



גב׳ רחל קפלן־מרמינסקי, אמם של ישראל וסוניה

פרוי רחל קאפלאן־מערעמינסקי, די מוטער פון ישראל און סאניען

בריקער גאס אזש ביזן רוזשנאיער בית־עולם, מיט זיינע בעריאזע־ביימער און בית־עלמין־בערעלאך, ווו ניט ווייט פון אים איז געווען דער חדר.

און פון שושנ׳ען צו ר׳ משה לפידותן, דעם האלב־בלינדן מלמד, וואס האט אנגענומען נאר „גוטע יינגלאך״, ניט מער ווי 12 תלמידים, וועלכע זיינען אויך געווען מסכים צו זיצן א משמר אין געמויערטן בית־המדרש. האב איך, הייסט דאס, פארענדיקט מיינע חדרים־יארן מיט משמרים אין געמויערטן בית־המדרש, וואס איז געווען דער צענטראלער היכל פון די גרויסע לומדים אין שטאט.

דא, אויף די משמרים אין די דאנערשטיק׳דיקע נעכט האבן זיך אריינגעזאפט אין מיין גוף און אין מיין נשמה דער ציטער פון נאכט־פינקלדיקן נר־תמיד, דער טריסל פון דער אשמורות־קעלט. דא האב איך געצויגן דעם ניגון פון „אמר אביי״. דא, ביי טיפער דבקות אין לערנען האט זיך פאר מיר אנטפלעקט דער ישיבה־בחור, וואס האט געשטילט אפטמאל זיין הונגער מיט א דינעם הארץ־נאגנדן גמרא־ניגון. דא פלעגט זיך פלוצלינג אומדערווארט אפשטעלן דער אטעם, — ווייל אויבן „ביי די ווייבער״ איז געפאלן א באנק... און פאר די אויגן זיינען געשטאנען און האבן געטאנצט שדים, אין וועלכע דו האסט בייטאג נישט געוואלט גלויבן, און זיינען איצט, אין דעם מיסטיק פון נאכט, געווארן אזוי ממשות׳דיק. דעם סוד פון „שדים־טאנץ״ פלעגט מען זיך דערוויסן אביסל שפעטער: ווען די גרויסע וואקסענע געלע יארצייט־ליכט האבן זיך שוין אויסגעלאשן, און ר׳ יוסף דער שמש איז געקומען דער ערשטער צו דאוונען פארטאג, האט מען זיך דערוווסט פון אים, אז דאס זיינען בעלי־עגלות מיט און אן בוידן און סתם גוטע יידן משולחים אנגעקומען ביינאכט אין שטאט אריין, ווער צום לעצטן מארק פארטאג און ווער אויף שבת. זיינען זיי דאס אריין זיך אויסשלאפן אין בית־מדרש, אין עזרת־נשים. אין דער פינסטערנעש זיינען געפאלן דא א באנק, דא א סטענדער. פון דעם קלאפ האבן זיך דערשראקן ניט נאר די משמר׳ניקעס און דער אטעם האט זיך ביי זיי פארצויגן, — נאר אויך ביי זיי אליין, ביי די נאכט־„געסט״ האט אפגענומען דער לשון און זיי זיינען ביז ליכט־אויפגאנג געלעגן פארפלעפטע...

אט דער נאכט־ניגון פון געמויערטן בית־המדרש איז שוין אין מיינע יארן ניט געווען דער ניגון פון א גרויסן טייל פון סלאנימער יוגנט. א נייער ניגון האט זיך אלץ מערער געלאזט הערן פון די זייטיקע בתי־מדרשים, פון אנדערע טיילן פון שטאט, ווי בריקער, פאנעסוווער, סקראבעווער, — און בפרט פון דער גרויסער שול, ווו פון צייט צו צייט, אין א וואכעדיקן בין־השמשות, אדער א שבת נאך קריאת־התורה, פלעגט זיך אריינכאפן עמיצער אנ׳אומבאקאנטער און פלעגט זיך לאזן ריידן וועגן נייע וועגן פון יידישער גאולה, וועגן אומרעכט פון פעלקער און קלאסן, וועגן באפרייען זיך פון צאר און פון יידישן גלות... און ביידע ניגונים, דער אלטער און דער נייער, האבן געפלעגט די נשמה פון יונגן דור. אין חדר און אין דער ישיבה האט מען געלערנט תורה, דרך־ארץ, — און אין בית־המדרש האט שוין דאס לערנען געהאט דעם טעם פון א ניגון פון נעכטן און א „ויתרוצצו״ פון היינט. דער בית־המדרש איז געווען דער זאמלפונקט פון אלע כוחות, אלט און יונג. דא האבן זיך פארמירט די „בעלי־בית־ישע״ און די ארבעטער־קרייזן. דא האט מען געצונדן אלטע ליכטלאך פון חנוכה־לעמפלאך, מיטן טרוימען וועגן א נייעם דור מכביער;

דא איז געווען גאט און מענטש, תורה און וויסן, משיח און אפיקורסות. דא האט מען אויסגעלאכט די געציילטע אין סלאנים רוסיש־ריידנדיקע מאמעס און די עם־הארצים מיט זייערע בלישטשענדיק־קנעפלדיקע זין, (געמיינט סטודענטן, — רעד.). וועלכע קומען פון די רוסישע שטעט און ריידן אלע לשונות, נאר ניט יידיש... דא, אין בית־המדרש, האט זיך שוין צולייגט אויבנאן אין מזרח־וואנט דער „המליץ” און די „הצפירה”; דא האבן משכילים דערציילט געשעענישן „פון דער וועלט” און צווישן גמרות האט זיך פארוואלגערט דער „התועה בדרכי החיים”, און אין א „מורה־נבוכים”, אדער צווישן די בלעטער פון א „יורה־דעה” האט מען געפונען טרייפה — בריוועלאך פון עמיגראנטן־פעדלער פון אמעריקע, מיט בייזע רייד אויף רוסלאנד און איר צאר און מיט לויב־געזאנגען פאר רוסישע רעוואלוציאנערן...

## קאפיטל 2

איך גרייט זיך צו „יעווריייסקע אוטשילישטשע”. — מיין לערער סטראשון. — מיינע חברים פון די חדרים. — די „קלאַסן”. — די העברעאישע לערער. — ווי אזוי דער לערער ר' יעקב מרדכי קאפלאן איז געווארן א טעריטאריאליסט.

געענדיגט מיט די חדר־יארן, כ'בין שוין א יינגל פון איבער 12 יאר. כ'בין דערגאנגען צו א העכער מדרגה אין לערנען, אזוי אז אין „מויער” ביי די משמרים בין איך געווען איינער פון די יינגסטע. נאר דער טאטע זוכט „תכלית” פאר זיינע קינדער. ער שטייט ניט אפ פון דער „וועלט” און ער ווייס, אז גמרא איז איין זאך און בילדונג — איז א צווייטע. אלזא מיין וועג איז געווען א באשטימטער. אין סלאנים איז דאן געווען נאר איין וועג אזא: אין „יעווריייסקאיע אוטשי־לישטשע”, אין דער מלוכה'שער אנפאנגס־שולע פאר יידן, וואס האט געדארפט, לויט איר ציל און פראגראם, פארמירן לאיאלע יידן מיט אנ'עלעמענטארע קענטעניש פון רוסיש, חשבון א. ד. גל.

צו דעם צוועק האט מיר מיין פאטער באשטעלט, ווען כ'בין נאך געווען ביי לפידות'ן אין חדר, א לערער כדי צוצוגרייטן מיר אין דער שולע. מיין לערער איז געווען א סלאנימער בחור סטראשון, וואס האט געענדיקט ערגעץ־ווו איייניקע קלאסן פון א מיטל־שולע, האט פארגעזעצט זיין מיטלבילדונג אלס עקסטערן און דערווייל געלעבט ביי זיינע עלטערן און געגעבן „אורא קן”. ער האט מיר געגעבן א 4—5 לעקציעס א וואך, איבערהויפט רוסיש, און איך האב ביי אים פיל באוויזן. איך געדיינק אים גוט, מיין ערשטן רוסיש־לעקציעס א וואך, איבערהויפט רוסיש, און איך האב ביי אים אנ'עקסטערן. ער איז קורץ נאכהער געפארן אין ווילנע זיך צושטעלן צו רעגירונג־עקזאמענעס. אין סלאנים האבן ניט געפעלט אזעלכע מתמידים־עקסטערנען, דאס וואס מען האט גערופן אין רוסיש: „סאמאאוטשקע”, זעלבסט־לערנער, וועלכע האבן פארלאזן ישיבות, זיך גענומען צו „בילדונג”, ווו זיי האבן ארויסגעוויזן דיזעלבע התמדה ווי ביי דער גמרא. אזא איינער איז געווען אונדזערער א שכן פון בריקער גאס שונדראווסקי, א זון פון א שוסטער, וועלכער איז, שטרעבנדיק צו הויכבילדונג, בינו לבינו געווארן אנ'אויסגעצייכנטער פריוואטער לערער אין רוסיש. ער איז נאכהער אריבערגעפארן אין ביאליסטאק. איך האב געקענט איייניקע אזעלכע פון פארשיידענע געגנטן פון סלאנים. און אייגנטלעך בין איך דאך, מיט יארן שפעטער, שוין אלס געענדיקטער „רעאליסט”, אויך געווארן אין די יארן 1911—1915 אזא מין „אורא קן”־געבער אין סלאנים גופא, אפלייגנדיק פון יאר צו יאר מיין ווייטערדיקע בילדונג.

איז געקומען א וויכטיקער ווענדע־פונקט אין מיין לעבן און איך דארף בייטן די סביבה, די חברים, די אומשטענדן, די לערן־שפראך. איידער איך גיי אריבער צו מיין ווייטערדיקן לעבנס־עטאפ, וויל איך נאךווארפן א בליק אויף צוריק, צו פארצייכענען די סביבה, איייניקע חברים, איייניקע סילועטן פון יונגע און אלטע פון דאמאלסטיקן סלאנים, וועלכע האבן זיך פאראנקערט אין מיין זכרון.

אז מ'גייט דורך 6 פארשיידענע „חדרים” און אין יעדן חדר קומען צו אדער פאלן־אפ תלמידים, ווערן אביסל די פנים'ער און די נעמען מטושטש. איייניקע פון די חדר־חברים האבן מיר אויך באגלייט אויפן ווייטערדיקן וועג, נאר מיט דער מערהייט פון זיי האבן זיך אונדזערע וועגן צושיידט. אין די שפעטערדיקע יארן, אויף מיינע צאלרייכע גלגולים און וואנדערונגען, צו אין סלאנים, צו אין רוסלאנד און אויך אין אמעריקע און אין ארץ־ישראל, פלעג איך זיך פון צייט צו צייט אנשטייסן אן באקאנטע געזיכט־שטריכן, אין וועלכע איך פלעג דערקענען, אונטער דער אויבערשטער צוגעקומע־נער שיכט פון קנייטשן און ענדערונגען, דעם אדער יענעם חבר פון מאסטער צו פון סטוטשינער חדר...

איינער פון מיינע נאנטע חברים, מיט וועמען איך בין געווען פארבונדן אין חבר'ישע באציהונגען אזש ביז מיין פארלאזן סלאנים אין 1915, איז געווען באמע (אברהם) יאקימאווסקי, דער זון פון באקאנטן סוחר פון ספרי־תורה און אנדערע סופרישע ארטיקלען נחום יאקימאווסקי. פון מאסטער'ס חדר אן האבן מיר געלערנט צוזאמען. שטיפעריש, פלינק און קלוג, — איז ער מיר געווען זייער צום הארצן. ער האט געהאט הומאר און איך געדיינק זיינעם א שפיצל, וועלכער מאכט מיר נאך אויך איצט לאכן. ווען ער האט איינמאל פארשפעטיקט אין חדר, איז אים אייגעפאלן א מאדנער תירוץ. ווען דער רבי האט אים גענומען אויפן

צימבל: ס׳טייטש, ווי קומט מען דאס אזוי שפעט? — האט ער מניה וביה אפגעענטפערט: „מיין באבע האט מיר געזאגט, אז מיר טוט ווי דער בויך״... — דאס אויפפאלנדסטע איז, אז דער תירוץ איז געווען כשר; פארן רבי׳ן האט דאס געניגט. און פון דאן־אן האט באמעס באבע גאנץ אפט אנגעהויבן זאגן, אז דעם אייניקל טוט ווי דער בויך... דערזעלבער באמע האט מיר נאכהער, אין יארן ארום, אסך ארויסגעהאלפן אין דער ציוניסטישער ארבעט אין שטאט, אין פארשפרייטן די קק״ל־מארקעס, — און איז געווען אנ׳אפטער באזוכער אין מיין „ליטעראַרישן קרייז״. אייגנטלעך, האט זיך זיין ראמאן מיט זיין צוקינפטיקער פרוי פעניע רוטקאווסקי פארבונדן אויפן באדן פון „קרייז״.

א צווייטער חבר פון פריהערדיקע און נאך מערער פון שפעטערדיקע יארן איז געווען יעקב קרופעני. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט 2 יאר, נאר דאס האט ניט געשטערט אונדזערע אפטע געמיינזאמע מעשים. מיט אים איז פארבונדן מיין ערשטער געזעלשאפטלעכער ארויסטריט, ווי איך וועל דערציילן ווייטער. אויך זיין פאטער איז געווען א גרויסער סוחר פון סופרישער בראנזשע. אלס עלטערער פון מיר, איז ער נאך מיט א פאר יאר פאר מיר ארויס פון די חדרים און אנגעקומען אין „אויעזדנע״ (א רעגירונגס קרייז־שולע).

א חבר פון פריהערדיקע און שפעטערדיקע יארן איז אויך געווען יואל לעווין (וועלכער איז נאכהער, אין די 20־ער און 30־ער יארן געווען לערער אין דער יידיש־פוילישער גימנאזיע). ער איז געווען דער היפוך פון באמען (זיין צוקונפ־טיקן שוואגער), אמין „אינזיכיסט״, א שווייגער, אפילו אביסל א מרה־שחורה׳ניק. אויך אים האב איך שפעטער אריינגעצויגן אין די „קרייזן״ און אין דער קק״ל־ארבעט.

אין מיינע לעצטע חדרים־יארן זיינען שוין געווען טעטיק „חדרים מתוקנים״, אדער ווי מען האט זיי גערופן „קלאסן״ פון די לערער שאפירא און וואלפאוויטש. דאן זיינען זיי נאך ניט געווען פארייניקט. איך געדיינק דעם איינדרוק וואס די „קלאסן״ האבן געמאכט אויף די מלמדים און אויף אונדז, חדר־יינגלאך. די מלמדים האבן זיך אויף אנ׳אמת דערשראקן פאר קאנקורענץ, און די תלמידים האבן מקנא געווען די „מאדערנע״ שילער, וואס לערנען „כרעסטאמאטיעס״ און האבן אפטע הפסקות. נאר די שרעק פון די מלמדים האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין איבערטריבן. קיין איין חדר האט זיך ניט פארמאכט צוליב די „קלאסן״. אגב, א גרויסער טייל פון חדרים זיינען געווען געגרינדעט אויפ׳ן גמרא־לערנען, און אין די סלאנימער „חדרים מתוקנים״ האט מען ווייניק געלערנט גמרא. איך געדיינק, אז וואלפאוויטש און שאפירא האבן אין די עלטערן־קרייזן געשאפן אנ׳איינדרוק פון געוויסנהאפטע, ערפארענע פעדאגאגן און זייערע שולעס האבן געהאט ערפאלג.

די העברעאישע לערער פון יענע יארן פון אנהייב יארהונדערט זיינען געווען: ר׳ יעקב־מרדכי קאפלאן, שלמה צירינסקי, דב ווייצל, גדליה האלפערן (דער „בית־המקדש״), שמואל לוניאנסקי און נאך אייניקע, וועמענס נעמען איך געדיינק, לײדער, ניט. יעדערער פון זיי האט זיך באנוצט מיט זיינע אייגנארטיקע מעטאדן. א העברעאישער פריוואטער לערער איז געווען אין „דער מאדע״, און פיל שילער פון דער „יעווריייסקע״ אדער „אויעזדנע״ און אויך מיידלאך האבן פארגעזעצט לערנען העברעאיש ביי פריוואטע לערער. אויך מיין פאטער, ניט וועלנדיק מיר אפרייסן פון די יידישע לימודים און איבערהויפט פון לשון־קודש, האט אנגעהאלטן דעם מנהג, און גלייך נאכדעם ווי איך בין ארויס פון לפידות׳ן, האב איך אנגעהייבן נעמען רעגולערע לעקציעס ביי ר׳ יעקב־מרדכי קאפלאן. איך האב אים ממש ליב געהאט מיט זיין פלאם־פייערדיקן לערנען, מיט זיין ענטוזיאזם, מיט זיין אויפריכטיקן יידישן... צער. דער צער פון יידישן גלות, פון יידישע לײדן און צרות איז געווען אויסגעגאסן אויף אים. ר׳ יעקב־מרדכי קאפלאן האט געשריבן שירים אין סטיל פון י. ל. גארדאן, וועמען ער האט פאר׳ערט, נאר געדרוקט האט גארניט. דערפאר זיינען פיל פון זיינע מליצות אויסגעקריצט געווארן אויף די מצבות אויפן רוזשנאיער בית־עולם. מאכט זיך א חשובער מת, — באשטעלט מען שוין ביי ר׳ יעקב־מרדכי׳ן א פאסנדע עפיטאפיע. צוויי זיינען זיי געווען אין סלאנים, מייסטערס פון „מצבות־אויפשריפטן: ר׳ הערשל קראנענבערג און ר׳ יעקב־מרדכי קאפלאן. ביידע גרויסע מליצים־משכילים, האבן זיי זיך געהאלטן פאר משוררים. זיי זיינען געווען באפריינדעט און פלעגן דיסקוטירן די לעצטע שאפונגען וואס זיינען ערשיינען אין „השלוח״.

ר׳ יעקב־מרדכי קאפלאן איז, פארשטייט זיך, געווען אנ׳איבערצייגטער ציוניסט. צום ציוניזם האט אים געבראכט דער יידישער צער; אין אים האט ער געזען א שנעלע לייזונג פון די יידישע צרות. אין די שפעטערדיקע יארן איז ער געווען זייער אקטיוו, געשטאנען ביי די יום־כיפור־קערות פארן קק״ל, פארשפרייט שקלים. ווי גרויס איז דעריבער געווען מיין איבערראשונג, ווען איינמאל (אין 1906 אדער 1907) איז געקומען צו מיר ר׳ יעקב־מרדכי און... האט זיך צו וויינט! מיין אלטער טייערע לערער וויינט! איך האב אים קוים בארוהיקט און ער האט פאר מיר אויסגעגאסן זיין הארץ בזה הלשון:

— „איך האב נעכטן אפגעטאן א זאך, וואס האט מיר געמאטערט א לאנגע צייט. איך האב שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן. איך האב זיך לאנג געראנגלט, און ענדלעך נעכטן האב איך דאס געטאן! איך קען שוין מער ניט פארטראגן די יידישע צרות, די גזירות הערן ניט אויף, דער פיין איז גרויס און דער גלות איז ביטער! און מען זעט ניט קיין סוף. פון ציוניזם זעט זיך דאך ניט דערוויילע קיין גרויסע ישועה. יידן קענען מער ניט ווארטן. איידער ס׳וועט קומען די נחמה, וועט ארויסגיין די נשמה... איך האב דעריבער נעכטן געשריבן א בריוו צו זאנגווילן אין לאנדאן, אז ער זאל מיר פארשרייבן צו די טעריטאריאליסטן. מיר דארפן האבן דרינגענד א טעריטאריע, און א סוף זאל עס נעמען צו די יידישע צרות!״ —

דער איבערברוך איז ביי אים, ווייזט־אויס, געווען זייער א ראדיקאלער. ער איז געווארן אויס ציוניסט, נישט אויסגע־קויפט קיין שקל און איז טאקע געשטאנען אין קאנטאקט מיט זאנגווילן. אזוי צו אזוי, צו זיין צער איז נאך קיין סוף ניט געקומען, און ער איז געשטארבן א טעריטאריאליסט. די מעשה האט דאן אויפגעטרייסלט די סלאנימער ציוניסטישע וועלט און אלע זיינען געווען גערירט הן דורך זיין יידישן „צער״

און הן דורך זיין דראמאטישן געראנגל און איבערברוך.

עס זיינען אויך געווען צוגעקומענע העברעאישע לערער. איך געדיינק דעם לערער ברכות, א באברויסקער בחור וואס האט באזוכט די פעדאגאגישע קורסן אין גראדנע, א העברעאי־שער נאוועליסט. ער איז געזעסן א פאר יאר אין סלאנים און געגעבן לעקציעס.

א פורער האט געמאכט אין שטאט דער באזוך אלס גאסט פון לערער יחיאלטשיק (יחיאלי), אנ׳אפשטאמיקער פון סלאנים, וועלכער האט דאן אנגעפירט מיט א גרויסע שולע אין אוקריינע (און נאכהער איינער פון די וויכטיקסטע פעדאגאגן אין ארץ־ישראל), וואס איז געקומען באזוכן זיינע קרובים אין שטאט.

די יינגערע העברעאישע לערער (אבראמאווסקי, דזיענ־צעלסקי, ראמאנאווסקי) זיינען אויסגעוואקסן שפעטער, אין די לעצטע פאר־מלחמה־יארן. דור דור ומוריו. העברעאישע „אוראקן" (לעקציעס) איז שטענדיק געווען א גאנגבארער ארטיקל אין סלאנים.

## קאפיטל 3

דער איינדרוק פון קישענעווער פאגראם אין סלאנים. — דער פראטעסט־מיטינג אין דער גרויסער שול. — מיין חבר יאנקל קרו־פעני. — מיר ארגאניזירן א פראטעסט־מיטינג פון אלע שולעס. — די קריסטלעכע „פריכאדסקע" שולע נעמט אנ׳אנטייל. — איך איבערצייג די גלחים פון פריכאדסקע. — מיין ערשטער עפנטליכער ארויסטריט. — מיין רעדע אויפן פראטעסט־מיטינג פון די שולעס אין טשאיינע. — ס׳האט זיך אנגעהייבן מיין לעבן פארן פאלק. —

מיין טאטע, אין הסכם מיט שטראשונען מיין לערער אין רוסיש, האט באשלאסן, אז איך דארף אנקומען אין פערטן קלאס פון „יעווריייסקע", כדי צו געווינען אזוי־ארום לכל הפחות א יאר. די „יעווריייסקע" האט פאקטיש געהאט 4 קלאסן און 2 מכינות, וואס מען האט גערופן „פאדגאטאוויטעלנע" (צוגרייטונגס־כיתות). לויט מיינע ידיעות אין רוסיש און אלגעמיינע לימודים, בין איך געווען קוים רייף כדי אנצוקומען אין דריטן. דארף איך, אלזא, זיך נעמען ענערגיש צו „זוברע־ווען" (איינחזרן די לימודים). סטראשון גיט מיר ארויס צוגאב־אויפגאבעס און גרעסערע „פארציעס" פון אריטמעטיק, געאגראפיע, רוסישע גראמאטיק און איך דארף דאס שנעל פארדייען... רוסיש האב איך דווקא שוין גערעט ניט שלעכט, הגם נאך מיט א קענטיקן יידישן אקצענט, און איך האב שוין אפילו געשריבן רוסישע „סאטשיניעניעס" (חיבורים). און דאס אלץ אין סאמע פרילינג־לעבן, ס׳איז פסח, א מחייה, ס׳שמעקט פון דער נאנטער דאמבע און פון די פעלדער הינטער דובינבוים׳ס טארטאק, — און מ׳דארף לערנען...

און מיטאמאל — קישענעוו! דער פאגראם! איך געדיינק ווי די שטאט איז פלוצלינג אזוי ווי עלעקטריזירט געווארן. די ערשטע צוטומלונגען, מ׳כאפט די צייטונגען. און יידן שושקען זיך, אדער שווייגן. אדער מען דיסקוטירט הייס אין די הייזער. איך כאפ אויף געשפרעכן, אז „מען מוז עפעס טאן"; „מ׳טאר ניט שווייגן"; „דאס קען אויך ביי אונדז טרעפן".

ווי אזוי עס איז געקומען אין שטאט צום פראטעסט־טאג, ווייס איך ניט. סך־הכל בין איך דאן אלט געווען 12 יאר. דאס איז, מן־הסתם, געווען א 3—4 טעג נאכ׳ן פאגראם. מיטאמאל האבן זיך אלע קראמען פארשלאסן און אלע לויפן צום שולהויף. די פנים׳ער בלאס, ערנסט. מ׳גייט אזוי ווי יום־כיפור צו כל־נדרי.

אבער איך בין אין דער גרויסער שול ביים פראטעסט־מיטינג ניט געווען. איך בין געווען פארנומען אויף אנ׳אנדער פראנט: יענעם פרימארגן איז געקומען צולויפן צו מיר יאנקל קרופעני. איך פלעג זיך מיט אים טרעפן גאנץ אפט. מיר זיינען ביידע געווען אויפגערעגט, אויפגעטרייסלט. ווייזט אויס, אז אויך די צונויפגערודערטע שטימונג אין שטאט האט אויף אונדז געווירקט. איך האב זיך געגרייט צוגיין מיטן טאטן אין שול. נאר יאנקל זאגט מיר, אז מיר, יונגע, דארפן אויך באזונדער פראטעסטירן. מיר דארפן צונויפברייינגען די שילער פון אלע רוסיש־לערנדע שולעס, די „יעווריייסקע", די „אויעזדנע" און אפילו די „פריכאדסקע" (די „פריכאדסקע" איז געווען א פראוואסלאווע פרומע פאלקס־שולע פאר יינגלאך). איך קוק אים אן מיט פארוואונדערונג: די „פריכאד־סקע" און די גוי׳אישע יינגלאך פון „אויעזדנע"? —

— „יע — זאגט ער מיט צופלאקערונג, — די גויים אויך. זאלן די גוי׳אישע יינגלאך וויסן וואס ס׳איז פארגעקומען אין קישענעוו". —

ער האט מיר לאנג ניט געדארפט איבערצייגן. איך בין געווען צופלאקערט און אויפגעטרייסלט ניט ווייניקער ווי ער. און מיר האבן אויסגעארבעט א פלאן: ער אלס שילער פון „אויעזדנע" וועט גיין אויפבונטעווען די יינגלאך פון זיין שולע, מען זאל אויפהערן לערנען, און אלע זאלן מארשירן צו דער „טשאיינע" („טיי־הויז", אזוי האט מען דאן גערופן דעם שטאט־טעאטער אויף בערנארדינער גאס, וואס איז לכתחילה ענטשטאנען אלס „טיי־הויז" און קלוב). גלייכצייטיק וועט ער טאן דאס זעלבע אין „יעווריייסקע", וועלכע געפינט זיך גאנץ נאנט. ער קען דארטן פיל שילער, זיי וועלן אים העלפן. און איך, — זאגט יאנקל, — איך זאל גיין אויף פאנעסווע, ווו ס׳געפינט זיך די „פריכאדסקע" און דאסזעלבע טאן דארטן. כ׳זאל פאר זיי ריידן און מיטנעמען אויך צו דער „טשאיינע", און דארטן, אויפ׳ן ארט וועלן מיר ביידע ריידן פאר אלע שילער וועגן די גרוילן פון קישענעוו...

א סברא אז אויך אויף געוויסע קריסטן האט קישענעווער פאגראם מיט זיינע אכזריות׳ן געמאכט א רושם. מיט מיין גאנצער אונערפארנקייט פון א 12־יאריקן יינגל האב איך פארשטאנען, אז איך דארף פריהער ריידן מיט די לערער פון „פריכאדסקע״. איצט, מיט קארגע 70 יאר שפעטער, קען איך מיר ניט ערקלערן, פונוואנען האב איך געשעפט מוט און העזה אריינגיין אין „אוטשיטעלסקע״ (צימער פון די לערער), אין א פאלשטענדיק פרעמדער פאר מיר סביבה און צו פארלאנגען, — יע, פארלאנגען, ניט בעטן, — אז אלע שילער זאלן אפשטעלן די לימודים און גיין מיט מיר צו פראטעסטירן, — זיי, די שקצים זאלן פראטעסטירן... קען מען זיך פארשטעלן א גרעסערן אבסורד, ווי אזא פאנטאסטיש־משונה׳דיקן פלאן? — איך פארשטיי, אז מיר ביידע, קרופעני און איך, האבן געהאלטן אונדזער באשלוס בסוד פון אונדזערע עלטערן, — ווייל זיי וואלטן געוויס ניט דערלאזן צו אזא יינגלשן, אונערווארטעט — פארטראכטן אויפטו...

ווייזט־אויס אז מיין שטורם — און דראנג — ווענדונג צו די לערער פון „פריכאדסקע״ איז געווען אזוי איבעראשנד פאר זיי מיט איר ספאנטאנישקייט, אז זיי, די לערער און גלחים האבן ממש ניט געוווּסט וואס צו ענטפערן מיר. אין מיינע אויערן האט נאר געקלונגען דער ענטפער פון דירעקטאר: „ווי נאס ניע ספראשיוויייטיע״ („פרעגט אונדז ניט״).

פאר מיר איז דאס געווען ווי א הסכמה. און איך זע נאך איצט פאר מיר דאס ביט — ווייניקער ספאנטאנישע צושטיין פון די שילער. אלע העכערע קלאסן פון שולע גייען מיט מיר; און מיר גייען אין שערענגעס פון פאנעסווע אין ברייטער גאס, פון דארטן איבערן שולהויף און איבערן „פלאץ״ צו דער „טשאיינע״, — און איך, דער אייניקל פון ר׳ ישראל זעלווער און ר׳ ליאטע מערעמינסקי, פיר אן מיטן צוג... די יידן אויפ׳ן שולהויף, וואס האבן זיך אנגעהייבן קלייבן צום פראטעסט־מיטינג אין דער גרויסער שול האבן ניט פארשטאנען וואס דא טוט זיך, ווען זיי האבן דערזען די מחנה שקצים שפארן זיך דורך׳ן המון.

ווען מיר זיינען אנגעקומען אויפן ארט איז שוין דער גרויסער זאל פון „טשאיינע״ געווען פול. קרופעני האט שוין באוויזן ברענגען אלע שילער פון די העכערע קלאסן פון „יעווריסקע״ און „אויעזדנע״. אויך דארטן האבן זיך די לערער ניט קעגנגעשטעלט. די לערער פון „יעווריסקע״ מיטן דירעקטאר גאלדבלאט בראש זיינען מיטגעגאנגען. איך מיט מיינע „שקצים״ האבן זיך שוין ניט געקענט אריינשטופן אין זאל. קרופעני איז שוין געשטאנען אין גרויסן זאל אויף דער טריבונע און גערעדט מיט זיין קול פאר זיין אודיטאריום פון א פאר הונדערט שילער און אייניקע דערוואקסענע. מיר איז נאר געבליבן צו איינארדנען א מין פאראלעלן מיטינג אין קארידאר און ריידן פאר די אייניקע צענדליק פריכאדסקע שילער (מערסטנטייל פון זיי געוויס צוקינפטיקע גלחים.). נאר דאס מערקווירדיקסטע פון דער געשיכטע איז, וואס אין זאל און אין קארידאר האבן זיך געפונען אייניקע פאליציי־לייט און... האבן ניט רעאגירט. ווונדער, ווונדער! זיי האבן אויך ניט רעאגירט, ווען איך האב אויסגעשריען:

— ווו איז געווען בעתן פאגראם די פאליציי פון קישינעוו?״ —

איך וואלט איצט פיל געגעבן צו האבן די סטענאגראמע פון מיין ערשטן עפנטלעכן ארויסטריט; פון מיין רעדע אין „טשאיינע״ געדיינק איך קלאר און איך הער נאך איצט מיך אליין: „ווו איז געווען די פאליציי פון קישענעוו?״ —

די פאסיוויטעט פון דער סלאנימער פאליציי אין יענעם טאג, אייניקע טעג נאכ׳ן קישענעווער פאגראם, ווען יידיש בלוט איז געווען ערלויבט, ווען פלעווע און קרושעוואן זיינען געווען די הערשער, איז פאר מיר א רעטעניש ביז היינט. דעם איינציקן פסק, וואס קרופעני און איך האבן באקומען יענעם טאג, איז געווען נאר פון אקציזניק (א רעגירונגס־באאמטער, פארוואלטער פון בראנפן־אפצאל), וועלכער איז געווען דער פאראנטווארטלעכער פאר דער „טשאיינע״ און האט אונדז גוט אויסגע׳מוסר׳ט פארן נוצן זיך מיטן זאל אן זיין ערלויבענעש.

וואס ס׳איז שייך די פראטעסט־פארזאמלונג אין שול, האב איך נעכהער געהערט, אז יאקאבסאן איז געווען דער הויפט־רעדנער, נאר איך געדיינק ניט, ווער עס זיינען געווען די איבעריקע אנטיילנעמער.

מיטן פראטעסט־מיטינג אין „טשאיינע״ און מיין שטורמישן אויסרוף וועגן דער קישענעווער פאליציי האט זיך אנגעהייבן מיין זעלבסט־אנטפלעקונג, מיין דערקענען זיך אליין. איך האב דאן פארשטאנען מיט מיין גאנצן שכל און געפילט מיט אלע חושים, פארוואס איך לעב. עס האט זיך אנגעהייבן מיין לעבן פארן פאלק.

און נאך עטוואס האב איך דאן געפילט: אז איך בין א ווירדיקער יורש פון מיינע זיידעס — איך בין א טרעגער פון דער גראדליניקייט און קנאות פון ר׳ ישראל זעלווער און פון דער ליבע צו מיין פאלק און גאולה־טרוים פון ר׳ ליאטע מערעמינסקי.

# צווייטער טייל

## קאפיטל 1

מיין באקאנטשאפט מיטן וואינסקי נאטשאלניק. — דער מלחמה אויסברוך אין 1914. — דער פאטריאטישער צוג פון דער יידישער יוגנט. — דער „וואינסקי נאטשאלניק" נעמט אונדז אויף. — מיין רעדע אין נאמען פון דער דעלעגאציע. — דעם גענעראלס ענטפער וועגן יידישע „בונטאוושטשיקעס". — דער אפקלאנג אין שטאט.

דעם „וואינסקי נאטשאלניק" (מיליטער־קאמענדאנט) פון סלאנים האט מען אין הויז פון מיינע עלטערן גוט געקענט: ער איז געווען א שטענדיקער קלייענט פון מיין פאטער ביים איינקויפן מערערע קלאפטער האלץ פאר זיין אמט און זיין פריוואטער וווינונג. מ׳דארף געדיינקען, אז ביים קויפן שורקעס האלץ אויפ׳ן קוב־מעטער, האט מען לייכט געקענט אפגעשווינדלט ווערן דורך א נישט־ערנטלאכן סוחר, וועלכער פלעגט אזוי קונציק איינשטעלן די קלאפטערס, אז פון אלע אירע זייטן פלעגן זיי אויסזען ווי פולע און קאמפאקטע, אבער אינעווייניק פלעגט זיך שאפן א חלל, וועלכער איז דאך אויך אריין אין חשבון פון די קוב־מעטער. דער אלטער, דיקער גענעראל, וואס איז געווען דער שעף פון סלאנימער מיליטערישן קרייז שוין עטלאכע יאר, איז געווען אנפערטרויט אין מיין פאטער און ער פלעגט קומען רעגלמעסיק מאכן זיינע קניות. איך האב אים, פארשטייט זיך, אויך געקענט פון זיינע באזוכן.

אין א פאר טעג ארום נאכ׳ן מלחמה־אויסברוך אין 1914, ווען די יידישע גאס איז, ווילנדיק־ניט־ווילנדיק, מיטגעריסן געווארן מיט דער פאטריאטישער שטימונג און ס׳זיינען אנגעקומען ידיעות וועגן יידיש־פאטריאטישע מאניפעסטאציעס אין גרעסערע יידישע שטעט, — האט זיך אין סלאנים געשאפן ספאנטאן א באוועגונג פון סאלידאריטעט צווישן א טייל יידישער יוגנט, וועלכע האט באשלאסן צו מאניפעסטירן אירע פאטריאטישע געפילן אין דער היסטארישער שעה. איך דארף אנערקענען, אז כ׳בין דאן אויך מיטגעריסן געווארן מיטן שטראם. דאביי וויל איך באמערקן, אז די געפילן זיינען געווען אויפריכטיקע, ניט־געמאכטע. סאיז געווען עפעס א מין גלויבן, אז די מלחמה וועט אויסשמידן א בעסערע ווירקלעכקייט פאר די יידן אין רוסלאנד, און יעדנפאלס טאר מען ניט אפשטיין פון דער אלגעמיינער שטימונג אין לאנד.

ס׳האט זיך, אלזא, פארמירט א מין צוג פון יוגנטלעכע, וועלכער איז אוועק צום „וואינסקי נאטשאלניק". ליידער געדיינק איך ניט קיין פרטים וועגן דער צוג־פארמירונג און ווי אזוי איז געקומען דערצו, אז יאקאבסאן האט אין צוג ניט גענומען קיין אנטייל.

פאר׳ן ארויסגיין פון צוג איז פארגעקומען צווישן די אנטיילנעמער א מין מיינונגס־אויסטויש וועגן אינהאלט פון אונדזער באגריסונג צום גענעראל. איך בין געשטאנען פעסט דערפאר, אז מיר זאלן אויסדריקן דעם ווונטש, אז נאך דער מלחמה זאלן מער קיין עקסצעסן און אונרוהען (א מילדער אויסדרוק אנשטאט „פאגראמען") קעגן יידן ניט פארקומען. א סטודנט פון דער היגער יידישער שטודירנדער יוגנט (איך געדיינק ניט זיין נאמען) האט זיך אויסגעדריקט שטריינג קעגן אזא צוגאנג און האט גע׳טענה׳ט אז ביי אזא פייערלעכער געלעגנהייט דארף מען אויסמיידן ריידן וועגן דעם. איך האב אבער אויסגעפירט דאס מייניקע.

דער „וואינסקי נאטשאלניק" האט אונדז אויפגענומען זייער העפלעך מיט א גוטן שמייכל. דאצו האט ער דאך מיר געוויס דערקענט. איך בין געווען דער איינציקער רעדנער. איך האב זיך אנגענומען מוט און האב גערעדט, אומגעפער, בזו הלשון: „מיר, יידן, זיינען געקומען אויסדריקן אונדזערע טריישאפט־געפילן דער מלוכה און איר ארמיי, אלס בירגער פון דער מדינה, און מיר דערפילן לאיאל אונדזערע פליכטן. אונדזערע זין און מענער זיינען מאביליזירט און מיר וועלן מוטיק נעמען אנ׳אנטייל אין קאמף קעגן שונא, צוגלייך מיט אלע בירגער פון דער מלוכה. און מיר האפן, אז ס׳איז שוין די העכסטע צייט, אז מיר זאלן ווערן גלייכבארעכטיקט, און אז פון איצט־אן וועלן שוין מער קיין גוואלדטאטן קעגן יידן ניט פארקומען". — אומגעפער אין אט דעם גייסט האב איך פארגעזעצט מיין באגריסונג, צום שטוינען און איבערראשונג פון די אנטיילנעמער און אויך פון גענעראל און זיין סוויטע...

דאס איז געווען מיין צווייטער עפנטלעכער פאליטישער שריט נאכ׳ן קישענעווער פאגראם. איך מוז זאגן, אז ס׳איז דאן געווען זייער א געוואגטער שריט פון מיין זייט: ארויסצוריידן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, פארן העכסטן מיליטערישן פארטרעטער אין שטאט, אזעלכע „אפיקורסישע" רייד. די איבעריקע אנטיילנעמער פון דער מאניפעסטאציע זיינען, ווייזט־אויס, געווען גענוג איבערראשט און אפשר דערשראקן פאר קאנסעקווענצן. (הגם נאך דעם, נאכ׳ן פאנאנדערגיין זיך פון צוג, האבן מיר אייניקע מאניפעסטאנטן גראטולירט מיט מיין ארויסטריט). די געוואגטקייט אין מיינע רייד איז אפשר געווען אין זכות פון מיין פאטער, וועלכער האט פארן אנהייב פון צוג געוווסט וועגן מיין פלאנירטן ארויסטריט און האט מיר דאצו דערמוטיקט.

ליידער געדיינק איך ניט דעם גענויען ענטפער פון גענעראל. אבער איך דערמאן מיך, אז ער האט געזאגט איי־

ניקע שארפע ווערטער אויפן יידישן חשבון און האט אונטערשטראכן דעם יידישן אנטייל אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין 1905. ער האט אבער אויסגעדריקט אנערקענונג פאר אונדזער שריט. וואס ס׳איז שייך אונדזער ווונטש, האט ער צוגעגעבן, אז ער פערנעמט זיך ניט מיט פאליטיק...*)

אזוי צו אזוי, זיינען מיר צוריקגעגאנגען גאנץ אפגעקילטע פון די בולט׳ע רייד פון גענעראל וועגן די יידישע „בונטאוושטשיקעס”. די מאניפעסטאציע האט געציילט ביי 150 יוגנטלעכע. און האט ארויסגערופן א שטארקן אפקלאנג אין שטאט.

## קאפיטל 2

די יידן ניכטערן זיך אויס. — די ערשטע מלחמה־פליטים אין סלאנים. — מיר באזעצן זיי אין בתי מדרשים. — מיין קאנטאקט מיט די ישיבה־בחורים. — ר׳ מרדכי׳לע רופט מיר. — ר׳ אבא לאסקעס.

אונדזערע אויפריכטיקע פאטריאטישע געפילן, וואס האבן באהערשט די יידישע עפנטלעכקייט נאכ׳ן מלחמה־אויסברוך און האבן געפונען זייער אויסדרוק ניט נאר אין מאניפעסטאציעס, נאר אויך אין מעשים פון העכסטער אפפערווילקייט, — שוין אפגערעדט פון דעם וואס צענדליקער און אפשר הונדערטער טויזנטער רוסיש־יידישע סאלדאטן האבן געקעמפט אויף די פראנטן און פיל פון זיי האבן זיך אויסגעצייכנט מיט העלדישע מעשים, — האבן זיך ביסלעכווייז אנגעהייבן אויסוועבן אונטער דער ניכטערערווירקלעכקייט, וואס האט זיך אנטפלעקט שוין אין די ערשטע וואכן און חדשים פון דער מלחמה, ווען ס׳האבן זיך פארשפרייט די העצעס און בלבולים וועגן יידישע „שפיאנען”, וואס שטייען, מכלומרשטן, אין פארבינדונג מיטן שונא.

ס׳האט ניט גענומען לאנג און ס׳האבן זיך אנגעהייבן די גירושים פון יידן פון די מערב־גובערניעס, ווו ס׳ציט זיך די פראנט־ליניע. מערסטנטייל זיינען דאס געוועזן פון יישובים אין קאוונער, סובאלקער און גראדנער גובערניעס. דאס יידישע סלאנים, אלס שטאט וואס ליגט אין „טיל” (דאס מיינט, א געגנט גאנץ ווייט הינטערן פראנט) און אויף א צענטראלער באן־ליניע האט זיך אנגעהייבן גרייטן אויפצונעמען פליטים וואס וועלן זיכער אנקומען אויך אהער.

אייגנטלעך, די ערשטע פליטים, וואס זיינען אנגעקומען פון דער פראנט־זאנע פון אייגענעם ווילן, האבן זיך אייגעארדנט אליין, מיט אייגענע מיטלען. זיי האבן געדונגען וווינונגען און ניט געשטעלט קיין עפנטלעכע פראבלעמען. ערגער איז געווארן צו ענדע ווינטער, ווען ס׳זיינען געקומען אייניקע צענדליק משפחות פון שטעטלאך הארט ביים פראנט, וועלכע האבן זיך ניט געקענט ערלויבן דינגען וווינונגען. (אגב, זיינען ליידיקע וווינונגען געווארן אלץ ווייניקער אין שטאט). מען האט ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי ארייננצוזעצן די פליטים אין בתי־מדרשים. אין מערסטנטייל בתי־מדרשים האבן די מתפללים זיך געמוזט צונויפקלייבן אין איין העלפט פון בית־מדרש, לאזנדיק פריי דעם פלאץ פון צווייטן העלפט פאר פליטים־פאמיליעס. דאס זעלבע האט מען געמאכט אויך אין די עזרות־נשים. נאר אין דער גרויסער שול און אין מויערנעם בית־מדרש האט מען קיין פליטים ניט אריינגעזעצט. א גרופע יוגנט, און אויך אני בתוכם, האבן זיך פארנומען מיטן לאקירן די פליטים אונטער דער אופזיכט פון אייניקע בעלי־בתים און גבאים פון די בתי־מדרשים. פארשטייט זיך, איז דאס געוועזן מיט דער הסכמה פון ר׳ מרדכי׳לען.

דאך זיינען געבליבן פליטים־פאמיליעס אן א דאך איבערן קאפ און האבן זיך דערווייל געוואלגערט ערגעץ־ווו. האבן מיר, אייניקע יונגע עסקנים, באשלאסן אונטערצונעמען א שריט אויף אייגענער איניציאטיוו, נישט דערציילנדיק וועגן דעם די בעלי־בתים און געוויס ניט דעם רב. די־זעלבע יונגע עסקנים, אביטוריענטן פון גימנאזיעס, סטודענטן אדער פאטענציעלע סטודענטן, האבן אין די לעצטע פאר־מלחמה־יארן געהאט קאנטאקטן מיט ישיבה־בחורים: מיר פלעגן זיי לערנען רוסיש און העברעאיש אין פריוואטע הייזער מיט דער הסכמה פון דער ישיבה לייטונג. און אט איז אונדז איינגעפאלן דער געדאנק, אז מען קען די פאמיליעס פון אייניקע דאכלאזע פליטים באזעצן אין ישיבה... אין בתי־מדרשים — יע, און אין ישיבה ניט? — בכן, האבן מיר זיך געטראפן מיט אונדזערע שילער, די ישיבה־בחורים, און זיי פארגעלייגט, אז זיי זאלן זיך קאנצענטרירן מיט די כיתות אין אייניקע צימערן פון דער ישיבה און פריי מאכן דאס רעשט פאר די פליטים.

צו האבן דאס אייניקע ישיבה בחורים שלעכט אויסגע־

---

*) דער גענויער ענטפער פון גענעראל איז גלייך באקאנט געווארן אין שטאט און מען האט דערציילט די גענויע ווערסיע פון זיינע רייד, אזוי ווי זיי זיינען איבערגעגעבן געווארן פון די צוג־אנטיילנעמער. איך האב זיי פארצייכנט אין א טאגבוך, וואס איך האב געפירט במשך פון יענע יארן. אין א באארבעטער פארם האב איך זיי פארעפנטלעכט אין מיין געשיכטלעכער כראניק „אויפן גרענעץ פון צוויי תקופות”. ז׳ פנקס־סלאנים, דריטן באנד, ז׳ 300. — ק. ל.

טייטשט, אדער די ישיבה־מלמדים האבן זיך אין דעם אריינגעמישט? — יעדנפאלס איז דאס דערגאנגען צו די ישיבה־גבאים, און...

אין א פאר טעג ארום איז געקומען א שמש מיר רופן צום רב! א קלייניקייט, ר׳ מרדכי׳לע שיקט מיר רופן... מיט וואס האב איך זיך פארזינדיקט? — צוליב מיין עפנטלעכער טעטיקייט אין שטאט אין די לעצטע פאר־מלחמה־חדשים, האט דער רב שוין געוווּסט פון מיר. איך געדיינק, אז ווען איך בין געקומען צו אים, האט ער זיך געווענדעט צו מיר מיט די ווערטער:

— „שגץ דו איינער! איך האב דיר געשיקט רופן ווייל איך האב געהערט, אז דו ביזט גורם צו ביטול תורה״. —

איך האב רעאגירט מיט פארוווּנדערונג: ווו? וואס?? ווען? — האט ער געענטפערט, אז ס׳האט אים דערציילט א מענטש, וועמען ער טרויט און גלויבט. זייענדיק זיכער אין מיין אומשולד, האב איך פארגעלייגט דעם רב איינצולאדן דעם מענטשן, וועלכער זאל דאס ווידערזאגן אין מיין אנוועזנהייט. אומר ועושה. דער רב האט געשיקט דעם שמש ער זאל רופן גלייך... ר׳ אבא לאסקעס (ר׳ אבא שאכנערס).

דער שמש האט ניט געדארפט ווייט גיין: לאסקעס מאנופאקטור־קראם האט זיך געפונען אין רב׳ס הויז, אין אונטערשטן שטאק. (לאסקע איז געווען אנ׳אשת־חיל, און צו ר׳ אבא׳ן האט זיך צוגעקלעפט זיין ווייבס נאמען...), און ר׳ אבא איז גראד געווען אין קראם. ר׳ אבא איז גלייך געקומען און האט דערציילט, אז איך האב איינגערעדט די ישיבה־בחורים, וואס שטאמען ניט פון סלאנים (און זיי זיינען געווען דאן די מערהייט אין דער ישיבה), אז זיי זאלן זיך צופארן אין זייערע היימען און לאזן פריי דעם ישיבה־בנין.

אט אזוי האב איך שוין געהאט אנ׳ערפארונג פון א ביזוויליקן קלאנג, אדער פון א שלעכט־פארשטאנענער כוונה. איך מוז צוגעבן, אז ר׳ אבא איז געוויס ניט געווען שולדיק אין דעם: ער האט דערציילט בלויז דאס וואס ער האט געהערט.

איך האב אויפגעקלערט דעם רב דאס וואס מיר האבן ווירקלעך פארגעלייגט די ישיבה־בחורים. דער רב האט מיר געגלויבט, און מיט דעם האט זיך די מיספארשטענדעניש פארענדיקט. צו קיין ביטול־תורה און ביטול־כיתות איז ניט געקומען, און די איינציקע פליטים־פאמיליעס האט מען דאן באזעצט אין אנדערע ערטער.

נאר אט, אין א קורצע צייט ארום, זיינען מיר געשטאנען פאר א גאנץ אנדערן, פיל שווערערן און הארבערן פליטים־פראבלעם.

## קאפיטל 3

די ארויסגעטריבענע ליטווישע יידן פארן דורך סלאנים. — דער הילפס־קאמיטעט מיט יאקאבסאנען בראש. — איך נעם אנ׳אנטייל בראש פון א יוגנט־גרופע. — דער זשאנדארמסקער אפיצער באלבאט. — מיר דערוויסן זיך פון וואלקאוויסק וועגן די אנקומנדע טראנספארטן. — מיר זאמלען שפייז פראדוקטן פאר די מגורשים. — דער גרויזאמער אויסזען פון די מגורשים. — די עסקנים פון דער הילפסאקציע. —

דאסמאל זיינען עס ניט געווען קיין פרייוויליקע פליטים, נאר געצוווּנגענע. מיט די מאסן־גירושים פון סובאלקער, קאוונער און א טייל גראדנער גובערניעס, האבן זיך באוויזן אויפ׳ן סלאנימער וואקזאל די ערשטע טראנספארטן פון באנען, אנגעשטאפטע מיט ארויסגעטריבענע יידן פון שטעט און שטעטלאך, אויפ׳ן וועג צו די צענטראלע רוסישע גובערניעס. צום ערשטן דורכפארנדן טראספארט איז מען נאך ניט געווען געגרייט, און מען האט זיך דערוווּסט אין שטאט, אז א פליטים־צוג איז געשטאנען אויפ׳ן וואקזאל און אז א חוץ צופעליקע מענטשן האט זיי קיינער ניט באגעגנט. ס׳האט זיך גלייך גענומען צו דעם דער שוין עקזיסטירנדער סלאנימער הילפס־קאמיטעט פאר די פליטים, אונטער דער לייטונג פון יאקאבסאנען און מיט דער מאראלישער אויטאריטעט פון רב. פארשטייט זיך, איז אונדזער יוגנט־גרופע (מערסטנטייל פון די „קרייזן״, מיט וועלכע איך האב אנגעפירט), ווי אויך יוגנט־גרופן, ניט ארגאניזירטע פון פריהער, מאביליזירט געווארן צו דעם צוועק. ס׳האט זיך געהאנדלט אין אויפנעמען ווי געהעריק די טראנספארטן מיט שפייז, און אפשר טאקע פרווון ארופלאזן מענטשן פון די באנען. די טראנספארטן זיינען געווען אונטער שטרייבגער פאליצייאישער אויפזיכט. ס׳איז געווען פארבאטן יעדער צוטריט צו זיי און די מגורשים זיינען געווען אין א רעזשים פון ארעסטירטע, ד. ה. זיי האבן ניט געטארט ארויסשטייגן פון באן ביז׳ן ענדע־ציל פון טראנספארט.

מיר האבן זיך אלע איינגעשפאנט אין דער הילפסאקציע מיט גרויס אפפערוויליקייט.

אבער פארן קאמיטעט האט זיך גלייך געשטעלט א פראגע: ווי אזוי דערוויסט מען זיך, ווען ס׳קומט אן א פליטים־טראנפארט? — ווייל ווילקיר און רשעות האבן די מיליטערישע מאכט־ארגאנען ארויסגעוויזן ניט נאר אין

די עצם־גירושים, נאר אויך אין דעם אופן ווי זיי פלעגן עס אויספירן ספאנטאן, אנזאגנדיק אפטמאל א יידישן ישוב, א שטעטל צו א שטאט, נאר איין טאג פאריס, און אמאל אויך ווייניקער, וועגן פארשטייענדן גירוש, — און אזוי פלעגט זיך פארמירן א טראנספארט אן א רעכטצייטיקער אינפארמאציע. און היות די פאלעסיער באן־ליניע ביאליס־טאק—בארענאוויטש איז געווען איינע פון די פאר צענטראַ־לע באן־ארטעריעס, דורך וועלכע די פליטים האבן געדארפט דורכפארן אויף זייער וועג אין צענטראל־רוסלאנד, האט מען זיך געקענט א ליאדע רגע ריכטן אויף א דורכפארנדן טראנספארט. טא ווי אזוי קען מען זיך דערוויסן צו דער געהעריקער צייט, אז מען זאל באוויזן קומען צום וואקזאל מיט דער פאסנדער הילף, און אויך ווי אזוי קען מען זיך באווארענען א פרייען צוטריט צו די פליטים? —

אויף א טייל פראגן האט געקענט געבן א גענוגנדן און באפרידיגנדן ענטפער נאר איינער: באלבאט!

ווער איז געווען באלבאט? און אין וואס האט געשטעקט זיין מאכט? —

זינט איך געדיינק נאך פון אנהייב יארהונדערט, איז באלבאט געווען א שם־דבר אין סלאנים. ער איז געווען דער אזוי־גערופענער „זשאנדארמסקער אפיצער" פון שטאט, ד. ה. דער פאקטישער אנפירער פון פאליציי. אפזיי־ענדיק אזוי פיל יארן אין שטאט, האט ער אלעמען געקענט. א סברא, אז ער האט נאך געהאט א גרעסערע מאכט און תקיפות, ווי דער איספראווניק. יעדנפאלס, האט ער זיך ער־לויבט צו האנדלען זיכער, ווי ער האט געוואלט, מיט פולער אויטאריטעט. צו דעם האט ער ליב געהאט דעם ביטערן טראפן. אפטמאל פלעגט ער זיך אנשיכורן. און וועגן „נעמען אין האנט אריין" — איז דאך אפגערעדט... הכלל, א שיכור, א כאבארניק, און מען קען ביי אים אויספירן פיל זאכן, נאר מען דארף וויסן, ווי, און מיט וועלכע אופנים צו האנדלען. און דער הילפס־קאמיטעט פאר די פליטים האט באשלאסן אנצונעמען „פאסנדע שריט" ביי באלבאטן...

אונדזער משפחה האט אמאל געהאט צו טאן מיט באל־באטן. דאס איז געווען אומגעפער אין 1905. מיין פעטער מישקע, דער יינגסטער ברודער פון מיין פאטער, איז אין יענע יארן געווען א טעטיקער מיטגליד פון ס. ס. און באלבאט, וועלכער האט שוין דאן געקעמפט מיט דער אר־טיקער „קראַמאַלע", האט ארעסטירט מישקען. מיט אים איז דאמאלס גלייכצייטיק ארעסטירט געווארן דער בונדיסט שמואל שקלאווין. מיין פאטער האט דאן געהאט די „געלע־גנהייט" זיך צו באקענען נענטער מיט באלבאטן. מישקעס ארעסט האט לאנג ניט געדויערט... נאר פון דאן־אן האט מיין פאטער געהאט אנ'אפענעם צוטריט צו אים.

דער פליטים־קאמיטעט האט, אלזא, זיך באנוצט מיט'ן „אפענעם צוטריט". באלבאט האט באקומען פון מיין פא־טער א האלבן קלאפטער האלץ. אזוי ווי ער איז געווען פאראנטווארטלעך אויף פאר'ן וואקזאל, האט ער געדארפט פארזיכערן דעם צוטריט צו די פליטים. ער האט פשוט זיך געדארפט מאכן נישט־זעענדיק. ווי אזוי מען דערלאנגט די פליטים די קאנען מילך און לאבנס ברויט. באלבאט האט צוגעזאגט און — געהאלטן ווארט. צו האט ער זיך באַ־נוגנט מיט'ן האלבן קלאפטער האלץ — דאס ווייס איך ניט... (מען דארף גלויבן, אז ניט).

נאר איין זאך האט אונדז באלבאט ניט געקענט העלפן: קיין שליטה אויף די באנען האט ער ניט געהאט און ער האט אונדז ניט געקענט אינפארמירן, ווען ס'דארף אנקומען א טראנספארט.

צו דעם צוועק האבן מיר געמוזט ענקומען צו — וואל־קאוויסק. אזוי ווי וואלקאוויסק איז געווען א וויכטיקער באן־קנופ און די טראנספארטן פלעגן זיך דארטן אפשטעלן לענגער, האבן מיר זיך געדארפט באווארענען מיט א פינקט־לעכער אינפארמאציע, ווי נאר ס'קומט דארטן אריין א טראנספארט. וויסנדיק דאס און נעמנדיק אין באטראכט די 1—2 שעה פון פארהאלטן זיך פון באן אין וואלקאוויסק און די אומגעפער 1½ שעה רייזע פון דארטן ביז סלאנים, וואלטן מיר געהאט גענוג צייט צו מאכן אלע הכנות צו דער הילפס־אקציע אויפ'ן וואקזאל, אריינרעכנדיק דאס אויפזאמלען שפייז־מיטלען אין שטאט.

איינארדנען דאס אין וואלקאוויסק איז שוין ניט געווען קיין שווערע זאך. ווי צווויי שכנות'דיקע שטעט און קהילות האבן מיר געהאט זייער פיל פארבינדונגען. מיינע פער־זענלעכע פארבינדונגען מיט וואלקאוויסק זיינען געווען אין שייכות מיט די „קרייזן" וועלכע כ'האב איינגעפירט אין סלאנים. עס פלעגט זיך מאכן, אז וואלקאוויסקער יוגנטלעכע פלעגן באזוכן אונדזערע צוזאמענקונפטן און נאכהער אויך אונדזערע רעפעראטן. איך פלעג אויך פון צייט צו צייט צופארן אין דער נאנטער שטאט אין שייכות מיט ליטעראַ־רישע און ארץ־ישראל'דיקע ענינים. א געוויסער סוחר מירסקי פון דער האלץ־בראנזשע אין וואלקאוויסק איז גע־ווען מיינער א נאנטער באקאנטער. איך בין אלזא געפארן צו אים און אפגערעדט, אז ער זאל מיר געבן צו וויסן דירעקט טעלעפאניש, ווי נאר ס'קומט אהין אן א פליטים־צוג. אגב, האט, וואלקאוויסקער עדה אויך זיך איינגעארדנט א צוטריט צו די טראנספארטן. מירסקי פלעגט אונדז טעלע־פאנירן פינקטלעך, און פון דאן־אן האבן מיר ניט פארזאמט קיין שום פליטים־טראנספארט.

די הכנות צו באגעגענען די פליטים פלעגן פארקומען אויף פאלגנדן אופן: ווי נאר מיר פלעגן באקומען די ידיעה פון מירסקען, פלעגן מיר זיך ארויסכאפן אויף איינקע דראזשקעס און פארן לויט א ליסטע פון אדרעסן, ווו מיר פלעגן באקומען ברויט, פוטער, מילך, מערסטנטייל זיינען דאס געווען אומזיסטע, פרייוויליקע אויסדריקן פון הילף פאר די פליטים. די אדרעסן־ליסטעס פלעגט צוגרייטן אפרים סוועטיצקי. זעלטן, אין דרינגענדערע פאלן, ווען ס'איז ניט געווען גענוג מילך, פלעגט מען אויך קויפן. מיר האבן געהאט אדרעסן פון ערטער, ווו מען האט געהאט בהמות (איבערהויפט אויף יורדזיקע), און מיר פלעגן דארטן באקומען פולע קאנען מיט מילך. אגב, זיינען די זאמלונגען פארגעקומען שטיל און געהיים, ווייל דאס דערלאנגען הילף און קאנטאקטירן די פליטים איז דאך גע־ווען אומלעגאל, און באלבאט'ס „פארקוקן" האט געדארפט ווערן געדעקט אויך דורך אונדז. אין די הינטערשטע גאסן

פלעגן מיר זאמלען מילך און אין די צענטראלע — ברויט, חלות, פוטער א. ד. גל.

צום ערשטן טראנספארט וואס מיר זיינען צוגעקומען, האבן מיר געהאט 2 שעה צו די הכנות. פונקט צום אנקומען פון באן, זיינען מיר שוין געווען אויפ׳ן וואקזאל מיט די קאנען מילך און קערב פול מיט פראדוקטן. אז מיר האבן דערזען די פליטים, איז אונדז פינסטער געווארן אין די אויגן. מיר האבן דארטן געפונען גאנצע שטעטלאך יידן פון גרויס ביז קליין. זיי האבן אונדז דערציילט גרויל־זאכן, ווי אין געציילטע שעה׳ן האבן זיי געדארפט מאכן זייערע פעקלאך און פארלאזן זייערע היימען. איצט, 55 יאר נאכ־דעם *), זע איך נאך פאר זיך דאס בילד פון א יונגער פרוי; זי איז געזעסן ביים פענסטער פון וואגאן און דער גאנצע צער איז געווען אויסגעגאסן אויף איר פנים. די פליטים זיינען געווען אזוי אנגעשראקן, אז זיי האבן מורא געהאט צו נעמען די שפייז. באלבאט האט אזוי איינגעארדנט, אז די וואקזאל־שמירה איז געווען זיכער, אז די אקציע איז לעגאל. נאר מיר האבן געהאט א פארשריפט פון אים, אז די צוטיילונג זאל פארקומען וואס שנעלער. מיר פלעגן דעריבער צוטיילן פון ביידע זייטן פון באן. גרופעס פון די פארטיילער פלעגן ארומגיין מיט די קאנען און קערב פון ביידע זייטן פון די וואגאנען, און אזוי פלעגן מיר באוויזן צוצוקומען שנעל צו אלע וואגאנען. עס פלאגט זיך אויך מאכן, אז דער לאקאמאטיוו־פירער פלעגט אונדז צוהיילן און שרייען, אז ער דארף שוין אפפארן. און א פאר מאל האבן מיר אים „אונטערגעשמירט" און ער האט געווארט נאך א פאר מינוט. א באן פלעגט שטיין דורכשניטלעך א האלבע שעה, זעלטענער א ביסל לייגגער. עס זיינען געווען טעג, ווען ס׳זיינען אנגעקומען 3—4 טראנספארטן מיט א הפסקה פון אייניקע שעה, און מיר האבן קיינמאל ניט פארשפעטיקט מיט דער הילף.

איך גלויב, אז ווייניקסטנס א העלפט פון די דאן ארויס־געטריבענע יידן זיינען געפירט געווארן מיט דער פאלע־סיער ליניע, וואס גייט דורך סלאנים. דער חשבון איז א פשוט׳ער: די הויפט־פארבינדונג פון די ליטווישע גובערניעס (גראדנער, ווילנער, קאוונער, סובאלקער) מיט צענטראל־רוסלאנד איז געווען מיט די צוויי אייזנבאן־ארטעריעס, וואס האבן געפירט דורך מינסק: ווילנע—מינסק און ביאליסטאק—מינסק. ווי באקאנט, פירט די צווייטע דערמאנטע ארטע־ריע דורך וואלקאוויסק, סלאנים און באראנאוויטש קיין

*) ישראל מערעמינסקי האט מיר דערציילט זיינע זכרונות אין די יארן 1970—1971. דער אינהאלט פון אט דעם קאפיטל באציט זיך צום יאר 1915. — ק. ל.

מינסק. דעריבער קען מען אננעמען, אז בערך א העלפט פון די פליטים זיינען געפירט געווארן איבער סלאנים. מיט אנ־דערע ווערטער: א העלפט פון די פאר הונדערט טויזנט מגורשים זיינען באגעגנט געווארן אויפ׳ן סלאנימער וואק־זאל מיט ברודערלעכער הילף.

די הילפס־אקציע איז אנגעגאנגען כסדר ביז וואנען די טראנספארטן האבן זיך אפגעשטעלט. איך גלויב, אז דאס האט געדויערט א פאר חדשים, מיט הפסקות אמאל פון א וואך, און אמאל פון אייניקע טעג, און אייניקע מאל צו 3—4 באנען א טאג.

מיר קענען זיך לייכט פארשטעלן, וואס פאר אנ׳אפפער־וויליקע ארבעט און מסירות־נפש האבן געלייסטעט די גע־ציילטע טוער און עסקנים און די אייניקע צענדליק יוגנט־לעכע. די הילף פאר די דורכפארנדע פליטים איז געוויס איינער פון די שענסטע קאפיטלאך פון סלאנימער יידישע געשיכטע פון לעצטן יארהונדערט.

ליידער געדיינק איך ניט פיל נעמען פון די מיטבאטיי־ליקטע אין דער אקציע. יאקאבסאן איז געשטאנען בראש. ביים וואקזאל האב איך אפט געזען ר׳ יוסף גאלדבערגן, ר׳ יעקב חאנאנאוויטש, דעם גראדנער פליט און עסקן הלל־איסר יאנאווסקי, ר׳ יצחק אהראנאוויטש און פיל אנדערע יידן פון בתי־מדרשים און קהל־שטיבל **). פון די יוגנטלע־כע געדיינק איך גוט ביי דער הילפס־אקציע: אפרים סווע־טיצקי, באמע יאקימאווסקי, יואל לעווין, דזיענצעלסקי, ליי־דער (זייערע פארנעמען געדיינק איך ניט), טעכטער פון ה׳ יאנאווסקי, אייניקע טעכטער פון דער פאמיליע גווירצ־מאן. איך געדיינק אויך א פליטים־פאמיליע פון ווארשע, א געוויסע פרוי רבקה שערעשעווסקי מיט אירע טעכטער, וועלכע האבן גענומען אנ׳אנטייל אין דער הילפס־ארבעט (דיזעלבע פרוי שערעשעווסקי, אנ׳אינטעליגענטע און קול־טורעלע פערזאן, איז געווען א נאנטע פריינדין פון י. ל. פרץ).

צום סוף וויל איך צוגעבן, אז אונדז איז געלונגען איי־ניקע מאל אראפנעמען מענטשן פון די טראנספארטן, אונ־טערן אויסרייד אז זיי דארפן אראפגיין צוליב זייערע באדערפענישן. מיר האבן די מענטשן פארבאהאלטן אויף זאמאשטשע און נאכהער אריינגעזעצט זיי אין פארשיידענע ערטער אין שטאט, און דער הילפס־קאמיטעט האט פאר־געזעצט צו שטיצן זיי.

**) אין צוזאמענהאנג מיט דעם, ז׳ אויך די זכרונות פון הלל־איסר יאנאווסקי אין „פנקס־סלאנים", דריטן באנד, ז׳ 313. — ק. ל.

# קאפיטל 4

מיין געגנוואַרטס־אַרבעט אין סלאָנים אין 1914—1915. — די ליטעראַרישע קרייזן. — איך גיב לעקציעס די פּליטים. — די פּליטים פאַמיליע שערעשעווסקי פון וואַרשע. — מיין ציוניסטישע טעטיקייט אין גאַנצן געביט. — אפרים סוועטיצקי. — דער פראָנט דער־נענטערט זיך צו סלאָנים. — מיין באַשלוס: איך פאָר שטודירן אין מאָסקווער פּאָליטעכניקום. — דער נדר וואָס איך האָב געגעבן מיין פאָטער. — מיין געזעגנונג מיט סלאָנים. —

אין דעם ערשטן מלחמה־יאָר 1914—1915, וואָס כ'האָב פאַרבראַכט אין סלאָנים (אַזוי גוט ווי די 3 יאָר פאַר דעם), איז די פּליטים־אַקציע געווען מיין וויכטיקסטע געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט אין שטאָט. איך האָב געפילט, אַז אַט די „געגנוואַרטס־אַרבעט" וואָס איז געווען אַ דרינגענדע נויט פון דער שעה, ראַמט זיך אַריין אין מיין ציוניסטישער און קולטורעלער טעטיקייט, און ביידע געזעלשאַפטלעכע געביטן בילדן אַ טייל פון מיין ציוניסטישער וועלט־אַנשוי־אונג.

איך בין ווייטער אַנגעגאַנגען מיט מיינע קולטור־ליטע־ראַרישע און ציוניסטישע קרייזן. אייניקע זיינען אָפּגעפאַלן און אַנדערע זיינען צוגעשטאַנען צו זיי. מיר פלעגן זיך צונויפקומען רעגלמעסיק און דיסקוטירן ליטעראַטור, ציור־ניזם, סאָציאַליזם. כדי די קרייזן זאָלן ניט אויסקומען צו פיל פאַרדעכטיקט אין די אויגן פון באַלבאָטן, פלעגן זיי איצט זיין באַגרענעצט צו 6—7 און אַמאָל צו 4—5 פּערזאָן. נאָך פּרץ'עס טויט האָבן מיר געווידמעט אייניקע צוזאַמענקונפטן זיינע ווערק.

איך האָב אויך פאַרגעזעצט צו געבן לעקציעס. איך האָב אַפילו באַקומען לעקציעס ביי... פּליטים. אַזוי האָב איך געלערנט די טעכטער פון דער פּליטים־פאַמיליע יאַנאָווסקי פון גראָדנע. הגם איך האָב געלעבט ביי מיינע עלטערן, האָב איך דאָך געהאַט אַ געדונגענעם צימער (ביי דער פאַ־מיליע עפּשטיין פון דער מעבל־בראַנזשע), ווו כ'פלעג גע־בן די לעקציעס און ווו ס'פלעגט זיך פון צייט צו צייט צונויפקלייבן דער אָדער יענער קרייז.

אין יענעם יאָר פלעג איך אָפט באַזוכן, צווישן אַנ־דערע, די גווירצמאַנ'ס, די פּליטים־פאַמיליע שערעשעווסקי פון וואַרשע און אַנדערע. פרוי שערעשעווסקי האָט זיך ערוואָרבן אַ גוטן קרייז אין סלאָנימער געזעלשאַפט און מען האָט איר געשעצט צוליב איר הויכער קולטור און בילדונג. אין די יונגע יאָרן איז זי, ווייזט־אויס, געווען זייער ראָמאַנ־טיש און, ווי געזאָגט, איז זי אַנהייב יאָרהונדערט געווען באַפריינדעט מיט פּרץ'ן. אירע שיינע טעכטער זיינען אויך געגאַנגען אין זייער מוטער'ס דרכים: קולטורעל און ראָ־מאַנטיש...

באַשערט געווען דער פרוי שערעשעווסקי צו קומען אין סלאָנים אלס פּליטה און... ראַטעווען אַ סלאָנימער יונגנמאַן, אַנ'אידעאַליסט, פון זעלבסטמאָרד! ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אפרים סוועטיצקין. אפרים איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּערזאָן. אין פינפטן יאָר איז ער געווען איינער פון די וואָרט־זאָגער פון די סלאָנימער ס. ס. אין די רעאַקציע־יאָרן 1907—1914 איז ער געווען פּאָליטיש־צוריקגעהאַלטן, אָבער טעטיק געזעלשאַפטלעך אין קולטורעלע אַנשטאַלטן, אין ביבליאָטעק; געהאָלפן פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראַטור א. ד. גל. ער האָט געזאָלט עמיגרירן אין אַמעריקע אָבער געבליבן אין סלאָנים. ער האָט געאַרבעט אין „באַנקל" אַלס אַנגעשטעלטער (מיר האָבן דאַן גערופן „באַנקל" די „גע־זעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט", וועמענס דירעקטאָר איז ביז 1915 געווען דער איבעראַל־געאַכטעטער און אַל־טער עסקן משה לעווין). אפרים, עלטער פון מיר מיט אייני־קע יאָר, איז נאָך דאַן געווען אַ בחור. צוליב געוויסע, פאַר קיינעם ניט פאַרשטענדלעכע סיבות, איז אפרים דאַן אַריינ־געפאַלן אין אַ מרה־שחורה. צו האָט געשטעקט אין דעם עפּעס אַ פּערזענלעכע איבערלעבענעש, צו אַנ'ענטוישונג פון אַ ליבע, אָדער אַ גייסטיקער קריזיס אויפ'ן אַלגעמיינעם רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישן הינטערגרונט? — אין דער פּליטים־אַקציע האָט ער גענומען אַ טיכטיקן אַנטייל. מעג־לעך, אַז דאָס צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער נייער יידישער טראַגעדיע פון די מאַסן־גירושים און דאָס אויסרינען פון די שיינע אילוזיעס פון אַנהייב מלחמה האָבן אויף אים אויך געווירקט. דעם אמת־געזאָגט, זיינען מיר פון אַט די לעצטע אומשטענדן געווען אַלע זייער דערדריקט, איבערהויפּט אין די פרילינג — און זומער־חדשים פון 1915. אָבער ביז צו וועלן זיך נעמען דאָס לעבן, ביז צום רעזיגנירן, אַזוי ווי ס'פלעגט פאָרקומען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָ־לוציע פון 1905, — איז נאָך געווען ווייט... אפרים האָט אָבער אַנדערש געטראַכט. זיינע נאָנטע חברים און פריינט, — און איך בין אויך געווען מיט אים באַפריינדעט דורך געמיינזאַמער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, הגם מיר זיינען געווען פּאַרטייאיש קעגנער, — האָבן געוווּסט וועגן זיינע אומגעלונגענע זעלבסטמאָרד־פּרווון. ציטערנדיק פאַר זיין לעבן, האָט אונדזער געמיינזאַמע באַקאַנטע רבקה שערע־שעווסקי אים „גענומען אין די הענט" אַריין. זי האָט מיט אים אָפּגעהאַלטן לאַנגע שמועסן און מיר האָבן געזען באַ־שיינפּערלעך, ווי אפרים איז „צוריקגעקומען צום לעבן". ער איז געוואָרן ווידער אַקטיוו. און איך האָב נאָכהער, צוריק־קערנדיק זיך נאָך דער מלחמה פון רוסלאַנד אין סלאָנים,

געהערט וואס פאר א וויכטיקע געזעלשאפטלעכע ראליע ער האט געשפילט אין שטאט בעת די אקופאציע־יארן.*)

(ווי באקאנט, איז אפרים סוועטיצקי נאך דער מלחמה אריבערגעפארן אין אמעריקע און דארטן חתונה געהאט מיט א סלאנימער בונדיסטקע, באקאנט אונטערן נאמען „רחל די שווארצע”, וועלכע ער האט נאך גוט געקענט פון סלאנים. איך געדיינק ניט איר פאמיליע־נאמען. זייענדיק אין אמעריקע א לייגגערע צייט, האב איך ליידער ניט געהאט די געלעגנהייט אים צו טרעפן. אפרים איז געשטארבן מיט אייניקע יאר צוריק).

אינצווישן האט זיך אין די זומער־מאנאטן די לאגע אויף די פראנטן פארערגערט. דער פראנט איז געווארן אלץ נענטער און נענטער צו סלאנים. ס'האט זיך אלץ העפטיקער געלאזט הערן דאס ווארט „עוואקואציע”. די געזעלשאפטלעכע ארבעט האט מיר גורם געווען א פארשפעטיקונג אין מיין ווייטערדיקן שטודיום. די פאליטיש־ציוניסטישע טעטיקייט האט מיר וואס ווייטער אלץ מער מיטגעריסן און האט אנגעפילט מיין גאנצן וועזן. זינט מיין אנטייל אין 1911 אין דער דרוסגעניקער ציוניסטישער ראיאן־קאנפערענץ, האב איך אויך געפילט א גרויסע פאראנטווארטלעכקייט פאר דער ציוניסטישער ארבעט אין דעם גרויסן געביט פון גראדנער, בריסקער און מינסקער געגנטן. און אזוי־ארום זיינען שוין פארלאפן 5 יאר נאך מיין ענדיקן די רעאלשולע אין ווארשע, און מיין אלטער טרוים צו שטודירן אינזשעניער איז אלץ פארשטויסן געווארן.

איצט, אין אנבליק פון דער נאנטער דייטשער אקופאציע פון סלאנים, איז וועלנדיק־נישט־ווילנדיק ארויסגעשווומען די פראגע: און וואס ווייטער? — ס'איז פאר מיר געווען א גרויסער ספק, צו איך וועל קענען רעאליזירן מיין ווייטערדיקן שטודיום אין אקופירטן ווארשע. בכן, איז געקומען אין באטראכט נאר א פאליטעכנישע הויכשולע אין רוסלאנד.

**א** גרויסן שטויס דערצו האט מיר אויך געגעבן מיין פאטער, ווי אויך די גאנצע משפחה. און אזוי איז ביי מיר רייף געווארן דער פלאן צו פארן אין רוסלאנד. לאנג צו טראכטן איז שוין ניט געבליבן קיין צייט. די סלאנימער לאקאלע רעגירונגס־אמטן זיינען שוין אנגעגאנגען מיט דער עוואקואציע אין דער ריכטונג פון דער צענטראל־רוסישער שטאט קאלוגע. אין געציילטע טעג איז געפאלן דער ענדגילטיקער באשלוס: איך פאר אין מאסקווער פאליטעכניקום!

און אט זעגן איך זיך מיט פאמיליע, מיט גוטע פריינט, מיט חברים, מיט די אלטע און יונגע ציוניסטן, מיט מיינע טייערע צוהערער פון די קרייזן און מיט מיינע שילער, — איך זעגן זיך מיט מיין געבורט־שטאט, מיט „מיין” בריקער שול, מיט דער דאמבע, מיט אירע אמאליקע פארטייבירזשעס... איך גיי ארום די לעצטע טעג, ווי א צוטומלטער, ווי א פאר'חלומ'טער, ווי א נאך־ניט־אנטשלאסענער.

נאר אט איז געקומען די געזעגנונגס־שעה מיט דער פאמיליע. מיין טייערער און קלוגער פאטער, וועלכער האט מיר געקענט אויסגעזונדן, האט גאנץ גוט פארשטאנען די נסיונות וואס איך וועל דארפן ביישטיין, כדי גובר צו זיין מיינע פליכטן צום פאלק, צו מיינע אידעאלן, צום ציוניזם. ער האט אבער געזארגט פאר „תכלית”, פאר דער צוקונפט פון זיין זון, און ער האט אין דער לעצטער מינוט ארויסגענומען ביי מיר א נדר, א נדר אז איך וועל לערנען, אז איך זאל אפלייגן מיינע פליכטן וואס איך האב אויף זיך גענומען, אז איך וועל זיך ניט פארנעמען מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט, — אז איך וועל לערנען, אומבאדינגט לערנען, נאר לערנען! —

מיט טרערן אין די אויגן און מיט א פארשטיקטן קול האב איך מיך פארפליכטעט מיט א נדר צו מקיים זיין זיין ווונטש.

און זיצנדיק שוין אין וואגאן און קוקנדיק מיט שטארע אויגן אויף די פארביי־פליהענדע וועלדער פון אלבערטינע, האב איך נאך געהערט די שטרענגע און דאביי גלעטנדע ווערטער פון מיין פאטער.

נאר אין מיין אונטערבאוווסטזיין און אויפ'ן וועג צו דער ניט־קלארער צוקונפט, אין סאמע טומל און הו־הא פון דער עוואקואציע־אטמאספערע, — האט מיר, צוגלייך מיטן שמערץ פון צושיידונג, געגעבערט די פראגע:

— צו וועל איך אויסהאלטן? צו וועל איך קענען מקיים זיין מיין נדר? צו וועל איך קענען ביישטיין די נסיונות וואס מיין פאטער האט מיר פארויסגעזאגט? —

---

*) וועגן אפרים סוועטיצקי'ס טעטיקייט אין ס. ס. אין די יארן 1904—1905 ז' די זכרונות פון יוסף ערישעוויטש אין „פנקס־סלאנים” דריטן באנד, 240—252. ז' אויך די זכרונות פון אפרים סוועטיצקי, פון 1915: „דער רב און דער פאלקאווניק”, אין דריטן באנד, ז' 321—323. — ק. ל.

ישראל ריטאוו

# דער רומפולער וועג פון ישראל מערעמינסקי

ער איז געווען איינער פון די בעסטע און פארדינסטפולסטע ציוניסטישע עסקנים במשך פון איבער א יובל (אין די יארן 1915—1970). ער איז אוועק פון דער וועלט דעם 9-טן מאי 1977 (ט׳ אייר תשל״ז) נאך א שטורמישן, פילפארביקן און שעפערישן לעבן. זיין רומפולער וועג איז באזייט מיט גרויסע מעשים אויף פיל געביטן. איך וועל דא אנצייכענען בלויז די הויפט־עטאפן פון זיין פרוכטבארן דינאמישן מארשרוט אין ציוניזם בכלל און אין דער ציוניסטישער ארבעט־באוועגונג בפרט.

ער איז געבוירן דעם 24-טן אקטאבער 1891 אין דער ציוניסטישער סלאנים, ווו נאך לאנג פארן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס האבן עקזיסטירט פאריינען פון „חובבי-ציון”. סלאנימער ציוניסטן זיינען געווען פון די ערשטע וואס האבן געשיקט דעלעגאטן צו די קאנגרעסן, ארויסגעגעבן פון זיך מערערע עולים וואס האבן פארנומען א בכבודיקן ארט אויך אין דער צווייטער עליה.

שוין אין זיין צוועלפטן לעבנסיאר, נאכן קישענעווער פאגראם, ברויזט אין אים אויף זיין געזעלשאפטלעכער חוש*)

אין 1911 האט אים די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין סלאנים געשיקט (צוזאמען מיט שמואל זשוכאוויצקי) צו דער היסטארישער אומלעגאלער קאנפערענץ אין דרוסגעניק (אונטערן פארזיץ פון הרב ש. מאהליווער).

די געזעלשאפטלעכע ארבעט וואס ער האט אנגעהייבן אין סלאנים און אין ווארשע אין די יארן 1910—1914, האט ער פארגעזעצט מיט גרויסן שוואונג אין מאסקווע, ווו ער איז אנגעקומען אין 1915 אלס סטודענט פון דארטיקן פאליטעכניקום.

ווי באקאנט האט זיך אין מאסקווע אין די יארן פון דער ערשטער וועלט מלחמה געבילדעט א גרויסער יידישער ישוב. דארטן האט זיך דאן באזעצט דער ציוניסטישער צענטראל-קאמיטעט פון רוסלאנד מיט דר. טשלענאוו, ניידיטש, זלאטאפאלסקי, און אנדערע, ווי אויך אקטיווע יוגנט־פירער מיט אליעזר קאפלאן, חיים גרינבערג, אליהו מונטשיק (מרגלית) און אנדערע. מערעמינסקי ווערט דארט אויפגענומען ווי אנ׳אייגענער און גלייכווערטיקער. טשלענאוו נאמינירט אים אלס זיין פריוואט-סעקרעטאר פאר ציוניסטישע ענינים. מיט אליעזר קאפלאן, חיים גרינבערג און שמואל אייזענשטאט שאפט ער דאס הויפט-ביורא פון „צעירי־ציון”.

דער גרויסער שטויס פארויס קומט נאכן אויסברוך פון דער פעברואר־רעוואלוציע אין 1917, ווען די יידישע גאס און איבערהויפט די ציוניסטישע איז פארפלייצט געווארן מיט האפענונגען אויף אומבאגרענעצטע מעגלעכקייטן פאר א ברייטער ארבעט אויפן נאציאנאלן און געזעלשאפטלעכן געביט. די באלשעוויקעס האבן אבער שנעל אסוף געמאכט צו דעם חלום. אבער ביז וואס ווען איז אין פארלויף פון עטלעכע געציילטע חדשים אנגעגאנגען א גרויסע קאנסטרוקטיווע באציאנאלע, אין א גרויסער מאס ציוניסטישע טעטיקייט. דא איז מערעמינסקי׳ס ראל אנ׳אויסערגעוויינלעכע. ער איז געווען דער גענעראל־סעקרעטאר פון דער נאר-וואס אויפגעשטעלטער צענטראל-ביורא פון דער צעירי־ציון באוועגונג, וואס איז באשטאנען פון סניפים אין מער פון 200 שטעט און שטעטלאך, מיט איבער 25,000 חברים.

13 טעג נאכן זיג פון דער פעברואר-רעוואלוציע איז אין מאסקווע צושטאנדגעקומען א לאנד־בעראטונג פון פירנדיקע צעירי־ציון חברים פון מאסקווע, פעטראגראד און אלע קרייז-קאמיטעטן איבערן לאנד. זי האט אריינגעטראגן אסך ליכט און קלארקייט אין די קארדינאלע פראגן, וואס זיינען געשטאנען אויפן סדר־היום פון „צעירי-ציון” אין יענע גרויסע טעג. דאס איז דער עיקר געווען מערעמינסקי׳ס ארבעט. ער האט אויך צוגעגרייט דעם צווייטן צוזאמענפאר פון 18־טן ביזן 24־טן מאי 1917 אין פעטראגראד, ווו ס׳זיינען געלייגט געווארן די גרונט-שטיינער פאר דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער פארטיי, (וועלכע איז שפעטער געגריבדעט געווארן אויפן 3-טן צוזאמענפאר אין מאי 1920 אין חארקאוו). אזוי איז געשאפן געווארן אונטער מערעמינסקי׳ס אנפירונג א מעכטיקע באוועגונג, וואס האט געשפילט, — לײדער א קורצע צייט — א גרויסע ראל אויף דער יידישער גאס. מערעמינסקי איז געווען דער גענעראל־סעקרעטאר, אבער אייגנטלעך, — דער פאקטישער פירער פון דער באוועגונג.

5 חדשים נאכן צוזאמענפאר איז געקומען די באלשעוויסטישע דיקטאטור. אלע פארטייען זייבען אראפ אין אונטערגרונט. אויך די „צעירי-ציון” פארטיי איז צובראכן געווארן. אסך חברים זיינען געווארן ארעסטירט און פארשיקט אין סיביר.

אינצווישן איז אנטשטאנען די נייע באפרייטע פוילן, און צוזאמען מיט די רעפאטריאירטע פויליש־יידישע פליטים פון רוסלאנד, איז מערעמינסקי צוריקגעקומען אין פוילן אין יוני 1919. און דא הייבט זיך אן א נייער וויכטיקער עטאפ אין זיין געזעלשאפטלעכן לעבן, דער פוילישער עטאפ וואס האט געדויערט 5 יאר (יוני 1919 — אפריל 1924). ער איז גלייך געשטעלט געווארן אין שפיץ פון דער נישט-צום-דערקענען

---

*) מיר הייבן דא איבער דעם עפיזאד פון זיין אויפטריט אין דער פראטעסט־פארזאמלונג ווי אויך זיינע איבעריקע אקטיוויטעטן אין סלאנים. ז׳ וועגן דעם גענויער אין זיינע זכרונות, וואס ערשיינען אין דאזיקן באנד. — רעד.

אויסגעוואקסענער באוועגונג. במשך פון די 5 יאר איז די באוועגונג געשטאנען אונטערן צייכן פון זיין פירערשאפט און טעטיקייט. אין 1920 האט ער אויפגעשטעלט דעם מזרח־פארבאנד פון „צעירי־ציון" אין קאנגרעס-פוילן, גאליציע, וואלין, ווייס-רוסלאנד, ווילנער קאנט און פאלעסיע. ס'איז שווער אויסצורעכענען אלע געביטן פון זיין ברויזנדיקער טעטיקייט. ס'איז אבער כדאי אונטערצושטרייכן די הויפט־פונקטן: עליה, החלוץ, פארבינדונגען מיט ארץ-ישראל און די העכערע ציוניסטישע אינסטיטוציעס, פראפעסיאנעלע פאריינען, שול־וועזן, צווישנפארטייאישע פארבינדונגען. ער איז אויך געווען דער רעדאקטאר פון וועכנטלעכן ארגאן פון דער באוועגונג „באפרייאונג" און פון דער העברעאישער מאנאטשריפט „העובד" (צוזאמען מיט צבי ראזענשטיין).

אויך אין זיינע צאלרייכע ארטיקלען פון יענע יארן אין „באפרייאונג", „העובד" און אין דער דאמאלסטיקער ווארשעווער יידישער טאג־פרעסע: „היינט", „מאמענט", „הצפירה". ער איז געווען פון די ערשטע (אין 1920) צו רופן צו דער גרינדונג פון דער אלגעמיינער ארבעטער־ארגאניזאציע אין ארץ-ישראל, „די הסתדרות הכללית של העובדים" (זיין בראשור „דאס געבאט פון דער צייט", ווארשע — ווין).

במשך פון די 5 יאר פון זיין טעטיקייט אין פוילן האט ער אויך פארנומען א וויכטיקן אָרט אין יידישן קולטורעלן לעבן. אלס טאלאנטפולער פובליציסט און זשורנאליסט, איז ער געווארן אויסגעקליבן אלס וויצע-פארזיצער פון יידישן ליטעראטן — און זשורנאליסטן-פאריין און האט גענומען א לעבהאפטן אנטייל אין זיינע קולטורעלע אקטיוויטעטן, ווי־



ישראל מרמינסקי ונשיא־המדינה זלמן שז"ר

ישראל מערעמינסקי און דער מלוכה־פרעזידענט זלמן שז"ר

אין 1920, אויף דער ציוניסטישער קאנפערענץ אין לאנדאן, האט ער געקעמפט פאר דער גרינדונג פון די „ארץ־ישראל־אמטן", וואס זאלן קאנצענטרירן די עליה-פראבלעמען און ער האט פארלאנגט א פרייע און אומגעשטערטע עליה. מיט דערזעלבער פאדערונג איז ער ארויסגעטראטן אויפ'ן ציוניסטישן קאנגרעס אין 1921 אין קארלסבאד. א שארפן אויסדרוק פון זיין קאמף פאר עליה האט ער געגעבן

דאס פארעפנטלעכן געזאמלטע שריפטן פון דיכטער און שרייבער-פראזאיקער א. ד. גל.

מיט זיין עליה אין אפריל 1924 הייבט זיך אָן זיין ערשטע ארץ-ישראל תקופה פון איבער 15 יאר (1924—1939), אין וועלכער ער פירט אנ'אומגעהויער אינטענסיווע טעטיקייט. אין מאי דעמזעלבן יאר ווערט ישראל מרום (ער האט נאכהער געביטן זיין פאמיליע) אויסגעוויילט אין וועד־

הפועל פון דער הסתדרות. א יאר שפעטער (מאי 1925) האט אים דער וועד הפועל אויסגעוויילט אין ענגן עקזעקוטיוו־סעקרעטאריאט צוזאמען מיט בן־גוריון. ער פירט אויך אָן מיטן „מרכז לעליה" צוזאמען מיט זלמן רובאשאוו (שז"ר) און חיים ארלאזאראוו. ער האט זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אין די עליה־ענינים, שטעלנדיק אויפן ערשטן פלאן די זארג פאר דער עליה פון חלוצים און ארבעטער (די „סערטיפיקאטן־עליה"). בן־גוריון שרייבט וועגן אים אין איינעם פון זיינע בריוו פון יענער צייט: „אין פארלויף פון א קורצער צייט האט מערעמינסקי ארויסגעוויזן אזויפיל פלייס, איבערגעגעבנקייט און טאלאנט אויפן געביט פון עליה, אז עס שיינט מיר, אז דער „מרכז־העלייה" איז די פאפולערסטע אינסטיטוציע אין לאנד".

ס'איז אונמעגלעך אויסצורעכענען אין איין ארטיקל אלע אויפטוען פון מערעמינסקי'ן במשך פון אָט די 15 יאר פון זיין ערשטער ארץ־ישראל־תקופה: אלע זיינע אויפגאבן, קאמפן, שליחות'ן, קארעספאנדענצן, פובליציסטיק, דערגרייכונגען אין הסתדרות, אין זיין פארטיי, אין דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, אין זיינע גרויסע שליחות'ן אין דער וועלט. אט זיינען די ציוניסטישע קאנגרעסן, אויף וועלכע ער איז געווען איינער פון די הויפט־זיילן; אט אין דער קאנגרעס פאר'ן ארבעטנדיק ארץ־ישראל אין 1930 אין בערלין, מיט דער באטייליקונג פון פארשטייער פון פראפעסיאנעלן אינטערנאציאנאל, פון גרויסע פערזענלעכקייטן, צווישן זיי אויך פראפעסאר איינשטיין. דער קאנגרעס האט געהאט א גרויסן דערפאלג, און מיר האבן זיך דאן געפרעגט וואס וואלט ארויסגעקומען פון דער גאנצער איניציאטיוו אָן מערעמינסקי'ן, דעם פארזיצער פון ארגאניזיר־קאמיטעט פון קאנגרעס. דאס זעלבע קען מען אויך זאגן וועגן זיינע אלע אנדערע טעטיקייט־געביטן, וואס איינע פון די וויכטיקסטע זיינען די שליחות'ן אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע צום געווערקשאפטן־קאמפיין.

צום פערטן קאמפיין (1928) איז מערעמינסקי דעלעגירט געווארן צוזאמען מיט חיים ארלאזאראוו. דאס איז געווען מערעמינסקי'ס ערשטע רייזע קיין אמעריקע און דער אנהייב פון זיי לעגענדארער טעטיקייט אלס שליח פון דער א"י — ארבעטערשאפט צו דער ארבעטערשאפט פון אמעריקע און קאנאדע. בעתן פינפטן קאמפיין (1929) איז געבראכן געווארן דער לאנגיאריקער באיקאט אויף ארץ־ישראל פון דעם „ארבעטער־רינג" (אונטער דער השפעה פון „בונד"). דאס איז פארגעקומען א דאנק דער דירעקטער השפעה פון מערעמינסקי. אין 1932 פארט ער אין זיין דריטער שליחות אין אמעריקע. (אין דער דעלעגאציע האבן זיך דאן באטייליקט אויך גאלדע מאיר און דוד רמז).

די פערטע שליחות אין אמעריקע, די לענגסטע און דראמאטישסטע, אבער אויך די פרוכטבארסטע, פאלט־אויס מיט זיין העכסט־וויכטיקן, ווייטערדיקן לעבנס־עטאפ. דאס איז געווען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה (פון 1939 ביז ענדע 1945). נאכן שליסן דעם 21־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין זשענעווע, עטלעכע טעג פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז באשלאסן געווארן צו שיקן א דעלעגאציע קיין אמעריקע מיט מערעמינסקין בראש, ווי אנ'אפיציעלע פארטרעטערשאפט פון דער הסתדרות. ער האט זיך תיכף מיט זיין גאנצן אימפעט געווארפן אין די פארויסגעזעענע און נישט־פארויסגעזעענע טעטיקייטן, וועלכע זיינען געוואקסן פון טאג צו טאג אין משך פון זעקס יאר ביז נאכן סוף פון דער מלחמה. ער איז געגאנגען פון יוניאן צו יוניאן, באווירקט די יידן און נאך מער די נישט־יידן. אויב ס'עקזיסטירט היינט א פריינטשאפט־בריק צווישן דער אמעריקאנער ארבעטער־באוועגונג און דער ישראל'דיקער ארבעטערשאפט, איז דאס צו פארדאנקען אין דער ערשטער רייהע מערעמינסקי'ן.

זיינע פארדינסטן במשך פון די 6 יאר אין אמעריקע זיינען אויך גרויס פאר די אלגעמיינע ציוניסטישע דערגרייכונגען און אויך — צו דער אנטשטייאונג פון דער מדינת ישראל. ער האט אויך געפונען א וועג, צווישן אנדערן, צום קאנגרעס און צום סענאט. מיט דערזעלבער אונערמידלעכקייט האט ער „באארבעט" דעם באדן פון ברייטע שיכטן פון אמעריקאנער יידנטום, וואס זיינען געווען ווייט פון ציוניזם. זיינע טאג־ביכער פון יענע יארן זיינען פול מיט נאטיצן וועגן זיינע טרעפונגען און געשפרעכן מיט די וויכטיקסטע יידישע און ניט־יידישע פערזענלעכקייטן.[1])

נאך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען אהיים פול מיט אזוי פיל דערפארונגען האט ער זיך ערשט געווארפן אויף אלע ארבעטן וואס האבן געווארט אויף אים אין ישראל און האט זיי געווידמעט זיין אונאויסשעפּלעכע ענערגיע. זיי האבן אויסגעפילט זיין צווייטע ארץ־ישראל־תקופה, וואס פארנעמט איבער 30 יאר פון זיין לעבן, ביז זיין פטירה; פון זיי — 25 יאר פון אונאויפהערלעכער אקטיוויטעט. (די לעצטע אייניקע יאר פון זיין לעבן האט אים א שווערע קראנקהייט כמעט ווי צוגעשמידט צום בעט).

אויך אין דעם עטאפ איז שווער אויסצורעכענען אלע דערגרייכונגען, וואס מען קען צושרייבן אויף זיין חשבון. די וויכטיקסט דערגרייכונג איז, אן ספק, דאס אויפשטעלן די וואונדערבארע נעץ פון די פאך־שולן, באקאנט אונטערן נאמען „רשת עמל". אייגנטלעך, האט זיך דאס אנגעהייבן נאך מיט זיינע שליחות'ן פארן געווערקשאפטן־קאמפיין. א דאנק זיינע קאנטאקטן מיט אזוינע פערזענלעכקייטן, ווי מאקס פיין און אנדערע זיינען אנטשטאנען די ערשטע פראטאטיפ־שולען אין לאנד פון דעם מין (די מאקס־פיין־שולע), און אין די פופציקער יארן האט זיך דאס אנטוויקלט אין א ממשות'דיקע נעץ פון שולן, וואס זיינען פארשפרייט איבערן גאנצן לאנד. געוויס, האט מערעמינסקי געהאט חברים און מיטהעלפער אויפן געביט פון דער פראפעסיאנעלער אויסבילדונג. אבער זיין אנטייל איז געווען דער דאמינירנדער. דאס האט זיך אויך אויסגעדריקט פארמעל אין זיין אנפירן מיט דער אָפּטיילונג פאר פאך־ערציהונג ביי דער הסתדרות און מיט דער רשת „עמל".[2])

1) וועגן זיין טעטיקייט אין אמעריקע ז' אויך די ארטיקלען פון גאלדע מאיר, ישראל סטאלארסקי, און סעדיה געלב אין דאזיקן באנד פון „פנקס־סלאנים". — רעד.

2) וועגן זיין טעטיקייט אויפן געביט פון פאך־שולן ז' אויך די ארטיקלען פון: אהרן כהן, און גאלדע מאיר אין דאזיקן באנד פון „פנקס־סלאנים". — רעד.

אין דערזעלבער צייט און כל-זמן זיין געזונט־צושטאנד האט אים נאך ערלויבט האט ער פארגעזעצט זיין טעטיקייט אין ציוניסטישן אקציאנס-קאמיטע, אין וועד־הפועל פון דער הסתדרות, אין דער פערמאנענטער פינאנץ־קאמיסיע פון דער „יידישער אגענטור" (הסוכנות היהודית), אין דעם ארבעטער-ערציהונגס־ראט (מועצת החינוך של זרם העובדים), אין צ. ק. פין דער ארבעטער-פארטיי (מפא"י). אייבע פון זיינע לעצטע אויפגאבן איז געווען דאס אנפירן מיטן קאנטראל־אמט פון דער הסתדרות.

אפילו בעת זיין לאנג-דויערנדער קראנקהייט האט ער ניט גערוט, און פלעגט אפטמאל איבערראשן זיינע חברים, ווען ער פלעגט קומען אין א שווערן קראנקהאפטן צושטאנד צו ארבעטס־זיצונגען, — ביז...

ביז די קראנקהייט האט זיך גובר געווען אויף אים. ער איז געשטארבן אין עלטער פון 85 יאר און געקומען צו קבו־רה, לויט זיין ווונש אין עין־חרוד, ווו עס רוהען אין זייער אייביקער רו פיל פון זיינע ערשטע חברים און מיטהעלפער.

מיט זיין טויט איז געפאלן א דעמב. א ווולקאן איז אויסגעלאשן געווארן.

# זכרונות אישיים על ישראל מרמינסקי

## תמצית מדברים שהושמעו בערב-התיחדות לזכרו במלאת שלשים לפטירתו, מטעם הוועד הפועל של הסתדרות העובדים במדינת ישראל

**אנשל ריים:**

**על פעולתו בקונגרסים הציוניים ובוועד הפועל הציוני**

מרמינסקי היה בין ראשי המרד של הנוער היהודי בגולה בראשית המאה, שהתמרד נגד השנאה, ההתנכרות וההתנגדות לכל מחשבה לאומית ובעיקר הציונית. הוא היה אחת הדמויות ברוכות-ההשגים, הבולטות ביותר שביניהם.

היתה לי הזדמנות להיות אתו יחד בקונגרסים ציוניים, בישיבות הוועד הפועל הציוני, כחבר הסיעה של תנועת הפועלים הציונית. היתה זו סיעה לא קטנה שמנתה אישים כמו בן־גוריון, בן-צבי, רובאשוב (שז"ר), ברל כצנלסון, קפלנסקי, ברל לוקר, אליעזר קפלן. אך היה זה תמיד מרמינסקי שהיה מסדר את כל העניינים, ידע מה מתרחש בכל וועדה וועדה וריכז את כל הפעולה. היה לו תמיד תפקיד מרכזי בכל הזירות האלה.

**ברל רפטור:**

**על פעילותו בהסתדרות ולמען השלטת עבודה עברית.**

לפני בואו לארץ ולאחר עלייתו היה מרמינסקי שגריר הציונות, במאבקה לכבוש את תנועת הפועלים היהודית האנטי-ציונית ברוסיה, בפולין ואחר־כך בארצות־הברית (בונד, קומוניסטים ואחרים). הוא נלחם להשרשת ערכים ציוניים במחנה זה של יריבי הציונות.

ידועים מאבקיו בקונגרסים למען העניין ההתישבותי, למען העליה ודרך ההגשמה של תנועת העבודה. הוא חתר להגשמה מלאה של הציונות, לחלוציות, לבנין משק ומפעל התישבותי, לקוממיות יהודית.

הוא אהב את העם על כל שכבותיו. הוא אהב את העמלים, את בעלי-המלאכה, את הרוכלים הקטנים, את היהודים הפשוטים. הוא האמין שיש מקום לשותפות-אמת בין כל שכבות העם למען המשך קיומו ועתידו. ראינו איך אישים כמו מכס פיין נכבשו להסברתו בתפיסה הציונית־פועלית.

הוא היה מהלוחמים העיקריים למען עבודה עברית. את קשריו הידידותיים עם שרידי הפעילים של הציונות הרוסית שהיו בארץ הוא ניצל למען הרחבת העבודה העברית במפעלים תעשייתיים וחקלאיים, שהשתייכו למעבידים ממחנה הציונות הכללית.

הוא היה בכלל „כל'בויניק" הסתדרותי. אם יש בעיות בענייני איגוד מקצועי, — הכתובת: ישראל מרום (מרמינסקי); חוסר עבודה? — מרום; מאבק על עבודה עברית? — מרום; עבודה עברית בים המלח? — מרום; דאגה להתישבות פה ושם? — מרום; הכרעה בחלוקי־דעות בין זרמים שונים בהסתדרות? — מרום; כיבוש יהודים וגויים למען הציונות? — מרום.

כאשר בן-גוריון, כשהיה מזכיר ההסתדרות, צירף את מרמינסקי למזכירות הוועד הפועל. — הוא ראה בו דמות של נציג ממשי של פועלים יהודיים. קראתי מכתבים אופיינים של בן־גוריון אליו. איזו עבודה משותפת היתה ביניהם!

זכורני שלוש עובדות המעידות על מעורבתו במאבק למען עבודה עברית. סמוך לעלייתו התקיימה בארץ וועידת המשרדים הארצי־ישראליים המטפלים בעליה. מנהל מחלקת העליה של הסוכנות היהודית דאז היה פרופיסור פיק. בחלוקת הסרטיפיקטים לעליה קופחה אז העלייה החלוצית, בתירוץ שיש להעדיף את המעמד הבינוני „המביא כסף". בוועידה זו עמד מרמינסקי בפני כל אישי הציונות שהיו נוכחים ובגאוה ובכבוד ניהל את ההגנה על החלוץ, על גדוד העבודה, על אנשי העמק, — וכל זה מתוך שכנוע, כאילו היה כבר לפחות 20 שנה בארץ.

בהזדמנות אחרת ראיתיו כשהיו מובטלים בתנאי משבר כלכלי. זה היה בזמן שנובומייסקי קיבל את הזכיון לניצול אוצרות ים המלח. מרמינסקי הכיר את נובומייסקי עוד מהוועידה הציונית בפטרוגרד. הוא נסע אליו להשפיע עליו למען קבלת פועלים יהודים לעבודה. נתלוויתי אליו בשליחות זו ונוכחתי בשיחתם וראיתי איך עמד והגן על כבוד ההסתדרות וקדושת העבודה העברית. הוא אמר לי אז, שילך לכל מקום להגן על הציונות בהתאם לתפיסתו וכפי שהוא מבין אותה.

בפעם נוספת ראיתיו איך הוא דן עם סופרסקי, מנהיג הציונים הכלליים, ועם גב' שושנה פרסיץ, בדרכי השפעה על חוגי המעבידים למען עבודה עברית.

בעצם הוא לא היה איש־מפלגה. הוא היה בעיקר איש תנועת העבודה. הוויכוחים על פילוגים של זרמים הכאיבו לו. הוא לא יכול היה להשלים עם הפירוד. הוא האמין באחדות התנועה. הוא היה אחת הדמויות היפות והנשגבות, אחד מהחבורה הנפלאה של אישי הציונות בגולה ובארץ. הוא מילא את שליחותו בעם והיסטוריונים בעתיד עוד יגלו את כל מלוא תפארתו המוסרית והחינוכית, היוצרת והפוריה!




ישראל מרמינסקי ואשתו, בפתיחת „בית־אינטרנשיונל" בתל־אביב

ישראל מערעמינסקי און זיין פרוי ביי דער ערעפנונג פון „בית־אינטרנשיונל" אין תל־אביב

**סעדיה גלב:**
**על פעולותיו בארצות הברית**

פגשתיו לראשונה בארצות הברית בשנת 1929, בעת שליחותו השניה שמה למען המגבית השנתית של הסתדרות העובדים. הוא שימש כשליח המרכזי של הוועד הפועל ואני עזרתי על ידו כבא־כוח תנועת הנוער. לצרכי התעמולה והמידע של צוות עובדיו הוא הכין מעין „ידעון". שבו היה רושם מדי יום ביומו כל ידיעה חשובה שהגיעה מא"י. וכאשר

אנו, עובדיו ועוזריו, היינו זקוקים לאיזו אינפורמציה מוסמכת, מיד היה שולף את המחברת ומספק את החומר הדרוש.

הוא דקדק במספרים: היה בודק, חוקר וחודר לעומקם של הנושאים, כדי לדעת ולהבין לאשורו את המצב הנידון. היה לו כושר עצום ללמוד. כאשר הגיע בראשונה לארצות הברית, לא ידע הרבה על היהדות המקומית, אבל אחרי שלמד הפך להיות אחד המומחים הגדולים לנושא זה.

שיטת המאבק שלו ביריבים ומתנגדים היתה התקפה נגדית. כאשר בונדיסטים, קומוניסטים ומתבוללים התקיפוהו קשות והפריעו בהופעותיו הפומביות, הוא החזיר מלחמה שערה. הוא אהב משטר מסודר והשליט סידורים מתוקנים בהנהלת המגביות ובכל העניינים השוטפים שניהל.

רב חלקו בשיתוף הסתדרות העובדים, עוד לפני הקמת המדינה, בארגון העבודה הבינלאומי שבז'ניבה. כאשר התקיים כנס של הארגון הזה בפילדלפיה ונפתחה אפשרות לכניסת ההסתדרות למעגל הרחב והבינלאומי של הארגון, ישב מרמינסקי על המדוכה והתכונן כראוי להשתתף בכנס. הוא לקח בו חלק כאחד המומחים לתנועת הפועלים הבינ־לאומית.

בתקופת שליחותו האחרונה בארה"ב, בשנים 1940—1945 הוא ריכז את כל הפעילות הציונית שם על כל רשויותיה, החל מההכוונה האידיולוגית וכלה בפעולה מדינית מובהקת. בו התמקדו סמכות הופעה כלפי פנים וחוץ ויכולת ביצוע כאחד. הוא היה האישיות המרכזית הציונית בארצות-הברית בשנות השואה והתקומה, שבהן הוכרע המאבק למען הבטחת קיום העם ועתידו בארץ־מולדתו המתחדשת.

**אהרן כהן:**
**על חלקו בהקמת שרשרת בתי הספר המקצועיים „עמל".**

הביוגרפיה של ישראל מרמינסקי עשירה בתחנות שונות ורבות. בכולן הוא סער והסעיר. נמנה את העיקריות שבהן: הוא היה אחד מבניה־בוניה של תנועת „צעירי־ציון" ברוסיה. אחד ממקימי התנועה הציונית־סוציאליסטית בפולין; עורך כתבי־עת; סולל מסילות במחשבה הציונית; ציר מובהק של תנועת העבודה לקונגרסים הציוניים; האדריכל להקמת הגשר בין המפעל הציוני לבין תנועת העבודה בארצות־הברית; נציגנו הראשון בארגון העבודה הבינלאומי, ואחרון אחרון — ממניחי היסוד של החינוך המקצועי, רשת „עמל" של בתי הספר המקצועיים בארץ. בתחום אחרון זה באה לידי ביטוי הייחודיות שלו, גולת הכותרת של רוחו היוצרת.

מרמינסקי חצב את הרשת „עמל" מלבו, ממעמקים. גדולתו היא בכך, שהוא הקים את המפעל הזה מהמסד עד הטפחות. הוא יזם, יגע, מצא את התורמים; הלהיב את דמיונם, קנה את לבם וקבל תרומותיהם. אחר כך ישב עם האדריכל ותיכנן את בתי־הספר. פעל גדולות ולא בז לקטנות. המתיק סוד עם המפקחים המקצועיים, עם סגל המדריכים. כאחד המפקחים הכלליים ראיתי איך הוא עיבד את תכניות הלימודים על כל פרטיהן. כך חברו אצלו יחד החזון ולהט ההגשמה. כך נפתחה „הפואימה הפדגוגית" של רשת „עמל".

אור גנוז זרוע על רקע פעולותיו של ישראל מרמינסקי, וכל המרבה לגלות את האור ברבים ולהנחילו לדורות הבאים, הרי זה משובח.

**גולדה מאיר**

# ישראל מרמינסקי

רק אלה, שהכירו את ישראל מרמינסקי מקרוב והיתה להם הזכות לעבוד אתו, יודעים עד כמה יש להרבות לספר עליו. נחוץ לספר עליו קודם-כול בשביל בני דורו, כדי לחיות מחדש את הימים הגורליים, את החוויות המשותפות של דור ההעפלה והמאבק למען העם והמדינה. על אחת כמה וכמה חשוב הדבר לדור הצעיר, שאולי שמע את שמו אך איננו מכיר את פעלו. בהיוודע לבני הדור הצעיר בארץ ובתפוצות מי היה מרמינסקי ומה היה פעלו, — הם ילמדו גם את התקופה כולה, שכן תיאור פעלו הוא גם תיאור התקופה.

אינני זוכרת את ישראל מטפל בדברים בלתי־חשובים, ואך טבעי הוא שהדברים הקשים הם מאליהם הדברים החשובים ביותר. הוא היה בין הראשונים שעוד בגולה הלך אל הנוער למען הצלתו מהתבוללות או מנהייה אחר תורות הזרות לתחייתו של העם היהודי. במעשיו הוא היה דוגמה חיה לנוער. כידוע, הוא עזב בשנות מלחמת העולם הראשונה את לימודיו בבית־ספר גבוה במוסקווה, לפי דרישותיהם של פעילי ההסתדרות הציונית בפטרוגרד (לנינגרד), כדי שיוכל להתמסר לעבודה הציונית, לקרב את הנוער לעבודת הלאום, להטותו מן הדרך והמחשבה של התנועה הקומוניסטית, אשר שלטה

אז בכיפה ברוסיה ובפולין. מאז הוא עשה רבות לגיוס הנוער למען ארץ-ישראל ונטע בו את העניין במקצועות הדרושים לעם העובד בארץ.

עם עליתו ארצה הוטלו עליו עניני הטיפול בקליטת העליה. בזמן קצר למד לדעת איזה הם הדברים החיוניים לפיתוח הארץ. הוא הבין שקודם-כל יש להקנות לצעירים תבונת-כפים והוא הוא שיזם את הקמת בתי הספר המקצועיים והיה בין הראשונים להגשמתה. עוד זכורה לנו היטב הקמת בית הספר הראשון על שמו של היהודי הדגול מארצות הברית מכס פיין, בצריף, בתנאים רעועים. ישראל מרמינסקי לא היה בעל מקצוע, לא היה נגר ולא היה רתך, אך כל להט נפשו השקיע בעבודה למען בית הספר, כדי שהנערים ילמדו להיות פועלים טובים, שיגדלו כפועלים בעלי הכרה, המצטרפים מרצון לעם העובד, בונה הארץ. מבית ספר זה בצריף, בית הספר המקצועי הראשון, התפתחה רשת בתי הספר „עמל" בתל-אביב, בירושלים, בחיפה, בהתישבות העובדת ובמקומות רבים בארץ.

בוועד הפועל הציוני הוא עבד קשה. הוא נבחר תמיד לוועדה המתמדת של הקונגרסים. זו הוועדה המכינה והמנסחת את ההחלטות. יחסו לכל מסתייג היה רציני. שקל כל מלה שהוכנסה להחלטה. היה זה דבר לא קל להביא לקראת נעילת הקונגרס הציוני החלטות מסודרות ומנוסחות, תוך שימת דגש על מתן תשובות משכנעות בתמציתן ובקיצורן לכל המסתייגים. הוא לא היה וותרן, שכן היה איש עקרונות. אמנם, בדיונים ובוויכוחים הוא חתר תמיד לאפשרות הסכמה פה אחד, אך על העיקר לא וויתר. אמר דעתו באומץ ונשאר לה נאמן, אך היה משוכנע שזו העמדה העונה על צו השעה. דרך מחשבתו בתנועת התחיה הלאומית היתה הדרך הציונית-סוציאליסטית וכפי שהתחיל בקו מחשבה זה, כן המשיך והתמיד בו ולא סטה ממנו. תורת חיים זו היתה אור לכל מעשיו ואותה נשא בכל תפקיד ובכל עת.

זכיתי לשתף אתו פעולה, בשנת 1932, כששנינו היינו בשליחות בארצות הברית. הוא — מטעם הסתדרות העובדים, ואני — מטעם ההסתדרות ומועצת הפועלות. הופענו יחד



ישראל מרמינסקי נואם באספה ציונית

ישראל מערעמינסקי אלס רעדנער אויף א ציוניסטישער פארזאמלונג

שמותיהם של בתי הספר המקצועיים מעידים על התרומה הגדולה שהרימו מנהיגי הפועלים היהודים בארצות הברית למפעל זה. כך נקרא בית-הספר „האינטרנשיונל" בחיפה על שם דוד דובינסקי, ובית הספר „עמל" בירושלים על שם סידני הילמן. אך לא רק בגלל התרומה בלבד הקדיש מרמינסקי את מוסדות החינוך המקצועי לשמותיהם של אישים אלה, אלא כאמצעי חינוכי להרחבת אופקיהם של התלמידים המתחנכים בהם, וכן לשם הידוק הקשרים והגברת ההבנה בין פועלי הארץ מחד גיסא והפועלים בארצות הברית ובקנדה מאידך.

בכל תחום שטיפל בו השקיע את כל מרצו. בקונגרסים הציוניים, שמשנת 1921 הוא השתתף כמעט בכולם, וכן

באסיפות רבות, מניו-יורק במזרח ועד קליפורניה במערב, וכן בערים הגדולות ובישובים הקטנים של קנדה. הוא היה בין הנואמים הגדולים שבתנועה. היתה זו חוויה לראות ולשמוע, כיצד ידע להרטיט את ליבות שומעיו, מהם רבים ילידי אמריקה ומהגרים שמקרוב ומרחוק באו. מהרגע הראשון הוא כבש אותם ואת אמונם. בשנים ההן, כאשר טרם החלו בתנועת הפועלים היהודית באמריקה להבין ולהעריך נכונה את הנעשה בארץ, — לא היתה זו משימה קלה כלל וכלל. מרמינסקי עשה גדולות בשטח זה, של כיבוש תנועת הפועלים היהודים בארצות הברית לחזון בניית הארץ.

אך הוא פנה לא רק לפועלים יהודים. הוא ראה את עצמו כנושא שליחות גם לפועלים האמריקנים שאינם יהודים.

היה בין הראשונים שהשיג את תמיכתם של אגודת הפועלים האדירה „איי. פי. על." (פדרצית העבודה האמריקאית) ושל ארגון האיגודים המקצועיים הכל־אמריקאי, ה־„צי. איי. או". הוא השתתף בוועידותיהם והרצה בהן. נחוץ היה שפועלים פשוטים אלה יחושו, שמדברת אליהם תנועת הפועלים הארצי־ישראלית, והוא ידע להמחיש זאת היטב. הוא הוא שהביא למדינת ישראל את המתנה החשובה, את תמיכתם של פועלי אמריקה וארגוניהם, אשר עמדו לנו לא אחת בשעות הקשות. גם כאשר רבים עזבו אותנו ונטשו מערכותינו, נשארו ארגונים אלה נאמנים למפעל התחיה והבנייה שלנו, ועד היום הזה הם עומדים לימיננו במאבקינו המדיניים והבטחוניים.

בשנות מלחמת העולם השניה, כשהיינו בארץ מנותקים מהעולם, ידענו כתובת אחת בניו־יורק, — זו הכתובת של ישראל מרום־מרמינסקי, שליחנו הנאמן. אליו הפנינו את דרישותינו וקריאותינו, קריאות הישוב בארץ, קריאת השליחים באירופה. מעולם הוא לא הכזיב. הוא ידע להביא את תוכן מאבקינו ליהודים ולשאינם יהודים, לגייס אמצעים להצלת פליטים ולפעולות ההגנה, וכן הבהיר לנו את הנעשה בעולם, בקרב גופים שונים, מוסדות ציבוריים ומוסדות הממשלות ביבשת אמריקה על כל מדינותיה.

בשנות מחלתו הקשה באחרית ימיו הוא לא נעדר, על אף מכאוביו הפיזיים, מישיבות המוסדות הן של ההסתדרות הציונית והן של הסתדרות העובדים, בהן התנהלו וויכוחים על ענינים מדיניים, בטחוניים, חינוכיים. הרגשת החובה וההשתייכות שלו לענינים הנידונים לא נתנו לו לשבת בבית וראה חובה לעצמו להיות עם חבריו.

כל אשר עבר עלינו בעשרות השנים האחרונות במפעל האדיר של קוממיותנו קשור באישים וחברים שאתם פעלנו יחד. רבים מהם כבר אינם וגם ישראל מרמינסקי הלך ללא שוב.

זכרו ינון לנצח בתודעת עמנו ומיטב בנינו העמלים בציון ובתפוצות למען תחיתנו הלאומית.

**ישראל סטולרסקי**

# „הסוציאליסט בנוסח סלונים"

## פגישות עם ישראל מרמינסקי

פגישתי הראשונה עם ישראל מרמינסקי שהיתה בשנת 1920 מעלה בזכרוני את הכינוי המוזר שהיה אז כרוך בהופעתיו ברחבי פולין: „הסוציאליסט בנוסח סלונים". הוא הגיע זה מקרוב מרוסיה והתחיל בפעולת הסברה ענפה בקרב „צעירי ציון". ברובם היו אלה משכבות המעמד הבינוני, בני „בעלי בתים", ודווקא בקרב אלה מצא מרמינסקי אוזן קשבת לאידיאולוגיה של „צעירי ציון". החברים והאוהדים של מפלגות הפועלים „פועלי־ציון", „בונד" ואחרים, שהיו בעלי „יחוס פרולטרי" יותר, התייחסו אל צעירי־ציון בזלזול לגלגני ובביטול וכינו אותם: „הסוציאליסטים בנוסח סלונים", רמז לעיר־מוצאו של מרמינסקי, עד כדי כך היתה התנועה „צעירי־ציון" מזוהה ל„רוח החיה" שלה, למרמינסקי... זכורני שהכינוי הזה היה אז נפוץ בכל מקום שבו הוא הופיע, אם כי לא כולם ידעו את פשר הקשר לשם העיר סלונים. ישראל מרמינסקי לא נפגע מכך כהוא־זה והתייחס בשוויון־נפש אל המלעיגים על חשבון הפירוש הסוציאליסטי המיוחד של תנועתו. במשך השנים, עם התפשטות התנועה נשכח הכינוי הזה.

באחת האסיפות, שבה הוא הרצה בעיר־הולדתי קרינקי שע"י ביאליסטוק אזרתי עוז, בחור צעיר וחסר־נסיון שהייתי אז, ונכנסתי לפולמוס עם המרצה, אך למותר להוסיף שמרמינסקי עתיר הנסיון ובעל יכולת הפולמוסית האדירה עשה אותי, "כעפרא דארעא". הוא הצטיין כנואם מזהיר, חריף ועוקצני ופולמוסן מבריק. לאחר ההרצאה והוויכוח הפומבי שבו השתתפתי הוא הזמין אותי לשיחה ממושכת ומני אז התקיימה בינינו חברות וידידות־אמת, שנמשכה למעלה מחמשים שנה.

בינתיים התחזקה התנועה וגדלה מיום ליום. בעקשנות של מאמין גדול הוא עבר את מדינת פולין לארכה ולרחבה ונע מעיר לעיר ומעיירה לעיירה. הוא הירצה, נאם, התפלמס והתווכח. חלקו היה רב בארגון המפלגה על מאות סניפיה בפולין. לא יהיה שמץ של הגזמה לומר, שבעיקר הודות לו הפכה תנועת „צעירי־ציון" ואחר־כך „פועלי־ציון" ימין בפולין לתנועת המונים רחבה. כי יש לזכור, שבהתחלת שנות העשרים, אחרי הפילוג של פוע"צ ב־1920, עברו רוב חברי המפלגה בפולין לפלג השמאלי. עם הפלג הימני נשארו קבוצות קטנות בלבד. ורק עם האיחוד שבא אחר־כך עם „צעירי ציון" נוסף מספר גדול של חברים, מספר לא מבוטל של סניפים מאורגנים היטב ועם מנהיגות ראויה לשמה (ישראל ריטוב, נחום טיגר, יצחק פונט, לייבל

שפיזמן ואחרים). את היסוד לתנועת „צעירי־ציון" בפולין הניח, כאמור, ישראל מרמינסקי.

במשך השנים 1920—1924 עד עלייתו לא"י נפגשתי אתו הרבה פעמים. משנת עלייתו ועד 1939 הוא היה מגיע לפולין בשליחויות שונות: בענייני „ארץ־ישראל העובדת", „החלוץ", „קרן־היסוד". ניכרת היתה הצלחתו כשליח של „קרן היסוד". הוא לא נרתע מ„הקשה" על דלתות של גבירים ואף של מתבוללים מוחלטים ומתבוללים למחצה.

עם פרוץ מלחמת העולם עלה בידי להימלט משני מדורי הגיהנום, של היטלר ושל סטאלין כאחד. בנובמבר 1940 הגעתי עם ניצולים אחרים לחופי אמריקה בעזרת „ועד הפועלים היהודים" שבניו־יורק. רבים מאתנו שהצליחו אז לעזוב את פולין דרך המזרח הרחוק נשארו תקועים ביפן מחוסר אשרות־כניסה לארצות הברית. אז חידשתי את ידידותי עם מרמינסקי, שעשה שם בשליחות „הסתדרות העובדים". הוא התמסר אז לסידור הניצולים בתנאים החדשים ודאג לאלה שנשארו תקועים ביפן. כולם כרובם עברו אח"כ לארה"ב הודות למאמציו.



ישראל מרמינסקי ורעיתו אחרי נישואיהם

ישראל מערעמינסקי און זיין פרוי נאך זייער חתונה

השנים 1941—1945 חרותות בזכרוני כתקופה שבה היתה לי הזכות לעבוד במחיצתו במגבית ההסתדרות. וכך ניתנה לי האפשרות להכירו מקרוב, כאיש הארגון רב־המעש, כלוחם אמיץ למען תנועת־העובדים בארץ, ולמען „המדינה היהודית בדרך".

בימינו אנו מקבלים כדבר מובן מאליו את הידידות של תנועת הפועלים באמריקה למדינת ישראל. בני הדור הנוכחי אינם יודעים שלהכשרת המצב הזה קדמו במשך שנים רבות פעולת הסברה ענפה ומאבק עצום לרכישת ידידות זאת. וכך נבנה הגשר בין תנועת העבודה האמריקאית ובין מדינת ישראל. מרמינסקי היה בראשי הבונים של גשר זה. וודאי שהיו עוד. תרמו לכך לא במעט: דוד בן־גוריון, יצחק בן־צבי, ברל כצנלסון, יוסף ברץ, מניה שוחט, אייזיק המלין, יוסף שלוסברג, מקס פיין. אך משוכנע אני שישראל מרמינסקי היה האדריכל הראשי ומראשוני הבונים את גשר הידידות המופלאה הזאת.

המשימה הזאת היתה קשה מאד. אכן, בנוגע ל„גויים", הרי זה לא היה כל־כך מסובך, ותוצאות המאמצים לא אחרו לבוא. דבריו שהיו מזיגה של נאום והרצאה היו כחטובים מסלע ושכרו היה: רכישת ידידים למפעל הציוני־סוציאליסטי של ההסתדרות, כגון מנהיגי תנועת העבודה האמריקאית וויליאם גרין ופיליפ מארי. מה שאין כן עם היהודים, חברי „הארבעטער רינג", חוגי „הפארווערטס", או „ברית הסוציאליסטים", שברובם המכריע היו אנטי־ציונים או סתם „קוסמופוליטים" אדישים. היה זה מרמינסקי שמצא מסילות אל לבם באמונתו הגדולה. בפתוס שלו הוא הכריח אותם להקשיב לדבריו, דברי המטיף שיוצאים מן הלב ונכנסים אל הלב. דוד דובינסקי, סידניי הלמן, מקס זריצקי ועשרות רבות מאנשי ההנהגה של הפועלים היהודים הפכו מאז לידידים של מפעל התחייה הארצי־ישראלי.

למרמינסקי חלק מכריע גם בהעברת הידיעות על מחנות ההשמדה של היטלר לדעת הקהל האמריקאית. כידוע, ניסתה האדמיניסטרציה של רוזוולט להתעלם מכך בגלל שיקולים סטרטגיים ואחרים של בנות הברית במלחמת העולם, ואפילו הרביי סטיפן וויז שהיה יוצא ונכנס לבית הלבן נטה להאמין באמצעי ההרדמה של האדמיניסטרציה. והיה זה מרמינסקי, שקיבל את ידיעות הזוועה ממקורות המחתרת של ההסתדרות, — אשר לא נתן מנוח והסעיר את דעת הקהל האמריקאית ואת ארגוני היהודים לתנועת מחאה ועשייה נמרצת נגד המשחית.

ברצוני גם להזכיר את תרומתו החשובה בשנות מלחמת העולם השניה בתחום הפעולה למען ארץ־ישראל העובדת באמריקה הלטינית. ממקום־שבתו בניו־יורק הוא ארגן את הפעולה הזאת בתשע־עשרה ארצות של אמריקה הדרומית. אייזיק המלין ואני סייענו לו אז במשימה הזאת.

הייתי עד בשנים ההן גם למאמציו בארצות־הברית למען הרחבת החינוך המקצועי בארץ. עלה אז בידיו לקבל מאת נדבן יהודי בפילדלפיה ה' הולץ, תרומה גדולה לצורך הקמת בית־ספר מקצועי, מטעם רשת מוסדות החינוך המקצועי „עמל". הוא העלה אז את הרעיון (שהגשימו הלכה למעשה) לנצל את המאגר העצום של חומרי מלחמה שנותרו עם תום המלחמה, „כגון חלקי אוירונים ישנים, לטובת בית הספר „עמל" שנוסד אז. מדי פעם היינו מסתערים על שוק „המציאות" האלה ובסכומים של מה־בכך היינו קונים במחסנים הצבאיים חומרים אלה, שתועלתם בהקניית חינוך מקצועי רבה ביותר.

בשנות פעולתו בארצות־הברית רכש מרמינסקי מוניטין של נואם מחונן המלהיב את שומעיו, פובליציסט מוכשר

ובעל זכרון מובהק. הוא גם היה איש שיחה מלבב. בשנים הללו שיתפתי אתו פעולה והיתה זו חוויה מרשימה ביותר להיות עד למעשיו הפוריים, להתלהבותו, לכל הווייתו הברוכה. הוא המחיש מעין מזיגה של שני דורות: דור המייסדים ודור המגשימים כאחד.

וכך, „הסוציאליסט בנוסח סלונים״ ששימש ב-1920 מטרה לחיצי המלעיגים והמזלזלים בו בדרכו הציבורית אחרי שובו מרוסיה לפולין, היה במשך יובל שנים לאחת הדמויות המזהירות ביותר בעולם היהודי של המאה הזאת.

ישראל מערעמינסקי

# אויפן אלטן מארק אין סלאנים*)

## פראגמענט

... און אָט בין איך אויפן אַלטן מארק. אַ סך נייע פּנימ׳ער. גאר ווייניק געבליבן פון אלטן יידישן סלאנימער מארק.

נאר אט געפין איך רעשטלאך, רעשטלאך פון אמאליקן סלאנים, אלטע יידן פון פארצייטנס, פון וועלכע עס וויהעט נאך מיט די זכרונות פון פאריקן יארהונדערט, אלטע „סאָ־דאַווניקעס״, אמאליקע קאראבעלניקעס וועלכע זיינען געגאנ־גען איבער פריצישע הויפן, ארענדירט פריצישע סעדער...

דערציילט מיר אַב׳אַלטיטשקע יידענע וואס זיצט ביי קוישן שמעקעדיקע עפּל: ... „ער (ד. ה. איר מאן) איז געשטארבן מיט א מאנאט צוריק. 102 יאר איז ער אלט געווען. אין מיטן נאכט איז ער אראפּ פון בעט און האט זיך אויסגעטענה׳ט מיטן אויבערשטן בזה הלשון: „א לעבן איז אריבער אין סעדער. דעם טעם און דעם חיות פון כל׳ערליי פּירות האב איך געבראכט אין יידישע הייזער. און איצט גענוג. האַדי. נעם מיר, רבונו של עולם, אריין אין דער „חברה״, ווייל איך בין דא אליין, עלנט, עלנט״... און אין א האלבע שעה ארום איז ער איינגעשלאפן געווארן אויף אייביק...״

ווי געדיכט זיינען די שאַטנס אויפ׳ן אלטן יידישן מארק אין סלאנים, און ווי שטארק איז די עלנטקייט אין דער סלאנימער יידישער גאס! און יעדער איינער, יונג און אלט, וואס גיט מיר אָפּ א „שלום-עליכם״, איז אדורכגעדרונגען מיט א דאגה, א טיפע דאגה פאר דער צוקונפט, פאר זייער צוקונפט...

אַ, מיין אלטע יידישע שטאט! ווי עלנט און איינזאם דו ביזט אין דיין נויט און פּיין, אין דיין צער און אויך אין דיין האפנונג!

---

*) מיר גיבן דא א פראגמענט וואס ישראל מערעמינסקי האט געשריבן בעת זיין לעצטן באזוך אין סלאנים אין 1937 וועגן זיין באגעגענעש מיט די זקני הדור און וועגן די שטימונגען פון טיפער זארג און יאוש וואס האבן דאן געהערשט אין שטאט, אזוי ווי אין פארגעפיל פון באנגטן חורבן. דער פראגמענט איז געדרוקט געווארן אין „סלאנימער ווארט״ פון 27־טן אויגוסט 1937. — רעד.

ישראל מרמינסקי

# בשוק הישן בסלונים*)

## קטע

... והנה אני בשוק הישן. הרבה פנים חדשות. מעט מזער שרד מהשוק היהודי הישן בסלונים.

אך הנה מוצא אני זעיר־פה זעיר־שם שרידים מסלונים של השנים שעברו, יהודים זקנים בני דורות קודמים, שעוד משומרים בהם זכרונות מהמאה שעברה; בוסתנאים ישישים, רוכלים שהיו מחזרים באחוזות, חוכרים את גניהן...

מספרת לי ישישה היושבת על יד סלים עם תפוחים ריחניים: ...„הוא (כלומר בעלה) מת לפני חודש ימים. היה בן 102 שנים. באמצע הלילה ירד ממיטתו ופנה ליושב מרומים כהאי לישנא: „עברו עלי חיים בגנים ובוסתנים. הבאתי לבתי ישראל מטעמם וחיותם של כל מיני פירות. וכעת — דיינו, מספיק. אנא, רבונו של עולם. תכניסני „לחברה", כי הנני פה בדד, גלמוד, גלמוד..." — וכעבור חצי שעה מת מיתת נשיקה"...

מה רבו הצללים בשוק היהודי הישן בסלונים ומה גברה הבדידות ברחוב הסלונימאי היהודי! וכל אחד, זקן ונער, המברכני לשלום חדור דאגה, דאגה עמוקה לעתיד, לעתידם...

אהה, קהלתי היהודית העתיקה! מה בודדת את בסבלך ובענייך, בצערך וגם בתקוותך!

---

*) אנו נותנים בזה קטע שי. מרמינסקי כתב בעת ביקורו האחרון בסלונים בשנת 1937 על פגישותיו עם שרידי הדור העבר ועל הלכי הרוח של דאגה ויאוש שהשתלטו אז בעיר, כאילו מתוך חזות קשה של החורבן הקרוב. הקטע נדפס ב„סלאנימער ווארט" מיום 27 באוגוסט 1937. עברית ע"י ק. ל. — המערכת.



האחים והאחות: ישראל, סוניה, צבי, יוסף ואליהו מרמינסקי בשנת 1912

די ברידער און שוועסטער: ישראל, סאניע, צבי (הירש), יוסף און אליהו מערעמינסקי אין יאר 1912

מענדל פערלשטיין

# ווי אזוי ר׳ ליאטע מערעמינסקי האט אויפגעשטורעמט די שטאט...

(פון דער סעריע זכרונות: „זעכציק יאר אין סלאנים״.)

פארווארט פון רעדאקציע:

דער קאפיטל „ווי אזוי ר׳ ליאטע מערעמינסקי האט אויפגעשטורעמט די שטאט״ געהערט צום ערשטן טייל פון פערלשטיינס זכרונות, וואס באציהען זיך צום 19־טן יארהונדערט, און איז צוליב א טעכנישע סיבה ניט אריין אין דריטן באנד פון „פנקס״.

דער בעל־זכרונות האט ר׳ ליאטע מערעמינסקין ניט אנגערופן בפירוש מיטן נאמען, נאר ער האט אים באצייכנט מיטן איניציאל מ. ער האט דאס געטאן צוליב פארשטענדלעכע טעמים: דער קאפיטל, אזוי גוט ווי אלע זיינע זכרונות, איז געווען געדרוקט אין „סלאנימער ווארט״, און ער האט געוויס געמיינט אויסצומיידן א מעגלעכע שאקירונג מצד ר׳ ליאטעס קינדער און אייניקלאך, וועלכע האבן נאך דאן געלעבט אין סלאנים. אבער די אידענטיפיקאציע פון אנאנימן „מ״. אלס ליאטע מערעמינסקי און די אויטענטישקייט פון באשריבענעם פאקט זיינען באשטעטיקט געווארן דורך ר׳ ליאטעס אייניקל ישראל מערעמינסקי, וועלכער האט דאס אין זיינע קינדער־יארן געהערט דערציילן אין דער משפחה און האט געפונען פאר נייטיק צו איבערדערציילן דאס אלס קוריאז אין זיין אויטאביאגראפישער נאטיץ, וואס איז געווען פארעפנטלעכט אין דער „אנציקלופדיה לחלוצי הישוב״ פון דוד תדהר. (ז׳ פינפטן באנד פון ציטירטן ווערק, ערך: ישראל מרום־מערעמינסקי. זייטן: 2090—2094). כאטש דוד תדהר האט געדרוקט די נאטיץ אין דער דריטער פערזאן, איז זי אבער געשריבן געווארן אייגנהענטיק דורך ישראל מערעמינסקי (ווי ער האט דאס מיר אליין באשטעטיקט, און דאס ווערט אויך באשטעטיקט דורך ה׳ עזריאל ברושי, וועלכער איז געווען דער „פארמיטלער״ צווישן מערעמינסקי און תדהרן). אגב, דעם קוריאז מיט ר׳ ליאטען, וועגן וועלכן ס׳דערציילט פערלשטיין, האט מיר אויך איבערגעחזרט ישראל מערעמינסקי, ווען כ׳האב פארשריבן זיינע זכרונות אין די יארן 1968—1970.

דער קאפיטל זכרונות פון פערלשטיין, וועלכער באציט זיך צו ענדע פון די 60־ער יארן פון 19־טן יארהונדערט, האט א דאפלטע באדייטונג: הן אלס היסטארישער קוריאז פון ר׳ אייזעלעס תקופה אין סלאנים און הן אלס כאראקטעריסטישער פרט פון ר׳ ליאטע מערעמינסקי, איינעם פון די אנגעזעענע בעלי־בתים פון זיין צייט, וועלכער האט שוין אין זיינע יונגע יארן (ער איז דאן געווען אלט אומגעפער 30 יאר) זיך אויסגעצייכנט, אויפן אלגעמיינעם הינטערגרונט פון דער דאמאלסטיקער געזעלשאפט, מיט זיין יוצא־דופנ׳דיקער געוואגטקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון זיין געדאנק און טאט.

זייענדיק פרום און שטארק־טראדיציאנעל, איז ער אבער ניט געווען פאנאטיש און האט זיך געוואגט אפילו אנטקעגנשטעלן דעם אזוי מעכטיקן מרא־דאתרא ר׳ אייזעלע חריף.

ישראל מערעמינסקי פלעגט אפט זאגן, אז פיל פון זיינע פערזענלעכע אייגנשאפטן האט ער גע׳ירשנ׳ט פון זיינע זיידעס: פון ר׳ ליאטען פון זיין פאטערס זייט און פון ר׳ ישראל זעלווער (ישראל קאפלאן) פון זיין מוטערס זייט. ווי ס׳זעט אויס, האט ער פון ר׳ ליאטען גע׳ירשנט דעם געזעלשאפטלעכן חוש, די געוואגטקייט פון געדאנק, די יוצא־דופנ׳דיקייט, אדער ווי מיר וואלטן דאס היינט אויך אנגערופן: דעם נאן־קאנפארמיזם.

מיר ברענגען איצט דעם צוגאב־קאפיטל פון מ. פערלשטיין, ניט נאר כדי צו דערגענצן דעם ציקל פון זיינע אזוי אינטערעסאנטע זכרונות. נאר אויך אלס צושטייער צו דער כאראקטעריסטיק פון די גייסטיקע מקורות און פארגענגער פון ישראל מערעמינסקי׳ן.

ק. ל.

עס שווימען פון צייט צו צייט ארויף אין מיין זכרון פארשיידענע געשיכטעס, מעשיות וועגן פערזאנען און עפיזאדן, וואס האבן זיך פארלאפן אין סלאנים אין מיינע ווייטע קינדער־יארן. אט דערמאן איך זיך „א מעשה נורא״, וואס האט פאסירט אין די צייטן פון ר׳ אייזעלע חריף. אין א געוויסן שבת איז אין שטאט געווארן א מהומה. די גאנצע שטאט איז אויפגעציטערט געווארן. עס האט געטראפן ניט מער און ניט ווייניקער, אז ביי קריאת־התורה איז אין א געוויסן בית־מדרש אראפגעפאלן א ספר־תורה.

אין היינטיקע „פרייע״ צייטן קען מען זיך ניט פארשטעלן וואס פאר א רושם דאס האט דאן געמאכט, אבער אין יענע צייטן איז דאס געווען ממש אנ׳אומגליק. איך געדיינק, ווי מענטשן זיינען ארומגעלאפן מיט פארבראכענע הענט. מ׳האט פארגעסן אן די טשאלנט אין די אויוונס. מענער און פרויען האבן זיך פארזאמלט אין אלע בתי־מדרשים און געזאגט תהלים אויפן גרויסן אומגליק. אינאווונט האבן די חשובי־העיר זיך צונויפגעקומען אין דער גרויסער

שול און ר' אייזעלע האט אויסגערופן א תענית־ציבור. אין שטאט האט זיך געטאן חושך.

איינער פון די אנגעזעענע בעלי־בתים פון יענער צייט איז געווען א געוויסער מ., וועלכער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטארקער, אריגינעלער דעה און אויך מיט'ן ארייזאגן אפטע און געלונגענע ווערטלאך און וויצן.

פון מ. די שטאט איז געווען אויסער זיך. ס'טייטש, אזוי זיך אפרופן וועגן א ספר־תורה!

ווען מ'האט דאס איבערגעגעבן ר' אייזעלען, האט ער אים גלייך געשיקט רופן, און קיין טרוקענער איז ער שוין פון גאון ניט ארויס... מ'האט דערציילט, אז ער האט אים אפילו ניט געזשאלעוועט א „מתנת־יד". דאס איז געווען



ר' ליוטה מרמינסקי, הסבא של ישראל. הצילום — מסוף המאה ה־19

ר' ליאטע מערעמינסקי, ישראל'ס זיידע. די פאטאגראפיע איז פון ענדע 19־טן יארהונדערט.

ווען מ. האט דערזען וואס עס טוט זיך אין שטאט צוליב דער פאסירונג מיט דעם ספר־תורה, האט ער זיך אויסגע־דריקט בזה הלשון: „די תורה איז טאקע הייליק און אלץ וואס עס שטייט אין איר איז אמת, קדוש וטהור, — אבער אראפגעפאלן זיינען דאך פארט ניט מער ווי יריעות פון אויסגעארבעטן פארמעט"...

איך ווייס ניט וואס האט מער אויפגעשטורמט די שטאט, צו דאס אראפפאלן פון ספר־תורה אדער דאס „ווערטל" דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון סלאנים, אז א רב זאל פאטשן א בעל־בית *).

*) ישראל מערעמינסקי דערציילט אין זיין אויבנדערמאנטער אויטאביאגראפישער נאטיץ וועגן דעם עפיזאד מיט דעם ספר־תורה אין פאלגנדע ווערטער:

„הסבא ר' ליאטע היה עסקן מקובל ובעל דעה בעיר, מפורסם

מיטן זעלבן מ. איז קורץ נאכדעם געווען פארבונדן א צווייטע פאסירונג, וועגן וועלכער מ׳האט פיל גערעדט אין שטאט.

אין יענער צייט האט אין סלאנים אויף בריקער גאס, בשכנות פון מ. געוווינט אנ׳אלטער ייד ה׳ הערשל מירסקי, וואס האט געצויגן זיין חיונה פון שרייבן „פראשעניעס״ אין רוסיש. אויפן ווינקל פון בריקער גאס קעגנאיבער די קראמען איז דאן געשטאנען דאס הויז פון ה׳ מינסקער, אויף וועמנס בריקל פלעגן זיך אפט טרעפן שכנים פון גאס און פירן געשפרעכן. (דאס הויז איז אין פיל יארן ארום איבערגעבויט געווארן און האט נאכהער געהערט צום מאַ־נופאקטור־קרעמער רוטקאווסקי). איינמאל האבן זיך אויפן בריקל צוזאמענגעקליבן עטלעכע בעלי־בתים פון בריקער גאס און צווישן זיי — הערשל מירסקי און דערזעלבער מ. צווישן זיי ביידע איז עפעס אויסגעבראכן א מחלוקת. פון דער מחלוקת איז מען אריבער צו זידלערייען. ס׳האט לאנג ניט געדויערט און מירסקי האט גענומען דראהען מ. מיט פעטש...

---

ביזמתו הציבורית, במעשיו הטובים, בעצמאותו ובטוב לבו, תקיף בדעתו ובמחשבתו, — ונוח לבריות... הוא היה איש־דת, יושב „במזרח״ של בית־הכנסת, אשר לא פעם בחייו נתקל בחרון ההמון האדוק, — ועמד על דעתו. כאשר הרים יהודי אחד את התורה „להגבהה״, והתורה נפלה מידיו, — קרא הרב לצום. ר׳ ליאטע דפק בשולחן והכריז:

— „אין צום. התורה לא נפלה, — רק הגווילין נפלו, כי התו־רה — למי שיש לו אינה נופלת ולא תיפול״... —

גראדע איז אין יענעם יאר געעפנט געווארן אין סלאנים דער „מיראוואי סוד״ (א פרידנס־געריכט). דערהערנדיק די דראהונגען, האט זיך דער אונערשראקענער מ. אפגערופן צו מירסקי׳ן:

— „דו ווייסט אז ס׳איז פאראן א „סוד״? — איך האב פאר דיינע סטראשונקעס מיט פעטש קיין מורא ניט״. —

אויף דעם האט מירסקי גלייך אפגעענטפערט:

— „אדרבא, גיב נאר אהער דיינע באקן, וועסטו שוין זען, ווי איך וועל דיר מכבד זיין״. —

מ. האט געמיינט, אז דאס איז טאקע ניט מער ווי א דראהונג און ער האט אונטערגעשטעלט זיין באק. אין דעם מאמענט האבן אויף דער באק אפגעקלונגען צוויי פייערדי־קע פעטש...

דער ענין „פעטש״ איז דערנאך אוועק אין געריכט. דער דעמאלסטיקער „מיראוואי סודיא״ (שופט) בעצעקאוו האט, נאכן אויסהערן די צדדים מיט די עדות, ארויסגע־טראגן פאלגנדן כאראקטעריסטישן אורטייל:

— „אזוי ווי מ. האט פרייוויליק אונטערגעשטעלט זיין באק, הייסט דאס אז ער האט אליין פארלאנגט די פעטש, און דעריבער ווערט מירסקי פרייגעשפראכן. נאר היות ווי דער גאנצער טומל איז פארגעקומען אין אנ׳עפנטלעכן ארט, ווערן זיי ביידע באשטראפט צו 3 רובל געלט־שטראף.״ —

פון דעמדאזיקן אורטייל איז די גאנצע שטאט געגאנגען אויף רעדלאך און מ׳האט דאן געזונגען אויף ה׳ מ. א נקמה פאר דער „חכמה״ וועגן ספר־תורה...

## ספר ישראל מרום-מרמינסקי

ביולי 1978 יצא לאור על־ידי ועד ציבורי ספר המוקדש כולו לזכר ישראל מרום. שם הספר: „במעגלי הפעילות היוצרת, דרכו ופעלו של ישראל מרום־מרמינסקי״. הקדמה מאת גולדה מאיר. העורך אלכסנדר מנור. מערכת „פנקס־סלונים״ היתה מיוצגת בועד הציבורי ע״י קלמן ליכטנשטיין. הספר על 263 עמודיו מכיל חומר רב על כל תחומי פעולותיו של המנוח בכל הזירות המרובות, שבהן פעל. עם זאת הוא איננו ממצה את כל קווי הדמות רבת־האנפין של ישראל ובצדק מעירה גולדה מאיר בהקדמתה: „הספר אינו אלא קיצור כמעט אכזרי של פרקי החיים והמפעלים של האיש״.

הסופר ג. קרסל, שסקר את הספר ברשימתו ב„דבר״ (מיום 10 באוקטובר 1978) עומד גם על חשיבותו של ישראל מרום כסופר וכפובליציסטן. „פעילותו של מרמינסקי היתה מלווה כל הימים והשנים בפובליציסטיקה מעניני דיומא, אם ביידיש ואם בעברית. מבחינה זו חשובה ביותר הביבליוגרפיה של פירסומיו (מאמרים, קונטרסים וספרים, שפירסם במשך ארבעים שנה: 1917—1957). הרשימה כוללת קרוב לשלש מאות ערכים ואין כל ספק שהביבליוגרפיה חורגת הרחק מתחומי הביוגרפיה האישית של מרמינסקי״.

# נפש לסוניה וצבי מרמינסקי

# צום אנדענק פון סאניע

# און צבי מערעמינסקי



מסיבת־פרידה לסוניה מרמינסקי לפני עלייתה ארצה מטעם החניכים הבוגרים של בית היתומים. במרכז: סוניה, דר. ווייס ואשתו.

א געזעגענונגס־אויפנאמע פאר סאניע מערעמינסקי פאר איר עולה זיין אין ארץ־ישראל, איינגעאָרדנט דורך די ערוואקסענע קינדער פון בית־יתומים. אין צענטער: סאניע, דר. ווייס און זיין פרוי.

# די „יידישע מאמע" פון הונדערטער יתומים אין סלאנים

## די לעבנס-געשיכטע פון סאניע מערעמינסקי

סלאנים אלס אלט-טראדיציאנעלע קהילה איז שטענדיק געווען רייך אין פארשיידענע געשטאלטן און פערזענליכקייטן, טיף-יידישע אין זייער מהות און שטארק-איינגעווארצלטע אין באָדן פון טיפזיניקע יידישע מעלות און אייגנשאפטן.

איינע פון די מערקווירדיקסטע און פאפולערסטע געשטאלטן פון לעצטן דור איז געוויס געווען סאניע מערעמינסקי. אויב ס'האט נאך אין די פריהערדיקע דורות שעמערירט אין שטאט די פילפארביקע גאלעריע פון „נשים צדקניות", האט מען, אייגנטלעך, געקענט צורעכענען סאניען אויך צו אט דער קאטעגאריע, א אשה צדקנית אין היינטצייטיקן באגריף, מיט א שטארק-פילנדע, פיל-ריידנדע הארץ פון א „יידישע מאמע".

דער לייענער וועט זיך אפשר וואונדערן: סאניע מערעמינסקי וואס האט ניט געלאזן נאך זיך קיין דור — א „יידישע מאמע"? — יע, א „יידישע מאמע" פון הונדערטער קינדער. נאר אלס צוגאב צו די טראדיציאנעלע אייגנשאפטן פון א יידישער מאמע: די אונגעהויערע ליבע, די גרענעצלאזע איבערגעבנקייט, די אפפערווייליקייט צו די קינדער, — האט סאניע פארמאגט נאך א גאנץ באזונדערע נאטירלעכע אייגנשאפט: פארשטענדנעש פאר די קינדערס נויט, די טיפע אריינדרינגענעש אין דער קינדערשער נשמה, די פולשטענדיקע אידענטיפיקאציה מיט'ן קינד'ס וועזן, — דאס וואס מען וואלט געדארפט אנרופן: די פעדאגאגישע-ערציהערישע ברכה, פון וועלכער אירע הונדערטער קינדער האבן גענאסן.

איר לעבנס-טעטיקייט טיילט זיך אין דריי הויפט-פעריאדן. דער ערשטער פעריאד: אירע יוגנטלעכע און רייפקייט-יארן ביז 1924, פארבונדן מיט סלאנים, ווארשע, חארקאוו, און ווידער סלאנים. דער צווייטער פעריאד, — די 9 יאר אלס פארוואלטערין פון סלאנימער בית-יתומים (1925—1934), און דער דריטער פעריאד: תל-אביב, ווו זי האט אנגעפירט מיט א קינדער-אנשטאלט פון 1935 ביז 1962 איינשליסליך.

אייגנטלעך, אפילו אין אירע לעצטע פענסיאנירטע יארן און ביז איר טויט אין 1976, איז זי נאך געווען „טעטיק" אין זין פון אירע הארציקע פארבינדונגען מיט די פיל-הונדערטער קינדער וואס זי האט ערצויגן.

מיר וועלן דא אין א קאנדענסירטער סקיצע שילדערן איר געשטאלט און איר מערקווירדיקע לעבנס-געשיכטע.

סאניע מערעמינסקי, די טאכטער פון ר' לייב-וואלף מערעמינסקי און פון זיין פרוי רחל קאפלאן (די טאכטער פון גרויסן למדן ר' ישראל זעלווער, אמקורב פון ר' אייזעלע חריף) איז געבארן אין סלאנים אין 1890, איין יאר פארן געבורט פון איר ברודער ישראל. אלס קינד פון א טראדיציאנעלע און אין יענע יארן שוין א נאציאנאל-ציוניסטישע פאמיליע, האט זי באקומען איר ערשטע ערציהונג אין אן'ארטאדאקסישע שולע פאר מיידלאך, און נאכהער האט זי געלערנט א פאר יאר אין דער יידישער פראגימנאזיע פאר מיידלאך פון פרוי יודקובסקי[1]). אט דער בילדונגס-אנשטאלט וואס האט געטראגן דעם פרעטענזיעזן נאמען „פראגימנאזיע", איז, אייגנטלעך, געווען א בילדונגס-אינסטיטוציע. וועמנס צוועק איז געווען די צוגרייטונג צו די מיטעלע קלאסן פון א גימנאזיאלן פראגראם.

אמת, אין סלאנים האט שוין דאן עקזיסטירט די רעגירונגס-גימנאזיע פאר מיידלאך, ווו דער צוטריט פאר יידישע טעכטער איז געווען אביסל שווערלעך (די באקאנטע „פראצענט"-נארמע פאר יידן). דעריבער איז סאניע אין זומער 1905 אריבערגעפארן אין ווארשע צו פארזעצן דארטן איר מיטעלע בילדונג. זי איז אנגענומען געווארן, נאך שווערע עקזאמענעס, אין פינפטן קלאס פון א פריוואטער גימנאזיע (אין דער רוסישער שפראך) פאר מיידלאך, און זי האט דארט געענדיקט דעם פולן גימנאזיאלן פראגראם אין זומער 1908 מיט אויסצייכנונג, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין א זילבערנעם מעדאל.

דער אטעסטאט פון אזא גימנאזיע, מיט א צוגאב פון א קורצטערמיניקן פעדאגאגישן קורס, האט געגעבן אין דאמאלסדיקן רוסלאנד דאס רעכט צו זיין א לערערין (אבער נאר פאר „יידישע קינדער"...). א יידישע לערערין האט, חלילה, ניט געהאט דאס רעכט צו לערנען מיט ניט-יידישע שילער...

סאניע האט דורכגעמאכט דעם נייטיקן פעדאגאגישן אויבנדערמאנטן קורס און זי האט אין מערץ 1909 באקומען פון ווארשעווער בילדונגס-אינספעקטאר די אפיציעלע ערלויבניש צו ארבעטן אלס לערערין. סאניע האט אבער געשטרעבט צו פארפאלקאמענען איר פעדאגאגישע אויסבילדונג און זי האט זיך באמיט אנצוקומען אין ווארשעווער אוניווערסיטעט. דאס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאבע. ס'האט זיך געפאדערט דערצו א צייגניש פון „גוטער אויפפירונג" (אין רוסיש: „חאראשעיע פאוועדעניע"), פון סלאנימער איספראווניק. (העכסטער רעגירונגס-פארשטייער אין א קרייז-שטאט). ענדלעך, נאך לאנגע באמיהונגען איז זי אין דער ווינטער-סעסיע פון 1909—1910 אנגענומען

געוואָרן אַלס סטודענטין פון די הויכע פּעדאַגאָגישע קורסן פון אוניווערסיטעט.

אָבער איצט האָבן זיך אָנגעהייבן אַנטפּלעקן אירע איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן און שטרעבונג צו מעשים, צו פּראַקטיק. זי האָט זיך ניט געקענט באַנוגענען מיט די ריין־טעאָרעטישע לימודים. די קורסן האָבן איר ניט צופרידנגעשטעלט. איר ברויזנדער טעמפּעראַמענט, איר זעלבסטשטענדיקער כאַראַקטער און די הויפּט־זאַך: דער ווילן זיין נאָענט צו קינדער און מיט די קינדער האָבן גובר געווען איר אינטערעס אין אַבסטראַקטער טעאָריע. אין 1910 האָט זי פאַרלאָזן די קורסן און אָנגעהייבן אַרבעטן אַלס לערערין אין דער פּריוואַטער שולע פון מאַגנוס קרינסקי אין וואַרשע, וועלכע איז דאַן געווען באַקאַנט אין גאַנץ פּוילן. גלייך פון אָנהייב צייכנט זי זיך אויס מיט איר אייגנטימלעכן פּעדאַגאָגישן צוגאַנג און ווערט דאָרט פאַר צו אַרבעטן אויך אין לערן־יאָר 1911—1912.

טער־שולן האָט מען געלייגט ווייניק אַכט אויף יידישע לימודים. די שולע איז, אַגב, געווען אויסגעהאַלטן כמעט פאַלשטענדיק דורך דעם באַקאַנטן נאַציאָנאַלן פילאַנטראָפּ לעוויטע. זי האָט זיך געפונען אין דער דזעלנע גאַס און איז געווען באַרימט אין גאַנץ פּוילן און אין די ליטווישע גובערניעס.

סאָניע איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן דירעקט אַלס פּעדאַגאָגישע לייטערין, פּאַראַלעל מיט איר אויפגאַבע אַלס לערערין אין איינִיקע קלאַסן. דער פאַקט אַליין באַווייזט שוין, ווי הויך איז געוואָרן אָפּגעשאַצט איר פּעדאַגאָגישע פעיִקייט. די אַטמאָספערע אין דער שולע איז געווען אַ ריין־נאַציאָנאַלע, און מען האָט דאָרט געלייגט פיל אַכט אויף יידישע מנהגים, ימים־טובים און אַנדערע יידישע געדיינק־טעג. צו די שולע־פייערונגען פלעגן קומען פיל פאָרשטייער פון יידיש־נאַציאָנאַלן וואַרשע, די פאַמיליעס קרינסקי, לעוויטע און פיל אַנדערע. אויך דער לערער־



סוניה מרמינסקי — גימנזיסטית בסלונים.

סאָניע מערעמינסקי אַלס גימנאַזיסטקע אין סלאָנים.

זי שאַפט זיך שוין איין אין וואַרשע אַ גוטן נאָמען פון אַ אויסערגעוויינלעך־פעיִקע, זעלבסטשטענדיקע לערערין, — און ניט נאָר לערערין, נאָר אויך ערציִערין און אָרגאַניזאַטאָרין, — אַזוי־אַרום אַז אין 1912 קומט זי אָן אַלס פאַרוואַלטערין און לערערין אין דער באַרימטער וואַרשעווער טעכטערן־שולע „יהודיה". אָט די שולע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן לערן־אַנשטאַלט. עס איז געווען באַשטימט פאַר ווייניק־פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו געבן זייערע טעכטער אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע ערציִונג און צוגלייך מיט דעם אויך אַלגעמיינע בילדונג. אין דער דאַמאָלסדיקער וואַרשע איז דער אַנשטאַלט געווען אַ יוצא־דופן, ווייל אין די יידישע טעכ־

צוזאַמענשטעל איז געווען אַ נאַציאָנאַלער־העברעאישער איינִיקע פון זיי זיינען נאָכהער געוואָרן באַרימט אין דער העברעאישער ליטעראַרישער און פּעדאַגאָגישער וועלט, ווי צום ביישפּיל דער פּעדאַגאָג אַלטערמאַן (דער פאָטער פון שפּעטער באַקאַנטן דיכטער נתן אַלטערמאַן), דער העברעאישער שרייבער און לערער אַברהם עפּשטיין[2]), דער שרייבער און לערער אריה סעמיאַטיצקי[3]), איינִיקע לערער פון דער קרינסקי־שולע, — אַלע דורכגעדרונגען מיטן נאַציאָנאַלן יידישן גייסט.

סאָניע האָט זיך דאָרטן אַזוי אויסגעצייכנט אויף׳ן פּעדאַגאָגישן און אָרגאַניזאַטאָרישן געביט, אַז זי איז דאָרט געבליבן אַזש ביז 1915, כמעט אַמאָנאַט פאַר דער אָקופּאַציע

פון ווארשע דורך די דייטשן, ווען זי האט געמוזט פארלאזן די שטאט צוליב דעם אנהייב פון די שלאכטן ביי די גרענע־צן פון שטאט. זי האט זיך צוריקגעקערט אין סלאנים. נאר דער פראנט האט זיך גערוקט אלץ נענטער און נענטער צו איר געבורטס שטאט.

נאך א קורצן אויפנטהאלט אין סלאנים, נישט וועלנ־דיק בלייבן אונטער דער דייטשער אקופאציע, וועמנס ארמיי האט זיך שוין דערנענטערט צו דער שטאט, האט זי זיך געלאזן מיט דער עוואקואציע אין רוסלאנד, און נעמלעך צום פעטער דוד (א ברודער פון איר פאטער) אין חארקאוו, נעמנדיק מיט זיך אונטער איר שוץ איר יינגערן ברודער צבי[4]). (איר ברודער ישראל האט זיך דאן אויך עוואקוירט אין רוסלאנד, נאר צוליב זיינע באזונדערע סיבות[5]).

אנקומענדיק אין חארקאוו האט זי זיך פארשריבן אלס פרייע צוהערערין אין מעדיצינישן פאקולטעט פון דארטיקן אוניווערסיטעט. אבער ווידער אמאל, — פונקט ווי אין ווארשע אין 1910, — האט זי ניט געקענט בלייבן אונטעטיק און זיך באנוגענען מיט לימודים.

אין חארקאוו האט זיך דאן קאנצענטרירט א גרויסע צאל פון יידישע פליטים, וואס זיינען געווען ארויסגעשיקט דורך דער רשעות׳דיקער צארישער מיליטער־מאכט פון די ליטווישע גובערניעס. די צענטראלע יידישע הילף־ארגאניזא־ציעס פון רוסלאנד האבן אין די גרעסערע פונקטן פון די יידישע פליטים־קאנצענטראציעס, איינגעארדנט אלעס.

אלס אנ׳ערפארענע פארוואלטערין פון „יהודיה", האט סאניע איבערגענומען די פארוואלטונג און פעדאגישע ליי־טונג פון דער פליטים־שולע אין חארקאוו און האט זי אנ־געפירט במשך פון די דריי שווערע מלחמה — און רעוואָ־לוציע־יארן 1915—1918. ניט נאר איז געפאלן אויף איר די פאראנטווארטלעכקייט פאר דער געהעריקער פעדאגא־גישער הויך, נאר אויך האט זי געהאט צו קעמפפן פאר די טאג־טעגלעכע נייטן און גובר זיין די שוועריקייטן וואס זיינען געווען פארבונדן מיט די רעוואלוציאנערע און קאנט־רעוואלוציאנערע אפטע מאכט־איבערבייטונגען. אונטער איר פארוואלטונג האבן געארבעט גרויסע פעדאגאגן, ווי א. גאלאמב. אבער די שולע איז געווען מער געניגט צו יידי־שיזם און סאניע האט געשטרעבט צו בלייבן אין דער נאציא־נאל־העברעאישער אטמאספערע. און זי האט ווירקלעך די שטרעבונג פארווירקליכט, און נעמלעך אויף פאלגנדן אופן.

ס׳איז אפשר ווייניק געווען באקאנט אין דער יידישער עפנטלעכקייט פון די מלחמה — און רעוואלוציע יארן אין רוסלאנד, אז אין 1915 איז אויף א פאראדאקסאלן אופן אנטשטאנען אין חארקאוו א מין קולטורעל־העברעאישער צענטער. די בארימטע העברעאיש־פעדאגאגישע קורסן פון גראדנע אונטער דער לייטונג פון דר. טשארנע, האבן, בעת דער עוואקואציע פון גראדנע אין אנהייב 1915, זיך אויך עוואקוירט אין רוסלאנד. (אגב, אייניקע חדשים, ביז יולי 1915, האבן זיי זיך געפונען צייטווייליק אין סלאנים). פון סלאנים זיינען די קורסן, ד. ה. די מערהייט תלמידים מיטן לערער־פערסאנאל, אריבער אין חארקאוו. דר. טשארנא האט אין דער שטאט אנטוויקלט א פארצווייגטע פעדאגאגישע טעטיקייט, אבער ער האט זיך געמוזט באנוגענען מיט די „הויכע קורסן". ערשט אין א פאר יאר ארום איז אים אויך געלונגען צו שאפן א העברעאישע גימנאזיע, וועלכע איז געווארן א מוסטער־אנשטאלט, מיט אזעלכע ערפארענע פעדאגאגן ווי א. בייגל, כהנשטאם און אנדערע. די גימנאזיע איז געגרינדעט געווארן אין 1917, ווען סאניע איז נאך געווען פארבונדן מיט דער פליטים־שולע. אין 1918 איז סאניע אריבער אין דער העברעאישער גימנאזיע, אלס לערערין און ערציהערין („מחנכת"). זי האט דארטן געאר־בעט ביזן... סוף פון דער גימנאזיע־עקזיסטענץ אין 1921, ווען די „יעווסעקציע" האט באהערשט דעם גאנצן יידישן עפנטלעכן לעבן און האט אפגעשטעלט יעדע העברעאישע טעטיקייט. דער העברעאיש־קולטורעלער צענטער אין חאר־קאוו איז פאנאנדערגעלאזן געווארן, און אויך די העברעאישע גימנאזיע איז געפאלן א קרבן פון דער העבראאיש־פרעסע־רישע יעווסעקציע.

דר. טשארנא, אלס אפשטאמיקער פון ליטע, איז אריבער אין דער דאמאלס׳דיקער ליטווישער הויפט־שטאט קאוונע (און האט דארט צייטווייליק אויך באנייט די פעדאגאגישע קורסן, ביז וואנען ער האט ענדגילטיק געעפנט זיין לערער־סעמינאר אין ווילנע) ; א. בייגל איז אריבער אין פוילן (און פון דארט אין ארגענטינע), און סאניע האט זיך אין סעפ־טעמבער 1921, צוזאמען מיט איר ברודער צבי, צוריקגע־קערט אין איר היימישן סלאנים.

נאך אנ׳אפוועזנהייט במשך פון גאנצע 6 יאר (1915—1921) פון איר געבורט־שטאט, פאסט זיך סאניע ביסלעכווייז צו צו די נייע אומשטענדן און צו די באדינגונגען פון דער ניי־אנטשטאנענער פוילישער מדינה. ניט וועלנדיק זיצן מיט פארלייגטע הענט, באשעפטיקט זי זיך צייטווייליק מיט פריוואטע לעקציעס, און אין לערן־יאר 1922—1923 ארבעט זי אלס לערערין פון נאטור־וויסנשאפט, געאגראפיע און לאטיין אין דער שטאטישער יידישער גימנאזיע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן צום סוף פון דער מלחמה דורך די לערער ה"ה קוניצע־ראקאוויצקי.

אין איר שטרעבונג צו פארפאלקאמענהייט, האט זי אין די זומער־חדשים פון 1923 דורכגעמאכט אין בערלין אנ׳או־ניווערסיטעט־קורס פאר ערציהערינס און שולעס־פארוואל־טערינען.

אייגנטלעך, האט זי אין די ראמען פון דער אויבנ־דערמאנטער שטאטישער גימנאזיע ניט געפונען קיין בא־פרידיגונג, ניט אין פעדאגאגישער און ניט אין ערציהערי־שער הינזיכט. איר איינגעווארצלטקייט אין דער יידישער טראדיציאנעלער פאלקסטימלעכקייט האט איר געשטערט צו פילן זיך ווי „אין דער היים" אין דער נייער אטמאספערע פון דעם האלב־פאלאניזירטן לערן־אנשטאלט. זי האט געביינקט צו דער „היימישקייט" וואס זי האט געהאט אין דער פליטים־שולע און שפעטער אין דער העברעאיש־נאציאנאלער גימנאזיע אין חארקאוו.

דעריבער, צוריקקומענדיק פון בערלין אין סלאנים ענדע זומער 1923, האט זי גערן אנגענומען דעם פארשלאג מיטצוארבעטן אין דער פאלקס־שולע, צוזאמען מיט די לערער משה־בערל קוניצע, דבורה יודקאווסקי, מערע אייזיקאוויטש, שרה לידאווסקי, ווו זי האט באנייט איר איג־

טימן קאנטאקט מיט פאלקס-קינדער, נאך וועלכן זי האט אזוי געבענקט. זי האט דארטן פארגעזעצט במשך פון די 2 לערן-יארן 1923—1924 און 1924—1925.

דער לייענער וועט, מעגלעך, ווערן אביסל געפלעפט פון דער, ווי ס'שיינט אפשר, ניט-גענוגנדער שטאנדהאפטי־קייט אין לעבנס־וועג פון סאניען. פארשטייט זיך, קען מען ערקלערן אירע אפטע איבערגאנגען פון איין אנשטאלט צו א צווייטן מיט די אויסערלעכע אומשטענדן. דער ווארשע־ווער פעריאד ביי מאגנוס קרינסקי און אין „יהודיה" איז איבערגעריסן געווארן צוליב דער מלחמה; איר חארקאווער עטאפ פון דער פליטים-שולע און נאכהער פון דער העברע־אישער גימנאזיע איז געקומען צו ענדע צוליבן יעווסעקישן ווילקיר. אבער איצט אין איר היימישן סלאנים קומען ווידער סימנים פון א געוויסער אומשטאנדהאפטיקייט, אדער ריכ־טיקער געזאגט, פון זוכענעש, פון אומרו, פון צווייפלונגען, פון ניט געפינען זיך אליין... אט איז זי אין דער גימנאזיע, אט זוכט זי פארפאלקאמונגען אין בערלין, און אט געפינט זי א נעסט אין דער פאלקס-שולע...

מען דארף ניט אנווענדן קיין טיפע פסיכאלאגישע מעטאדן, כדי אנצושטויסן זיך אויף די אמת'ע סיבה פון איר אינערלעכער אומרו, יע, זי זוכט זיך אליין און זי גע־פינט זיך ניט...

איר איינגעבארענער טיפער מוטערלעכער חוש האט איר געשטויסן ווידער און ווידער פון איין אנשטאלט צום צווייטן. איר פעדאגאגישער האריזאנט, סיי טעאריע און סיי פראקטיק, האט ניט געקענט אנזעטיקן איר לעכצנדע נשמה און האט אויך ניט געקענט דינען אלס אויטענטישער קוואל פון פרייד פארן הארץ.

ס'איז ניט קיין ווונדער וואס אין די אלע לערן-אינ־סטיטוציעס ווו זי האט געארבעט ביז איצט, האט זי געהאט דאפלטע פונקציעס: לערערין און ערציהערין. ליידער האט אומעטום איר ארבעט אלס לערערין איינגעשלונגען די אויפגאבע פון ערציהערין, — אבער זי איז אין די טיפע-נעשן פון איר וועזן געווען הויפטזעכלאך ערציהערין.

יע, מיט דעם ערקלערט זיך איר אומרו: זי האט געזוכט כסדר די מעגלעכקייט צו קענען זיך אויסלעבן אין איר נאטירלעכער ערציהערישער מוטערלעכער אויפגאבע, צו וועלכער זי האט אפשר אומבאוווסטזיניק געשטרעבט.

און אט האט דער גורל איר צוגעשפילט. נאך אזוי פיל זיגזאגן אין איר לעבנס-וועג האט זי ענדלעך צוגעשוווממען גראדליניק צום ברעג פון איר אויסגע'חלומטער אינערלעכער וועלט. און געפונען האט זי אים אין איר היימישן סלאנים, אין דעם ניי־געשאפענעם בית-יתומים. דער שיקזאל האט איר ארויסגעפירט אויפן ריכטיקן דרך-המלך, אויף וועלכן זי איז נאכהער געגאנגען במשך פון איר ווייטערדיקן לעבן מיט פולער סאטיספאקציע, מיט אינערלעכער פרייד, מיטן גאנצן באוווסטזיין און מיט טיפן פאראנטווארטלעכקייט־געפיל.

**יע, זי איז איצט געווארן די „יידישע מאמע" פון יתומים אין סלאנים, און נאכהער פון פארווארלאזטע קינדער פון תל-אביב.**

**נאר דא פאדערט זיך א געוויסע אויפקלערונג וועגן** דעם שיקזאלפולן צוזאמענטרעף פון סאניען מיט די סלאני־מער יתומים און במילא אויך אביסל פרטים וועגן דעם יתומים-הויז, וועמען ס'איז געווען באשערט צו געווינען אונטער דער לייטונג פון סאניען דעם פרעסטיזש פון איינעם פון די בעסטע בתי־יתומים אין פוילן.

א גענויע באשרייבונג פון דער געשיכטע פון בית-יתומים וועלכער איז געגרינדעט געווארן אין 1921, קען מען געפינען אין דער מאנאגראפיע „די געשיכטע פון יידישן ישוב אין סלאנים" (אין „פנקס-סלאנים, ערשטן באנד"), און מיר וועלן זיך באנוגענען דא מיטן דערמאנען די הויפט-פאקטן פון דער גרינדונג און פון די ערשטע פאר יאר פון זיין עקזיסטענץ.

די ערשטע וועלט־מלחמה האט געלאזן נאך זיך אין סלא-נים, ווי אומעטום, אנ'אונגעהויער שווערן פראבלעם פון יתומים. עס זיינען געווען מלחמה־יתומים, וועמענס מאביליזיר־טע פאטערס זיינען ניט צוריקגעקומען פון דער מלחמה; און עס זיינען געווען די „הונגער"־יתומים, וועמענס עלטערן זיינען אין די הונגער-יארן פון דער אקופאציע אויסגעגאנגען ממש פון הונגער. הונדערטער קינדער זיינען געפאלן אלס הונגער־קרבנות צוזאמען מיט זייערע עלטערן, אבער פיל צענדליקער זיינען געבליבן לעבן מיט נסים, אויסגעהאלטן אין שלעכטע באדינגונגען דורך קרובים.

דער וויכטיקסטער סאציאלער אנשטאלט וועלכער איז אויפגעבויט געווארן אין די ערשטע ווידעראויפבוי-יארן פון נאך דער מלחמה מיט דער הילף פון „סלאנימער רעליעף" אין אמעריקע און פון „דזשאינט" איז דעריבער געווען דער בית-יתומים. מיט די געלטער וואס האבן געפלאסן פון „דזשאינט" און פון די סלאנימער לאנדסלייט אין אמעריקע, איז אפגעקויפט געווארן א גרויס הויז מיט א גארטן אויף ענדע פאנעסוער גאס (דאס הויז האט געדינט ביז 1915 אלס פאסט־אמט), און דער ועד־הקהל, וואס האט אויסגעוויילט א ספעציעלן „בית-יתומים" קאמיטעט, האט עס פארוואנדלט אין א גוט־איינגעריכטעטן צוגעפאסטן ארט, אלס היים פאר אומגעפער 50 קינדער, דער גרעסטער טייל פון וועלכע זיינען געווען ממש קיילעכדיקע יתומים. די עקזיסטענץ פון אנש־טאלט איז אין די ערשטע יארן געווען פארזיכערט דורך פארשיידענע קוועלן: זעלבסט-באשטייערונגען פון הונדער־טער מענטשן אין שטאט; די אונטערשטיצונג פון „רעליעף"; די סובווענץ פון ווילנער „יעקאפא" וואס האט פארטראטן דעם „דזשאינט"; א געוויסע יערלעכע אונטערשטיצונג פון מאגיסטראט, און הכנסות פון אוונטן, בעלער, „הילפס-רינגען" א. אז. וו. בראש פון „בית־יתומים" קאמיטעט איז געשטאנען דר. ש. וויס און צו אים האבן געהערט א רייהע עסקנים, וועלכע האבן רעפרעזענטירט פארשיידענע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג, ווי: ה"ה וואלף בערמאן, אביגדור ראבינאוויטש, דר. עפשטיין, פרוי דר. יאקימאווסקי, חיים ראבינאוויטש (סוחר), חיים ראבינאוויטש (פארזיצנדער פון האנטווערקער-פאריין), אליעזר פאיוס, שמואל-יוסף וואליצ־קי, משה גראדזענסקי, משה אסטרינסקי, פרוי פרידע שאפירא און אנדערע.

**דער אנשטאלט האט זיך אנטוויקלט. ער האט געהאט א „טאטן", אבער... ס'האט געפעלט א מאמע, א הארציקע, ליבנדע מאמע!**

געוויס זיינען אין די יארן 1922—1924 געווען פארוואל־טערינען, וואס האבן אנגעפירט מיטן הויז לויט זייערע קאפא־ציטעטן. אבער סיי דער קאמיטעט, סיי די קינדער האבן געפילט, אז עס פעלט נאך דער וויכטיקסטער עלעמענט, אין וועלכן אזא אנשטאלט נייטיקט זיך: א הארץ, א הארץ פון א מאמען פאר די קינדער, וואס זאל זיי ליבן, קענען און פארשטיין!

אט אין די אומשטענדן, ווען דער אנשטאלט איז געווען אזוי באגרינדעט, אזוי לעבנסוויכטיק, ווען די עסקנים האבן געטאן אלץ וואס זיי האבן נאר געקענט, — האט געפעלט דער הויפטזייל אויף וועלכן דאס הויז זאל זיך שטיצן. עס האט געפעלט די מוטער, וואס זאל דאגה׳ן, ליבן, צערטלען און ערציהען יעדן קינד באזונדער.

פארלאזן די פאלקס־שולע און אנגענומען דעם אפיציעלן אמט פון לייטערין, פון בעל־הבית׳טע, אבער פאקטיש פון דער „מוטער" פון די יתומים.

כמעט 10 יאר (פון מאי 1925 ביז אקטאבער 1934) איז זי דארט פארבליבן.

איצט, מאכנדיק א סך־הכל מיט דער נייטיקער פערספ־פעקטיוו, קען מען באהויפטן, אז אט די קארגע 10 יאר פון איר אנפירן מיטן בית־יתומים אין סלאנים, (ווי אויך די שפעטערדיקע יארן אין תל־אביב פון איר פארוואלטן מיטן הויז פאר די פארוואלאזטע קינדער), זיינען געווען די גליקלעכסטע יארן פון איר לעבן. קיינמאל איז זי ניט געקומען צו אזא פולן „אויסלעבן זיך", צו זיין אזוי „גאנץ" מיט זיך אליין...



ביקור ה׳ שליט „מיעקאפא" מווילנה בבית־היתומים בסלונים עם הוועד וחניכי המוסד.
חברי הוועד: דר. וויס ורעיתו, ה״ה זאב ברמן, שמואל־יוסף וליצקי ומנהל הפנקסים שליובסקי.

באזוך פון ה׳ שאליט פון „יעקאפא" ווילנע אין סלאנימער בית־יתומים מיטן קאמיטעט און די קינדער פון אנשטאלט. חברים פון וועד: דר. ווייס און פרוי. די ה״ה זאב בערמאן, שמואל־יוסף וואליצקי און דער בוכהאלטער שעליובסקי.

אין דער געשיכטע פון סלאנימער עפנטליכקייט פון לעצטן דור איז אפשר ניט געווען אזא גליקלעכער, פאסנדער צוזאמענטרעף, אזא „מצא מין את מינו", ווי דער בית־יתומים וואס האט געטראפן מיט דער מוטער־ערציהערין, און ווי סאניע מערעמינסקי, וואס האט געפונען איר אויסגעטרוימטן ענדגילטיקן לעבנס־ציל.

דאס האט פאסירט אין מאי 1925, ווען דער אנשטאלט איז געשטאנען על פרשת־הדרכים. ניט האבנדיק דערפילט פול־שטענדיק די ערציהעריש־ארגאניזאטארישע אויפגאבן, צוליבן מאנגל פון א פאסנדער לייטערין־ערציהערין. און אט איז געקומען דער גליקלעכער געדאנק: סאניע האט גערן

ס׳איז שווער צו שילדערן אלץ וואס זי האט באוויזן אויפצוטאן אין דעם איזאלירטן יתומים־הויז אויף פאנעסווער־גאס, און פיל נומערן פון „סלאנימער ווארט" ביז ענדע 1934 זיינען פול מיט סקיצן און רעפארטאזשן וועגן אינערלעכן לעבן אין אנשטאלט, וועגן איר הייסער מוטערלעכער ליבע מיט וועלכער זי האט זיך איבערגעגעבן די הונדערטער קינ־דער, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען דורך׳ן אנשטאלט במשך פון די 10 יאר פון איר לייטונג (ווייל נאטירלעך, נאכן דערגרייכן א געוויסן עלטער און אויסלערנענדיק זיך א פאך, פלעגן גרופעס פון די אויסגעוואקסענע פארלאזן דעם אנש־טאלט מיטן אריבערגיין צו קרובים, אדער געפינענדיק א

לייזונג דורך עמיגראציע, — און אויך עלייה אין א״י, — אדער אויך ווערנדיק אינגאנצן זעלבסטשטענדיק, און עס פלעגן ווערן וואקאנטע פלעצער פאר אנדערע יתומים-גרופּעס. דעריבער, הגם דאס הויז האט צו יעדן מאמענט אנטהאלטן בערך 50 קינדער, האט עס במשך פון די 10 יאר געדינט אלס היים פאר אייניקע הונדערט).

אירע ערשטע שריט זיינען געווען צו רעפארמירן דעם אינערלעכן געבוי פון הויז, צו געבן אים דעם כאראקטער פון אנ׳אמתער היים, פון א געמיטלעכן עס־צימער, פון מאכן באקוועמער די שלאף־צימערן, פון באזארגן פאסנדערע בעט-געצייג. זי האט געזארגט פאר יעדע קלייניקייט, אנהייבנדיק פון שפּיל-צייג פאר די גאר קליינע, איבערגייענדיק צו ספּארט־איינריכטונגען פאר די עלטערע און ענדיקנדיק מיט די נייטיקע ביכער און אלע אנדערע לערן-מאטעריאלן פאר אלע קינדער וואס האבן געלערנט אין פארשיידענע לערן־אנשטאלטן אין שטאט.

זי האט ענדלעך דערגרייכט איר אינטימסטע שטרעבונג. ווי יעדע מוטער, האט זי די פעדאגאגישע באדערפענישן איבערגעגעבן די לערער, און פאר זיך געלאזן די מוטערלעכע פליכטן: די קינדער זאלן זיין געליבט, זאט, ריין; יעדעס קינד באזונדער זאל פילן די מוטערלעכע ליבע.

גאכן ענדיקן מיטן צוגעבן דעם אנשטאלט די אינערלעכע ווארעמקייט פון א היים, האט זי זיך גענומען צו די קינדער. מיט געפילן פון געריכטקייט און דאנקבארקייט לייענען מיר די זכרונות פון די ברידער שוחט (אין דיזן באנד) וועלכע האבן זיך ערצויגן אין אנשטאלט, ווי סאניע האט זיך גענומען צו רייניקן און וואשן די קעפּלאך פון די פארווארלאזטע יתומים, צו מאכן יעדן איינעם א פולשטענדיקע דעזינפעקציע, צו זארגן פאר די באקליידונג פון יעדן איינעם.

ס׳איז ניט אריבער קיין יאר, ווי זי האט איבערגענומען דעם אמט, — און דעם „בית-יתומים״ איז ניט געווען צו דערקענען! די פּנים׳ער פון די קינדער האבן געשיינט! מען האט געזען באשיינפּערלעך, ווי פון א בידנעם סאציאלן אנשטאלט, — איז געווארן א נעסט פון ליבע, פון ווארעמ־קייט, פון הארציקייט. די גאנצע שטאט האט דאס באוואונ-דערט. דער קאמיטעט האט געפונען פאר נייטיק אויסדריקן זיין דאנקבארקייט, און האט ספּעציעל צו דעם צוועק אויפגע־רופן אנ׳עפנטלעכע זיצונג דעם 21-טן מערץ 1926 וועלכער האט אנגענומען א באשלוס, וואס איז געשיקט געווארן סאניען אין פארם פון א ספּעציעלן דאקומענט, וועלכער לויטעט טעקסטועל ווי ס׳פאלגט:

קאמיטעט פון דער „בית־יתומים״ — געזעלשאפט
אין סלאנים, פאניאטאווסקע גאס 5,
22-טער מערץ 1926.

זייער געשעצטע סאניע מערעמינסקי!

ערפילנדיק אנ׳אנגענומע פליכט, האב איך דעם כבוד צומעלדן אייך, אז אויף דער זיצונג פון 21־טן מערץ ד. י. האט דער קאמיטעט פון „בית-יתומים״ אין סלאנים איינשטי־מיק באשלאסן אויסצודריקן אייך א פולע אנערקענונג און א הארציקן דאנק פאר אייער הויכער, ציל-באוווסטער און אויסגעצייכנטער ערציהערישער לייטונג פון בית־יתומים אין אונדזערע שווערע באדינגונגען. דער קאמיטעט שטעלט פעסט, אז אין משך פון אייניקע מאנאטן האט איר באוויזן איינפירן מוסטערהאפטע ארדנונג און זיך ערווערבן די צוגעבונדנ־קייט און ליבע פון די קינדער. אזא הויכער גראד פון ערצי־הונג וואס איר האט דערגרייכט, רופט ארויס אונדזער אלגע-מיינע באוווּנדערונג און אפשאצונג״. —

מיטן אויסדרוקן פון דאנקבארקייט און כבוד
אין נאמען פין קאמיטעט, פארזיצער דר. ש. ווייס.

איינער פון אירע גרעסטע אויפטוען איז געווען דאס איינפלאנצן אין די קינדער די ליבע צו ארבעט. ניט נאר האט זי אויפגעפאסט, אז זיי זאלן אפהיטן צו מאכן די שול-לעקציעס, ווי יעדע מאמע טוט עס, נאר זי האט זיי ערמו־טיקט, איבערהויפּט די עלטערע, אליין אויסצופירן קליינע הויז־ארבעטן, מיטצוהעלפן אין די רייניקונג-אויפגאבן. זי האט אין זיי איינגעווארצלט די ארבעטס-פליכטיקייט, דעם חוש פאר ריינקייט און פאר עסטעטיק. אויף די ווענט פון די שלאף — און עס-צימערן האבן קיינמאל ניט געפעלט די בילדער־ראמען און אנדערע דעקאראטיווע עלעמענטן וואס גיבן אזוי פיל צו צו דער אינערלעכער ווארעמקייט פון א היים.

די התפעלות פון בית-יתומים קאמיטעט פון סאניעס לייטונג איז אזוי גרויס, אז קוים אין 8 מאנאטן ארום, נאך זייער ערשטן אנערקענונג-אויסדרוק פון מערץ 1926, באקומט זי א צווייטן בריוו פון קאמיטעט, אדרעסירט דעם 16־טן נאוועמבער 1926:

איך האב דעם כבוד צו מעלדן אייך, אז דער קאמיטעט, אויף זיין זיצונג פין 14־טן ד. מ. האט ווידער געפונען איינשטימיק צו אויסדריקן אייך זיין התפעלות און טיפע דאנקבארקייט, וואס איר האט ארויסגעוויזן, צו אנפירן מוס-טערהאפט מיט אונדזער אינסטיטוציע.

מיט כבוד, פארזיצנדער דר. ש. ווייס

איר אויסשליסלעכער פארדינסט איז געווען אויך דאס קולטיווירן דעם גארטן וואס הינטערן הויז און פארוואנדלען אים, מיט דער הילף פון א גערטנער און איבערהויפּט פון די עלטערע קינדער, — אין א פּרוכטבארע, רענטאבילע גרינס־קולטור-אונטערנעמונג, וואס האט ניט ווייניק געהאלפן צו סטאביליזירן דעם אזוי שוואנקנדן און ניט-שטענדיק-פארזיכערטן ביודזשעט. ניט נאר האבן די קינדער געגעסן פון אייגענע גרינס, נאר געוויסע מינים און אין געוויסע פעריאדן זיינען אויך פארקויפט געווארן אין שטאט צום גונסטן פון די הצטרכות׳ן פון הויז.

און נישט נאר מיט דעם האט זי געהאלפן דעם קאמיטעט צו „פארבינדן איין עק מיט א צווייטן״ און צו דערגענצן די שטענדיקע דעפיציטן. אין די עפנטלעכע פארוויילונגען און בעלער וואס דער קאמיטעט האט אפט געמוזט איינארדנען אין שווערע דעפיציט־יארן, האט סאניע געהאט א גאר גרויסן חלק אין ארגאניזירן זיי און העלפן די פרויען און אנדערע קאמיטעט-מיטגלידער צו זארגן פאר יעדע קלייניקייט, אז די אונטערנעמונג זאל זיין געלונגען, און דער עיקר, די הכנסה זאל זיין וואס גרעסער...

ווי כאראקטעריסטיש, געוואגט און שטאלץ איז געווען איר ענטפער איינמאל א קאמיטעט-פארטרעטער, ווען ער האט זיך געווענדעט צו סאניען, אז צוליבן מוזן פארקירצן

דעם אנשטאלט-ביודזשעט, — זאל זי אביסל אפשפארן די הוצאות אויף באשפייזן די קינדער. זי האט מוטיק געענט-פערט: „איך וועל דאס מאכן ערשט נאכדעם, ווי אויך אייערע אייגענע קינדער וועלן זיך מוזן באנוגענען מיט ווייניקער!"

ס'איז איבעריק צו באטאנען, אז ניט נאר דער קאמיטעט, נאר אויך די גאנצע יידישע באפעלקערונג איז געווען גליקלעך צו זען, ווי דער אנשטאלט האט אויפגעלעבט, ווי פון א גרויסע גרופע, אומגליקלעכע פאמיליענלאזע קינדער האט זיך געביל-דעט איין גרויסע גליקלעכע פאמיליע מיט א גליקלעכער מוטער!

און ניט נאר די יידישע באפעלקערונג: דער מאגיסטראט, דער קריסטלעכער בירגערמייסטער, דער שטאט-ראט, האבן שטאלצירט מיט דער מוסטערהאפטער אינסטיטוציע. דער סטאראסטע, דער העכסטער פארטרעטער פון דער מאכט אין שטאט, האט ניט איינמאל באזוכט דעם בית-יתומים און באש-טעטיקט זיין אויסגעצייכנטע פירונג. אין דער נאוואגרודקער וואיעוואדשאפט איז ער אנערקענט געווארן אלס די בעסטע סאציאלע אנשטאלט פון דעם געביט. גינסטיקע אפקלאנגען אין דער פוילישער פרעסע וועגן סלאנימער בית-יתומים האבן אים פאפולאריזירט אין גאנצן לאנד און געשאפן אים דעם נאמען אלס איינעם פון די בעסט-איינגעריכטעטע יתומים-הייזער אין לאנד!

נאר אינצווישן יארן זיינען פארלאפן. זינט די דריי זין פון ר' לייב-וואלף מערעמינסקי: ישראל, יוסף און אליהו זיינען געווען איינגעווארצלט אין ארץ-ישראל, האבן זיי געשטרעבט צו דער פארייניקונג פון די עלטערן מיט אלע זייערע קינדער אין לאנד, דאס-הייסט, צו דער עליה פון זייערע עלטערן און פון סאניען. די עלטערן האבן כסדר, צוליב פארשיידענע סיבות, אפגעלייגט, טראץ דעם שווערן דרוק פון זייערע זין. נאר דעם דרוק אויף סאניען האבן זיי נאך מער פארשטארקט. אלץ העפטיקער און העפטיקער האבן זיי פארלאנגט פון איר, אז זי זאל ענדלעך מאכן דעם געוואגטן שריט און זיך באהעפטן מיט זיי.

אבער... דאס הייסט... פארלאזן דעם אנשטאלט? אט אזוי, — אין איין פרימארגן זיך זעגענען מיט אירע אויסגע-כאוועטע, אפגעהיטע קינדער? זי, — די „יידישע מאמע", — ווי קען דאס געמאלט זיין?

מען קען זיך לייכט פארשטעלן אירע אינערלעכע ראנגלענישן און איבערלעבענישן, און ווען זי האט אין אויגוסט 1934 באשלאסן זיך אונטערגעבן דעם דרוק פון די ברידער, שטיצנדיק זיך אויף דער האפנונג, אז אויך זייערע עלטערן וועלן איר אינגיכן נאכפאלגן און די פאמיליע וועט ווידער זיין פאראייניקט אין ארץ-ישראל, — האט זי מיט א צובראכן הארץ געמאלדן דעם קאמיטעט וועגן איר באשלוס צו פארלאזן איר אמט פון ערשטן אקטאבער 1934.

פארן קאמיטעט איז דאס געווען אזוי ווי א קאטאסטא-פאלע בשורה. ווי אזוי קען מען געפינען כאטש אן ערזאץ צו סאניען?

די צושיידונג איז ניט געווען לייכט, איבערהויפט מיט די קינדער. א רייהע פון געזעגנונגס-אוונטן מיט'ן קאמיטעט, מיט שטאטישע אינסטיטוציעס, מיט פארשיידענע קרייזן: דער „סלאנימער ווארט" פון אקטאבער 1934 איז פול מיט באריכטן פון די הארציקע אפשיידן און געזעגנונגען.

דעם קאמיטעט מיט דר. ווייס בראש איז נאר געבליבן צו שיקן איר, פאר איר אפרייזע, פאלגנדן געזעגנונגס-דאקו-מענט:

סלאנים, 1-טן אקטאבער 1934

די פארוואלטונג פון „בית-יתומים" אין סלאנים באשטע-טיקט אז פרל. סאניע מערעמינסקי האט פארנומען דעם אמט פון דער לייטערין פון אונדזער אנשטאלט פון מאי 1925 ביז ערשטן אקטאבער 1934. ארויסגעבנדיק דער פרל. מערעמינסקי דאס דאזיקע צייגניש, פילט זיך די פארוואלטונג אנגענעם פארפליכטעט אונטערצושטרייכן די פרוכטבארע טעטיקייט פון דער אויסערגעוויינלעך פעיקער און זעלטן געוויסנהאפ-טער לייטערין, כדי כאטש טיילווייז דאדורך צו באדאנקען איר פאר דער אפפערפולער און מיט אזוי פיל ערפאלג געקרוינטער ארבעט הן לטובת דעם אנשטאלט אלס גאנצן און הן לטובת יעדן קינד באזונדער.

„פרל. מערעמינסקי האט פון ערשטן טאג פון איר ארבעט אין אונדזער אנשטאלט אויסגעפירט איר טעטיקייט ווי א מין העכערע מיסיע. פון ערשטן אויגנבליק האט זי פאר-שטאנען, אז אין אירע הענט ליגט דער גורל פון די יתומים, קינדער פון פארשיידענע כאראקטערן און פון פארשיידענע סביבות, פארנאכלעסיקטע און טיילווייז זאגאר דעפעקטיווע.

„די פארוואלטונג, קענענדיק פון פריהער די הויכע מאראלישע, עטישע און פאכליכע קוואליפיקאציעס פון פרל. מערעמינסקי האט איר מיט א רוהיקן געוויסן געגעבן די ברייטעסטע פולמאכטן אויף יעדן געביט, הן אין דער ערצי-הונג, הן אויפן געביט פון ארגאניזאציע און ווירטשאפט.

„פרל מערעמינסקי האט מיטגעבראכט אויף איר אמט א פעסטן ווילן, צו מאכן פון אונדזער דאמאלסט פארנאכלעסיקטן בית-יתומים א מוסטער-אנשטאלט, און צו ערציהען די קינ-דער צו גוטע יידן, צו גוטע בירגער, צו אויפריכטיקע און אנשטענדיקע מענטשן. אט די אויפגאבע האט זי ערפילט נאך בעסער ווי מיר האבן ערווארט.

„לויט דעם אורטייל פון אלע מאכט-און געזעלשאפט פאקטארן, וואס האבן באזוכט אונדזער בית-יתומים און לויט אונדזער אייגענעם אורטייל איז אונדזער בית-יתומים ביז היינטיקן טאג א מוסטער פאר אלע קרעסן-אנשטאלטן פון דעם מין.

פאר דער פארוואלטונג: דר. ש. ווייס

אויך דער ווילנער „יעקאפא" האט אין א ספּעציעלן דאקומענט פון 17־טן אויגוסט 1934 איר אויסגעדריקט זיין העכסטע אנערקענונג פאר דער מוסטערהאפטער אנפירונג מיטן אנשטאלט.

דעם 5-טן נאוועמבער 1934 האט סאניע מערעמינסקי, באגלייט דורך די קינדער, — אירע קינדער, — דורך די עסקנים און א גרויסע צאל פערזענלעכע פריינט, פארלאזן אויף שטענדיק איר געליבטע היימשטאט און איר צווייטע היים: דעם בית־יתומים. זי איז אנגעקומען אין תל־אביב דעם 10-טן נאוועמבער 1934.

און פון את דער דאטע הייבט זיך אן איר לעצטער טעטיקייטס פעריאד אין ארץ־ישראל, וועגן וועלכן ס׳דערציילן די מענטשן וועלכע האבן געהאט דעם זכות צו ארבעטן מיט איר אין איר נייער, ארץ־ישראל׳דיקער היים, אין דער „היים פון פארוואָרלאָזטע קינדער" פון עירית תל־אביב.

באַארבעט פון פארשיידענע מקורות דורך ק. ל.

**אהרן שוחט**

# סוניה היתה לנו לאם

## (מזכרונותיו של מי שהיה חניך בבית־היתומים בסלונים)

אמנו נפטרה כשהייתי בגיל 5 ואחי נתן — בגיל 3 שנים*). נתקבלנו שנינו לבית היתומים כשהמורה יוכבי־דוביץ טיפל בקבלתנו. המוסד היה אז מיום הווסדו בהנהלת אשתו, הגננת באבטשע. בתקופה ההיא היה הבית קטן מאד ומספר חניכיו — מתי מעט. מצאנו במוסד בית חם וטיפלו בנו יפה. משם עברנו אחרי זמן קצר לבנין החדש ברחוב פאניסווה. זה היה בנין מרווח וגדול עם חצר רחבת-ידים. בבת אחת התרחב המוסד ונוספו הרבה ילדים. אך על אף התרחבותו עמד אז המוסד לפני בעיות קשות, שהתנאים שלאחרי המלחמה גרמו אותן. בין היתר לקו הילדים במח־לות עור וטפילים, כגון המכה השלישית וגם הששית של מצרים... כמו־כן היה מחסור במזון. מנות הלחם היו קצו־בות. המוסד לא יכול אז להשתלט על הבעיות בגלל חוסר אמצעים וצוות עובדים קטן מדי. אני נזכר שבתקופה ההיא היינו, החניכים, מנהלים שיחות על הכנים שפשו בנו. הת־יאשנו מריפוי אפשרי והגענו לידי החלטה שממכה זו אי־אפשר להפטר. סברנו בתמימותנו, שלכל בני האדם ואפילו למלך יש כנים...

בשנת 1925 הופיעו אצלנו סוניה מרמינסקי בלוויית דר. ווייס. זוכרני שזה היה אחרי ארוחת הערב, ובגלל הביקור השתהינו קצת לפני לכתנו לישון. זה היה ביקור היכרות, ביקורה הראשון במוסד. „הגזירה" הראשונה שיצאה מלפניה עוד באותו ערב היתה: להסיר את הכובעים! מיד כמעט כולנו הסתלקנו, כי כל אחד מאתנו נשא מתחת לכובעו קן של כנים בתוך סבך שערותיו שמזמן רב לא גוזזו ולא רוחצו. ונוסף לזה לקינו במחלת הגרדת.

סוניה ניחשה את סיבת בריחתנו, אך היא לא הרפתה מאתנו וביד חזקה הזעיקה אותנו לחדר השיעורים, ואז היא בדקה את כל אחד ואחד, בהכניסה את ידיה לתוך השע־רות. כל זה היא עשתה בסבלנות בלי להגיד מלה. למחרת היא הופיעה מוקדם יחד עם ספר. מיד היא גייסה את היל־דים המבוגרים יותר ובעזרתם ובעזרת הכובסת התחילה לטפל בראשינו. זה היה השלב הראשון של „מבצע הנקיון". מהטיפול בשערות היא עברה לניקוי יסודי של המיטות שצוידו במזורונים חדשים וניתנה הוראה: בכל שבוע יש לחטא את המיטות בספירט. ביצוע ההוראה הוטל עלינו, החניכים. אמנם טרחנו קשה, אך גם הפשפשים שבמיטות נעלמו. כמו כן התפטרנו מהכנים ומחולי הגרדת תוך זמן די קצר הודות לטיפולה המסור.

כשם שבהופיעה במוסד נרתענו ממנה, כן התחלנו להעריכה ולהעריצה. היא לא ידעה מנוחה כדי לשפר ולשפץ את הבית. היא ריכזה אמצעים בעיר להחלפת רצפת האבן שבחדרי השינה ברצפת עץ (רצפות האבן היו גורמות להצ־טננויות תכופות). כמו-כן נצטווינו לצבוע במו ידינו את הרצפות בכל החדרים ולהבריקן בכל יום לפי התור והרצ־פות הפכו להיות מצוחצחות ומבהיקות כמו בבתים המתו־קנים ביותר שבעיר. לחולים היא ייחדה חדר מבודד, וכן סודרו חדרי רחצה. חלו שיפורים ניכרים בסל המזונות,

*) האחים אהרן ונתן שוחט היו חניכי בית היתומים בסלונים. הם עלו ארצה בשנת 1934.

כגון לחם לבן בבוקר (לפני בואה זה היה בחינת חלום), פעמיים בשבוע בשר ותפריטים מגוונים ושונים מדי שבוע. ממש חלה מהפכה בסדרי חיינו.

וגן הירקות! זה היה שיא פעלה. לא האמנו כי נצליח בכך. אבל מה היתה גדולה גאוותה כשאספנו את היבול הראשון! היא תרמה לכך שהצלחנו לגוון את כלכלתנו בפרי עמלנו: בכרוב, כרובית, מלפפונים וצנונית. את עודפי הירקות כבשנו לשימוש בחדשי החורף. גידלנו בין היתר עגבניות שהיו אז בסלונים בבחינת מין נדיר. את יבול העגבניות הראשון מכרה סוניה ובכסף קנתה שתילים לגן פרחים שגידלנו לתפארת.

אך תרומתה החינוכית העיקרית היתה מסירותה והת-מדתה להקנות לחניכיה את חובת העבודה, כמובן בגדר האפשרות הפיזית של הילדים. היא טיפחה בנו את הדבקות בעבודה.

קשה למנות את כל פעולותיה בהנהלת הבית למופת. היא לא זלזלה בפריטים השוליים ביותר כדי להנעים את חיי החניכים מוכי הגורל. היא דאגה אפילו לנדנדה ולזה היא נזקקה לקשרי אביה. ביום אחד הביאו קורות ונפח, ותוך שעות ספורות קמה נדנדה לשמחת הילדים. היא טיפחה בנו את הכשרונות לאמנות ואומנות. אנו ציירנו, גזרנו בלבדים והבנות רקמו. חמרים ומכשירים לא חסרו. היא הפעילה את קשריה והשיגה את הצבעים, הנייר, משו-רים ועצים. אחת היתה דתה: רק לא להתבטל! היא שנאה את הבטלה.

סענדער סטאלאוויצקי, באקאנט מיט זיין פסעוודאנים ס. סטאל האט פארמאגט אנ׳אייגנארטיקן לירישן טאן. זיין פאעמע „די לעגענדע פון סלאנים״ איז זיין כאראקטעריסטישסטע שאפונג. אין שטילע אקארדן, דורכגעדרונגען מיט טיפן געפיל און א מינארנעם אפקלאנג, ברענגט ער ארויף די ארטיקע פאלקס-לעגענדעס וועלכע האבן זיך איינגעהיט במשך פון דורות. (ז׳ אין פנקס־סלאנים, ערשטן באנד, — אין אריגינאל; און אין דיזער אפטיילונג — אין דער גלענצנדער העברעאישער איבערזעצונג פון יחזקאל ראבאן-ראבינאוויטש). סטאל איז געווען פארליבט אין דער סלאנימער לאנדשאפט און אין א רייהע לידער האט ער איר באזונגען.

ניסן אייזין האט זיינע ערשטע לידער פארעפנטליכט נאך פאר 1914 אין זשורנאל „די יידישע וועלט״. זיין שאפונג איז א סינטעזע פון היימישע ליריק און אונרו. מען וואלט איר געקענט צורעכענען צום שטראם פון „אינזיכיסטן״ אין דער יונגער יידישער פאעזיע.

יצחק ראכילעווסקי האט אין לידער־פארם געגעבן רעאליסטישע בילדער, דורכגעפלאכטן מיט א געזונטן הומאר. מנחם העלבערג וואס איז געשטארבן יונגערהייד האט איבערגעלאזן א לידער-זאמלבוך, אין וועלכן עס דריקט זיך אויס דער ווייטאק פון די ראנגלענישן פון יונגן דור. יחזקאל ראבינאוויטש האט פון זיין פילזייטיקן שאפונגס־ווארשטאט ארויסגעגעבן דיכטונגס-פונקען, אין וועלכע עס שמעלצן זיך צונויף פערזענלעכע רעפלעקסן מיט היימישע מאטיוון. דער שרייבער פון די שורות האט בייגעטראגן זיין צושטייער צו דער דיכטערישער אפשפיגלונג פון דער שטאט.

די אלע אויבנדערמאנטע האבן געשאפן אין יידיש. די ליטעראטור-פראדוקציע איז אבער געווען א צוויי־שפראכיקע. זי האט זיך אויך אויסגעדריקט אין אונדזער אייביקער שפראך. אין גד גאלדבערג׳ס שירים פילן מיר דעם צאפל פון א טיף־פילנדער נשמה, דאס בלאנדזשען פון א יונגן וועגזוכער פון אונדזער דור וואס שטייט על פרשת הדרכים. די אין ישראל באקאנטע דיכטערין גיטל מישקאווסקי האט באזונגען, שוין זייענדיק אין איר קיבוץ אילון אין גליל, די „ווייטע שטאט און גאס״, די נאנטע געשטאלטן, וואס דינען אלס איינער פון די לייט-מאטיוון פון איר שאפונג.

משה אווערבוך, דער יונג-פארשטארבענער דיכטער, האט געלאזט הערן שטארקע נאציאנאלע אקארדן, פון וועלכע דער שיר „עברי אנכי״ איז דער אויסדרוקספולסטער. לימא העלבערג מיט זיינע אימפרעסיאניסטישע סטראפן און פערזענלעכן סטיל וואלט געוויס געהאט איינגעשריבן א שיינעם בלעטל אין דער לאקאלער העברעאישער דיכטונג, ווען ער וואלט ניט אפגעריסן געווארן פריצייטיק פון זיין סביבה. (די ביידע לעצטגענס-דערמאנטע האבן געשריבן אויף די שפאלטן פון די לאקאלע זשורנאלן: „בשעת־הפנאי״ און „התחיה״).

צום בעלעטריסטיש-שילדערישן זשאנער אין דער רעגיאנעלער פראזע דארף ווערן צוגערעכנט אויפן ערשטן פלאץ יוסף דערעטשינסקי-דרור (ז׳ זיין: „פאנאראמע פון סלאנים אין אנהייב־יארהונדערט״ און דעם „פארווארט״, אין דיזן באנד).

דער אמאליקער משכיל משה זאבלאצקי האט באנייט זיין פעדער און אין א זאנפטיקן יידיש געמאלן היימישע געשטאלטן ניט נאר אין סקיצן און פעליעטאנען, נאר אויך אין קאמעדיעס, וואס זיינען געשפילט געווארן אין סלאנים און אין אנדערע ערטער (ז׳ „לעקסיקאן פון יידישן טעאטער״ פון זולבערצוויג). אויפן געביט פון הומאר און סאטירע האבן געשאפן מ. ווארביאווסקי, שמואל אווערבוך, יחזקאל ראבינאוויטש, ק. ל. און אנדערע.

דער „היימישער שמועס״ אין „סלאנימער ווארט״ האט אויך געפונען זיין פלאץ אין די פעליעטאנען פון באקאנטן שרייבער ה. י. קאצענעלסאן, פון גרשון בערנשטיין, מרדכי קאפלאן, דר. א. ווייס, ראבינער מ. שליופער. צו דער רעגיאנעלער פראזע דארף מען אויך צורעכענען די ארטיקלען און נאטיצן פון דר. נח קאפלינסקי, וועלכער איז דאן, אלס סטודענט, געשטאנען בראש פון דעם ארטיקן יידישן סטודענטן-קרייז און אלעזר שאפירא, פירער פון סלאנימער קן „השומר הצעיר״, וועלכער האט אין העברעאישע פובליקאציעס געשילדערט צושטאנדן און מאמענטן פון די ארטיקע צופים — און שומרים-גרופעס.

אייגנטלעך געהערן צו דער רעגיאנעלער ליטעראטור אויך די מעמוארן-זאמלונגען פון, אן א גוזמא, צענדליקער מעמואריסטן פון די 2—3 לעצטע דורות, מיט די זכרונות פון מענדל פערלשטיין בראש. (א גרויסער טייל פון די צאלרייכע מעמוארן איז פארעפנטלעכט אין דריטן און פערטן באנד פון „פנקס״). מען דארף אויך דערמאנען, אלס טייל פון דער רעגיאנעלער שאפונג, די שריפטן פון די פאלקלאריסטן, און נעמליך דעם אפאריזמען-זאמלער ר׳ משה וואלאך, דעם ערציילער פון פאלקסטימלעכע לאקאלע מעשיות אברהם סטאלאוויצקי, די „ספעציאליסטן״ פון היימישן וויץ זלמן קוניצע, יוסף וויינשטיין, ראזנבלום און אנדערע.

די ארענע פון דער סלאנימער רעגיאנעלער שאפונג איז געווען ניט נאר אין סלאנים. לאנדסלייט-עמיגראנטן וואס האבן אין זייערע הערצער געטראגן די אויף-שטענדיק איינגעקריצטע זעהונגען און איינדרוקן, האבן אין זייערע נייע זיץ-ערטער פארגעזעצט צו שפינען די חלומות פון זייער יוגנט. צו די שעפער פון דעם מין, וועלכע האבן עמיגרירט אין די פארייניקטע שטאטן, געהערן: די דיכטערין חנה בושעל-סאלאוו, וועלכע האט אין צוויי לידער-זאמלונגען קריסטאליזירט אין פאלקסטימלעכע פערזן איר נאסטאלגיע צו דער אלטער היים; דער ערציילער משה-יודל שעליובסקי, אנ׳אפשטאמיקער פון זשירעוו, וועלכער האט אין א רייהע ערציילונגען ארויפגעבראכט א גאלעריע פון פאלקס-יידן און ישוב׳ניקעס פון דער נאנטער אומגעגנט; די ראמא-

ניסטין מרים ראסקין (די פון 1905 באקאנטע שטאטישע בונדיסטין „חבר'טע מירל"), וועלכע האט אין א פאר ראמא-נען און אויך קורצע ערציילונגען, וואס האבן זיך זיינער צייט געדרוקט אין „פאָרווערטס" און נאכהער ערשינען אלס ביכער, באשריבן די שטורמישע תקופה פון פינפטן יאר, ווי זי האט זיך אפגעשפיגלט אין סלאנים; דער פעליע-טאניסט און הומאריסט, מ. עפראן, וואס האט אין „יידישן מארגן-זשורנאל" און אנדערע יידישע צייטונגען אין ניו-יארק דערציילט וועגן סלאנימער מענטשן און געשעענישן; דער ראמאניסט און פאלקלאר-זאמלער מרדכי מישקין; דער געוועזענער ס. ס. טוער פון סלאנים אפרים סוועטיצקי, וועלכער האט פאַרעפנטלעכט זכרונות פון די מלחמה-יארן 1914—1918 און נאך אנדערע. צו זיי דארף מען צורעכענען די פרוי לאה קובאוויצקי, וועמנס מעמוארן האבן זיך גע-דרוקט אין אמעריקע. (ז' די זכרונות פון ה' סוועטיצקי און פרוי קובאוויצקי אין דריטן באנד). און נתן אבראמס וועלכער האט געדיכטעט אין א פאלקסטימלעכן יידיש וועגן סלאנימער גאסן און געשטאלטן.

אין קאנאדע האבן מרדכי גינזבורג און דער ביטענער ישראל ראבינאוויטש אפט געשריבן אין „קענעדער אדלער" רעפארטאזש-סקיצן וועגן סלאנים און קרייז.

אין דרום-אמעריקע, האט אנ'איבערגעגעבענע גרופע לאנדסלייט אין בוענאס-איירעס, קאנצענטרירט ארום לייב מאוושאוויטש, יוסף ערושעוויטש, פייוול קאנצעפאלסקי און זייערע חברים, פארגעזעצט די „גאלדענע קייט" פון דער סלאנימער רעגיאנעלער שאפונג אויף די שפאלטן פון זייער יערליכן ביולעטין. די 26 נומערן וואס זיינען ערשיינען ביז איצט האבן א שלל מיט מאטעריאלן, אין גרויסן טייל גע-שריבן דורך דארטיקע לאנדסלייט, פון פארשיידענע זשאנ-רען: ערציילונגען, לידער, זכרונות, פאלקלאר, הומאר, סא-טירע. און אין באנטן צו זיי מאנטעווידעא האט דער דרוקער-ארבעטער בנימין סקודיצקי דערציילט אויף די שפאלטן פון דער דארטיקער פרעסע (און דערנאך אין בוך-פארם) זיינע רעמיניסצענצן פון דער אלטער היים אין פארם פון זכרונות און סקיצן.

און ווער וואלט זיך געקענט ריכטן אז איצט 35 יאר נאכן אומקום ווערט אריינגעשלאסן נאך א רינגעלע אין דערזעלבער „גאלדענער קייט" אין... איצטיקן יידנרייכעם סלאנים? — דאס איז דער פארדינסט פון נחום אלפערט, קינסטלער און דיכטער, וועלכער וווינט אין ווילנע, נאר באוויינט די אומגעקומענע היימשטאט אויף די חורבות גופא פון יידישן סלאנים, באזוכנדיק פון צייט צו צייט די מאסן-קברים אין טשעפעלאווע און פעטראלעוויטשע און אויסגיסנ-דיק זיין צובראכן הארץ אין רירנדע סטראפן, וועלכע גרוילן אויף דאס געמיט, ווי א געשריי פון „ממעמקים".

ווי מיר זעען, איז דער פארנעם פון דער סלאנימער רעגיאנעלער ליטעראטור א פיל-פארצווייגטער און שליסט-איין שריפטן, וועלכע ציהען זיך אויף א דויער פון הונדערט יאר און אויף א שטרעקע פון דריי קאנטינענטן. מען וואלט געדארפט האבן נאך א היבש-ביסל דיקע בענדער פון אונד-זער „פנקס"-פארמאט, כדי צונויפזאמלען זיי אונטער איין געמיינזאמען ליטעראַרישן דאך, אויף דער טעמע „דאס יידי-שע סלאנים".

נאר דיזעלבע טעמע האט געפונען אפטמאל א תיקון ניט נאר אין דער רעגיאנעלער שאפונג, וועלכע איז, אזוי צו זאגן, ווי א שטיף-טאכטער צו דער גרויסער נאציאנאלער צוויי-שפראכיקער ליטעראטור. אויך מייסטער און קינסטלער פון ווארט, לאנדסלייט און ניט-לאנדסלייט, וועלכע פארנע-מען אנ'ארט אין אונדזערע ליטעראטורן, האבן פון מאל צו מאל געשאפן אויף דערזעלבער טעמע.

בראש פון זיי שטייט, פארשטייט זיך, שלמה שיינ-בערג-לבדי מיט זיין טרילאגיע „שוועלן", אין וועלכער ער האט באזונגען זיין „פילנאוועע". (ז' די באזונדערע אפטיי-לונג וואס איז אים געווידמעט אין איצטיקן באנד). דער דיכטער מנחם באריישא האט אין זיין עפישער פאעמע „דער גייער" געגעבן אייניקע סלאנימער געשטאלטן. דער פון סלאנים-אפשטאמענדער בעלעטריסט נח לוריע, דער אמא-ליקער „בונד-פירער און איינער פון די אנגעזעענסטע יידיש-סאוועטישע דערציילער, האט געשעפט זיין אינספיראציע-יניקה אין די פארוואָרפענע פושטשעס ארום סלאנים מיט די יידישע וואלד-מענטשן, וועלכע ער האט מייסטערהאפט געשילדערט אין ראמאנען און ערציילונגען. דער אין זיין צייט בארימטער פעליעטאניסט און רעפארטער ז. וועגדראף האט אריינגענומען סלאנים אין זיינע רייזע-רעפארטאזשן. דער שילדערער פון די „יידישע נשמות" ליטווין, האט ניט דורכגעלאזן אזוינע טיפע און עכטע יידישע „נשמות", ווי אונדזערע ר' מרדכי'לי און דער „בייקיער בחור". צו די שאפונגען אין יידיש דארף צוגערעכנט ווערן דאס דיכטערי-שע ווערק פון יצחק רפאלי (ראפאלאווסקי), וועלכער ווידמעט זיין ליריק אויך דער אלטער היים און זיינע גאנטע, ליבע געשטאלטן. לייב ניידוס, דער מייסטער פון יידישן פערז, וועמנס דיכטערישע מוזע איז געווען אינספירירט דורך זיין סלאנימער כלה חיה גאזשאנסקי, ווידמעט איר א רייהע צארטע לירישע לידער.

ביי די העברעאישע שרייבער פון דער משכילישער תקופה, אחוץ די אויבנדערמאנטע לאנדסלייט זאבלאצקי, בעקנשטיין, גאבורין, לעווין, געפינען מיר סלאנים ביי בוקי בן יגלי (וועגן א סלאנימער סופר סת"ם), ביי נחום סאקאלאוו וועלכער פירט אריין א סלאנימער אין איינער פון זיינע ערציילונגען, ביי יכנה"ז אין זיינע רייזע-באשרייבונגען איבער ליטע און ווייסרוסלאנד, ביי דר. יצחק ווערניקאווסקי וואס באשרייבט דעם חסידישן הויף און ביי זיין פרוי מרים, וועלכע טיילט זיך מיט די לייענער פון זשורנאל „המגיד" מיט אירע זכרונות און יוגנט-איינדרוקן פון איר געבורטס-שטאט.

אין דער נייי-צייטיקער העברעאישער ליטעראטור האבן באזונדערע אספעקטן פון סלאנימער יידישן לעבן געדינט אלס איינע פון זייערע טעמען אין די שריפטן פון אייניקע אנגעזעענע פון סלאנים-אפשטאמיקע דיכטער און שרייבער. חיים לענסקי, פון די בולט'סטע רעפרעזענטאנטן פון דער מאדערנער העברעאישער ליריק און איז געווען הויך אפגע-שאצט דורך ביאליקן, האט באזונגען סלאנים; דערעטשין און אומגעגנט אין זיין פאעמע „ליטע" און אין א ציקל פרעכטי-קע לידער פול מיט בייגקשאפט צו זיין היימישער סביבה.

דער פאפולערער ביבליאגראף חייקל לונסקי האט צונויפגעזאמלט ביאגראפישע סקיצן וועגן א פאר הונדערט סלאנימער פערזענלעכקייטן פון אלע דורות, שיכטן און שטאנדן. דער פילזייטיקער עסייאיסט און ביאליקאלאג, אויטאר פון דער מאנומענטאלער ביאליק-אנטאלאגיע חיים ארלאן, געפינט אויך צייט פאר זיין געבורטשטאט אין לידער, סקיצן און זכרונות. דוד כהן, דער באקאנטער אין ישראל פאלקס-ערציילער פון חסידישע מעשיות, האט זיין ליטערארישע התלהבות מקדיש געווען אויסשליסלעך דעם סלאנימער חסידישן פאלקלאר, פון וועמנס שטאף ער האט אונויפהערליך געוועבט זיינע מעשיות און לעגענדעס. ביי דער זייט פון די פראמינענטע זאמלער פון חסידישער פאלקס-ליטעראטור ווי מארטין בובער, בערדיטשעווסקי, האראדעצקי, פארנעמט דוד כהן א חשוב'ן ארט, אלס זאמלער פון די מעשיות און מופתים פון סלאנימער „הויף". אויב די הלכה פון סלאנימער חסידישן צווייג איז צו געפינען אין די שריפטן פון זיין גרינדער, פון בעל „חסד לאברהם" און זיינע נאכפאלגער, — איז די אגדה פאראן אין די הונדערטער ערציילונגען און מעשה'לאך וואס פילן אן די ביכער פון דעם ניט-לאנג פארשטארבענעם דוד כהן.

---

נאך אזא אריינפיר מיט אזוי פיל דערמאנטע נעמען פון מחברים, ווערק, שאפונגען אויף דער טעמע „סלאנים", איז דער פאסיקסטער נאמען פון דער זאמלונג וואס מיר גיבן אין דער אפטיילונג: „א אנטאלאגיע אין מיניאטור". ס'איז ניטא קיין שום מעגליכקייט צו געבן אין אירע ענגע ראמען אפילו קליינע אויסגעוויילטע פראגמענטן פון אלע מחברים. מיר האבן דעריבער זיך געמוזט באנוגענען מיט א מינימום שבמינימום הן פון די אויסשליסלעך רעגיאנעלע און הן פון די אלגעמיינע שריפטן. מען דארף אבער ניט פארגעסן, אז די סלאנימער שאפונג איז פארטראטן אויך אין אנדערע אפטיילונגען פון פנקס, אין די זכרונות און פאלקלאר און, פארשטייט זיך, אין „מדור לבדי".

בנוגע דער סקיצע „לייזשע דער וואזשאק" פון נח לוריע איז כדאי צוצוגעבן, אז לייזשע קען אויסזען ווי א יוצא-דופן'דיקע געשטאלט אין דער טיפאלאגיע פון די יידישע דארפס-מענטשן פון סלאנימער געגענט. און דאך איז די שילדערונג פון לוריע באגרינדעט און רעאליסטיש. מען האט אזעלכע לייזשעס געקענט טרעפן אין די טיפענעשן פון די וועלדער ארום סלאנים. זיי זיינען געווען יוצא-דופן'דיק ניט נאר מיט זייער צוווארפנקייט איבער וועלדער און כוטארעס, אין קעגנזאץ צו די ישוב'ניקעס וועלכע האבן געלעבט אין דערפער אדער קרעטשמעס, נאר אויך מיט זייערע פרנסות. ניט קיין ארענדאטארן, ניט פאקטן-האלטער, ניט קרעטשמערס, — נאר וואזשאקעס, געהילץ-פירער וואס האבן באדינט די טארטאקן אדער געארבעט אין סמאלארניעס, און אזעלכע זיינען געווען ניט ווייניק, צוווארפענע איבער די געדיכטע וועלדער. נח לוריע האט גראד געקענט אט די אייגנארטיקע יידן פון וועלכע עס האט געשמעקט מיט שארפע ריחות פון סאסנע און סמאלע. ער איז געוואקסן אין אזא סביבה, ביי די סמאלארניעס וועלכע האבן געהערט צו זיין פאטער, איידער די משפחה פון ר' הערשל לוריע האט זיך באזעצט אין סלאנים.

צום סוף איז ווינטשנסווערט צו באהויפטן, אז דער אויסוואל און צוזאמענשטעל פון דער „אנטאלאגיע אין מיניאטור" איז א גאנץ צופעליקער, פריי פון וועלכע ס'איז פרעפערענצן, נאר מיט א דגש אויף כאראקטעריסטישע מוסטערן פון דער סלאנימער רעגיאנעלער שאפונג.

---

**מנחם באריישא**

# דער „גייער" אין סלאנים

## (פראגמענטן פון דער פאעמע „דער גייער")

1.

נח פארט לערנען אין דער סלאנימער ישיבה

א זומער וועט פארגרינען, א ווינטער איבערשנייען,
וועט מומע אויך פאר נח'ן א תפילין-זעקל נייען,
און ווי נאר דעם של-ראש איבערן שטערן אנגעמאסטן,
איז פטור פון דער יינגלשאפט און פטור פונם יתום.
גענוג ביים פעטער זיצן און אפ'עסן די הויט.
אומעטום איז תורה און וווּ תורה איז אויך ברויט.
און איבער יעדער הויז פון גאט איז דא א דאך,
און אונטער דאך א שטענדער, א גמרא און א תנ"ך.
די מומעס טענה'ן, בעטן. דער פעטער גלעט א פאה:
א מענטש איז א בר-דעת. וואס הייסט אים זאגן דעות?
האט מען געניייט, געלאטעט, געפרעגלט און געבאקן, —
געדארפט א גאנצן זאק אין וועג אים איינצופאקן,
און קוים פון עקשנ'ס מוח ארויסגעקלאפט דעם שטות,
צו שפאנען, ווי דער טאטע, מיטן זאק צופוס.

דער מומעס ברויט און לעקעך עסן זיך געשמאַק,
העלפן די פּאַרשוינען און גרינגער ווערט דער זאַק.
ביז ס׳וועט די פור אזוי קיין סלאנים זיך דערשלאגן
וועט שוין דאָס זעקל גרינג זיך אויף די פּלייצעס טראָגן
און ס׳וועט אַנ׳אָרעם־בחור נעמען מאַכן די הקפות
צו זוכן טעג צום עסן און א באַנק צו שלאָפן.

2.

נח „עסט טעג" אין סלאנים

עסערל גאָלד־פּאה׳דיקער!
דו אין דיינע אויגן
ביסט אַן אָרעם־בחור׳ל, א שלעפּער׳ל.
נאָר ביי די וואָס נעמען דיר צו זייער טיש
דאַרפסטו ווי די אורחים זיין ביי אברהם אבינו —
גאָט.
ווי־זשע זיינען זיי מקרב גאָט,
דיינע טעג־געבער, דיינע שפּייזער?

אביון רייסט ביי זיך פון ביסן אָפּ,
זעצט מיך לעבן זיך ביים טיש.
ווייב און קינדער ארום טיש,
נויט און דאגות אויפן טיש —
אָפן אלץ, אייגן אלץ, היימיש אַלץ
ארום טיש ביים אביון.

נגיד זעצט מיר אין דער קיך ביים טיש,
און די טיר אין שטוב צו זיך פאַרמאַכט ער.
איז נגידית׳טע גוטהאַרציק,
קומט זי קוקן ווי איך עס.
איז נגידית׳טע פאַרריסן —
שיינקט זי מיר דער דינסט אוועק,
מיך צו קאָרמענען,
מיר א גוטן טאָג צו זאָגן.

ווי־זשע בריינגסטו גאָט מיט זיך,
עסערל גאָלד־פּאה׳דיקער?
אין די קאַמערן פון אביונים,
אין די קיכן ביי משרתים.
און ווו גייט מען גאָט אנטקעגן?
אין די קאַמערן פון אביונים,
אין די קיכן ביי משרתים.
און אַז וועסט זיך לאָזן זוכן גאָט, —
ווו וועסטו אים זוכן צווישן מענטשן,
עסערל גאָלד־פּאה׳דיקער?
אין די קאַמערן פון אביונים,
אין די קיכן ביי משרתים.

3.

אין יאָרן אַרום ווערט נח א פּלעטער
און קומט פאַרקויפן פּלעטן אין סלאנים

קומט צופאָרן נח פּלעטער
אין אַן אסיען־טאָג אין סלאנים.
ווער איז אים מקבל פּנים?
רעגן־גוס אויף קלאַדקע־ברעטער
און א ייד ווי ער, א טרעטער,
מיט א שמאָלן גלעזער־קאַסטן.
הייסט עס — ביידע מעסטן גאַסן.
אפשר ווייס ער פון א בעטל? —
זאָגט דער ייד: „וואָס הייסט? אוודאי!
כ׳וועל צונויפנעמען מיין סטאַדע
און אייך אָפּגעבן דעם אלקער,
וועט איר לעבן ווי א מלכה
מיט א טיר און א מזוזה
ווי ביי גאָט הינטער׳ן בוזעם..." —

סטאַדע, מלכה און גאָט׳ס בוזעם
און א טיר מיט א מזוזה —
וואָס איז דאָס פאַר א דיבורים?
קוקט שוין נח: א ברוינע צורה,
האַלדז פון אויסגעקלאַפּטן קופּער
און א הויט ווי האַרטע שופּן.
און ער פּילדערט: — „מאַרש, געגאַנגען!
ס׳איז א שאָס בלויז צו דערלאַנגען
דאַ פון מאַרק, ביז צו מיין כאַטע,
און איר׳ט זען די גאַנצע טשאַטע..." —

שטוב מיט קינדער, קליין און קלענער,
און א שיקסל מיט א צעפּל
פאַרעט זיך ארום א טעפּל
און לייגט אונטער קין און שפּענער.
רעט צו איר ער ווי אַנ׳ערל:
— „הער זיך אויף דערביי צו פאַרען,
גיב א לאַף אין קרעמל בעסער
און לאָז מיר שוין מאַכן עסן." —
און דערווייל אויף דער פּאַדלאָגע
טוט ער זיך א לאָז ארונטער,
נעמען אים די קינדער יאָגן,
שפּרינגט ער אונטער, הירזשעט אונטער,
נעמט ער קאַזשעלקעס גאָר מאַכן,
און די קינדער הילכן, לאַכן,
פון דעם טאַטן, אַט דעם פערד,
ווי ער קאַלערט זיך אויף דר׳ערד.
קומט דאָס שיקסל אָן פון קרעמל,
הייסט ער איר די קינדער נעמען,
זעצט ער זיך קאַרטאָפל שיילן,
בראָקן קרויטלעך און דערציילן:
— „אַז מען גייט אין פּאַניעס חדר
פינף און דרייסיק יאָר כסדר,
קען מען נייען, קען מען קאָכן,
קען מען יעדער מין מלאכה". —
שיילט ער, בראָקט און מישט דעם טאָפּ,
קריכט מיט הוילע הענט אין פּליטע,
און דער גאַסט א צוגעשמידטער
רייסט פון אים אַנ׳אויג נישט אָפּ.

שפעט אין אונט קומט דאס ווייבל,
א געשטופלטע, א דארע,
לויכטן זיינע אויגן: „טייבל!" —
און ער מאכט פאר איר א ווארע,
ווי א קנעכט פאר א פרינצעסין,
און באדינט זי מיט'ן עסן
און פארלויבט זי: — „אַט א כוואַט!
איך — שוין אויסגעדינט סאַלדאַט
און זי קוים געווארן דרייסיק,
און ווי ס'טוט זיך ביי איר פלייסיק:
זיבן יאר ערשט נאך דער חופה,
קינדער שוין א גאנצע קופע
און איז ווידער אויף דער צייט..." —
קוקט דאס ווייבל פון א זייט
און זי בורטשעט: — „נו, אבראשע,
בעסער עס דיין באַרשט מיט קאשע!" —

אנגעגעסן זיך צו־זאַט
און צעלייגט זיך אין די בעטן,
נאר אַבראשע דעם סאלדאט
ציט ווי א מאַגנעט צום פלעטער:
— „עך, ר' ייד, וואס קענט איר וויסן
וואס עס האט פארזוכט נאש בראַט!
ווער עס האַט א האנט געהאט
האט געקאטעוועט, געריסן,
איז די הויט געווארן הארט
ווי א טרוקענע פאַדעשווע,
נאר אין הארצן דא דעם זשאר —
דאס — זיי נישט געקענט פארלעשן"... —

נח ליגט א האלבע נאכט
און ער קען קיין אויג נישט צוטאן,
מיד דער קאָפּ, נאר עפעס וואכט
אין די אויפגעברויזטע בלוטן,
און דער מוח לערנט פשט
אין אבראשע דעם סאַלדאַט.
אינדערפרי צוזאמען שפאנט מען:
איבער גאסן אלט־באקאנטע
גייט דער אורח פלעטן קלייבן,
און מיט הויכן קאסטן גלאָז
גייט ארויס דער באלעבאס
זוכן אויסגעהאקטע שויבן.

אויפדערנאכט ביים קומען זיצט מען
און עס שפארט מיט רייד א שלל:
פון א הינקעדיקער פריצטע
און א היים אין חזיר־שטאַל,
פון א גלח מיט א צלם,
און פון נעכט אויף א בית־עולם,
און פון הונגער און פון שרעק,
ביז א שפיר־הונט אים דערשמעקט,
און מען שלעפט אים ווי א פגר
צו דעם חזיר־מיסט געלעגער.
הייגנט פון זיינע רייד א כמארע,
בעט דאס ווייב: „אבראשע, גוט שוין!" —
זאגט ער: „נו, און ביי דעם פרעה
האט מען יידן נישט געמוטשעט?" —
און א שפרונג פון דארף און חזיר
צו די הויכן, די קאווקאזער,
און ער שפאנט מיט קאראאולן
איבער שטייניקע אַאולן,
און א פאסטעך מיט א ניגון
פירט אין בערג א סטאַדע ציגן,
און א מולא פון מעטשעט
רופט דעם עולם צום געבעט,
און א מיידל גייט צום ברונעם. —
זינגט אבראשע די ניגונים
און פארציקלט זיך, פארגייט זיך,
און ביים אורח צוקט דער רוקן
און עס ציטערן אים פסוקים
פון א נאנטן „מן־המיצר".

נאך אנ'אונט ארום קומען,
ביז דאס לעמפל ווערט פארלאשן,
בינדט זיך אויף ביים גאסט דאס לשון
און ער רעדט: פון גריך און רוימער,
פון דעם אלטן מתתיהו,
פון מלחמות און נצחונות,
פון מפלה און הכנעה,
צו דער אויבערהאנט דעם שונא'ס,
און ווי ייד און גוי אן חילוק
האט געגלויבט דעם אלטן הלל,
און ווי ווונדערלעכע ליבע
האט דערהויבן ר' עקיבא'ן.
אורח רעט און שטוב־לייט הערן
און דאס ווייבל שלינגט די טרערן.
מארגן גיסט זי אן זיין שיסל
ביז די ברעגעס, און וויל וויסן
ווי עס גייט אים אין די קראמען,
און ווי הייסט זיין ווייב ביים נאמען,
וויפל קינדער קיין עין־הרע,
און צו קען ער עפעס שפּארן?
נח שעמט זיך נישט און ענטפערט;
ווערן אפן לייד און זארגן.
ווערט מען היימישער און נענטער
יעדן אוונט און פרימארגן.

וויפל גאסן האט דען סלאנים,
און ווי לאנג קען מען זיי טרעטן?
אז מען האלט שוין מיט די פלעטן
ביי די הייזער פון קבצנים,
איז דער טייטש: ס'איז אויס מיט סלאנים!
פאַדעט קרעכצנדיק אבראשע:
— „עך, ר' נח, דאַליאַ נאַשאַ!

„אַט דערקענט און שווין זיך שיידן!" —
און דאס ווייבל שטייט און בעט:
— „גיין איז קיינמאל נישט צו שפּעט,
בלייבט מיט אונז א טאג, א צווייטן!" —
רייסט ביים הארצן די בקשה:
— „אבער צייט, פּרנסה, דוואשע!" —
טענה'ט טייבל: — „כ'וועל פון קרעמל
איינפּאקן א פּאק מיט שפּייז,
מעל און צוקער, באב און רייז. —
דארפן גוטע פריינט זיך שעמען? —
ווען זיין צייט נישט גיין לאיבוד". —

טייבל רעט און רעט אים איבער.
נאר ביינאכט איבער'ן טיש
הייגט א מאדנע שטומעניש,
ווי דער מארגן וואס דארף קומען
וואלט דאס לשון צוגענומען.
אינדערפרי צוזאמען גייט מען
נח'ן צום פור באגלייטן,
און די צונג איז ווי געשמידט
ביז די רעדער רירן ניט.

———

אויפדערנאכט אליין ביים קוימען
זיצן ביידע ווי יתומים.
און דער פלעטער ביי א וועטשערע
אין א פרעמדער קאלטער קרעטשמע
זעט א מיידל ביי א ברונעם,
הערט צעציקלטע ניגונים,
און מיט ווארעמקייט פארפלייצן
רייד פון ווייטן „מן-המיצר".

נח לוריע

# לייזשע דער וואזשאק פון סמאלארניע

## (פראגמענט פון דער דערציילונג „אין א העק")

אין איינעם פון די סלאנימער וועלדער האט געלעבט דער געהילך־פירער לייזער, אדער ווי מען האט אים גערופן אין יענער געגנט — לייזשע דער וואזשאק. זיין נידעריקע שטוב מיט דער צוגעבויטער שטאל איז געשטאנען אפּגערוקט פון דארף און פון באן, אין א קליינעם אפּענעם פּאס צווישן בוימער. אין די נעכט־פארלאשן די פענסטערלאך, צוגעפלעשטשעט און טונקל, קוים אנצוזען. ווינטער — העכער ווי האלב פארזונקען אין אנגעווייעטע הורבעס שניי, שטענדיק שטיל.

לייזשע איז אפט אין דערהיים ניט געווען, פארנומען אויף ווייטער וואזקע. מלכה זיין ווייב איז דענסטמאל גאנצע וואכן געזעסן אליין אין וואלד, א קליינינקע, א צוגעשלאגענע, אין די אונטן אפט אָן גאזע, אָן ליכט, א געפּלעטע פון פינסטערנעש ווי א הון, האט זי שטיל, אָן קרעכץ, מיט אירע שוואכע כוחות זיך געפּארעט ארום דער ארעמער ווירטשאפט. און אלעמאל געבליבן הינטערשטעליק, אָן אנגעהאקט האלץ פארן אויוון, אָן סעטשקע צו פארמישן פאר דער בהמה. אין שטוב איבווייניק — די סטעליע, די ווענט זיינען ניט געווייסט; דער ליימענער פּאָל צוגריבערט; פון דעם אויוון מיט די ניט ארומגעזעענע ליוכטעס גייט שטענדיק א רויך.

זייער הויך, גראד אויסגעגלייכט, אנגעטאן אין א פארשמאלצעוועטן שעפּסן-פּעלץ אדער אין א סערמיגע ארומגעבונדן מיט א גארטל; דער פּנים און די הענט אין ברוינע פלעקן; קאפּ און בארד רויט באוואקסן און פארשטויבט פון וועג, — אזא איז לייזשע דער וואזשאק.

דער וועג איז שטארק צוקלאפּט און גייט בארג ארויף. דער פלייסיקער הארעפּאשנער פערד ציט שווער די לאדונג, סאפּעט, מאכט מיט די זייטן און ארבעט ערלעך. לייזשע גייט ביי דער זייט, טשמאָקעט און לאזט ניט אראפּ קיין אויג פון פערד. אנטקעגן פון דער הויך לאזט זיך אראפּ א שיינע ווייס-גרויע געפּלעגטע שקאָפּע, געשפּאנט צו א לייכטער בלישטשענדיקער קאליאסקע. לייזשע דערקענט דעם פּאַסאזשיר פונדערווייטנס, ס'איז דער אוריאדניק. ער איז יונג און ראז, טראגט קליינע שווארצע וואנציקלאך און זייגע גלאנציקע אויגן פון אונטערן דאשעק קוקן שארף מיט א ניט־גוטן שמייכעלע. ער האלט אנגעצויגן די לייצעס און פירט גלייך מיטן וועג, קלייבט זיך אפילו ניט אפּקירעווען.

ביז אונטערן גארגל דערגייט לייזשען די עוולה און די פיין. ער גיט א שמיר די היטל מיט דער דלאניע הינטן ארום, רוקט זי אן טיפער אויפן שטערן אז מען קען ניט וויסן, צו ער נעמט די היטל א זוי־ארום אראפּ פאר דער מאכט, אדער ער פאריכט זי אויפן קאפּ; ער גיט א שטופּ דעם פערד הארט אין א זייט, א שפּאר דערביי דעם וואגן מיט דער גאנצער קראפט פון זיין פּלייצע, אז די ראָד רייסט ארויס א שטיק ערד. נאכדעם נעמט ער לייגן אין פערד אריין ביטערע בייטשן, צעשפּרייט זיך און צושילט זיך, און שמייסט מיטן בייטש נאך און נאך.

ער האט א גאנצע וואך געשלעפּט קארטשעס צו דער סמאלארניע. איצט איז פרייטיק, האט ער געמאכט מיט איין גאנג וויניקער און איז אריין נאך'ן שכר. אריין אין דער קיך פון סמאליערס הויז און זיך אפּגעשטעלט באלד נאך דעם שוועל מיט זיין הויך וואס בייגט זיך ניט. דער סמאליער האט ערשט איבערגעכאפּט פון די ערב-שבת'דיקע מאכלים, גענומען דערביי א גוט ביסל ווישניאק, און פּרוּווט דעם קול אויף א זיס שטיקעלע חזניש. ער היילט ארויסצוגיין. לייזשע ווערט אומגעדולדיק, מאכט א טראט צו דער טיר און טוט אזאג אין צימער אריין:

— „איך דארף געלט“. —

ער האט גערעדט הארט אויף דער רייש.

— „הו, דאררף געלט“, — קרימט אים איבער דער סמאליער. ער איז א מיטלוווקסיק יידל מיט א זיס שמייכעלע, מיט צוויי ארויסשטארטשנדיקע בינטלאך האר פון די נאזלעכער: — „דארף געלט, ווי א גוי, וואסי? ס׳וועט ביי מיר פארפאלן ווערן אייער געלט?“ —

אהיים קומט לייזשע א בייזער, א צורייצטער. מלכה לויפט אים ארויס אנטקעגן דערשראקן און שולדיק, שטאמלענדיק, באלד ווי זי דערזעט אים דורך׳ן פענסטערל. גיט געביטן זיך מיט א ווארט, ניט געפרעגט וואס און ווי איז געוועז מיט אים דארט, מיט איר דא, — נעמט זי ארומהאלזן ארום דעם שפאן, אים צוהעלפן, — און ער רייסט ביי איר פון די הענט און דוגערט:

— „וו לייגסטו דעם כאמעט? גיי ווארף אראפ היי! וואס דרייסטו זיך?“ —

און זי לויפט א צוטומלטע אהער און אהין, טוט אומעטום עפעס ניט אזוי ווי מען דארף. — ביז ער דערלאנגט איר א שטופ אפ. דענסטמאל טראגט זי זיך אַפּ אַ פארשעמטע, א דערשלאגענע צוריק אין שטוב אריין, צו פארענדיקן גרייטן דעם שבת מיט וועלכן זי האט, זיך, ווי געזויינלעך, שטארק פארשפעטיקט.

נאר אז לייזשע דערזעט באדזשען, דעם זון זיינעם, — ווייזט זיך אים א ליכטיקייט אויפן פנים. דער יינגל האט באמערקט דעם טאטנס אנקומען און לויפט צו אים פון די ערטער. וו ער האט זיך געגראבלט און געמייסטרעוועט. לייזשע טוט אים א נעם מיט די הענט אונטער די פאכוועס, הייבט אים אויף ביז פארן פנים, האלט אים אזוי א צייט אפגערוקט — און זיי קוקן זיך אָן און שמייכלען איינער צום אנדערן. דער יינגל איז געזונט און געראטן. ער האט דער מאמעס שווארצע אייגן, נאר קיין טריאפן טרויער איז ניטא אין זיי. זיי זיינען אפן און פול מיט לעבן. דער קליינער נעמט די בייטש, פאסעוועט, פייפט און קנאקט מיט איר אין דערלופטן, — און דער טאטע שטייט און קוועלט.

---

**חיים לנסקי**

# היתה עיירה...

אָנָא יְלָדִים, הַבַּיְתָה!
כְּבָר הִתְחִילוּ בָּאֲוִיר לָשׁוּט
חוּט וָחוּט — קוּרֵי שַׁלְהֵי דְקַיְטָא.
שָׁם אִתָּם קוֹל־אֵם אִלֵּם, מָרוּד:
— אָנָא, יְלָדִים, הַבַּיְתָה!

צַר עָלַיִךְ, עֲיָרָה גּוֹסֶסֶת!
יְלָדִים הָיוּ — אַיָּם? מִי הֵם?
לְוַאי גַּם בָּאוּ לֹא לְשַׁמֵּךְ — לָרֶשֶׁת...
עַד לִבְכּוֹת חֲבָל עָלַיִךְ, אֵם —
עֲיָרָה גּוֹסֶסֶת!

בְּנֹגַהּ הַחַמָּה הַמִּסְתַּלֶּקֶת,
לְאֹרֶךְ הַשְּׂדֵרָה הָעֲגוּמָה
מִתְהַלֵּךְ הַסְּתָו. מַדְלֶקֶת
תִּדְהָרִים כְּנֵרוֹת־נְשָׁמָה
הַחַמָּה הַמִּסְתַּלֶּקֶת.

לִמְרַאֲשׁוֹת הָעֲיָרָה לַנַּחַל
עֲרָבָה שְׁלֻחָה בַּדִּים לִפְרֹק;
מְנַקֶּרֶת גִּזְעָהּ הִיא נֶאֱנַחַת
וְלוֹחֶשֶׁת מֵעֲבַר־יַבֹּק
לִמְרַאֲשׁוֹת הָעֲיָרָה לַנַּחַל.

עֲיָרָה הָיְתָה... הָיְתָה וְאֵינֶנָּה.
רוּחַ יַעֲבוֹר בַּכַּר בַּלָּאט,
יְתַלֵּשׁ חָצִיר יָבֵשׁ וְיִזְרְקֶנּוּ
אַחַר גֵּוּ כִּלְאַחַר־יָד — —
עֲיָרָה הָיְתָה וְאֵינֶנָּה.

גיטל מישקובסקי

# אמא

בִּנְשִׁיבַת עֲרִירוּת רְחוֹקָה, הַשָּׁתָה עַל חַיַּי עַד מַחֲנָק,
צָנוּף שְׁחוֹר בִּגְדֶיהָ הַזָּע, כְּשׁוֹבֶל שֶׁל שְׁכוֹל לֹא־שָׁכוּחַ.
הִלּוּכָהּ חֲרִישִׁי וְגַלְמוּד, — כְּתֶם יַתְמוּת לֹא נִמְחַק, —
לִי נִדְמֶה: בֶּחָלָל עוֹד טָבוּעַ...

זְרִיחוֹת וּשְׁקִיעוֹת רְחוֹקוֹת, רְחוֹבוֹת וְאַבְנֵי מִדְרָכָה,
הַאֲצַלְתֶּם לִיטּוּף יְחִידִי, מַשַּׁב נוֹחַם קָלִיל וּמַרְגִּיעַ,
לְמִפְסַע כַּף רַגְלָהּ הַנְּגוּפָה, הָרְדוּפָה וּשְׁדוּדַת־מְנוּחָה,
לְלִבָּהּ הַנִּיחָר מֵאַהֲבָה, לְמַבָּטָהּ הַמְּדוּכְדָּךְ מִלְּהַבִּיעַ?

עִם סַלָּהּ הָרֵיקָן בְּיָדָהּ מִתְנוֹדֵד בְּעֶלְבּוֹן אֵין־אוֹנִים,
בִּגְאוֹת יוֹם הַשּׁוּק לְשַׁבָּת וְהִיא עֲרִירִית מִשְׂתָּרֶכֶת
בֵּין רַבּוֹת עֲמוּסוֹת הַסַּלִּים. כָּל פְּסִיעָה — נְגִינַת יְגוֹנִים, —
עוֹד הַיּוֹם בְּעוֹרְקַי מְפַכְפֶּכֶת.

אֲכַבֶּה מֶרְחַבִּים בִּכְאֵבִי, אֲהַסֶּה אֶת יַרְקוּת מִזְמוֹרָם.
שׁוּב הָעִיר וְהָרְחוֹב הָרְחוֹקִים וּדְמוּתָהּ, זוּ דְּמוּתָהּ הַמְּשָׂרֶכֶת,
הַשְּׁכוֹל בְּצַעֲדָהּ וְסַלָּהּ מִתְנוֹדֵד רֵיקָנִי וְנִכְלָם
חָרַק רְצוּעָה סְמוּקַת־דָּם בְּעִקְּבוֹת פְּעָמֶיהָ נִמְשֶׁכֶת...

שלמה אייזנברג

# „ביקוד סלעים"

## ספר שיריה של גיטל מישקובסקי

במרומי הגליל המערבי, בקיבוץ אילון על גבול לבנון, מתגוררת בצנעה, ללא פרסומת, המשוררת גיטל מישקובסקי, אשר על ספר שיריה „ביקוד סלעים", קבלה את פרס חולון. היא עובדת עם העובדים ונוטה שכם ככל אחד, אך לעת ערב ובימי מנוחה, היא חורזת את פניני שיריה הנפלאים. את גיטל אני מכיר משחר ילדותה. עוד בהיותה רכה בשנים, פרסמה שירים רבים, בעתונות הנוער של א"י העובדת בוורשה. תחילה ב„המצפה" וכשבגרה — ב„השומר הצעיר", בו פרסמה רשימות ואת השיר על ברנר. לא במקרה, היא מקדישה אחד ממיטב שיריה לי. ח. ברנר, כי יש הרבה מן המשותף לשניהם. הן בגורל חייהם הטרגיים והן ביצירתם, אשר באים בה לידי ביטוי עליון, הכאב האישי וצער העולם. שיר אחד מהימים ההם נחרת בזכרוני.

בשיר זה, היא מתארת אנשים שונים, עומדים יחד בבית תפילה ומתפללים לאל אחד. אולם, בגמר תפילתם, דרכיהם נפרדות. העני הולך לקראת יום של מחסור ועמל קשה ואילו העשיר, מוכנים לו כבר חיים קלים מלאי תענוגות.

בשבועון „בדרך" שהופיע בורשה, בעריכת א. ל. יעקובוביץ', — אשר במשך הופעתו הקצרה יחסית, הכניס שמחה וחמימות, בלב מבוגרים ונוער, חובבי עברית, בגלות פולין הזועמת והקרה — פרסמה גיטל את השיר „פרחים". לדבריה, הם סמל הלימודים והנעורים שנשללו ממנה באכזריות כה רבה. עקב המחסור בבית, נאלצה לעזוב את ספסל הלימודים, לפני הזמן ולעסוק בהוראה פרטית. וכה היא שרה נוגות.

„ובגני הזרים הפרחים יפרחו,
אני עומדה מאחורי הגדרות בדמי
גם לי היו פרחים... ואיה אתם פרחי
הפרחים שלי?"

גיטל, היא בין המשוררים המעטים, שהעיזו להתמודד עם הנושא הקשה ששמו: אבא, אמא, אח. אני, שהכרתים מקרוב, יודע באיזה כשרון וריאליזם היא הטיבה לתארם.

בשיריה קנתה את עולמה ורבו מעריציה. היתה מקובלת על יהדות סלוניס, עיר ואם בישראל.

גיטל, היא משוררת הצער, הכאב והמצוקה. בזמן שהיא כותבת על נושאים אלה, הרי הם לא פרי דמיונה גרידא, אלא אמת אכזרות ומציאות יום-יומית. היא הרגישה כל אלה על בשרה ממש, במשך כל ימי נעוריה. כי הצער, הכאב והרעב, היו אורחים קבועים בבית אביה התלמיד חכם, אשר יגון־עולמים היה נסוך על פניו החוורים ואשר על פי רוב, לא הצליח להביא טרף לביתו. את המציאות הקודרת בבית, היא מתארת בשיר „אבא":

„והשכול מבגדיך נשב, עריריות אנושית ויתמות
שנצח תתבע שלומים! בהשעין את ראשך, על
כפיך,
בחזור וידיך ריקות ובבית קרה ועזובות
ורעבים וקופאים ילדיך"

(ע׳ 26)

שונה היא גיטל בחיים, מאשר בשירה. בעוד שבחיים אנו מכירים אותה כצנועה, שקטה ומהורהרת, אחת מאותם ענוי־עולם, הנושאים את סבלם בדומיה ואינם באים בטרוניה על עולמו של הקב"ה, ברואיו וסדריו — הרי בשירה אינה משלימה עם הכל, קובלת ומתריסה בפני אלה שהכאיבו לה ואכזבו אותה.

רבים שפכו דמי — והם אחים.
רבות בכיתי ועד-צאת נפשי מכאב,
עלי בגידות, שקדשי פצעו. (עמ׳ 71—73)

נשי העיר יוצאות לשוק, לקנות צרכי שבת, חוזרות עמוסות סלים, מלאים כל טוב. רק אמא של גיטל, שארנקה ריק מפרוטה, חוזרת הביתה מדוכדכת ונכלמת „בסלה הריקן בידה". את כאבה על עלבונה של אמא, היא מביעה בשיר „אמא":

„בסלה הריקן בידה, מתנודד בעלבון אין אונים,
בגאות יום-השוק לשבת, והיא עריריות משתרכת,
בין רבות, עמוסות הסלים. כל פסיעה —
נגינת יגונים,
עוד היום, בעורקי מפכפכת..." (ע׳ 24)

נוף הגליל ההררי, נורא ההוד, מקום שאוותה למושב לה — השפיע לא במעט על שירי הטבע שלה שכתבה בארץ: „משירי נוף הגליל", „מול רכס הרי ארבין", „משירי האביב" ועוד. בשנת תרצ"ט היא עולה ארצה באניה „קולורדו". את חוויותיה בנסיעה ורגשותיה ותפיסת האניה בידי האנגלים, היא מתארת ברגש רב ובצבעים עזים בשירים: „בדרך", „מול החוף", ו„במחנה ההסגר". ראוי ספר שיריה להמצא בכל בית, כי הם מדברים אל לב כל אדם, באשר הוא אדם.

אכן לשארית הפליטה של יהודי סלוניס, יש יסוד להתגאות בשני המשוררים שהוציאו מקרבם: גיטל מישקובסקי וחיים לנסקי.

גיטל מישקובסקי, ביקוד סלעים; שירים. מרחביה, ספרית פועלים, 1956. 198 ע׳.

---

קלמן ליכטענשטיין

# צו מיין געבורט-שטאָט

## אַ געזעגענונג

איך זעגן דיר, מיין היימיש שטאָט,
מיין וויגעלע באַשערט פון גאָט!
צו דיר ברויזט אויף מיין סענטימענט,
אַ שטאָט, וווּ לעבן כ׳האָב דערקענט!
צו דיר פליסט מיין געפיל אָן צוים...
איך זעגן דיר, מיין שיינער טרוים!
כ׳האָב ליב דיר, שטעטל, ווי דו ביסט:
כ׳געפין פּאָעזיע אין דיין מיסט...

מיין שטעטל אָרעם אָבער שיינס,
דו ביסט ביי מיר אַנ׳איינציק-איינס...
און מעגסטו זיין ווי גרוי און פלאַך, —
פאַרבייטן וועט דיר ניט קיין כרך...
כ׳האָב ליב די געסלאַך דיינע קרום,
די כאַטעס אַלטע מיט אַ מום.
כ׳האָב ליב דעם מאַרק-טאָג אויפ׳ן „פלאַץ",
און יורדזיקעס מיט חברה ז"ץ;

דעם שול-הויף פרייטיק אויפדערנאַכט,
ווען שבת קומט אין שקיעה־פּראַכט...
די אָרעמע הייזלאַך אויפ׳ן „בּרעג״,
די „רויטע קרעטשמע״ האַרט בּיים וועג.
און יידן פּשוט׳ע כ׳האָב ליב
מיט זייער קליינינקן בּאַטריב...

אין שטילער בּין-השמשות־שעה,
ווי כ׳גאָר נאָך דיינע שאָטנס דאָ,
וואָס טריפן אַזאַ זיסן וויי!
דאַן אין בּית-המדרש שטיל איך גיי
אריין, ווו „אָמן״ איך בּאַנעם
אין זיסן שמערץ און צאַרטן קלעם...
ווי כ׳פריי מיך, בּלאַנדזשענדיק אַזאַרט
אין די זאַאולקעס, אונערוואַרט
דערזען, ווי פון אַ ווינקל־זייט
דער האָריזאָנט צושטראַלט זיך ווייט,
ווו ס׳גרינט דער וואַלד־פּאַס ווייט און ראָז
און רופט צו שאָטן, בּוים און גראָז...
כ׳האָב ליב צו וואַנדערן אַן ציל
אין דיינע פעלדער, ווו אין שטיל
כ׳בּאַנעם די קלאַנגען פון אַרום!
דער וועלדל רופט כסדר: קום!
קום טוליע־זיך! — און זאָגט מיר צו:
געפינסט דאָ פרידן, גליק און רו...

פון יעדן בּוים און בּאַרג און טאָל
פון עבר וויגט מיר איין דער קול...
אָט גיי איך דאָרט צו דער אַליי,
ווו היימישער מיר ווינקט שאָסיי.
דאָרט אויפ׳ן לאַנגן הויכן בּריק,
ווי זעטיקן כ׳האָב ליב מיין בּליק
אין לבנה נעכט! אין צאַרטן גנאָד
פול כישוף וועבט די שטאָט איר סוד,
און פונקט אַנטקעגן פילט זיך קוים
פאַרנעבּלט סודות׳דיקער רוים,
ווו ס׳שווימען שטאָר ארויס פון טאָל
פאַרגאַנגענע שאָטנס פון אַמאָל, —
און ס׳וויהעט דאָרט מיט טיפן אַנגסט,
און בּיינקסט און ווייסט ניט וואָס פאַרלאַנגסט...
ווי ליב איך האָב צו גיין אַרוף,
אהין, אהין, ווו ס׳טראָגט דער רוף
פון אייביקייט זיך אין דעם פעלד,
ווו טויט צעלייגט האָט זיין געצעלט,
ווו צווישן בּערגלאַך ערד און ליים
געפונען האָט זיין לעצטע היים
מיין עלטער-עלטער־זיידע נאָך,
בּאַשיצט מיט ווילדן זאַנפטן מאָך...

פאַרצייה מיך, שטעטל, אויב געהיים, —
אויף דיר, מיין וויגעלע, מיין היים
אין שטילן אומעט און בּאַגער
כ׳לאָז פאַלן דאָ דיסקרעט אַ טרער...
איך וויים: אין האַרטער שטריינגער וועלט, —
קיין סענטימענט, נאָר בּלויזע קעלט;
און אין אַ חלל גראָהיק-ראָי
ווערט שנעל ס׳געפיל פאַרבּרענט, ווי שטרוי.
נו, יאָ, און דאָך... פאַרשטיי... ס׳איז שווער,
ווען סקייקלט זיך אַ טרער נאָך טרער...

אין בּענקשאַפטס־וויי, מיין יוגנט־וועג,
פאַרשווינדסט אין ריי פון מיינע טעג...
שוין זע איך די קאָנטורן גראָ
אין איצטיקער געזעגנונגס-שעה...
פאַרשווינדסט, מיין שטעטל... כ׳זע דיר קוים...
איך זעגן דיר, מיין שיינער טרוים!

סלאָנים, דעצעמבּער 1933

*) באמערקונג פון מחבר:

דאס ליד „צו מיין געבורטס־שטאט״ האב איך געשריבן אין סלאָנים ענדע 1933, ערב מיין עולה־זיין קיין ארץ־ישראל, און ס׳איז טאקע געווען ממש א געזעגנונג פון דער שטאט. דאס ליד האב איך פארגעלעזן אויף אנ׳אפשיידס־באנקעט, וואס די רעדאקציע פון „סלאנימער ווארט״ האט מיר איינגעארדנט, אלס לאנגיאריקן רעדאקטאר פון דער צייטונג. (א בילד פון די אנטיילנעמער אין באנקעט געפינט זיך אין „פנקס־סלאנים״, באנד 1, אין אלבאם ז׳ 75). דאס ליד איז נאכהער פארעפנטליכט געווארן אין „סלאנימער ווארט״, נומער 1 פון 1934.

פאַרשטייט זיך, טראגט נאך דאס ליד דעם אידילישן שטעמפל פון די רוהיקע פאר׳ן־חורבן־יארן, און שטייט אבסאלוט נישט אין פאַרהעלטעניש צו אונדזערע איצטיקע געפילן, ווען סלאנים איז שוין געווארן אנ׳אבסטראקטער און היסטארישער באגריף. מען דארף באטראכטן דאס ליד, ווי א טעקסט וואס קען דינען אלס דאקומענט פון זיין צייט, און איך האף אז די לייענער וועלן אויך אינטערפרעטירן דאס ליד אין זעלבן גייסט, נעמליך, ווי אַ ריין־ליטערארישן דאקומענט וועגן סלאנים און וועגן אונדזערע געפילן מיט 45 יאר צוריק.

לייב ניידוס

# צו דיר

(לידער געווידמעט זיין כלה חיה גאזשאנסקי פון סלאנים)

1

אַ בריוו האָב איך היינט פון מיין ליבסטער באַקומען.
אין גרינעם, אין דופטיקן טאָל
האָב איך אים געלייענט פאַר קליינינקע בלומען,
געלייענט אים הויך אויפן קול.

געהאָרכט האָבן גראָזן, באַצירטע מיט טרערן,
דער הימל, דאָס טייכל, די בין,
און ווינטעלעך זיינען געקומען מיך הערן,
געוויגט זיך אַהער און אַהין.

עס האָבן די פייגל אַרום זיך פאַרקליבן,
געגעבן זיך אַלע אַ שאָט,
און האָבן געזונגען: „ווי גוט איז צו ליבן!
די ליבע איז אייביק ווי גאָט...״

און איך האָב דעם בריוו אַלץ אַנטציקטער געלעזן,
די זון האָט געשטראַלט אין מיין בליק;
און ס׳האָבן מיך אַלע מקנא געוועזן,
מקנא געוועזן מיין גליק...

2

אין איינזאַמע פאַרנאַכטן,
ווען כ׳זיץ אין ווינקל טיף,
דאַן האָב איך ליב צו טראַכטן
און לעזן דיינע בריוו.

די ליבע־בריוו פאַרהילן
אין זיך אַ רייך פאַרמעג;
דאָ — העלע, ווי דיין ווילן,
דאָ — טריבע, ווי דיין וועג...

און שטרענגע, ווי דיין אומשולד,
און גוטע, ווי דיין בליק,
דאָ — לאַנגע, ווי דאָס ליידן,
דאָ — קורצע, ווי דאָס גליק...

איך לעז ביים שיין פון לעמפּל,
און ס׳שלייכט זיך דורך צו מיר
אַ הייליקייט פון טעמפּל
דורך אַ געהיימער טיר.

פאַרשעמט פון מיינע טרערן
שטיל בלייבט זי אין דער מיט;
עס דאַכט — זי וויל ניט שטערן
מיין שמערצלעכן געמיט.

און אַלע שאָטנס שטייען
פאַרגליווערט אויף די ווענט,
און בענטשן מיינע ווייען
מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

און בריוו נאָך בריוו דערשיינען,
און שווינדלען פאַר מיין בליק,
דאָ — לאַנגע, ווי די פּיינען,
דאָ — קורצע, ווי דאָס גליק...

3

איך האָב ליב דיין פאַרחלומטע צניעות,
וואָס דו האָסט, מיין געליבטע, באַקומען
פון די הונדערטער דורות בירושה;
נעם מיין האַרץ און פאַרוויג אויף די קני עס,
זאָל עס רוען אין ראַזיקע בלומען
פון דיין צערטלעכער מיידלשער בושה...

אָך, צו־אָפט איז מיין האַרץ שוין געשטיגן,
עס איז מיד שוין פון שאַפן און וואַנדלען,
לאַנג געברענט האָט אין זודיקן פלאַם עס...
וויג עס איין מיט אַ קינדישן ניגון
וועגן ראַזשינקעס און וועגן מאַנדלען,
ווי עס זינגען די יידישע מאַמעס...

אַלץ איז פּוסט אַרום; נישטיק און שטויביק;
ס׳איז אַ גאָלדענער הבל־הבלים,
ווו ס׳פאַרבלייבן די הייליקסטע נעמען...

דוּ אַליין קאנסט מיך מאכן נאך גלויביק,
דוּ אַליין מיט דיין מיידלשן חלום,
וואס באהאַלט זיך אין שאָטן פון ברעמען.

נעם מיין הארץ און פארוויג אויף די קני עס,
און דיין ליד, ווי א זיידענע סטרונע,
זאָל מיר זיין א פארהייליקטער וועכטער...
אך, ווי שיין! אך, ווי שיין איז דיין צניעות!
זי דערמאָנט מיר די פרחי-כהונה,
די פארצייטיקע יידישע טעכטער...

---

חיים אורלן

# זכרון למשורר וללוחם ישראל דרצ׳ינסקי (בן מנחם)

משהו מרוח האגדה אפף בימי נעורינו בסלונים את השם ישראל דרצ׳ינסקי, שעלה לפני מלחמת העולם הראשונה ללמוד בגימנסיה „הרצליה" בתל-אביב („הרצליה"! תל-אביב! איזה קסם הרעיפו על רוחנו השמות החביבים האלה בצלילם הרך והמתוק!), כי על כן, סיפרו, שהיה בשנות המלחמה עם טרומפלדור באלכסנדריה של מצרים וכעבור זמן נמנה עם חברי ההגנה בירושלים, שריצו את „עוונם" עם ז׳בוטינסקי במבצר עכו. כך סיפרו וכך היינו חוזרים ומספרים זה לזה על נסיונות חייו המופתיים של בן־עירנו.

היתה זו שעת רצון מלפני מיודענו ר׳ יוסף דרור, מאישי המופת של בני עירנו אף הוא, כאן כמו שם, שניאות סוף־סוף להיפנות לשעה מעיסוקיו הציבוריים והסלונימאיים ולספר — מה אמת ומה אגדה בספורים על אחיו, והוא ישב וסיפר:

— „ישראל נולד בשנת 1896 בסלונים לאבינו ר׳ מנחם מנדל ואמנו הניה לאה. אבי ז״ל היה סוחר אמיד משכיל ובר-אוריין וציוני בלב ונפש, וברוח זו גידל אותנו, שבעת בניו. ישראל היה בעל כשרונות ומתמיד בלימודיו מילדותו, היה אוהב ספר ושקוע תמיד בקריאה. הוא למד בישיבה ואחר שסיים את בית-הספר היהודי־רוסי בשנת 1912 החליט אבא לשלוח את בכור בניו כ„חלוץ העובר לפני המחנה" להמשיך את לימודיו בגימנסיה „הרצליה" בת״א. בהגיעו לארץ החליט להכנס ללמוד בסמינאר למורים של חברת „עזרא" — „הילפס־פעראיין" בירושלים שהלימודים העיקריים שם היו בגרמנית. פרצה אז „מלחמת השפות" במוסד, רוב המורים והחניכים דרשו להחליף את שפת הלימודים לעברית, וישראל היה בין ראשי הפעילים בפעולה זו שנסתיימה בנצחון העברית. עם פתיחת בית המדרש למורים העברי בהנהלת דוד ילין ז״ל עבר ישראל אל מוסדו של ילין. בינתיים פרצה מלחמת העולם הראשונה וישראל גורש על ידי התורכים מן הארץ בתור נתין רוסיה והגיע למצרים. שם שימש כמורה בבתי הספר באלכסנדריה וקאהיר והיה פעיל שם כמרצה ועסקן במועדונים הציוניים. הוא שלט מלבד ביידיש ובעברית — בצרפתית, בגרמנית, באנגלית ובערבית. עם גמר המלחמה חזר לארץ. בימי הפרעות של פסח תר״פ נתפש בעיר העתיקה בירושלים בתוך קבוצת חברי ההגנה עם ז׳בוטינסקי בראשם, ונכלא עמם במבצר עכו".

ר׳ יוסף מפסיק, יוצא לשעה קלה לחדר שני ושב עם מזוודה, ובה שרידי עזבונו של אחיו הנערץ: ניירות, כתבים ומחברות, שהד עבר רחוק וקרוב ללב עולה מהם. בזהירות יתרה הוא מוציא מתוך המִזוודה כמה מחברות, ואנו יושבים והוגים בהן — דינים וחשבונות מלימודי בתי הספר בקאהיר ובאלכסנדריה, שירים עגומים שחיברם בגלות מצרים, יומנים מלאי געגועים על בית־אבא, על שנות נעורים ועל החיים בארץ שגורש ממנה. נביא כאן שני שירים ושלושה רישומי יומן מתוך המחברות האלה, שמדברים בעדם ובעד מחברם.

שיר געגועיו ותקוותיו, שבשוליו צויין: „מצרים, 2.5.19:

אָז אָשִׁיר...

בֵּין הָרֵי הַגָּלִיל לִי תִּהְיֶה גִּנָּה,
סֻכָּה בְּמֵצַל אִילָנוֹת.
אֶחֱרשׁ, אֶזְרַע, אֶקְצֹר בְּרִנָּה,
אַקְשִׁיב צִפֳּרֵי רְנָנוֹת.

— — — — — — — — — —

אָז אָשִׁיר שִׁירֵי בֶּן־חוֹרִין

כְּשִׁירַת צִפֳּרִים עִלָּאָה,
נַפְשִׁי אָז תְּהִי מְשֻׁחְרֶרֶת,
בְּזֹהַר אֵין סוֹף נִמְלָאָה.

עוד שיר געגועים, והוא לנפש אהובה מבין כתלי מבצר עכו בין פושעים וחמסנים:

התאריך: 6.9.20

מוּל חַלּוֹן כִּלְאִי...

הַנָּאוָה שְׁחוֹרַת הָעֵינַיִם,
יַחַד לְאָבִיב קִוִּינוּ,
כִּי נֵצֵא לְבֵין הָרֵי יְרוּשָׁלַיִם,
פִּרְחֵי בָר לִקְטֹף אִוִּינוּ

הַגּוֹרָל הֵתֵל בָּנוּ, חֲמוּדָה,
עַל לֹא עָוֶל לַמִּבְצָר הָשְׁלַכְתִּי
וְנִשְׁאַרְתְּ יְחִידָה גַּלְמוּדָה,
וַאֲנִי עִם חַמְסָנִים אָרַחְתִּי.

מוּל חַלּוֹן כִּלְאִי יָם תְּכֵלֶת יִשְׁלַו,
דֶּקֶל בּוֹדֵד יִפְרֹשׂ כַּפָּיו אֶל עָל.
בְּסִירָה קַלָּה כֹּה אֶתְאַו
אִתָּךְ הַקֶּלַע מִגַּל אֶל גַּל.

צִיצֵי אַלְמָוֶת, פִּרְחֵי רֹךְ זַכִּים
דֶּרֶךְ שְׂבָכָה כִּי אֶרְאֶה בַּגַּיְא,
אֶזְכְּרֵךְ, אֶת לְטוּפֵי הָרַכִּים,
פֶּרַח חַם הָיִית בִּזְרוֹעוֹתַי.

מעבר הדף נשתמרו דבוקים שלושה פרחים מיובשים: זכר ממבצר עכו.

והנה רישומים מתוך מחברת יומן:

„ל' ניסן, תרע"ה.

רגש מר נוקב תוקפני. אני שהייתי תמיד חולם על ארץ-ישראל, עד כדי להקריב את חיי בשביל הארץ, להיות שומר רציתי, פועל ולהגן על קניינו מפני הערבים — הנה ברגע זה, בשעה שכל צעירי ישראל מקריבים נפשותיהם לשם ארץ-ישראל, אני נשאר מרחוק. רגש זה לא נתן לי מנוח. נרשמתי ולא קבלוני. הלכתי אל הרב והיה שם גם הקולוניל, ואמר שאי-אפשר לקבלני". —

לא סיפר את סיבת הסירוב לקבלו אל הגדוד העברי שנוסד אז באלכסנדריה ושהוא השתוקק כל כך להצטרף אליו.

„ב' אייר.

הלכתי אל האניה, מסרתי להידלסהיים את הלבנים שלו. נפגשתי עם בן-שחר. הוא היה אדיש. אולם הרעיון שאולי נוסעים לא לארץ-ישראל דיכאו. כמעט כולם היו מרוגזים, לא ידעו לאן נוסעים. העלו חפציהם על האנייה והיו עסוקים. רבים הלכו באמת לשם האידיאל: גדוד יהודי לכבוש את ארץ-ישראל. אולם לא נוסד הגדוד המקווה, כפי שתאר לו ו. ז'בוטינסקי. מלונדון נתקבלה תשובה: אפשר לקבל מתנדבים יהודים, אך בלי שום תנאים.

ג' אייר.

הלכתי אל האנייה. האנייה התכוננה להפליג. את החיילים היהודים ועל כובעיהם קוקארדה של מגן-דוד לא הכרתי. מלובשים תלבשות אנגליות ולצדו של הצלב האדום



שראל דרז'ינסקי (בן-מנחם) אחרי הגירוש מארץ-ישראל לאלכסנדריה.

ישראל דערעטשינסקי (בן-מנחם) נאכן ארויסטרייבן די יידן פון ארץ ישראל אין אלעקסאנדריע

התנוסס מגן־דוד אדום. חיילים אחדים שרו, עיני אחדים זלגו דמעות, אחדים עמדו אלמים ושקועים במחשבות. עמדו צעירות עם זרי פרחים בשביל אהוביהן ובכו. עמד האופיצר היהודי שנפצע במלחמת יאפאן בעל יד הגומי על המעקה עם הקול. פטרסון. האופיצרים — יהודי אנגליה. האנייה זזה ושירת „התקוה" ו„שם בארץ" פרצה מלבות החיילים, מצנפות גם מטפחות התנופפו עד שנעלמה האנייה, ואני הולך ושב יחידי עצוב (מחוק: הביתה) אל גאבארי". —

תאב הייתי לדעת, מה היו חייו ומה עלה בגורלו של ישראל דרצ׳ינסקי—בן־מנחם. הבנתי ללבו ולצערו של ר׳ יוסף דרור, והסתפקתי בתשובה קצרה: המאסר במבצר עכו השפיע לרעה על בריאותו. הוא עשה את רוב שנותיו מאז במושבות הגליל, כפי שהביע את תקותו בשירו. לפני פרוץ מלחמת העולם השנייה יצא לבקר בני־משפחה בחוץ-לארץ, ואבד בשואה.

תהיה נא רשימה קצרה זו פרח זכרון על קברו העלום של בן עירנו היקר.

---



בתמונה: ישראל דרצ׳ינסקי, כאסיר במבצר עכו, (העומד בכובע), עם זאב ז׳בוטינסקי (היושב מצד ימין), אחרי המאורעות של שנת תר"ץ בירושלים.

אין בילד: ישראל דערעטשינסקי אלס ארעסטירט אין דער פעס־טונג פון עכו (שטייט אין׳א הוט), מיט זאב זשאבאטינסקי (זיצט פון רעכטס), נאך די געשעענישן פון 1920 און ירושלים.

**יצחק ראכילעווסקי**

# אידילישער בילדער

1

## ערב-שבת

עפּעס איז דער טאג היינט
ניט ווי אלע מאל, —
די זון האט זיך אויפגעכאפּט היינט
אביסל פריהער,
ווי זי וואלט געוואלט זיך אפּשפּיגלען
אין די אויסגעפּוצטע קופּערנע פאנען,
וואס די מאמעס האבן צוגעגרייט

אויף אפּצוקאכן פיש לכבוד שבת

עס טראגט זיך פון די שטיבער
דאס קלינגען פון די שטויסלען,
וואס גרייטן־צו מיט געקלאנג
דעם צימערינג פאר די שבת׳דיקע טארטן.
די יידישע נשמה אטעמט איין

מיט אפעטיט דעם געשמאקן ריח
פון די שבת׳דיקע חלות
און די גאלדענע מטעמים.
מערן־צימעס, פרישן גוטמאָך,
לעשטשעס, לעבעדיקע פלאָטקעס
און געפילטע העכט דערצו.

עפעס איז דער טאג היינט
ניט ווי אלעמאל
און ס׳דוכט זיך,
אז די צארטע הענט פון די מאמעס
האבן פארזיכטיק געצויגן די שעהן און מינוטן, —
כדי די זון זאל חס ושלום
ניט גורם זיין צו חילול־שבת...
ווייל אין סלאנים פארגייט נאך ניט די זון.
ביז עס בריינגען אלע מאמעס צום בעקער
די שבת׳דיקע טעפ מיטן קארטאפל־טשאלנט,
צוגעדעקט מיט אלטע צייטונגען
פון „היינט" אדער „מאמענט".

און לויפן שנעל צוריק,
מיט מידע טריט און שמייכלדיקע בליקן
להדליק נר של שבת.

און דאן באווייזט זיך
איינגעוויקלט אין לייוונטענעם קאפטאן
די דארע פיגור פון ר׳ משה׳לע דעם חסיד:
שפרייזט ער שנעל איבער די גאסן,
און ס׳דרינגט אריין דורך טיר און פענסטער
משה׳לעס הפטרה־ניגון:
שבת, יידן, שבת — — —

די זון פארגייט שוין ווייט
הינטער די בערג פון רוזשנאיער גאס
מיט איר פארשווינדט דער טאג
וואס איז ניט ווי אלע טעג,
און די שבת׳דיקע ליכט פון אלע שטיבער
גיבן איבער א ברייטן שלום־עליכם
דעם ניי־געבוירענעם יידישן שבת, —
אין סלאנים.

2

## אין מארק

ציהען זיך די גאסן פון אלע זייטן שטאט,
און מיט זיי די יידן הין און צוריק, —
אין מארק אריין.

שווימען יידן ארום צווישן די גויים,
אזוי ווי די פיש אין א גויישן ים,
און אין מארק זיצן יידענעס
אויף נידעריקע תשעה־באב ביינקלאך,
צוגעדעקט דעם קאפ מיט יידישע פאטשיילקעס
און שרייען־אויס אויף זייער סחורה:
ציבעלעס גרינע, רעטאכלאך רויטע,
בורעקעס, מערן, אוגערקעס פרישע, —
און די בעסטע פירות וואס א מויל קען ריידן:
עפל און בארנעס, פלוימען און קארשן,
וויינפערלאך, אגרעס און זשיטשקע־בארנעלאך.

זיצן זיי ווי די סאלדאטן,
איינגעטיילט אין גלייכע רייהען:
ראשע, יענטע, דאבע, דוואשע,
דבורה, חנה, רבקה, באשע.
יעדע איינע לויבט איר סחורה:
טויזנט טעם׳ען — יעדער רעטאך,
יעדע מערעלע — אנ׳אוצר
מיט אמת׳דיקע ברכה.

און די פרוכט לכבוד שבת:
טעם גן־עדן — יעדער עפל,
גאט זאל העלפן נאר אויף שמחות
אויפן היגן מארק צו קויפן.
ברכות שיטן זיך ווי רעגן:
— „גאט זאל העלפן, ציפע־דבורה,
נאר איבעראיאר דערלעבן,
כ׳ווייס ניט אויב ס׳וועט ווערן בעסער,
אבער זאל ניט זיין קאטש ערגער..." —

און די משה׳לאך, די קליינע,
מיט די קאפיקעס און גראשנס,
איינער קומט אהער פון חדר,
און א צווייטער סתם א שטיפער.
אלע קומען זיי דא קויפן:
ווער אנ׳עפל, ווער א בארנע,
און אמאל עטלעכע פלוימען
אויף צו מאכן שהחיינו.

פ׳רות, ציבעלעס, צו רעטאך, —
דאס איז אלץ נאך ניט אינגאנצן;
יידן קענען דאך דאס קויפן
אויך, להבדיל, ביי די גויים,
און ניט דווקא דא, אין סלאנים, —
אומעטום נאר ווו זיי ווילן.

אבער קוכן, אונדזער קוכן,
איז דאך ניט עפּעס א קוכן,
קוכן סלאָנימער — זיי זײַנען
רײַנע אמת'ע יחסנים
און אט זײַנען די סימנים:
דינע, ברייטע, מיט זיגזאַגן,
שווארצע מאָן אויף זיי באַשאָטן

מיט א ציבעלע אנגעריבן.
ווער וואָלט ניט געוואָלט פאַרזוכן
איצט דעם געלן בעקערס קוכן?
און דעם טעם ווער האָט פאַרגעסן?
ס'איז ניט נאָר דער טעם פון קוכן, —
ס'איז דער טעם פון יונגע יאָרן,
ס'איז דער ספר־הזכרונות.

---

קלמן ליכטענשטיין

# אויפן שאָסיי־בריק

## סאָנעט

עס שלענגלט זיך אין פעלד די בלויליך־כמורנע שטשאַרע.
אין ווייכע פאַרבן־טענער רוט דער האָריזאָנט.
עס שלאָפט דער „וויהאַן" אָ באַגריַנטער — און דאָ נאָנט
צעלייגט זיך אויפן טייך אָ גרויע אָוונט־פּאַרע...

אַנטקעגן ליגט די שטאָט אָ דורכזיכטיקע, שטילע,
אין האַלבן קרייז צעצויגן, ווי אָ גרויסשטאָטיש ווערק,
און טונקט זיך פון „זאַמאַשטשע" ביז די „רוזשנאָיער בערג"
פון ראָזע פײַערלאַך אין סודות'פולער הילע...

אין טיפער בלויקייט שווארצן זיך פאַבריק־רואינען
דורך בלאַסן שײַן, ווי אָ געהיימניספולער שלאָס.
ס'אָזוי שטיל... אָ זשאַבע קוואַקעט בלויז אין בלאָטיק גראָז,
און ס'הילכט אָ צוגן־פּייף העט־העט פון אַלבערטינע...

ס'איז ווייט, און טיף, און כשוף־פול אין בלויען רוים...
עס שמעקט מיט וואַסער, גראָז און פעלד... עס שמעקט מיט היים.

---

חיים אורלן

# על סידרת הכרכים של „פנקס סלונים"

כל אימת שאני מוזדמן בין קהל אנשי סלונים משעשעת אותי לרגע מין אילוזיה, שאני נמצא כאילו בסלונים, ויש רצון לברך ברכת „שהחיינו" על פגישה חדשה עם סלונים. זוכר אני מנעורי חלוצים סלונימאיים שהיו באים לביקור, כגון: חומסקי, קובנסקי, חיים אוירבוך, נחמן שרשבסקי

---

*) דברים באסיפת יוצאי סלונים בתל־אביב (28 ביוני 1975). לרגלי הקרנת הסרט הסלונימאי של ש. לבדי.

אוֹ אִם מִי זָקוּק בְּעָנְיוֹ לְעֶזְרָה,
אִם יֵשׁ עֲקָרָה הַכְּמֵהָה לְתִינוֹק,
אִשָּׁה עֲגוּנָה, מִשְׁפָּחָה בְּמָצוֹק,
אִם מִי מִתְהַלֵּךְ וְרוּחוֹ בַּל־עִמּוֹ,
אוֹ מִי שֶׁהָעֶצֶב מוֹצֵץ אֶת דָּמוֹ —
הַכֹּל נָהוּ הֵנָּה כְּלָאוֹר נְגֹהוֹת,
סוֹעָה תְּפִלָּתָם, הָעֵינַיִם בּוֹהוֹת,
כְּעֵינֵי נְשָׁמוֹת הַשּׁוֹפְכוֹת צְקוּנָן,
תְּקוּעוֹת בֶּחָלָל וּמְחַפְּשׂוֹת תִּקּוּנָן.
וְהוּא — הֶרְאָה אוֹר לִסְפוּגֵי אַכְזָבָה,
בֵּרְכָם בְּאֵמוּן, נִחֲמָם בְּתִקְוָה;
וְכָךְ בְּכָל עִיר, בְּכָל בֵּית־יְהוּדִים
אֶת שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ מְקַדְּשִׁים וּמְכַבְּדִים;
דִּבְרֵי פְּלָאוֹתָיו, שֶׁלֻּקְטוּ כִּפְנִינִים,
לָעַד יִזְכְּרוּ כָּל הַמַּאֲמִינִים.

ח.

מֵעֵבֶר לְגָדַת הַנָּהָר יֵשׁ רְחוֹב,

בָּתָּיו עֲנִיִּים וּצְנוּעִים הֵם לָרֹב, —
כַּפְּרִית שַׁלְוָתוֹ, וּפִנָּה בּוֹ כִּמוּסָה,
בִּצְעִיף שֶׁל עַצְבוּת רַכְרַכָּה מְכֻסָּה.
מִזְּמַן לֹא דָּרְכוּ כָּאן רַגְלֵי בְּנֵי־תְּמוּתָה;
גָּדֵר־יְשָׁנָה מַבְטִיחָה בְּדִידוּתָהּ.
אֱזוֹב־אֲבָנִים, עֲשָׂבִים מוֹרִיקִים
עוֹטְפִים קְדֻשָּׁתָם שֶׁל קְבָרוֹת עַתִּיקִים...
וְיֵשׁ לַשַּׁלְוָה כָּאן לָשׁוֹן מִשֶּׁלָּהּ,
יֵשׁ שִׂיחַ עֵצִים עִם כָּל רוּחַ קַלָּה,
חוֹמֵק בֵּין בַּדִּים נְנוֹעִים רְפֵי־אוֹן
חֲלוֹם חֲרִישִׁי, נֶעְלָם וְקַדְמוֹן...
בַּקַּיִץ, בַּחֹרֶף — עִם יֶרֶק אוֹ כְּפוֹר
יוֹדֵעַ חֲלוֹם זֶה אוֹתָנוּ לִקְשֹׁר.
רַגְלֵי יְהוּדִים כָּאן דָּרְכוּ, עַד בּוֹא יוֹם
בּוֹ הִשְׁקוּ בִּדְמָעוֹת, כְּמוֹ בְּטַל, הַמָּקוֹם.
עִקְבוֹת דִּמְעוֹתֵיהֶם עֲדַיִן בּוֹלְטִים,
בָּאֶבֶן דִּבְרֵי מַכְאוֹבָם חֲרוּתִים.
רַגְלֶיךָ דּוֹרְכוֹת כָּאן — עֲצֹר וְהַסְכֵּת:
הֵדְהֵד מֶרְחָק עַל לִבְּךָ יִשְׁתַּלֵּט,
הִנְּךָ מְטֻלְטָל לְקַדְמוּת הַיָּמִים,
לְתוֹךְ עֲרָפֶל שֶׁל דּוֹרוֹת נֶעְלָמִים,
שָׁזוּר אַגָּדוֹת הַמְקַשְּׁטוֹת אֶת דְּמוּתוֹ:
כָּאן נֶכֶד שֶׁל רַשִׁ״י מָצָא מְנוּחָתוֹ...
חָתָן וְכַלָּה, זוּג צָעִיר פֹּה נִטְמַן,
שׁוֹמֵר עַל הַקֶּבֶר — כְּפוּל־גֶּזַע־אִילָן.
— — —רַבִּים הָאוֹרְחִים, הַשִּׂמְחָה מְצֻפָּה,
לְיַד בֵּית־הַכְּנֶסֶת הֻצְּבָה הַחֻפָּה,
מַמְתִּין הֶחָתָן, הַכַּלָּה כְּבָר קְרֵבָה,
נִשֵּׂאת בָּאֲוִיר מַנְגִּינָה עֲרֵבָה
שֶׁל כִּנּוֹר וְחָלִיל; כְּבָר דּוֹלְקִים הַנֵּרוֹת, —
אֲהָהּ, לָמָּה פְּנֵי הֶחָתָן כֹּה חִוְרוֹת?
מַדּוּעַ יָדָיו רוֹעֲדוֹת וְנוֹקְשׁוֹת?

עֵינָיו נִפְחָדוֹת, בֶּחָלָל הֵן בּוֹלְשׁוֹת?
הַאִם נֶאֶמְרָה לוֹ מִלָּה בְּאָזְנָיו
מָרָה כִּקְלָלָה, מְמִיתָה בַּחֲטָף?
הַאִם לֹא פָּרַע לְאֵי־מִי חֶשְׁבּוֹנוֹ,
דָּבָר הַמְחַיְּבוֹ לִתֵּן אֶת דִּינוֹ?
הִנֵּה מְאַיֶּמֶת הַיָּד בֶּחָלָל,
הָרְחוֹב מִסְתַּחְרֵר, מִסְתּוֹבֵב כְּגַלְגַּל,
הַפַּעֲמוֹנִים מֵרָחוֹק מַרְעִישִׁים...
לִבּוֹ הִשְׁתַּבֵּץ בּוֹ, כְּאֵב, מְחוֹשִׁים.
בָּתִּים, בְּנֵי־אָדָם — מְעַרְבֶּלֶת סְבִיבוֹ,
עוֹלוֹת לֶהָבוֹת, מִתְלַקְּחוֹת וְכָבוֹת.
צוֹנֵחַ רָקִיעַ שָׁחוֹר מִמְּרוֹמִים,
נִשְׁמַט אָז רֹאשׁוֹ וְנָפַל אֵין־אוֹנִים.
הִכְּתָה פַּלָּצוּת בְּמֵאוֹת מֻזְמָנִים,
נָפְלוּ כִּנּוֹרוֹת מִידֵי הַמְנַגְּנִים;
בּוֹכָה הַכַּלָּה, מְיַבֵּב כָּל הָרְחוֹב,
קוֹלְחוֹת הַדְּמָעוֹת בִּפְלָגִים עַד אֵין סוֹף.
יוֹדְעָה הַכַּלָּה, בִּתְהוֹם מַבָּטָהּ,
שִׂמְחַת אוֹר אָשְׁרָהּ כְּבָר לָנֶצַח כָּבְתָה, —
לִבָּהּ מִתְרוֹסֵס וְעֵינֶיהָ כָּלוֹת —
וּשְׁתֵּי הַנְּשָׁמוֹת לַשָּׁמַיִם עוֹלוֹת...
חוֹפְרִים הָאִתִּים, מַשְׁמִיעִים חָרִיק חַד,
טוֹמְנִים אֶת הַשְּׁנַיִם בְּקֶבֶר אֶחָד.
רוּחוֹת קְלִילִים עַל קִבְרָם הַבָּהוּל
זָרְעוּ מַצֵּבָה — אֶת הָעֵץ הַכָּפוּל...

— — — — — — — — —

מֵאָז כְּבָר פָּרְחוּ אֲבִיבִים לְאֵין־סְפוֹר,
הַנֶּצַח מוֹחֵק עִקְּבוֹת מִדּוֹר־דּוֹר,
שׁוֹמְרָה אַגָּדָה עַל זִיוָהּ הַזּוֹהֵר,
כִּי הוּא נֶאֱצָל מִשִּׁירַת הַמְשׁוֹרֵר...

— — — — — — — — —

---

יחזקאל רבן

# משהו על הפואמה „אגדת סלונים” ומשוררה

## בשולי התרגום לעברית

אינני זוכר, אם נזדמנה לי אי־פעם בשנותי הסלוניקאיות שיחה עם סנדר סטולוביצקי, הוא ס. סטאל, מחברה של „די לעגענדע פון סלאנים”, הפואמה הנלבבת על כמה וכמה אגדות הקשורות בעברה של עיר-הולדתנו, אגדות שעליהן גודלנו ושיסודן בוודאי בעובדות ואירועים ממאות השנים שעברו. אולם עשרות, ואולי אף מאות פעמים נזדמן לכל אחד מאיתנו לעבור אותו קטע רחוב, שקרוי היה בין שתי מלחמות-העולם רח׳ סנקביצ׳ה, ולהציץ, אגב הליכה בכיוון

כיכר־השוק, ימינה, לתוך חלון צר של סדנת שען, כדי לראות באותו חלון את האיש רכון על־גבי שעון ומחטט במכשיר דקיק בקרביו, כשמסגרתה השחורה של זכוכית מגדלת תקועה לו בעינו.

זוכרני: שאלה ראשונה שצצה אותו רגע במוחי היתה, באיזו אגדה ישנה ובאיזה שיר חדש מהרהר ברגע זה השען-



סנדר סטולוביצקי בסדנת השענות שלו בסלונים

סענדער סטאלאוויצקי אין זיין זייגער ווארשטאט אין סלאנים

המשורר השקט והבודד. היתה משום תמיהה במחשבותי על הניגוד שבמזיגה זו של דקדקנות שעונית ושל אותה „ליצנציה פואטיקה", של אותו מתן דרור לדמיון האמנותי וליצירה השירתית. כמובן, לא מיומנותו המקצועית עניינה אותי, אלא שירתו הפיוטית-האפית היא שתכפה עלי בו ברגע.

אני יודע, שהחלון הצר ההוא איננו, והשען השתקן, הוא המשורר העדין ובעל־הדמיון איננו, — על כן קיבלתי ברצון את הצעת עורכו של „פנקס סלונים" לתרגם את הפואמה לעברית. וזאת כדי להציב יד לאיש ששר על סלונים עירו, כשהוא מלא אהבה לה ולעברה, לתיאורי נופיה ולקסמי אגדותיה. אינני בטוח, אם אי־שם בארץ או בתפוצות עמנו חיים בני-משפחתו של המשורר, על כן מוכן אני לתת את חלקי בהנצחת שמו וזכרו בקרב בני עירנו. מה עוד שאני זוכה במצווה של תרגום לעברית, לשפת-הנצח של עמנו, יצירה פיוטית, שיחד עם סגנונה התיאורי בולטות בתוכה שורות אלגיות עדינות, הצובטות את לבנו בשעת קריאת הפואמה, כגון:

...דור־דור מתחשלת שרשרת־זהב,<br>
לובנה וחושלה ביגון ובגילה<br>
וזוהר שקט וקסום לה הילה,<br>
כבית המדרש העומד מהורהר,<br>
כ„שטאט-שול", גונה הלילי-חורור<br>
כעצב הנח על הכל מסביבי,<br>
כרגש הזה השולט בלבי....

קטע זה, ועוד כאלה הדומים לו בביטויים הלירי אנין־הרגש, כבשו את לבי ועל־כן עשיתי את מלאכת התרגום כעשות עבודת-קודש, מראשיתה ועד לשורותיה האחרונות:

.... מאז כבר פרחו אביבים לאין-ספור,<br>
הנצח מוחק עקבות מדור־דור,<br>
שומרה אגדה על זיוה הזוהר,<br>
כי הוא נאצל משירת המשורר...

סענדער סטאל

# ביינאכט אויף דאמבע

אויף דער דאמבע הערשט א שטילקייט,
גוט איז דארט צו גיין שפּאצירן,
פון דעם וואסער בלאזט א קילקייט;
ס׳שמעקט מיט לאנקע און אאירן...

שטייען בענק און רופן, ווארטן,
עמיץ זאל זיך קומען זעצן,
וועלן וועקן זיך אזארטן
אונטער דינע ליבע־נעצן...

ווערבעס דרעמלענדע און שטילע
רירן קוים די ברייטע צווייגן.
אויך די בלעטעלאך אפילו
קוקן-צו און פרובן שווייגן...

פונדערווייטנס די לבנה
ווארפט איר ליכטיקייט אלץ בלאסער,
העלפט די לאמפּן פון באליאנע
שפּיגלען זיך אין בלויען וואסער...

ערגעץ רודערט שטיל א קאיאק,
ס׳לאזט דער וואסער-שטראם זיך הערן,
און צושפּרייט א שיין מאָזאאיק
פון זיך טובל׳דיקע שטערן.

און דער בריק, דער בעל־חלומות,
אנגעשפּארט אויף ביידע ברעגן
קוקט־אראפּ אין וואסער-תהומות:
האט זיי דארטן וואס צו פרעגן...

---

אברהם סטאלאוויצקי (ארגענטינע)

# זכרונות וועגן מיין ברודער סענדער

## (דער דיכטער ס. סטאל)

ווען מיר, סלאנימער לאנדסלייט אין ארגענטינע, האבן באקומען די ערשטע 2 בענדער פון „פּנקס־סלאנים" און כ׳האב אין ערשטן באנד געליינט די פּאעמע פון מיין ברודער סענ־דער: „די לעגענדע פון סלאנים"*, בין איך געווארן איבעראשט און ס׳איז געווען פארוואס: די שאפונג פון מיין אומגעקומענעם ברודער איז מיר געווען פאלשטענדיק אומבאקאנט, און ס׳איז פאר מיר געווען א דאפּלטע רעטענעש, ווי אזוי זי האט זיך איינגעהיט און מיט וועלכע וועגן איז זי דערגאנגען צו דער

*) די פּאעמע די „לעגענדע פון סלאנים" פון ס. סטאל איז געווען געדרוקט אין המשכים אין וואכנבלאט „סלאנימער ווארט" אין אנהייב פון די דרייסיקער יארן, און אלס רעדאקטאר האב איך איינגעהיט און געבראַכט בעת מיין עליה אין ארץ־ישראל א קאָמפּלעקט פון דער צייטונג. — ק. ל.

„פנקס״־רעדאקציע*). אמת, איך האב געוואוסט, אז סענדער
איז געווען געבענטשט מיט א טאלאנט צום דיכטן און אז ער
האט אייניקע פון זיינע שאפונגען געדרוקט אין סלאנימער
צייטונגען, נאר ביז מיין עמיגרירן אין ארגענטינע זיינען דאס
געווען קליינע, הגם ווערטפולע לידער, און כ׳האב זיך ניט
געקענט פארשטעלן, אז ער זאל האבן געשאפן אזא גרויסע
און ווונדערבאר — שיינע ווערק.

סלאנימער לאנדסלייט אין בוענאס־איירעס האבן נאכן
לייענען די פאעמע, מיר געפרעגט: „ווי קומט עס, אברהם׳ל,
אז דו האסט אונדז קיינמאל גארניט דערציילט, אז דיין ברו־
דער פארמאגט אזא גרויסן טאלאנט? א מענטש מיט אזא
טאלאנט האט דאך געקענט ווערן א יש אין דער יידישער
ליטעראטור!״ —

די גרונט־סיבה פון מיין ערשטוינונג און פון מיין ניט־
גענוגנדער אפשאצונג פון זיין טאלאנט איז מיר אבער געווען
קלאר: סענדער איז געווען א נסתר און דערצו א גרויסער
עניו; ער האט ניט געגלויבט אין זיך און אין זיין ליטעראַרישן
ווערט. ער פלעגט שאפן, אזוי צו זאגן, פאר זיך אליין. אט
אזוי געדיינק איך אים אויך נאך פון סלאנים. אונדזער גאנצע
משפחה האט ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסן, וואס פאר
א טאלאנטפולן קינד זי פארמאגט. אפילו די עטלאכע לידער
וואס ער האט געלאזט דרוקן אין סלאנימער צייטונגען זיינען,
— ווי איך ווייס, — אויך געווארן פארעפנטלעכט קעגן זיין
ווילן. ער האט קיינמאל ניט געהאלטן פון דעם, און ער האט
אויך קיינמאל ניט געפונען פאר נייטיק מיר צוצושיקן אין
ארגענטינע די צייטונגען מיט זיינע לידער.

איך וויל דא ארויפברענגען אייניקע זכרונות וועגן אים.
ער איז געווען עלטער פאר מיר מיט א שפאר ביסל יארן.
אויפגעהאדעוועט זיך אין דער סלאנימער חסידישער אטמאס־
פערע, האט ער, — אזוי ווי איך מיט אייניקע יאר שפעטער,
— פארלאזן דאס חסידישע שטיבל און זיך באפרייט פון
שטרייננג־ארטאדאקסישן לעבנס־שטייגער, הגם, — צוליב׳ן
כיבוד אב ואם, — פלעגט ער נאך אין א שבת דאווענען ביי
די חסידים. ער איז יונגערהייט געווארן זעלבסטשטענדיק:
נעמלעך, ער האט זיך אויסגעלערנט ביי א זייגערמאכער דעם
פאך און אין א פאר יאר ארום געעפנט אנ׳אייגענעם זייגער־
ווארשטאט, ניט ווייט פון קווינט׳ס מויער (ווינקל פלאץ און
האנדל־גאס). ער האט דאן חתונה געהאט מיט דער טאכטער
פון שלמה ראזענבערג (א סלאנימער חסיד, באקאנט געווען
אין שטאט מיטן צונאמען: „שלמה לאקש״), וועלכע ער האט
נאך געקענט פון זיינע קינדער־יארן. מיין פאטער ע״ה פלעגט
זיך טרעפן מיט ר׳ שלמה׳ן טאג־טעגלעך אין שטיבל, און
ס׳האט זיך פארבונדן א לאנג־יאריקע פריינטשאפט. נאר מיין
ברודער׳ס שידוך איז צושטאנדגעקומען ניט דווקא צוליב דער
חסידישער אפשטאמונג פון די פאמיליעס...

סענדער האט געפירט א שטילן און זייער איינפאכן לעבן,
פארהעלטניסמעסיק צו זיינע זייער באגרענעצטע פארדינסטן.
אין די לעצטע יארן פאר מיין עמיגרירן, פלעג איך אים אפט
באזוכן אין זיין ווערקשטאט און פירן מיט אים געשפרעכן.
אייגנטלעך ערשט דאן האב איך אים דערקענט אלס אנט־
וויקלטן און אינטעליגענטן גייסט־מענטש.

איך האב שוין דערציילט (ז׳ מיינע „זכרונות פון חסידישן
שטיבל״ אין פערטן באנד פון „פנקס־סלאנים״), ווי אזוי
סענדער האט מיר ארויסגעהאלפן אין מיין זעלבסטבילדונג,
ווען כ׳בין, אלס ניי־געבאקענער פארטיי־מאן פון „צעירי־
ציון״, געקומען צו אים, ער זאל מיר פארטייטשן ארטיקלען
פון צ״צ ארגאן „באפרייונג״. כ׳געדיינק, ווי ער האט מיר
פארטייטשט דאס ווארט „דעמאגאגיע״. לכתחילה האט ער מבטל
געמאכט די פארטייען און געזאגט, אז אלע פאליטישע פירער
זיינען דעמאגאגן. איך האב דאן, אלס פארטיי־ענטוזיאסט,
דערפילט, אז ער האט ביי מיר ווי צושטערט מיין פאליטישע
אידעאלאגיע. דערזעענדיק מיין אנטוישונג, האט ער מיר אבער
אנגעהייבן צו דערקלערן, — ניט אראפנעמענדיק אגב זיין
אויג פון א צונומענעם זייגער וואס ער האט געהאלטן אין
פאריכטן, — אז א פאליטישע אידעאלאגיע איז אן און פאר
זיך א שיינע זאך, נאר אסך פארטיי־פירער נוצן זי אויס,
דורך דעמאגאגיע, צו אייגענע, עגאָאיסטישע צוועקן. ער האט
מיר דאביי געגעבן א פרק אין הלכות פארטייען אויף דער
יידישער גאס, און זיך אריינגעלאזן אין א לאנגן פילאסאפיש־
פאליטישן שמועס, וואס איך האב דאן אייגנטלעך ניט אזוי גוט
פארשטאנען... ער האט זיך דאן פאר מיר אנטפלעקט מיט זיין
גייסטיקער אנטוויקלונג, וואס איך האב גארניט געוואוסט.

נאר די אמת׳ע אנטפלעקונג איז געקומען פאר מיר
שפעטער, ווען נאך דער פאליטישער לעקציע וואס ער האט
מיר געגעבן, און פילנדיק, ווייזט־אויס, אין יענעם מאמענט
א ספעציעלע סענטימענטאלע התקרבות צו מיר, ווי צו זיין
יינגערן ברודער, האט ער זיך גובר געווען אויף זיין נאטיר־
לעכן חוש פון עניוות און ארויסגענומען פון בוזים־קעשענע א
מאנוסקריפט, זאגנדיק מיר: „לייען, אברהם׳ל און זאג דיין
מיינונג״.

דאס איז געווען א ליד אין יידיש מיטן נאמען: „א תפילה
צו גאט״, געשריבן אין א געשליפענער שפראך און אין קלינ־
גענדע פערזן. איך בין געווען גערירט. ס׳איז געווען דאס
ערשטע ליד זיינס, וואס איך האב געלייענט. ער האט זיך
פאר מיר אנטפלעקט אלס דיכטער, אלס שעפער.

אנשטאט צו זאגן אים מיין מיינונג, האב איך זיך פאנאנ־
דערגעוויינט פון עמאציע...

אברהם סטאלאוויצקי (ארגענטינע)

# זכרונות פון חסידישן שטיבל

## קאפיטל 1

דאס חסידים־שטיבל. — די חסידישע באָד און מקוה. — „שדים" אין באָד. — און „מתים" אין דער גרויסער שול.

### א.

מיין פאטער ר׳ ישראל ע״ה איז געווען א התלהבות׳דיקער סלאנימער חסיד און האט, פארשטייט זיך, ערצויגן זיינע קינדער אין גייסט פון סלאנימער חסידות. דעריבער זיינען מיינע זכרונות פון די קינדער — און די ערשטע יוגנט־יארן ענג פארבונדן מיטן חסידישן שטיבל. איך געדיינק זייער גוט דעם רבי׳ן ר׳ שמואל׳קע, ווי אויך זיינע זין ר׳ יששכר־לייב און ר׳ אברהם און זייערע קינדער. פון די קינדער־יארן אן פלעגן מיר, איך און מיינע ברידער, דאווענען מיטן פאטער אין שטיבל, ניט נאר שבת׳ים נאר אפטמאל אויך אינדערוואכן. איך האב געקענט כמעט אלע מתפללים פון יענע יארן, מיט זייערע צונעמען, זייער שטייגער פון דאווענען, זייערע מנהגים.

דער פאטער האט זיך נוהג געווען צו גיין מיט זיינע זין אין באָד פון חסידישן שטיבל. ווער פון די סלאנימער און אויך פון חסידים פון אנדערע שטעט, וואס פלעגן קומען צום רבי׳ן, וואס האט געקענט דאס חסידים־שטיבל, געדיינקט זיכער, אז פון פירהויז לינקס איז געווען דער אריינגאנג אין שטיבל גופא, און פון רעכטס האבן עטלאכע טרעפלאך אין דער בידער געפירט צו דער באָד און צו דער מקווה.

איך בין געווען אזוי גוט באַ׳הוונט אין שטיבל, ווי אין באָד... און פונדעסטוועגן האט די באָד אויף מיר געווארפן אין די קינדער־יארן די גרעסטע אימה, און אט פארוואס: מיר, קינדער האבן זיך אנגעהערט מעשיות וועגן שדים און מזיקים מיט זייער מלכה לילית, וועלכע בושעווען, מכלומרשטן, דווקא אין באָד און פראווען דארט הולטייסטווע און לאדן איין פארבייגייער צו פארזוכן זייערע מאכלים און משקאות, און אך און וויי איז צו דעם, וועמ ס׳לאזט זיך אריינכאפן אין זייער נעץ... ווען כ׳פלעג דורכגיין ביינאכט פארביי דער באָד, פלעגט אויף מיר ציטערן די הויט.

מאכט זיך א מעשה, א שבת בין השמשות, האב איך פארשפעטיקט צום שלש־סעודות אין שטיבל, ווו מיין פאטער, איז שוין געווען, און איך בין אנגעקומען הארט פאר הבדלה, ווען אין דרויסן איז שוין געווען גאנץ טונקל. ווען כ׳בין אריין אין פירהויז, האט זיך מיין קינדערשע פאנטאזיע צושפילט און עס האט זיך מיר אויסגעדוכט אז כ׳הער פון באָד מאדנע קולות און אַ מין חצופישע קוויטשעריי. העגט און פיס האבן מיר אפגענומען. איך האב אנגעהייבן לויפן, ווי נישט־גוטע וואלטן מיר געטראגן, און אזוי אריינגעלאפן אין שטיבל. דער רבי מיט די חסידים האבן געפראוועט מלווה־מלכה און דער רבי האט געזאגט תורה. צו מיר איז צוגעגאנגען דעם רבינ׳ס אנ׳אייניקל הערשעלע. ער איז געווען א רויטינקער שיינער יינגעלע, מיט לאנגע פיאות און א קאפאטקעלע; א יינגעלע א פריילאכער און א גרויסער שטיפער. מיר פלעגן זיך צוזאמען שפילן. דערזעענדיק מיר א בלאסן און א ציטערדיקן, האט ער מיר געפרעגט: — „וואס איז דיר, אברהם׳על ?" —

— „אוי, הערשעלע, — האב איך אים געענטפערט, — לילית געפינט זיך אין באָד". —

הערשעלע האט לאנג ניט געטראכט און האט דאס דערציילט שמערל דעם בעדער, וועלכער איז געזעסן מיט די חסידים ביים טיש. שמערל האט מיר גלייך געפרעגט:

— „זאג נאר, אברהם׳ל, אויף וועלכער שפראך האבן די שדים געקוויטשעט: אויף גויאיש, אדער אויף יידיש ?" —

מיט אט דער פראגע האט מיר שמערל דער בעדער געשטעלט אין א פארלעגנהייט: מיר איז קיינמאל גארנישט איינגעפאלן, אז ס׳זיינען פאראן אויך גויאישע שדים... ער האט מיר אנגענומען פארן האנט און מיר געפירט אין באָד אריין צו זען די שדים.

פון דעמאלט־אן איז מיר פארשוווּנדן די מורא פאר שדים און מזיקים מיט לילית׳ן. נאר מיט דעם האט זיך נאך מיין קינדערשע צעהיצטע פאנטאזיע ניט בארוהיקט. א נייע אימה

האט מיר באהערשט צוליב „מתים" אין דער גרויסער שול!
דאס האט זיך אנגעהייבן ווען כ'בין אנגעקומען לערנען צו שעפסלען דעם מלמד. (שעפסל איז א פארענדערונג פון נאמען „שבתי". — רעד.). זיין חדר איז געווען אין קירזשנערשן בית־המדרש, וועלכער האט זיך געפונען קעגנאיבער דעם געמויערטן בית־המדרש (דעם „מויער"). אין יענע יארן פלעגט מען לערנען אין די חדרים ביז 8 אין אוונט און אמאל אויך שפעטער. ווען איך פלעג שפעט אין אוונט ארויסגיין פון חדר, פלעג איך מוזן פארבייגיין די גרויסע שול. פון דור צו דור איז אריבער צו חדר־יינגלאך די לעגענדע, אז ביינאכט קומען זיך צונויף די מתים דאווענען אין דער גרויסער שול און יעדן פארבייגייער רופן זיי אויף צו דער תורה*)... די לעגענדע איז אויך אריבער בירושה צו די חדרים פון מיין דור, אין אנהייב פון היינטיקן יארהונדערט. יעדנפאלס, ביי ר' שעפס־לען, וועמנס תלמידים זיינען געווען אין עלטער פון 8—9 יאר, איז די לעגענדע געווען אין גאנג.

ר' שעפסל דער מלמד איז אונדז, זיינע תלמידים. געווען זייער צום הארצן. מיט אונדז האט אויך געלערנט זיין זון לייזער, וועמענס צונאמען איז געווען „לייזער בליץ" (פארוואס האט זיך צו אים צוגעטשעפעט דער צונאמען „בליץ" וואס האט אים באגלייט זיין גאנצן לעבן, — געדיינק איך שוין ניט).

שטעלט אייך פאר אונדזער איבערלעבענעש, ווען מיר, די כאליאסטרע חדר־יינגלאך, פלעגן דארפן פארבייגיין יעדן אוונט די גרויסע שול. מיר האבן מורא געהאט, אז די מתים זאלן אונדז ניט אויפרופן צו דער תורה... איך פלעג אפט אין שלאף חלומ'ען וועגן די מתים אין דער גרויסער שול.

איינמאל האב איך זיך אנגענומען מיט מוט און פארטרויט דעם רבי'ן אונדזער סוד וועגן דער מורא וואס די גרויסע שול ווארפט אויף אונדז ארויף יעדן ביינאכט, צוריק־גייענדיק פון חדר. טשעקאווע, ווי אזוי דער רבי האט אונדז בארוהיקט: ערשטנס, — האט ער געזאגט, — טראגן מיר דאך כשר'ע ארבע־כנפות מיט כשר'ע ציצית. און צווייטנס — זיינען מיר נאך ניט קיין בר־מצווה־יינגלאך, און א יינגל פאר בר־מצווה רופט מען ניט צו דער תורה. און דריטנס, — למען יתר בטחון, — זאלן מיר פארן שלאפן זאגן מיט כוונה קריאת־שמע, — וועלן די מתים פון גרויסער שול אויף אונדז קיין שליטה ניט האבן.

מיט אט די רייד האט אונדז דער רבי אראפגענומען א שטיין פון הארצן.

## קאפיטל 2

די מתפללים אין שטיבל. — נפתלי דער חסיד. —
דער בעל הצונאמען: „ווען איז דער מולד?" —

דאס חסידים־שטיבל האט געהאט א רייהע מערקווירדיקע טיפן פון מתפללים. יעדער איינער — מיט זיין שטייגער פון דאווענען. מערסטנטייל פלעגן זיי מאכן משונה'דיקע העוויות, אנדערע פלעגן שרייען און גוואלדעווען בעת'ן דאווענען, זיך שאקלען און טרייסלען פון רעכטס אויף לינקס, אדער פון פארנט אויף הינטן. ר' נפתלי דער חסיד, וועלכער איז געווען א שם־דבר אין שטאט (און אויך צווישן די סלאנימער חסידים אין דער וועלט) פלעגט זיך רייסן די קאפאטע בעתן דאווענען.

איז ניט קיין וווּנדער, וואס צווישן די אלע רוישיקע מתפללים האט זיך געווארפן אין די אויגן איינער א חסיד, ר' שמואל־לייב מיט א רויטער בארד, וועלכער פלעגט קיינמאל א ווארט ניט אויסריידן, און מען האט אים געגעבן א משונה־דיקן צונאמען: „ווען איז דער מולד?" — דעם צונאמען האט ער געקראגן צוליב זיין ארומפרעגן זיך אין שטיבל בעת ראש־חודש־בענטשן, ווען ס'פאלט אויס דער מולד. ווייזט־אויס, אז ער פלעגט שטארק דאקוטשען די מתפללים מיט זיין אייביקער פראגע, און אזוי־ארום האבן זיי אים צוגעטשעפעט דעם צונאמען. אבער מיט דער צייט איז דער בעל־דבר געווארן זייער פילבאר (איך וואלט געזאגט: אלערגיש) צו זיין צונאמען, און מען האט דאס אים ניט געטארט, חס וחלילה, דערמאנען. דערצו איז ר' שמואל־לייב געווען א גרויסער כעסן, און ווער ס'פלעגט האבן די העזה אים רופן: „ווען איז דער מולד?" — פלעגט ניט ארויסגיין פון אים א גאנצער...

מאכט זיך א מעשה, איינמאל א שבת בעת קריאת־התורה, ווען מיר, חברה קונדסים, האבן געשטיפט הינטער דער בימה, גייט צו מיר צו איינער פון די מתפללים, וועלכער האט זיך געוואלט אריין־טאן מיט ר' שמואל־לייבן און זאגט מיר: — „אברהמ'ל, גיי פרעג דעם ייד מיט דער רויטער בארד, וואס זיצט אט דארטן, ווען איז דער מולד?" —

**ניט וויסנדיק נאך וואס דאס מיינט, בין איך טאקע צוגעגאנגען צום חסיד מיט דער רויטער בארד און געפרעגט: ווען איז דער מולד? —**

**נו, נו. ווען מיין טאטע ע"ה, וועלכער איז געזעסן ניט ווייט פון אים, וואלט מיר ניט ארויסגעריסן פון זיינע הענט, וואלט איך זיכער געבליבן אן ביידע אויערן...**

---

*) ז' „פנקס־סלאנים", 3־טער באנד, ז' 13—14, זכרונות פון מענדל פערלשטיין. קאפיטל: „מיינע מלמדים און חדרים", ווו ער דערציילט וועגן ענלעכע לעגענדעס צווישן חדרים־יינגלאך אין סלאנים אין די 60־ער און 70־ער יארן פון פאריקן יארהונדערט. — רעד.

## קאפיטל 3

איך ווער בר־מצוה. — אנ׳אויפנאמע ביים חסידישן רבי. — מיין שריפטלעכע התחייבות אז איך וועל מקיים זיין אלע מצוות. — א מעשה ווי דער רבי האט גע׳פסלט מיין אונטערשריפט. —

און אט בין איך שוין א בר־מצוה־בחור. אין א שיינעם פרימארגן זאגט צו מיר מיין טאטע:

— „דו ווייסט, אברהמ׳ל, אין א חודש ארום ווערסטו בר־מצווה. תפילין דארף מען אנהייבן לייגן מיט א חודש פריהער. דו וועסט גיין מיט מיר אין שטיבל און דארטן וועסטו לערנען ווי צו לייגן און, אגב, וועט דיר דער רבי געבן א ברכה״. —

איידער מיר זיינען אריין צום רבי׳ן און פאר׳ן ערשטן מאל תפילין לייגן, האב איך מיטן טאטן זיך אפגע׳טובלט אין דער שטיבל׳שער מקוה. נאכהער איז דער טאטע אריין אליין צום רבי׳ן און איך בין געבליבן שטיין ווארטן אויפ׳ן שוועל פון זיין חדר מיוחד. איך בין געשטאנען גאנץ לאנג און געווארט. ווען דער טאטע האט מיר ענדלעך אריינגערופן, האט מיר דער רבי פאנאנדערגעפרעגט אלע פרטים וועגן מיין לערנען: ווו, ביי וועלכן מלמד, וועלכע מסכתא איך לערן און ווו איך האלט אין דער גמרא. ווייזט־אויס, אז מיין ענטפער האט אים צופרידנגעשטעלט. נאכהער האט דער רבי פאר־געזעצט:

— „אברהמ׳ל, דו ווערסט א בר־מצווה־בחור. דו נעמסט אויף זיך דעם עול־מצוות. לכן פארלאנג איך פון דיר, דו זאלסט מיר צוזאגן, אז דו וועסט יעדן טאג לייגן תפילין, אפהיטן יידישקייט און מקיים זיין אלע מצוות, ווי ס׳פאסט פאר א זון פון אזא פרומען און גוטן חסיד, ווי דיין טאטע. גיב מיר דיין האנט און זאג מיר צו, אז דו וועסט אזוי טאן״. —

דאביי האט ער ארויסגענומען א העפט און מיר געזאגט: „דו קענסט דאך שרייבן, לכן שרייב זיך אונטער, אז דו זאגסט דאס מיר צו.״ —

שאלות, צי איך קען שרייבן. ניט נאר סתם שרייבן האב איך געקענט, נאר אפילו מיט „צוקעלאך״, אזוי ווי ס׳האט מיר געלערנט מיין לערער יהושע ניימארק, וואס האט געקענט די מלאכה פון זיין זיידן, וועלכער איז געווען ניט קיין אנדערער, ווי דער בארימטער אין סלאנים לערער פון שרייבן־קונסט ר׳ יעקב מלאך. האב איך אויסגעצאצקעט מיין חתימה, דעם פולן נאמען און פאמיליע, מיט א פיינעם צוקעלע. דעם רבי׳ן אבער איז די חתימה ניט געפעלן געווארן.

„ניין, ס׳טויג ניט, — האט ער געזאגט, — שרייב זיך אונטער: אברהם בן ר׳ ישראל״. —

היות ס׳איז געבליבן פלאץ אין דערזעלבער שורה נאך מיין חתימה, האב איך צוגעגעבן מיין פאטערס נאמען, אזוי אז די חתימה האט זיך איצט געלייענט: „אברהם סטאלאוויצקי בר׳ ישראל״. אז דער רבי האט דאס דערזען, האט ער אויך דאס גלייך געפסלט און האט מיר געהייסן אונטערשרייבן אין א צווייטע שורה: „אברהם בר׳ ישראל סטאלאוויצקי״.

איך ווייס ניט, צי איך בין אביסל ארויס פון די כלים צוליב׳ן רבי׳ס פסל׳ענען כסדר מיין אונטערשריפט, אדער אפשר איז די פען געווען צופיל איינגעטונקט אין טינט, — נאר טראץ מיין באמיהען זיך, האט מיין האנט אנגעהייבן ציטערן און די אונטערשריפט איז ארויס, לא־עלינו, אזוי שלעכט, — ממש ניט צום דורכלייענען...

ס׳איז מיר געווארן ניט גוט. איך האב אויף מיר דערפילט פון ביידע זייטן די שארפע בליקן פון רבי׳ן און פון טאטן. דער לעצטער האט אויף מיר אנגעשטעלט א פאר אויגן, ווי ער וואלט זאגן: „שיינער תכשיט מיינער! דו האסט מיר פארשעמט פארן רבי׳ן און דו קענסט זיך דאך ניט אונטער־שרייבן!״ — און איך אליין, קענט איר זיך פארשטעלן מיין נעבעכדיקן שטיין פארן רבי׳ן.

ווייזט־אויס, אז דער רבי האט פארשטאנען סיי מיין טאטנס שטומען פארוואורף און סתם מיין בידנעם מעמד, — האט ער פארגלעט און גע׳פסקנ׳ט אז מיין חתימה וועט שוין טויגן. א שטיין איז מיר אראפ פון הארצן.

נאכ׳ן אפפטרן די חתימה האט דער רבי צוגעגעבן, אז ער פארלאנגט דאסזעלבע פון אלע חסידישע בר־מצווה־בחורים.

אין יארן ארום, אז איך האב אויפגעהערט מקיים צו זיין די הבטחות צום רבי׳ן וועגן לייגן יעדן טאג תפילין און וועגן אפהיטן אנדערע מצוות, האב איך מיר געפונען א היתר, אז סוף־סוף איז מיין כמעט־אונלעזבארע אונטערשריפט ניט געווען אינגאנצן בגדר פון א חתימה, און במילא האבן די הבטחות ניט קיין פולן קיום...

## קאפיטל 4

דאס שטיבל בעת דער דייטשער אקופאציע. — דער רבי ווערט קראנק און מען פירט אים אין ווארשע. — ווי אזוי די נייס וועגן זיין פטירה איז אנגעקומען אין שטיבל. —

הגם איך בין געווארן מיט דער צייט ניט אזא אפטער מתפלל אין שטיבל, האב איך אין ערשטן יאר פון דער דייטשער אקופאציע (בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה) געדאוונט טאג־טעגלעך אין שטיבל, ווייל איך בין דאן געווען

אנ׳אבל נאך מיין מוטער עליה השלום און געהיט שטרייננג דאס קדיש־זאגן 3 מאל א טאג. איך געדיינק, אז אין יענער צייט איז דאס שטיבל געווארן פארוואראלאזט. אינדערוואכן פלעגט זיך אויפקלייבן קוים א מנין צו שחריתים. צוליב די

שווערע אקופּאַציע־באַדינגונגען פלעגן חסידים, וואָס האָבן געוווינט אין ווייטערע געגנטן פון שטאָט, דאַוונען אינדערוואָכן אין די גאַנטע צו זיי בתי־מדרשים, — און וועגן חסידים פון דרויסן, ווי ס'איז געווען פאַר דער מלחמה, איז דאָך אָפּגע־רעדט, אַז זיי האָבן ניט געקענט קומען. צו דעם איז צוגעקומען די צרה, וואָס די דייטשן פלעגן כאַפּן אויף אַרבעט, און מענטשן פלעגן מורא האָבן אַרויסצוגיין אין גאַס. פלעגט טאַקע הערשן אין שטיבל א דערדריקנדע שטימונג. און אויך די טישן ביי מלווה־מלכה זיינען געוואָרן שיטער.

אינצווישן איז דער רבי קראַנק געוואָרן און מען האָט אים געמוזט פירן אָפּערירן אין וואַרשע. פאַרשטייט זיך, זינט דעם רבי'ס אוועקפאָרן, פלעגן מיר אין שטיבל וואַרטן כסדר אויף נייס פון וואַרשע וועגן רבי'נס געזונט.

איינמאָל צו שחרית, רייסט זיך אַריין אין שטיבל דער שטענדיקער מתפלל, ר' שלמה „לאַקש". (שלמה ראָזענבערג). מען האָט אים גערופן „לאַקש", ווייל ער איז געווען הויך און דאַר. (אַגב, ער איז שפּעטער געוואָרן אונדזער מחותן: מיין ברודער סענדער[1] האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער). ר' שלמה לאַקש האָט געהאַלטן אין האַנט א צייטונג און געזאָגט צו די מתפללים: „יידן, זייער שלעכטע נייס! נעכטן איז אין וואַרשע נפטר געוואָרן דער רבי נאָך א שווערער אָפּעראַ־ציע". —

מיר זיינען גלייך צוגעלאָפן און געשלונגען די נייס. די ידיעה איז געווען אַביסל א פאַרשפּעטיקטע, ווייל די צייטונגען פלעגן אָנקומען מיט 1—2 טאָג שפּעטער צוליב די מלחמה־באַדינגונגען אויף די באַנען. די ידיעה אין צייטונג איז געווען געדרוקט אויף א חשובן פּלאַץ און געווען באַגלייט מיט א ביאָגראַפישע נאָטיץ וועגן נפטר און דעם אָרט וואָס ער האָט פאַרנומען אין דער חסידישער וועלט.[2]).

אין שטיבל איז געוואָרן א צורודערונג. אייניקע האָבן זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און אַנדערע זיינען אין א נערוועזן צושטאַנד געגאַנגען הין און צוריק איבערן בית־המדרש. מען האָט געוואָרט, אַז ר' יששכר־לייב, דער עלטערער זון פון נפטר, זאָל אַריינגיין אין שטיבל דאַוונען. ווייזט־אויס אַז די מתפללים האָבן ניט געוווּסט, צו די פאַמיליע פון נפטר האָט שוין באַקומען די ידיעה וועגן דער פּטירה. אַזוי צו אַזוי, האָבן די חסידים אוועקגעלייגט די צייטונג אויפן סטענדער פון ר' יששכר־לייבן.

ווען ער איז אַריינגעגאַנגען און דערזען די צייטונג מיט דער טרויעריקער בשורה, האָט ער קיין וואָרט ניט אַרויס־גערעדט, אַנגעטאָן דעם טלית איבערן קאָפּ, זיך געשטעלט מיטן פּנים צו די חסידים און געמאַכט הויך אויפן קול די ברכה: „ברוך דיין אמת", — און די חסידים האָבן טרויעריק אָפּגעענטפערט אמן.

## קאַפּיטל 5

א ברית ביי מיין ברודער. — ר' יששכר־לייב אַלס מוהל. — ווי אַזוי ר' משה'לי דער חסיד האָט פאַרענטפערט א האַרבע שאלה. — א מעשה אין א מעשה וועגן א ברית. — נחום לאָזינסקי'ס א שפּיצל. —

עס דערמאָנט זיך מיר א ברית, וואָס איז אין אייניקע יאָר אַרום געפּראַוועט געוואָרן ביי מיין ברודער. פאַרשטייט זיך אַז ביי א חסידישן ברית איז דער מוהל געווען ר' יששכר־לייב בכבודו ובעצמו.[3]). די מוהלות איז שוין געווען א טראַדיציע ביי די סלאָנימער רביים, און די חסידים פלעגן דערציילן, אַז אויך ר' שמואל'קע האָט ביי פּאַסיקע געלעגנ־הייטן ניט מוותר געווען אויף דער מצווה פון מכניס זיין יידישע קינדער בבריתו של אברהם אבינו.

צום ברית וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין ברודערס וואוינונג זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די פּני פון חסידישן שטיבל: ר' יודל דער שוחט (ר' יודל פוקסמאַן, דער פאָטער פון משה'לע דעם חסיד), ר' משה מינץ, ר' יעקב־זונדל עפּעלגראַד, ר' לייזער דער פאַנעסוּוער, ר' יעקב דער ווייגער (ר' יעקב גאָלדפאַרב), ר' נח סענדערס, (פינטשוק), ר' אהרן קאָפּאַניצער (גאָלדבערג) און נאָך אַנדערע. (לויטער געדיינק איך ניט אַלע פאַמיליע־נעמען). דער מכניס אורחים איז, אחוץ מיין ברודער דער בעל־שמחה, געווען מיין טאַטע. וואָס ריידן אַזעלכע יידן און ביי אַזאַ געלעגנהייט? — פאַרשטייט זיך שיט מען תורה־ווערטלאַך און מען טייטשט פּסוקים, מען מאַכט פּשט'לאַך, און אָט גיט איינער א פרעג:

— „רבותי, פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין „שהחיינו" ביי א ברית, און מען מאַכט יע ביי א פּדיון־הבן? — א ברית איז דאָך פריילעכער ווי דער פּדיון־הבן?!" —

עס הייבן זיך אָן צו שיטן פאַרשיידענע ענטפערס און אויסטייטשונגען, אָבער עס קלעפּט זיך ניט, מען שלאָגט אָפּ אַלע תשובות. פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען, — ווער? — טאַקע ר' משה'לה אַליין, דער דורך אַלעמען באַליבטער און געשעצטער ר' משה'לע פוקסמאַן. צו קען דען געמאָלט זיין, אַז משה'לע

---

1) סענדער סטאַלאָוויצקי, — דער דיכטער ס. סטאַל, — דער מחבר פון דער פּאָעמע: „די לעגענדע פון סלאָנים". ז' אויך אין דיזן באַנד פון זעלבן מחבר: „זכרונות וועגן מיין ברודער סענדער, דעם דיכטער ס. סטאַל". — רעד.

2) דער חסידישער רבי ר' שמואל וויינבערג, דער צווייטער סלאָנימער אדמו"ר, איז נפטר געוואָרן י"ט שבט תרע"ו, איבער 4 חדשים פון אָנהייב פון דער דייטשער אָקופּאַציע. ז' „פּנקס־סלאָנים", ערשטער באַנד, ז' קס. — רעד.

3) ווי באַקאַנט איז ר' יששכר־לייב געווען א מוהל עד אחרית ימיו. ז' אויך די זכרונות פון דר. שמואל חנוביץ, אין „פּנקס־סלאָנים", דריטן באַנד, ז' 236.

זאל דורכלאזן אזא זימון לשם מצוה? און ביי וועמען? ביי איינעם פון די אריות שבחבורה פון שטיבל. בקיצור, מען האט אים געשטעלט די אויבנדערמאנטע פראגע. ר׳ משה׳לה, ווי זיין שטייגער, פלעגט ניט איינשטיין אויף איין ארט. הייבט ער אן ארומשפאצירן איבערן צימער, קנייטשט דעם שטערן, טראכט זיך אריין און זאגט ענדלעך אן, אז ער האט א תשובה:

— „ביי א ברית, פארשטייט איר, איז פאראן צער, און ווו ס׳איז דא צער — מאכט מען ניט קיין ש„החיינו״ און מען לאזט עס דעריבער צום פדיון־הבן, ווו ס׳איז פאראן נאר נחת״. —

אלע האבן מסכים געווען מיט ר׳ משה׳לעס ענטפער.

דערווייל איז געווארן שפעטלעך. ר׳ ישׂשכר־לייב איילט זיך און ער פרעגט מיין ברודער ווער עס איז דער קוואטער פון ברית. ער האט אנגעוויזן אויף מיר. דער רבי גיט א קוק אויף מיר און מאכט מיר א פארווורף:

— „אברהם׳ל, עפעס זעט מען דיר לעצטנס ווייניק אין שטיבל״. —

ס׳איז טאקע ריכטיק. די לעצטע פאר יאר, זינט איך האב פארבלאנדזשעט צו די „צעירי־ציון״, בין איך געווארן א זעלטענער גאסט אין שטיבל. דערווייל דערמאנט מיר ר׳ ישׂשכר־לייב, אז מיין מוהל איז ניט געווען קיין אנדערער, ווי זיין פאטער, דער רבי ר׳ שמואל׳קע, און בזכות פון דעם האב איך באדארפט זיין מער געטריי צו מיין חסידישן יחוס.

נאכן פארענדיקן די ברית־פראצעדור און ביים נעמען א גלעזעלע מיט צובייסאכץ ביים געגרייטן טיש, איז דער עולם געווארן בגילופין׳דיק. עס איז אוועק א סידרה מיט ריידעלאך, מיט וויצן, מיט צווייטייטיקע פשט׳לאך און אנעקדאטן, אייניקע אפילו גאנץ צוגעפעפערטע. די פריילאכע שטימונג האט אנגעשטעקט אויך ר׳ ישׂשכר־לייבן און ער האט דערציילט א געשיכטע נאך פון פאר דער מלחמה און טאקע מיט א ברית:

ער איז איינמאל געווען אויף א ברית אויף זאמאשטשע, ביי א יידן וואס האט געהייסן משה ברייע. געארבעט האט משה ברייע ביי נחום לאזינסקין אין ברויז. פארשטייט זיך, איז אויך לאזינסקי געווען פארבעטן. ער האט פארשפעטיקט מיט צוויי שעה צום ברית, נאר מען האט אויף אים געווארט. א קלייניקייט, נחום לאזינסקי... אריינגעקומען, רופט ער זיך אפ צום בעל־ברית:

— „גוט, משה. דו האסט מיר פארבעטן, בין איך געקומען. אבער זיי וויסן, אז פון היינט אן ווערסטו אפגעזאגט פון דיין ארבעט״. —

משה־ברייע איז געווארן צוטומלט, און זיין עלטערע טאכטער איז גלייך אריינגעלאפן אין צווייטן צימער צו דער קימפעטארין און אנגעזאגט די ביטערע בשורה, אז דער טאטע איז אפגעזאגט געווארן פון דער ארבעט. עס האט זיך אנגעהייבן א געיאמערײ. אזא צרה, אזא אומגליק!

לאזינסקי איז זיך אבער געזעסן גאנץ רוהיק; ווען די געסט און ר׳ ישׂשכר־לייב בתוכם האבן אים אנגעהייבן פארשן, וואס איז דער מער, האט ער זיך אפגערופן, אנווייזנדיק אויף משה ברייען:

— „הערט, יידן. דער מענטש ארבעט ביי מיר ביינאכט, ער איז א שומר אין מיין פאבריק. איך בין אין אים געווען איינגעגלויבט, אז ער היט ביינאכט געטריי מיין פאבריק. אבער אז ער האט געמאכט א ברית, מיינט דאך דאס, אז ער איז ניט געווען גענוג איבערגעגעבן אין זיין ארבעט. אט צוליב וואס איך אנטזאג אים״... —

משה ברייע איז אויפגעשפרונגען און מיט א הייזעריקער שטימע זיך אפגערופן:

— „באלעבאס, איך שווער אייך ביי גאט, אז דער ברית איז פון א שבת בייטאג...״ —

— „אויב אזוי — רופט זיך אפ לאזינסקי מיט א כיטרן שמייכל, — איז עפעס אנדערש, און דו בלייבסט ווייטער ביי מיר ארבעטן. און פאר דיין טרייע ארבעט באקומסטו פון מיר 25 רובל פאר דיין ניי־געבארענעם זון״. —

איך ווייס ניט, ווו האט מען מער געלאכט פון דער מעשה: אויפן ברית ביי משה ברייע, אדער אויפן ברית ביי מיין ברודער.

אט אזוי האט מיין ברודער געפראוועט אנ׳אמת־חסידישן ברית: מיט תורה, מיט שמחה, מיט געפעפערטע וויצן און — מיטן רב׳ן בכבודו ובעצמו דאצו....

## קאפיטל 6

איך ווער א פארטיינער. — אין קלוב פון „צעירי־ציון״. — מיינע נייע חברים. — געענדיקט מיטן חסידישן שטיבל. —

ר׳ ישׂשכר־לייב׳ס טענה, אז מען זעט מיר אלץ זעלטענער אין שטיבל, איז ניט געווען אומבאגרינדעט: זינט מיין יוגנט־חבר יעקב פינטשוק פון סקראבעווער גאס האט מיר „פאר־פירט״ צו די „צעירי־ציון״, האט מיר זייער קלוב פארביטן די שטיבל...

אין די ערשטע יארן פון דער דייטשער אקופאציע, אין 1916—1917 בין איך נאך געווען, אלס 14—15 יאריקער יינגל, גענוג געטריי דעם שטיבל, אויף וויפל מען האט דאס געקענט אויספירן אין די צייטן פון צוואנגס־ארבעט און אנדערע צרות. נאר צום סוף פון דער אקופאציע אין 1918, און אויך אין ערשטן יאר פון דער פוילישער הערשאפט, אין 1919, ווען די אונטערוואקסנדע יוגנט אין שטאט האט זיך גענומען אראפ־טרייסלען דעם אויפגעצוואונגענעם מלחמה־שימל מיט אלע זיינע קאשמארן, האבן זיך אויך בחורים׳לאך אין מיין עלטער אנגעהייבן גרופירן אין פארטייען און קלובן. מיין חבר יעקב האט מיר דערציילט, אז ס׳איז אנטשטאנען א גרופע פון „צעירי־ציון״, וועלכע פירן דורך יעדן פרייטיק צונאכט פארלעזונגען און אזוי־גערופענע קעסטל־אוונטן, ווו ס׳קומען

זיך צונויף פיל יוגנטלעכע. און אנשטאט צו גיין פרייטיק אוונט נאכן עסן אין שטיבל, ווו מ׳כאפט א זמר׳ל, (ווייל אויך נאך דער פטירה פון ר׳ שמואל־קען האט מען „געפירט״ טישן), — בין איך אוועק אין קלוב פון די „צעירי־ציון״, וואס איז געווען אין דאמאלס׳דיקן לאקאל פון דער קהלה, אין א הויז אויף בריקער גאס נאך רוטקאווסקי׳ס מאנופאקטור־געשעפט. איך האב דארטן געטראפן פיל באקאנטע פנים׳ער, יינגלאך, מיידלאך, אסך עלטערע פון מיר. אגב, איך בין ניט געווען דער איינציקער, וועלכער שטאמט פון א חסידישע הויז. מען האט געפירט דיסקוסיעס, געזונגען ציוניסטישע לידער און — בעוונותינו הרבים, — מען האט אויך געראוי־כערט... איך בין זיך מודה, אז דערזעענדיק דאס צום ערשטן מאל, בין איך געווען אויסער זיך... ס׳טייטש, מען רויכערט פרייטיק צונאכט! נאכהער האט מען אנגעהייבן א „קעסטל־אוונט״: מען האט געשטעלט פראגן אויף פארשיידענע טעמעס. שמואל אווערבוך, וועלכער איז דאן געווען איינער פון די חשוב׳ע פירער פון די שטאטישע „צעירי־ציון״ האט רעזומירט אלע פראגן און געענטפערט אויף זיי.

אויף מארגן האב איך זיך אויך באטייליקט אין א פארזאמלונג פון יוגנטלעכע פון מיין עלטער, וועלכע זיינען צוגעשטאנען צו די „צעירי־ציון״. ס׳האבן זיך דאן באטייליקט א 50 חברים, צווישן זיי מיירים רעזניק, נאטע סלאנימסקי, גד גאלדבערג, די ברידער ליימע און ניאכקע העלבערג און אנדערע. די צאל פון דער גרופע האט נאכהער געוואקסן.

פון דאן־אן בין איך געווארן א „פארטיינער״. יעדן פרייטיק אוונט פלעג איך גיין אין קלוב, צו די קעסטל־אוונטן. אין שטיבל האט מען מיר שוין זעלטן געזען. כ׳האב זיך גענומען שטארק צו לייענען ביכער. שווערע ווערטער און זאצן זיינען פאר מיר געווען אומפארשטענדלעך. האב איך גענומען צו הילף מיין עלטערן ברודער סענדער, וועלכער איז שוין געווען בא׳הוונט אין די קליינע אותיות. ער פלעגט מיר פארטייטשן שווערע ארטיקלען פון דער צעירי־ציוניסטי־שער וואכנשריפט „באפרייונג״, וואס איך פלעג לעזן רעגולער. פון אים האב איך געלערנט פיל צו מיין קולטורעלער זעלבסט־בילדונג. נאר מיינע זכרונות וועגן מיין ברודער סענדער, וועלכער האט זיך נאכהער ארויסגעוויזן צו זיין א דיכטער, זיינען א קאפיטל פאר זיך.

מיט דעם האבן זיך פארענדיקט מיינע באזוכן אין שטיבל, — ווו איך פלעג נאך אמאל אריינקומען אין א יום־טוב, — און אויך מיינע זכרונות פון סלאנימער חסידישן שטיבל.

באארבעט פון ק. ל.

---

אברהם סטאלאוויצקי (ארגענטינע)

# דריי אמת׳ע מעשה׳לאך

## (פון היימישן פאלקלאר)

### ע ר ש ט ע   מ ע ש ה׳ ל ע:

#### ווי אזוי איטשע דער בעקער האט געלאשן א שריפה

איטשע דער בעקער האט געוווינט אויף יורדזיקע, קעגנאיבער דעם יורדזיקער בית־המדרש, אין סאמע הארץ פון יענעם געגנט. ווי אלע בעקערס, פלעגט איטשע זיך שטעלן באקן די ברויט פארנאכט, כדי צו יעדן פרימארגן צושטעלן פרישע ברויט. אין די אוונט־שעה׳ן, אז די ברויט פלעגט זיך שוין געפינען אין אייוון, פלעגט ר׳ איטשע אמאל כאפן א קורצן דרעמל, איבערלאזנדיק זיין ווייבל אויפצופאסן אז די ברויט זאל ניט צוגעברענט ווערן.

זיין ווייב האט געהאט, לא עלינו, א פעלער: זי האט אביסל זיך פארהיקעט און, דער עיקר, זי האט ניט קלאר גע־קענט ארויסריידן דעם „טש״ און דעם סאמעך. דער „טש״ איז ביי איר ארויסגעקומען ווי א „ט״, און אויך דער סאמעך האט ביי איר געקלונגען ווי א טית. צום ביישפיל „איטשע״ איז ביי איר ארויסגעקומען „איטע״, און „סלאנים״ — „טלאנים״ וכדומה.

פאסירט אמאל אין א זומערדיקן פארנאכט, ווען ס׳איז

נאך געווען גאנץ ליכטיק אין דרויסן און אין גאס האבן זיך נאך געדרייט מענטשן, איז אויף איטשען ארופגעפאלן א שלאף. ער האט, ווי זיין שטייגער, איבערגעלאזן זיין ווייבל ביים אייוון, זיך אויסגעטאן און אריינגעלייגט זיך אין בעט, כדי כאפן א דרעמל אויף א פאר שעה. ווען ער האט שוין גאנץ געשמאק געשלאפן, האט זיין אשה באמערקט, אז ס'האט זיך אנגעצונדן אין קוימען און ס'שלאגט פון דארטן א געדיכטער רויך. איז זי אריינגעלאפן אין שלאף־צימער און אנגעהייבן וועקן איטשען מיט קולי־קולות:

— „איטע! א טריפה!" (דאס הייסט: איטשע, א שריפה!)

ער איז געווען פארשלאפן און ניט געוווסט וואס מיט אים טוט זיך. ער האט אין שלאף עפעס אפגעענטפערט, און זי האלט אין איין שרייען: „איטע! א טרייפה!" —

אין זיין האלב־פארשלאפענעם צושטאנד, האט זיך איטשען אויסגעדוכט, אז זיין פלונית'טע ליגט נעבן אים און זי טרייסלט זיך, מכלומרשטן, אפ פון אים מיטן אויסרייד אז זי איז א...טריפה...

איטשע דער בעקער האט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין זייער ריינעם לשון. האט ער איר אריינגעזאגט:

— „ליג אין אלדע ש... יאר, ווער טשעפעט דיר?" —

אזוי ווי די פענסטער פון צימער זיינען געווען אפן און דער צימער איז געווען פון גאס, האבן זיך אירע קולות דערטראגן אין דרויסן. אירע גוואלדן האבן צוגעצויגן די דורכגייער צום פענסטער און זיי האבן געזען און געהערט וואס ס'טוט זיך.

אז זי האט ניט אויפגעהערט צו שרייען, האט ער סוף־סוף פארשטאנען אין וואס ס'האנדלט זיך און האט אין היילע־נעש זיך אנגעטאן. פון היילענעש, כידוע, קומט קיין גוטס ניט ארויס, און בעתן אנטאן די הייזן האט ער פארגעסן פארשפי־לען דעם פאסיק. ער האט געכאפט אנ'עמער וואסער און געלאפן אין דרויסן צום לייטער, כדי ארויפצוקריכן אויפן דאך און גיסן וואסער אין קוימען. פונקט ביים קלעטערן אויפן לייטער, האבן זיך אים, לא עלינו, אראפגעלאזן די הייזן און ער איז געבליבן אויפן לייטער אין גאטקעס, פנים אל פנים מיט די דורכגייער און מיט די יורדזיקער קונדסים, וואס האבן געהאט א שם אין שטאט פון די אמת'ע „ווייסע חברה'ניקעס"...

פארשטייט איר דאך שוין, ווי אזוי זיי האבן גענומען איטשען אויפן צימבל און ס'איז געווארן זייער פריילאך. דער־פאר האבן זיי געהאלפן איטשען לעשן די שריפה.

אבער מען האט לאנג געהאט פון וואס צו לאכן אין שטאט.

## צווייטע מעשה'לע

### ווי אזוי ר' נח דער שדכן האט פארקנסט בערל דעם קאלכער

ר' נח דער שדכן איז געווען א ייד א בריה: ער האט געקענט צונויפפארען די וואנט מיט יענער וואנט. אז ר' נח האט זיך גענומען אויסצופירן דעם סאמע אומגעלומפערטסטן שידוך, פלעגט דאס ווערן. די מעשה וואס איך גיב דא איבער האט דערציילט בשעתו ר' נח דעם שדכן'ס ווייב, און איך געדיינק נאך פון מיינע יוגנט־יארן, פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי מען האט וועגן דעם גערעדט ביי אונדז אין גאס.

איינמאל האט ר' נח דעם שדכן'ס ווייב באשלאסן אויס־צוקאלכן די שטוב לכבוד פסח. האט זי געזוכט א בילקן בעל־מלאכה און אויסגעפונען בערל דעם קאלכער. בערל איז געווען א פארזעסענער בחור, וואס האט געלעבט מיט זיין מאמע די אלמנה. קיין גרויסער מייסטער איז ער ניט געווען, — פלעגט ער אנעמען בילקע ארבעט וואס עס לאזט זיך. צו אלע צרות איז אים די מאמע אפגעשטארבן און ער איז געבליבן אליין.

אז ר' נח איז געקומען פון גאס, האט ער געטראפן בערלען ביי דער ארבעט.

— „וואס מאכסטו עפעס, בערל? שוין א צייט לאנג דיר ניט געזען". —

— „ניט גוט, ר' נח, — ענטפערט אפ בערל, — מיין מאמע איז מיר געשטארבן. געבליבן אליין, ניטא ווער עס זאל מיר אפקאכן אביסל ווארמעס, אויסוואשן א העמד, ס'איז ביטער, ר' נח". —

דערהערנדיק דאס, איז ר' נח'ן איינגעפאלן א געדאנק. בערל איז אים ווי אראפגעפאלן פון הימל.

— בערל, זארג ניט", — רופט ער זיך אפ און גיט בערלען אנ'ערמוטיקונדן קלאפ אין פלייצע, — „דאס וואס דיין מאמע איז געשטארבן, קען מען גארניט העלפן. זאל זי רוהען אין גן־עדן; אלע מאמעס שטארבן. אבער דו, בערל, דארפסט חתונה האבן. קום אריין צו מיר איבערמארגן אוונט און מיט גאטס הילף, אויב ס'איז באשערט, וועסטו וויסן פון א לעבן"...

בערלען איז ר' נח'ס פארשלאג גראדע געפעלן געווארן און ער האט צוגעזאגט צו קומען.

ווען בערל איז אוועק, איז ר' נח'ס פלונית'טע צוגעשטאנען צו אים, ער זאל איר זאגן, מיט וועמען ער האט דאס בדעה צו פאר'קנסן בערלען.

— „זאלסט וויסן, נח, אז בערל איז טאקע א פראסטער און א געשלאגענער, נעבאך, אבער אנ'ארנטלעכער און גוטער בחור. איך וויל, אז דו זאלסט אים ריידן עפעס א יושר'דיקע זאך, ניט אַבי־וואס, וואס ס'קלעפט זיך ווי אַרבעס צום וואנט ווי איך קען דיינע איינפאלן... אסור דיר, אויב דו וועסט פאר'תכלעווען בערלען". —

ר' נח איז איר ניט געבליבן שולדיק. ער האט געקענט זיין ווייבל, אז זי מישט זיך צופיל אין זיינע געשעפטן, און זי זוכט רק „יושר". דערצו האט ער ניט געקענט פארליידן איר צו־גרויסן פיסק.

— „ביילע, וויפל מאל האב איך דיר אנגעזאגט, אז דו זאלסט זיך ניט מישן אין מיינע ענינים, און דו זאלסט ניט לאזן דיין מענה־לשון אין גאנג... ווילסט זידלען און שרייען, איז טו דאס ביי אנדערע געלעגנהייטן. און איך זאג דיר שוין אן, אז ווען איך וועל אראפברייננגען איבערמארגן דאס מיידל, — זאלסטו שווייגן, און זיך ניט מישן. פארשטייסט? מ׳דארף פרנסה, ביילע״...

און ער האט טאקע ניט אויסגעזאגט ביילען, וועמען ער וויל דאס פארשטעלן פאר בערלען.

אויף איבערמארגן איז בערל געקומען צו דער באשטימ־טער שעה, און קורץ נאך אים האט ר׳ נח אריינגעפירט זיין „ארטיקל״. אז ביילע האט איר דערזען, איז איר פינסטער געווארן אין די אייגן: די געפלאנטע „כלה״ איז געווען א שטומע און פארזעסענע מויד פון באליאנע, וואס קיינעם וואלט גארניט איינגעפאלן אמאל איר חתונה צו מאכן.

ביילע האט זיך ניט איינגעהאלטן, און איידער נאך אפילו בערל האט זיך געכאפט וועגן וואס ס׳האנדלט זיך, איז זי אנגעפאלן אויף ר׳ נח׳ן:

— „דו רוצח, דו גזלן! דו גייסט דערהרגענען אנ׳ארעמען גוטן מענטשן מיט א שטומער? — דו ליידאק, דו! קריינקען זאלסטו! מיין נאמען איז ניט ביילע, אויב דו שיקסט איר גלייך ניט אוועק... איך טרייב דיר באלד ארויס צוזאמען מיט איר!...״ — און זי האט פארענדיקט מיט א היבשע פארצע פון זידלערייען און קללות.

בערל איז געשטאנען א צוטומלטער. ער האט דאס ערשט דערהערט, מיט וועמען ר׳ נח שדכנ׳ט אים.

— „ר׳ נח, — האט זיך בערל אפגערופן מיט א געפאלע־נער שטימע, — וואס האט איר צו מיר? זי איז דאך א שטומע״... —

דא האט ר׳ נח געלאזן אין גאנג זיינע „טאלאנטן״. אויף דעם איז ער דאך עפעס ר׳ נח דער שדכן, דער כול־יכול:

— „נו, איז וואס, בערל, אז זי איז א שטומע? — האט ער קאלטבלוטיק אפגעענטפערט, — דו האסט געזען נאר־וואס די סצענע, וואס מיין ריידעוודיקע פלונית׳טע האט מיר אפגעשפילט? מיט וואס פאר א וויסטע קללות זי האט מיר מכבד געווען? זאלסט ניט מיינען, אז אין ערגעץ איז בעסער. אומעטום דערזעלבער קלאג. דערפאר אבער דו, בערל, וועסט האבן א ווייב וואס קען דאס, וואס אלע ווייבער קענען: קינדלען, קאכן, וואשן און פרעסן. אבער דערגיין די יארן, שילטן און זידלען, — דאס וועט זי ניט קענען, בשום אופן ניט. איז וואס־זשע נאך ווילסטו? ס׳איז גארניט אזוי שלעכט, וואס זי איז א שטומע, גלויב מיר, בערל־לעבן״...

בערל האט אויף אזעלכע שטארקע ארגומענטן טאקע ניט געהאט וואס צו ענטפערן... בקיצור, ר׳ נח האט „דערשמעקט״ בערלס נאכגיביקייט און ער האט די „חתן־כלה״ שוין נאכהער צוזאמענגעבראכט ניט אין זיין שטוב, כדי ביילע זאל ניט וויסן, און ס׳האט ניט לאנג געדויערט, און בערל דער קאלכער איז געגאנגען צו דער חופה מיט דער שטומער מויד, און ר׳ נח איז געווען דער הויפט־מחותן, און ביילע האט נאך דערצו אפילו מסכים געווען און זיך משתתף געווען אין דער סעודת־מצוה.

אז שכנים פלעגן דערציילן און איבערדערציילן די מעשה, אזוי ווי ביילע האט דאס אליין איבערגעגעבן, פלעגן זיי צוגעבן:

— „מיינט איר אפשר, אז בערל האט דאס אריינבעקומען אזא צאצקע, ווי ר׳ נח האט אים איינגערעדט, אז ער וועט האבן ביי איר אזא שטילן און רוהיקן לעבן, אן קללות און געשיכטעס? — א נעכטיקער טאג! ער איז טאקע א שטילער און גוטער מענטש, — אבער זי, די ארורה, מאכט אים שטומערהייד סקאנדאלן ניט ווייניקער ווי א ריידעוודיקע: זי וויטשעט און ריטשעט, אז מענטשן לויפן זיך צונויף... א סברא, אז ער, בערל, האט אויסצושטיין פון זיין שטומער פלונית׳טע, ניט ווייניקער ווי ר׳ נח פון זיין ריידעוודיקער ביילע״... —

## דריטע מעשה׳לע

### ווי אזוי אונדזער שכנ׳טעס טאכטער באשע האט זיך ניט פארלאזן אויף מזל

באשע איז שוין געווען א מיידל אין די יארן, ווייט ניט קיין „קראסאוויצע״, ווייט ניט קיין קלוגע. כ׳וואלט אפילו געזאגט: א נארישעוואטע, און טאקע גאר אנ׳אפגעלאזענע. דערצו איז זי געווען א האלבע אנאלפאבעטקע: קוים זיך אויסגעלערנט, עברי, געגאנגען א פאר קלאסן אין א שולע און אויפגעהערט, — אנ׳אפגעשטאנענע און פארשטויסענע מיידל. אבער א פיסק האט זי געהאט אויף רעדלאך, און א לשון זאל גאט אויסהיטן... זי האט געהאט א היבשע קאלעקציע פון קללות. אפטמאל פלעגן מיר, אירע שכנים פון גאס, זיך פרעגן: ווו האט זי זיך דאס אויסגעלערנט? —

געוווינט האט זי מיט איר אלטער מאמען, די אלמנה, אין נאנטסטער שכנות׳שאפט מיט אונדז, א שטוב נעבן א שטוב.

וואס טוט אזא מויד גאנצענע טעג? — רק זי זיצט אין שטוב. זומער־צייט פלעגט זי זיצן אויף דער פריזבע צום גאס און רק ריידן און בארידן, אויף רעכטס און אויף לינקס. די גאנצע גאס האט איר גוט געקענט.

מיט מיר האט באשע ניט געלעבט בשלום. איך בין שוין געווען אנ׳אויסגעוואקסענער בחור׳ל, א „פארטייניער״, — און זי, ווי זי איז געווען, — אנ׳אפשטויסנדע, און פיל עלטער פאר מיר. אז איך פלעג דורכגיין ווען זי זיצט אויף דער פריזבע, פלעגן מיר זיך אויף אונדזער שטייגער אריינזאגן: איך איר — א וויץ, א שפאס, און זי מיר — א היבשן פעקל מיט קללות. איינמאל בין איך אדורך און דערקענט אן איר מויל, אז זי האט געגעסן שווארצע יאגדעס, — זאג איך איר,

אז זי האט געדארפט אביסל אפוואשן דעם פנים און מויל, — ענטפערט זי מיר אפ:

— „אז אפוואשן זאל מען דיר"... און עס איז אוועק א סדרה מיט כפול־שמונהדיקע „ברכות" אויף אלע יידישע שונאים געזאגט געווארן. אנ'אנדער מאל האט זי מיר פארגעווארפן אזא מין טענה:

— „זע נאר, זע, א גאנצער מענטש ביזטו געווארן. דו גייסט ארום מיט מיידלאך, לייענסט ביכלאך, און דו טוסט דאס אלץ, כדי עס זאל מיר פארדריסן." —

פארדריסט דאס שוין מיר טאקע און איך ענטפער אפ א ביסל גראבלאך: „און דו לייענסט ניט קיין ביכלאך, ווייל דו קענסט דאך קוים לייענען"... —

א מיאוסע מעשה האט אונדז איינמאל געטראפן, מיר מיט מיין חבר שמואל ראקאוויצקי: א יום־כיפור, אין יענע יוגנט־יארן, ווען מיר זיינען שוין געווארן „פארטיינע" און פרייע, האבן מיר א ביסל „אונטערגעזינדיקט". שמואל איז געקומען צו מיר אין דערפרי, האט מיר ארויסגערופן אין גאס נעבן דער פריזבע און מיר אריינגערוימט א סוד, אז מיר וועלן קומען אין א געוויסן ארט אויף צוצובייסן, כדי צו האבן א לייכטן תענית... ער האט דאס אבער אזוי שלים־מזל'דיק אויסגע'סרד'עט, אז באשע, וועלכע איז שוין געזעסן אין דרויסן, האט דאס דערהערט. נו, נו, איז אוועק א סדרה מיט ווינשעוואניעס:

— ... „אז דערווארגן זאלט איר ווערן.... אז שטעלן זאל זיך אייך דער ביסן אין האלדז... אז באקאם זאל עס אייך ארויסגיין... אז אויסקרענקען זאלט איר דאס..." —

מיר האבן געפרווט פארגלעטן די געשיכטע, איינגעטענה'ט מיט איר און קוים איר איינגערעדט, אז זי זאל מאכן א שוויג, — אבער אין א פאר שעה ארום האט שוין די גאנצע גאס געוווסט אונדזער סוד. פון מיין חבר שמואל'ס פלאן איז שוין דאן גארניט געווארן. אין שטוב האט מען זיך דערוווסט און איך האב שוין יענעם יום־כיפור געפאסט ווי א גוטער פרומער ייד...

יארן זיינען אזוי געפלאסן, — און באשע זיצט... איר מאמע, די אלמנה, האט געהאלטן אין איין קלאגן, אז זי וועט פארזעסן ווערן. קיין בעלנים אויף איר האבן זיך ניט געפונען.

ערשט איינמאל אין א ווינטער־נאכט, רייסט זיך אריין באשע צו אונדז אין שטוב און — שטעלט זיך פאר אונדזער איבערראשונג: זי באווייזט אונדז פיינע כלה־מתנות וואס זי האט אקארשט געקראגן!

ס'ווייזט זיך ארויס, אז עפעס אנ'אלטער בחור פון א שטעטל ארום סלאנים, א צוריקגעקומענער נאך דער מלחמה (געמיינט נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. — רעד.) פון רוסלאנד מיט געלט; האט זיך געלאזט ריידן א שידוך. מען האט אים פארגעשטעלט באשען און זי איז אים, א סברא, געפעלן געווארן, און ער באשיט דאס איר מיט אזעלכע טייערע מתנות.

רופט זיך אפ מיין שוועסטער צו באשען:

— „דו זעסט, באשינקע, אז מען דארף ניט זיין געפאלן ביי זיך. דו האסט, באשינקע, מזל, און עין־הרע". —

ווערט באשע ברוגז און ענטפערט שארף אפ:

— „מזל־שמאזל... — איך האלט ניט פון אזעלכע זאכן. שיין און קלוג דארף מען זיין"... —

מיט יארן שפעטער ווען איך בין שוין געווען אין ארגענטינע, פלעגט מיר שמואל שרייבן און דערציילן וועגן באשעס אמת'ע גליקן, וואס פאר א גוטן מאן און קינדער זי האט, — און זיין גרוס פלעגט ער פארענדיקן מיטן ווערטל:

„מזל־שמאזל, שיין און קלוג דארף מען זיין"...

וואס איז מיט באשען נאכהער געשען? ווייזט־אויס, אז זי איז טאקע געווען אנ'אמת'ע בת־מזל: א פאר יאר פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז איינגעפאלן איר מאן צו עמיגרירן מיט זיין ווייב און קינדער אין איינע פון די יידישע עמיגראציע־לענדער (איך רוף ניט אן דעם נאמען פון לאנד, צוליב דיסקרעציע, ווייל אין צייט פון מיין שרייבן דעם עפיזאד, האט נאך באשע געלעבט, און לעבט, מן־הסתם, נאך איצט. — א. ס.) און אזוי־ארום האבן זיי זיך געראטעוועט פון גרויסן חורבן.

נאר היינט איז זי שוין ניט די אמאליקע פארשמאדערטע און אפגעלאזענע באשע. היינט הייסט זי פרוי בעאטריז. זי איז גאנץ רייך, האט געלערנטע קינדער און שיינע אייניקלאך.

אין לאנד ווו זי לעבט זיינען פאראן סלאנימער פון אירע צייטן: און טרעפט זי א סלאנימער און מען הייבט אן צו ריידן וועגן די אמאליקע יארן און מ'דערציילט זיך פון דעם אמאל, — פארענדיקט זי שטענדיק מיט איר ווערטל:

„מזל־שמאזל, — שיין און קלוג דארף מען זיין!"

באארבעט דורך ק. ל.

# הומור וסטירה
# הומאר און סאטירע

## „ניעווסק" החביב שלנו – בראי העקום
## אונדזער ליבער „ניעווסק" — אין קרומען שפיגל

שמואל אווערבוך

## ניעווסק

מערב — שטאָט און מזרח — טייך.
איין זייט — אָרעם, איין זייט — רייך.
קראָם צו קראָם און טיר לעם טיר,
און צו פוסנס — טרעפּלעך פיר...
גליטש־אַראָפּ זיך קרום א גאָס
מיט א רינשטאָק תמיד נאָס.
צוואַנציק קראָמען, צען בנינים, —
הייסט דאָס ניעווסקי־גאָס אין סלאָנים.

שלאָפט א טראָטואַר בייטאָג,
גענעצט א סטודענט אין ראָג,
און אַ זקן הוסט זיך אויס
ביי א גאַנעק לעם א הויז.
קלייבט זיך חברה אין אַ ראָד,
ווערט א וויץ דערציילט בסוד.
העלפן לאַכן פיל בטלנים —
אויף דער ניעווסקי־גאָס אין סלאָנים.

מיט דעם לעצטן זונען־שטראַל
ציט דאָס פערדל צו זיין שטאַל,
פליט דאָס פויגל צו זיין נעסט, —
איילט דאָס שטעטל צו זיין ניעווסק...

ווערט געצוואָגן יעדער קאָפּ
און געפלאָכטן יעדער צאָפּ,
און געפּוצט ווערט יעדער פנים —
פאַר דער ניעווסקי־גאָס אין סלאָנים.

קוואַקען זשאַבעס ביי א ברעג,
קנאַלט א פויגל ביי א וועג,
און אין שטעטל אויף דער נאַכט, —
ניעווסקי רעדט און ניעווסקי לאַכט.
רוסיש פּלאַפּלט אַלט און יונג,
פּויליש — ווער נאָר ס'האָט א צונג,
יידיש — ווייניק דאָ בעלנים
אויף דער ניעווסקי־גאָס אין סלאָנים.

הענט געפלאָכטן — מיידלעך דריי.
גייט א בחור שטאָלץ פאַרביי;
קלאַפּט דאָס האַרץ און פלאַמט דער בליק:
וועמען איז באַשערט דער גליק?
קומט א מיידל פון דער פרעמד;
לויפט א יינגל, — בלייבט פאַרשעמט:
אויסגעכאַפּט איר צוויי יונים —
אויף דער ניעווסקי־גאָס אין סלאָנים.

... אין פעטראלעוויטש — שוין העל.
קלאגט א קעצל ביי א שוועל.
פון א בוידעם קרייט אנ׳עוף, —
פאלט אויף ניעווסקי אן א שלאף.

שווער געשפרייזט, געגענעצט פויל,
מיט א פעטן וויץ אין מויל:
ס׳לעצטע רעשטל כת־ליצנים
שליסט די ניעווסקי־גאס אין סלאנים.

סלאנים, סעפטעמבער 1927

---

ק. אבנר

# דאברי וויעטשור!

## אדער

# גאנץ סלאנים אויף הונדערט מעטער

## סאטירע

### קאַפּיטל איינס

אויף דער נעווסקי־פּראמענאַדע
ווען מענס פּראכט מיט גאט׳ס גענאַדע
חבר שמואל דער פּאָעט
האט געשילדערט זייער נעט, —
גייט גאנץ שטעטל הין און צוריק;
יאגט טוישט זיך ווארט און בליק;
איינער רייבט זיך אן דעם צווייטן
קעגנאיבער אלע קלייטן.
שפּעט אין אוונט, ס׳שלאפט גאנץ שטאָט, —
קיין מנוחה, נעבאך, האט
נאָר דער נעווסקי, און קיין רו, —
יאגנט ציט צום ראַנדעוווּ,
און עס ברומט דארט, און עס זשומעט...
כ׳לעבן נעווסקי ווייס קיין אומעט...
ס׳ציט די יוגנט אן אנ׳עק,
און פון דאמבע, און פון „ברעג״,
זאגאר פון יענעם זייט פון טייך.
אנ׳עולם — הערלעך, פּארבן־רייך!
און מען טאנצט פון שפּראך צו שפּראך,
פּויליש — הארציק קלינגט א לאַך,
און אויך רוסיש צו באַווייזן,
יעדן ווארט מיט זיבן גרייזן...
ס׳מאכט נישט אויס וואס ביים בולוואר
איז א צעבראַכן טראטואַר,
און ביי די זייטן קופּקעס מיסט...
דער עולם גייט, דער עולם גריסט...
כסדר מיט פּארנעם מען ציט
גאר חשיבותדיק די היט.
מ׳גריסט, מ׳בייגט זיך פיין, — און דאן
זינגט מען אויס מיט א סאפּראן:
דאברי וויעטשור!

### קאַפּיטל צוויי

אויף דער נעווסקי־פּראמענאַדע,
פּארשמירט די ליפּן מיט פּאָמאַדע,
די טופל — הויך, ווי אנ׳עטאזש,
און קורץ די קלייד, ווי אויפן פּלאַזש,
אויפן געזיכט — א קילאגראם
פּודער טונקט זיך מיטן טעם
פון מיין הינקעדיקן גראם, —
שפּאצירט א קעכן און אנ׳אם.
איינע איז פון גאס באליאַנע,
און די אנדערע א מאדאַנע
פון די יאַטקעס, — ווארפּן פונקען
צו א פּאר קצבים־יונגען.
ביידע שטאמען פון נעבן „באַרג״,
שטארק, געזונט, מיט רויטן קארק...
אז ס׳קומט שבת — צוויי פּאַצעטן
שפּרייזן אויף דער „נעווסק״ און גלעטן
שטאלץ דעם זיידענעם קראוואט.
די טאַשן־טיכל אקוראט,
און א קאסטיום געפּרעסט און גלאַט
מיט א ברייטן הוט דערגענצט
ווייזן זיי אויף נעווסקי־גרענעץ...
און זיי ריידן יידיש גראַדע
אויף דער נעווסקי־פּראמענאַדע.
נאָר אז מען טרעפט זיך אויף צוזאמען

קעגנאיבער ביידע „דאמען״, —
דאן איז יידיש מיאוס, טפוי,
ס׳איז צו וואכעדיק, צו גרוי.
גריסט מען הארציק מיט געשמאק,
מיטן גאנצן טשיק און טשאק:
דאברי וויעטשור!

## קאפיטל דריי

אויף דער נעווסקי־פראמענאדע
איז אנ׳עכטע דעפיליאדע:
יוגנט פון דעם מיטלשטאנד,
באלעבאטיש, האנט ביי האנט...
באלעבאטישע יונגע לייט
פארטרייבן דארטן זייער צייט,
ביי א זון און ביי שלעכט וועטער
מעסטן זיי די 100 מעטער...
שטאט־בטלנים, ליידיק־גייער,
קרעמער־יונגען און סתם־דרייער...
מיט א פליך אן אנ׳אלטער בחור,
און אזא וואס האט זיין וואכער
אויסגעטיילט פון טאטע מאמע...
כסדר פארלאך, מאן און דאמע.
נעווסק פארשפארט בנאמנות
דעם גאנצן עסק פון שדכנות:
דא מען קלייבט זיך צו דאס פאר
און מען גייט א גאנצן יאר,
ביז מען ווערט אין שטאט געוואר
א גיכע חופה, שפאגל־ניי,
איידער פון די צוויי ווערט דריי...
אדער — אז מיט גרויס גאלאפ
דער שידוך, נעבאך, גייט גאר אפ,
ווייל דעם בחור וויל מען נארן
און מען שטעקט נישט קיין דאלארן...
קארטן־שפילער זוכן אויס
א נייעם ארט, א ווינקל־הויז,
כדי צו מאכן דארט א קארט
און אזא באקוועמען ארט
ביי א גוטן בעל־הבית
צו רויכערן שבת א פאפיראס...
און דאס גאנצע אודיטאריע
פון רוטקאווסקין ביז „וויקטאריע״
יידיש רעדט ווי איך און איר,
פאלקסטימלעך, מיט א באציר
פון פויליש, רוסיש און דאס גלייך...
נאר אז מען גריסט זיך — איז ניט שייך,
דאן גראציעז און עלעגאנט
ציט מען ס׳הוט מיט פולער האנט,
און פון קלויסטער ביז „וויקטאריע״
הילכט ארויס די זעלבע אריע:

דאברי וויעטשור!

## קאפיטל פיר

לאקרעץ־זיס ווי מארמעלאדע
אויף דער נעווסקי־פראמענאדע
שטראמען אויך אינטעליגענטן,
פון נעווסקי שטענדיקע קליענטן, —
אויף דעם פארמעגן זיי פאטענטן...
אינטעליגענץ פראפעסיאנעלע,
דיפלאמירטע, פראווינציעלע,
און אויך געבורטס־אריסטאקראטן
ביזן טאטנס־טאטן־טאטן...
צום ערשט — דער דאקטער מעדיצין,
מיט אים — מאגיסטער־„אספירין״.
דאן — דער געשווארענער אדוואקאט,
פאלקס־טוער און אריסטאקראט,
עסקן מיטן גאנצן ברען
און איבער אלעם — דזשענטעלמען...
ס׳גייט דאן אויך דער אינזשעניר,
אן ארבעט, נעבאך, — הין און הער, —
שפרייזט ארום לענג־אויס דעם סקווער.
אייגנטלעך, ער איז ביים פאך,
מעסטן גאסן, — ס׳איז זיין זאך...
דאן גייט פון לערער די פלעיאדע
אויף דער נעווסקי־פראמענאדע,
א נייע גאב פון גאטס גנאד
פון קראקע, לעמבערג און פון בראד.
פון פויפסט פיל גרעסערער קאטאליק, —
איז יעדערער פון זיי א „פאליאק״
און פארשפרייט ער יידיש־האס
אין גימנאזיע און אין גאס...
קרימט ער צווישן אונדז דעם נאז
און כסדר פון זיך בלאזט.
באשר, — האט ניט קיין פאראיבל, —
מיר דערוועקן ביי אים איבל...
פארטראגט ליטוואקעס נאר — באשר
זייער געלט איז זיי מכשר...
דאן שיט זיך ס׳ביסל אינטעליגענץ
אין פולשטענדיקער דעקאדענץ:
דער שטאט־פאעט, דער ליטעראט,
און סתם א דענקער, א נאש בראט;
דער פובליציסט פון די ארטיקלען, —
רייכע גייסטער, אלץ אנטיקלען...
און דער געשווארענער קאוואליער —
ער איז אויך דא אויפן סקווער:
ס׳איז א יחוס — ר׳איז געפעלן
אלע שטאטישע מאמזעלן...
די אקושערין, דער דענטיסט, —
די כאליאסטרע פליסט און פליסט.
און די גאנצענע כאליאסטרע
פון דער אינטעליגענטיש קאסטע, —
אלע לשונות קייט זי איבער, —
יידיש נאר — גייט זי פאריבער...

יידיש ווערט דא איגנארירט:
ס'איז צו נידעריק פארן פלירט...
און פון רוטקאווסקין ביז „וויקטאריע"
הילכט די פרימא־קאטעגאריע,
און א בוק, א נויג, א כאַפּ
די הוט מיט עכטן קליפּ און קלאַפּ,
און מיט פולן חן מען גריסט,
און כסדר נאר מען שיסט:
דאברי וויעטשור!

### קאַפּיטל פינף

נאר אט, מיט דער אינטעליגענץ, —
אכטונג! ס'גייט איר עקסעלענץ,
ס'גייט די בולעווע, די האַלץ
מיט אייגנווירדע און מיט שטאַלץ!
די האַלץ־אינדוסטריע מיט איר זאַפּט,
ס'הייסט — מיט איר דאלארן־קראַפט!
האט איר סאסנע, דעמב און קלאָץ, —
האט איר ס'עסק, — דאן איר האט'ס!
דאן האלט די הערנער פון דעם אקס,
פון דעם אלמעכטיק־שטארקן „לאקש"!*
ווי נאר א וואקס געטאן דער טייסטער, —
דאן מישן זיי זיך צווישן גייסטער,
דאן שאפן זיי זיך איין א דעה
אפילו אין דעם „יורה־דעה"...
עס גייען גרויסע, ס'גייען קליינע,
אלץ אזוינע און אזוינע!
און ס'ארא ערע פארן המון:
זיי טרעטן אויפן זעלבן שטיין.
און ווי זיי גייען — מאכן וועג
די בירגער פון דעם „בארג" און „ברעג"...
נאר — וואונדערלעך, — פאר דיזע גייסטער
אויך אונדזער וויצע־בירגערמייסטער
דער חשובער ה' איקצאַלבאַז**
בוקט זיך נידעריקער ווי גראז...
און אט די האַלץ־לאבאראטאריע
פון רוטקאווסקען בין „וויקטאריע"
שאקלט ס'קאַפּ גראציעז, — און רק
מען זינגט מיט גאנצן טיק און טאק:
דאברי וויעטשור!

### קאַפּיטאל זעקס

געווג! כ'וואלט געקענט אוודאי
וועגן נעווסקי־פראמענאדע
דערציילן דא איר גלאנץ און פראכט
במשך פון א גאנצע נאכט!
נאר כ'האב ניט דעם באשטימטן צענז
דערוועקן קעגן זיך די גענדז...
און אויב די גענדז ווערן אין כעס, —
דאן איז גאר, כ'לעבן, נישט קיין שפּאַס!
איך וויל נישט אויך, חלילה־וחס,
ס'זאל שטורמען קעגן מיר די גאס.
כ'האב געהאנדלט ווי א גאסט,
און נאר סאטירע דא פארפאסט, —
און ווי א גאסט אויף א פּאָר וויִיל,
געצילט האב איך אויף זיבן מייל, —
נאר נישט געפערלעך איז מיין פייל!
נישט דערגרייכט איז נאך מיין ציל.
ס'איז צו ריידן זייער פיל
וועגן אט דער גאלעריי
פון דעם סלאנימער „עליזיי".
נאר כ'פארהאף דאך, ליבע פריינט, —
האפנונג לעבט, טראץ אלעם, היינט, —
אלזא, ליבע פריינט, איך האף,
אז וועגן אט דעם רייכן שטאף
וועט חבר שמואל אווערבוך
אנשרייבן א גאנצן בוך.
ער וועט דאס ערלעך טאן און נעט:
ער איז דאך — דער שטאט־פּאָעט!
ואַני, אַני הקטן, —
אַך, בל אפתח פה לשטן,
מיר, מיר קען דאס שטארק פארשאטן!
נעם איך מיר מיין זעקל־פּעקל
און מיין ליבן וואנדער־שטעקל.
כ'מוז פארלאזן אונדזער שטאט.
ס'איז ווארשיינלעך גאטס געבאט!
נאר פון נעווסקי פעסט איך האלט
אין זכרון דעם געשטאלט,
און אַנ'עכא מעלאנכאליש
וועט באגלייטן מיך, דעם תלוש!
אלזאַ, יע, איך פאר אוועק!
אדיע, מיין „דאמבע", „בארג" און „ברעג"!
איר זייט מיר אלע ליב און נאנט —
טא נאר צום גוטן מיר דערמאנט!
און בייסנד כאטש ס'איז מיין קריטיק, —
דאך ווינטש איך אלעמען פיל גליק!
איך גריס אייך אלע, ווי מען טוט
אויף נעווסקי ווען מען ציט די הוט:
איך שיק אייך אלעמען דירעקט
דעם גרוס פון נעווסקי דעם פּראָספּעקט:
דאברי וויעטשור!

---

* אין יענע יארן האט מען אין פוילן אין פאלקס לשון געקרוינט דעם דאלער מיטן צונאמען: „לאקש".

** ליטערארישער פסעוודאנים פון זאבלאצקי: זיין פאמיליע־נאמען געלייענט פארקערט.

קלמן ליכטענשטיין

# א „אויטא דא-פע” אין סלאנים

אין די שפאניש־ריידנדע לענדער, פארשטייט מען געוויס קאנקרעטער און ממשותדיקער דעם אויסדרוק אין שפאניש: „אויטא דא פע”. די ווערטער ווי די ווערטער, אבער דער באגריף האט א גאנץ באזונדערן באדייט: עס שמעקט מיט פייער... דאס האט די מיטל־אלטערלעכע שפאניע געשאפן דעם אויסדרוק און דעם באגריף, ברענענדיק אפיקורסים אויפן שייטערהויפן. אין יארהונדערט פון „פראגרעס” און „ציוויליזאציע”, וואס ס'איז אונדזער 20סטער יארהונדערט, האט די מענטשהייט זיך אויסגעקליגלט, און דאס ברענען מענטשן האט זי פארוואנדלט אין א פראספערירנדע „אינדוסטריע”, פון וועלכער די „פאבריק” אין אוישוויץ איז דער איבערצייגנדיקסטער ביישפיל. האט מען שוין דעם היסטארישן „אויטא דא פע” געמוזט מייחד זיין צו אנ'אנדער געברויך. דעם בעסטן ביישפיל צום „אנדערן געברויך” האט געגעבן געבעלס דעם 1־טן אפריל 1933, ווען ער האט אין בערלין און אין הונדערט אנדערע שטעט אין דייטשלאנד, צונויפגעשטעלט אויטא־דא־פעס, ווו מען האט געברענט — אויב ניט מוחות — אין די שאפונגען פון מוחות. אלץ וואס ס'איז געווען אין סתירה צו זיין „עוואנגעליום”, ד”ה צו היטלערס „מיין קאמף” איז געווען ראוי צו גיין אין פייער אריין. וואס האט מען דאן ניט געברענט? די נאציאנאלע ביבליאטעקן פון דייטשלאנד, און נאכהער פון די אלע דורך איר אנעקסירטע מדינות, זיינען אויסגעליידיקט געווארן. דער אויטא־דא־פע האט זיך נאכהער פארשפרייט איבער מדינות, ס'איז געווארן א מין אנגענומענער נוהג, אפילו ביי „פיינע לייט”: ווו נאר א טריפה זאך, א נישט־צענזורירטע דערשיינונג, א דורכגעשמוגלטער געדאנק — גלייך אויפן פייער... (אנ'אויסנאם איז די סאוויעטישע מדינה, ווייל דארט קען לכתחילה ניט קומען צו קיין שום „טריפה”־זאך: סיביר און לעצטנס משוגעים־הייזער זיינען דער בעסטער מיטל דערצו).

איצט, וועט איר געוויס שטעלן א פראגע: אבער וואס צו אלדע גוטע יאר, האט דאס צו טאן מיט סלאנים? — וואס איז דאס פאר א סמיכות־הפרשות; אויטא דא פע און... סלאנים?

דאס דערמאנט אונדז דעם באקאנטן אופן פון מאנכע יידישע פארשער און זאגאר געלערנטע צוצושטעלן צו יעדער מעגלעכער טעמע די ווערטער „... און יידן”. פונקט ווי אן דער יידן־פראגע קען קיין שום זאך ניט געמאלט זיין. די לבנה און יידן, קאנסער און יידן, עלעקטראניק און יידן, די אנדן־בערג און יידן... דאס זעלבע וואלטן מיר געקענט פאראפראזירן „... און סלאנים”.

און דאך — ווי איר ווילט זיך; מיר האבן געהאט אנ'אויטא־דא־פע אין סלאנים! און ביי וועמען? — ביי יידן, פון יידן קעגן יידן... און ווען? אין די סאמע דעמאקראטישע יארן פון דער לעצטער פוילישער תקופה אין 1929!

האט דאס שוין, ווי איר זעט, יא צו טאן מיט סלאנים, ווייל דאס איז דאך א שטיקל סלאנימער געשיכטע, א געשעעניש וואס איז ראוי פארצייכנט צו ווערן, אין פנקס. מען דארף דאך ניט פארגעסן, אז מיר, די לעצטע רעשטלעך פון סלאנים, ווילן פארצייכענען, אויפזאמלען אלץ וואס עס האט נאר א שייכות צו אונדזער געבורט־שטאט, אלערליי עפיזאדן, מעגן זיי זיין טראגישע, טראגי־קאמישע אדער אפילו קאמישע.

ווייל סך־הכל איז דער פאל פון אויטא־דא־פע אין סלאנים געווען א קאמישער, ממש קאמיש־לעכערלעכער עפיזאד, א טיפיש־כאראקטעריסטישער פאר דער „ליבער פראווינץ”, צו וועלכער סלאנים האט סוף־כל־סוף געהערט.

די „העלדן” פון עפיזאד זיינען: די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין סלאנים (מיט מאניע קאפלאן און ד”ר ווייס בראש), איר צייטונג „סלאנימער ווארט”, און איך — אלס רעדאקטאר פון דער צייטונג. ומעשה שהיה כך היה:

איך האב אלס יונגער בחור'ל פארלאזן סלאנים אנהייב 1921 און בין גאנצע 7 יאר ניט געווען אין דער היים. (איך האב שטודירט אין אויסלאנד). צוריקקומענדיק פון אייראפע נאך אזא לאנגער אפוועזנהייט, האב איך זיך צוגעקוקט צום סלאנימער לעבן, צו די אלטע און נייע געוווינהייטן, צו די ליכט־און שאטן־זייטן אין נייעם לעבן. ווייל איך האב דאך פארלאזן סלאנים אין די ערשטע מאנאטן פון דער פוילישער תקופה, און אט זיינען שוין אריבער 7 יאר, און די „נייע צייט” האט זיך שוין קריסטאליזירט. איך האב געזען פיל פאזיטיווע און אויך נייע נעגאטיווע זאכן. איך האב ווידער דערזען אונדזער ליבן „נעווסק” ווו ס'שפיגלט זיך אפ די גאנצע ארטיקע געזעלשאפט; איך האב באמערקט געוויסע סימנים פון שפראך־אסימילאציע, א מין דערשיינונג וואס מען האט גערופן „שמענדריקיזם”, דאס איז אנ'אויבערפלעכלעכע און ביליקע פאלאניזאציע, וואס איז געווען א פועל־יוצא פון די נייע אומשטענדן און נייע (גאליציאנער) לערער. איך האב דערזען אלטע און נייע סאציאלע שיכטן, די ארבעטער, די באלעבאטישע יוגנט, די אינטעליגענץ, די וואלד־סוחרים... בקיצור, איך האב געפונען א געזעלשאפט, וואס האט אזוי ווי זיך געבעטן צו ווערן אפגעשפיגלט אין א מין „קרומען שפיגל”, אין א קאריקאטור, אדער אין א סאטירע. ווייל ס'איז געווען פיל קאמישעס, פיל גראטעסקארטיק אין דעם נייעם „פוילישן” לעבן אין סלאנים. דער מיין פון אזא סאטירישער שאפונג איז נישט, חלילה, קיין בייזוויליקער, נאר ברענגען צו דעם, אז די מענטשן זאלן זיך טאקע אליין דערזען, ווי אין א קרומען שפיגל... אין א דעמאקראטישער געזעלשאפט איז אזא ארט

זעלבסט־קריטיק דווקא אנ׳אנגענומענע און אפילו א געוווּנט־שענע דערשיינונג.

בקיצור, אומר ועושה. איך האב דאס באטראכט און אויסגעפירט. צוויי אומשטענדן האבן מיר די אויפגאבע פארלייכטערט: ערשטנס, בין איך געווען דער פאקטישער רעדאקטאר פון דעם דאן איינציקן וואכנבלאט אין שטאט: „סלאנימער ווארט". די צייטונג האט געהערט צו דער אלגעמיין ציוניסטישער ארגאניזאציע. איך האב געהאט, אלס רעדאקטאר, פרייע הענט, און איך האב מיך באמיט, גלייכצייטיק מיט דער ציוניסטישער באלייכטונג פון די אלגעמיינע און שטאטישע ענינים, אויך צוגעבן דעם נייטיקן לאקאלן קאלאריט פון ארטיקלען, פראווינציעלן לעבן. און צווייטנס, ס׳איז געווען יום־טוב, סוכות, און איך האב געדארפט גלייך נאך יום־טוב ארויספארן אויף א געוויסע צייט קיין ווארשע.

די צייטונג פלעגט ארויסגיין אין 4 זייטן, נאר אנ׳ערב יום־טוב האבן מיר געגעבן א ליטעראַרישע ביילאגע פון 2 זייטן. די צייטונג פלעגט זיך דרוקן אין דער דרוקעריי פון פאראזאווסקי. און אט, נאכן אנשרייבן די סאטירע, האב איך געטראכט, אז איצט לכבוד יום־טוב איז די צייט צו פארעפנטלעכן איר אין פאסנדן מאמענט און אויפן פאסנדן ארט. ובכן האב איך צום נומער 8, וואס איז דערשינען ערב הושענא־רבה תר״ץ, 25־טן אקטאבער 1929, צוגעגעבן די ביילאגע, וואס האט געטראגן די זייטן נומערן 3—4, און איז געווען באטיטלט: „הומאר און סאטירע לכבוד יום־טוב". בראש איז געקומען מיין סאטירע אין פערזן וואס האט געטראגן דעם קעפל: „דאברי וויעטשור" אדער „גאנץ סלאנים אויף 100 מעטער". די סאטירע האט זיך געצויגן אויף ביידע זייטן 3—4 און האט אנטהאלטן 6 קאפיטלען. פון די ווערטער „גאנץ סלאנים אויף 100 מעטער" קענט איר זיך שוין אנשטויסן, אז ס׳האנדלט זיך וועגן „נעווסק". געצייכנט האב איך זיך מיטן פסעוודאנים: ק. אבנר („אגב „אבינרי" איז איצט מיין אפיציעלער פאמיליע נאמען אין ישראל).

כדי אויסמיידן כלערליי אומפאראויסגעזעענע פארדרוסן, מיספארשטענדענישן, אדער פשוט געדעדט: כדי ניט אנטרעטן עמיצן אויף דער „אגניאטקע", האב איך געגעבן פאר דער סאטירע א פאראווארט, אין וועלכן איך האב בפירוש אונטערגעשטראכן דעם אלגעמיינעם און אומשולדיקן כאראקטער פון דער סאטירע, וועלכע איז שליסלעך א ליטעראַרישע שאפונג און נישט קיין פאסקוויל. איך גיב דא דעם פאראווארט טעקסטועל:

„דער מחבר איז לכבוד יום־טוב געווען בגילופין און האט אנגעשריבן א הומאריסטיש־בייסנדע סאטירע אויף גאנץ סלאנים. דעם מחבר׳ס כוונה איז נישט געווען צו באליידיקן אדער פארצושטעלן עמיצן אין א נעגאטיווע זייט. עס האנדלט זיך בלויז אין געבן דורך הומארפולע פערזן א גראטעסק־בילד פון דער פראווינציעלער יידישער קליינבירגערלעכקייט, וואס ס׳איז דערלויבט לכל־הפחות איין מאל אין יאר לכבוד שמחת תורה. ס׳איז דאס רעכט פון הומאריסט און סאטיריקער. און ס׳האנדלט זיך ניט בלויז וועגן סלאנים, ס׳איז דאס בילד פון א ליאדע יידישע שטאט און שטעטל אין די קרעסן: דער זעלבער „נעווסקי", די זעלבע מענטשן... דער שרייבער פון די שורות גלויבט ניט אין דעם ווערטל „סלאנימער נאראנים". ער האפט און גלויבט, אז עס וועט זיך ניט געפינען אין סלאנים קיין איין נאר, וועלכער זאל זיך דורך א שילדערונג פון דער סאטירע באליידיקן... אלזא, ליבע לעזער, „דאברי וויעטשור"! — און גלייך נאך דעם פאראווארט, איז געקומען די סאטירע.

מיין האפענונג האט זיך „פארווירקלעכט": עס האט זיך ניט געפונען קיין שום נאר, וועלכער זאל זיך באליידיקן, ווייל... ס׳איז צו קיינעם ניט דערגאנגען. ס׳האט פאסירט נעמלעך אט וואס: אנ׳אווּנט פאר דער דערשיינונג פון דער צייטונג, ווען די ביילאגע איז שוין געווען אפגעדרוקט („סלאנימער ווארט" האט זיך געדרוקט אומגעפער אין 500 און ערב יום־טוב אין 700 עקזעמפלארן), איז צופעליק אריין אין דרוקעריי גרשון בערנשטיין (אדער מאניע קאפלאן, אדער ביידע צוזאמען, — כ׳געדענק ניט גענוי), זיי האבן געכאפט א קוק אין אינהאלט, און זיך דערשראקן. ניט א שרעק, נאר א בהלה! זיי האבן זיך דערשראקן פאר מעגלעכע רעאקציעס און פאר דעם, אז ס׳זאלן זיך ווירקלעך געפינען נאראנים, לייכט אויף באליידיקן זיך. ווער־ווייס, ס׳קען נאך דערגיין צו משפטים, צו אנקלאגעס, צו מחלוקות — און די כפרה־הינדל קען זיין דער בעל־הבית פון צייטונג, די ציוניסטישע ארגאניזאציע. פאראנטווארטלעכער רעדאקטאר כלפי דער מאכט איז געווען ד״ר אפרת. מען האט, אלזא, צונויפגערופן א דרינגענדע בעראטונג. אויב איך האב ניט קיין טעות, איז די בעראטונג פארגעקומען ביי ד״ר ווייס, מיט מ. קאפלאן, ד״ר אפרת, גרשון בערנשטיין, משה זאבלאצקי, און נאך אייניקע. מען האט געדארפט באשליסן שנעל, ווייל אויף מארגן פרי, הושענא־רבה האט די צייטונג, געדארפט ארויסגיין אין גאס. פארשטייט זיך, בין איך געווארן אינפארמירט וועגן דעם אלארם, אבער היות ווי אין קאן איז דאך געשטאנען מיינע א שאפונג, האב איך אין דער בעראטונג, טראץ מיין רעדאקטאר ראלע, זיך נישט באטייליגט. די מיינונגען האבן זיך געטיילט פאר און קעגן. קיין סודות אין סלאנים האט מען דאך ניט געקענט היטן. מיין הויפט פארטיידיקער איז געווען זאבלאצקי. כאטש ער אליין איז בפירוש געווען אנ׳אנגעריר־טער דורך די פיילן פון דער סאטירע, האט ער געטענהט, אז ניט נאר איז ניטא דא קיין גרונט פאר א צענזור נאר אזעלכע שאפונגען דערהויבן ממש דעם ניווא פון דער צייטונג און הן די געזעלשאפט. ער, דער געניטער פעליעטאניסט און הומאריסט האט פארשטאנען, אז ניט די סאטירע שמעקט מיט אויפטרייסלען דעם היגן געמויזעכץ, נאר גראד פארקערט, דאס פסלענען איר... זיין רעטאריק האט אבער ניט געהאלפן. ד״ר ווייס האט געפונען אז יורידיש קענען ניט זיין קיין קאמפליקאציעס, און ער איז געווען בוטה צו כשרן די זאך. אבער קאפלאן, בערנשטיין און אנדערע זיינען געווען אבסאלוט קעגן. מ׳טאר די ביילאגע נישט ארויסלאזן אין גאס. אזוי ווי אין שטאט האט מען זיך שוין דערוווסט, אז ס׳טומלט זיך עפעס וועגן א „באשרייבונג" אין בלעטל" (אזוי האט מען גערופן אין גאס די היגע צייטונג...) איז געפאלן א באשלוס: פארברענען די ביילאגע, און טאקע גלייך!

דער „שליח מצווה" איז געווען דער אדמיניסטראטאר און פארשפרייטער פון דער צייטונג, שלום שוכאטאוויטש (ווי מיר האבן אים גערופן שלום מיט דער וואנס...) און מען איז

גלייך געלאָפן פון ווייסן, פון זיין ווינונג אויף נעווסק, — צום „פּלאַץ" וווּ ס׳האָט זיך געפונען די דרוקעריי. פּאַראַזאָווס־קיס עלטסטער זון, משה (געשטאָרבן צוריק מיט אייניקע יאָר אין ישראל) איז געווען אַ זעצער אין זיין פאָטערס דרוקעריי. ווי נאָר ס׳איז געוואָרן דער טומל מיטן „דאַבּרי וויעטשור", האָט ער באַוויזן אַרויסצוראַטעווען אייניקע עקזעמפּלאַרן. ער האָט געהאַט אַנ׳איבעריקן גרונט דערצו: דאָס האָט ער אויסגעזעצט און אָפּגעדרוקט די ביילאַגע... און אין זעלביקן אוונט, אין די שפּעטע שעהען, האָט פּאַראַזאָווסקי אַליין וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, פאַרבּרענט ביי זיך אויפן הויף די 700 בלעטלעך, און — געענדיקט מיטן „דאַבּרי וויעטשור"...

ניין, ס׳איז ניט געווען געענדיקט... יום־טוב האָט געקאָכט אין שטאָט מיט דער געשיכטע. די אָראַפּגעלקחנטע עקזאַמפּלאַרן זיינען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. און מוצאי־יום־טוב אויף אייניקע אוונטן פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָבן חברה פאָרגעלייענט דעם טעקסט. לויט ווי איך האָב דאַן געהערט, זיינען אַרומגעגאַנגען אויך איבערגעשריבענע קאָפּיעס פון דער סאַטירע... משה פּאַראַזאָווסקי האָט געזאָרגט, אַז אויך איך זאָל האָבן אַ פּאָר בלעטלעך „צום אָנדענקען" און איין עקזעמפּלאַר, דער איינציקער אין דער וועלט, איז ביי מיר געבליבן ביז היינט צו טאָג.

אין 1929 איז „דאַבּרי וויעטשור" געווען אַ טרעפלעכע „אַריינזאָגונג" אין אַ פולסירנדיקער וויטאַלער געזעלשאַפט, מיט אירע סאָציאַלע שטאַנדן, שוואַכקייטן און נייגונגען. איצט איז דאָס אַ געשיכטלעכע עדות, אַ צוגאָב־צייל צום גרויסן היסטאָרישן דענקמאָל וואָס מיר שטעלן דעם יידישן סלאָנים. און אַלס אַזעלכן — און נאָר אַלס אַזעלכן — גיב איך איצט דעם טעקסט פאַר דער עפנטלעכקייט פון די שרידי סלאָנים.

---

יצחק ראַכילעווסקי

# ניעווסקי אין ווינטער

שוין אַוועק דער חודש מאי,
חודש תמוז אויך פאַרביי,
נאָך אַ וואָך און נאָך אַ חודש, —
אלול אויס, באַלד תשרי־חודש, —
און דער עולם מיט כוונה
גרייט זיך שוין צו ראש השנה
ס׳טריפט אַ רעגן, קאַלט דער וועטער,
פון די בוימער פאַלן בלעטער, —
צו פאַרלאָזן איז אַ שאָד
דאַמבּע און דעם „פּוסטן סאַד",
אָבער דעמאָלט, על כל פּנים,
ניעווסקי גאַס לעבט אויף אין סלאָנים.
העגט אין אָרבל איינגעפלאָכטן,
איינגעטוליעט זיך פון קעלט,
איינגעוויקלט זיך אין מאַנטל
און דעם קאַלנער אַנגעשטעלט, —
סלאָנים גייט אַרויס שפּאַצירן:
אונדזער ניעווסקי — אונדזער וועלט...
קוקן יידן אויף די ווענט,
שרייען, ריידן מיט די הענט,

רעפערירן, פּראָטעסטירן,
דעמאָנסטרירן און מאַרשירן.
אַ געררודער, אַ פּראָצעסיע,
אַ וויכוח, אַ געזאַנג,
ווי דער שטייגער דאָ אין סלאָנים
מיטן עמך׳אַדיקן קלאַנג...

ציוניסטן מיט בונדיסטן,
סאָציאַליסטן מיט פאָלקיסטן,
פּאָליטיק, ליטעראַטור
און פּאַרטייאישע פּראָבלעמען.
זידלערייען, פלוידערייען.
ווער האָט מורא דאָ פאַר וועמען?

דאָ איז „סמעטענע" און עמך,
אַלע גאַסן פון דער שטאָט.
אָן קאָמאַנדע, אָן באַפעלן
ציט דער צוג זיך טראָט נאָך טראָט.
און אַזוי אַט שעה נאָך שעה׳ן,
ס׳טרעפט אַפילו גאַנצע טעג, —

ניעווסקי רוט ניט, נעווסקי רודערט
ניעווסקי האט גארניט קיין ברעג.

פלירטן, ליבעס און ראמאנסן,
ראנדעוווס מיט גרויסע שאנסן.
איינער זוכט אויף היינט און מארגן
א פאר זלאטעס אויסצובארגן,
און א צווייטער זוכט א תורה
אפצוווישן אנ׳עבירה.
און א זיידנער יונגערמאנטשיק,
א סעריאזנער בחור׳עץ,
האלט אין האנט אנ׳אלט גאזעטל
און ער לערנט א געזעץ.

א פארליבטער יונג, א טרוימער,
רעדט אריין צו זיין באשערטער,
גלעט איר האנט מיט דרך־ארץ
און באגלייט איר מיט די ווערטער:
— „זעסט ווי שיין ס׳איז די לבנה
און די שטערן אזוי רייך״ — — —
און ער פירט איר, כאטש ס׳איז שפעטלאך,
צו דער דאמבע, ביי דעם טייך.

איינער רעדט וועגן מלחמות
מיט א ניגון פון „אקדמות״
און א צווייטער, מעשה־כוואט,
איז ניט שיעור א דיפלאמאט,
און א דריטער און א פערטער
שיטן מליצה׳דיקע ווערטער...
אט אזוי פארגייען שעה׳ן,
און עס ציט זיך דער געיעג,
אין די הערבסטיק לאנגע וואכן
און די ערשטע ווינטער טעג.

אז עס קומט אראפ דער ווינטער
מיט די שטארקע גרויסע פרעסט,
גיט זיך ניעווסקי דאן אנ׳עצה
מיט די ווינטערדיקע געסט,
און די פריילאכע קאמפאניע
קאטשעט זיך אוועק „קאטאַניע״...
קומט אן חנוכה אינמיטן,
איז מען גרייט דעם נס צו היטן.
זייען דא בעלנים גרויסע,
עסט מען לאטקעס פעטע הייסע,
זינגט מען, טאנצט מען און צום סוף
לאזט מען זיך אין א גאלאפ

קאטשעט זיך אוועק דער שליטן
און דאס מיידל זיצט אינמיטן.
ווער קען זיצן און ניט זינגען,
ווען די שליטן־גלעקלאך קלינגען?
ווער דען קען ניט פריילאך מאכן?
ווער קען פארן און ניט לאכן?
קאטשעט מען ארויס פון ניעווסקי
צום שאסיי, אדער „די רעסקעס״,
און אמאל, אין לעצטן פאל
אפגעפלויגן צום וואקזאל

ס׳איז א קעלט, און אויפן שליטן
האלט דער שניי אין גיין, אין שיטן.
ס׳קריפעט פון דעם שניי די ערד
און עס אטעמט שווער דער פערד.
פליהען הייזער, גערטנער, פעלדער,
קליינע כאטעס, ווייסע וועלדער;
גאסן, געסלאך, לאנגע רייהען,
ציהען זיך מיט די שאסעיען.

גלאנצט דער שניי ווי ווייסע טויבן,
ברענען ליכט דורך אלע שויבן.
אין יעדן הויז, אין יעדער דירה —
א געזאנג, א ליבע שירה.
אין יעדן שטוב און טיר און טויער
קלינגט דאס ליד פון מכבייער:
„מעוז צור״ און „שהחיינו״,
„הלל״, „אתה בחרתנו״,
„על הנסים״ און לחיים,
און „לשנה הבאה בירושלים״.

פליהען גאסן אין גאלאפ
בארג ארויף און בארג אַראָפּ:
שולהויף „בארג״ און „תלמוד־תורה״,
גרויסע שול און א מנורה,
„פלאַץ״, און יורדזיקעס; פון דארטן
ציט דער וועג צום „פוסטן גארטן״...
ווייטער, שטילער פארט דער שליטן
מיט א פארער א געניטן,
און ער בריינגט אים אן סימנים
צוריק, צו ניעווסקי־גאס אין סלאנים.

קלמן ליכטענשטיין

# סלאנימער קופלעטן

„אויף יענער זייט באליאנע
וווינט דארטן א שוסטער.
א סימן האט דער שוסטער,
אז דער בויך איז ביי אים א פוסטער...״

ווער פון די אלטע סלאנימער לייט, געבוירענע מיט א 70—80 יאר צוריק, געדענקט נאך אט דעם קופלעט מיט א רעפריין, וועלכן מ'האט געזונגען מיט א קראקאוויאק־מעלאדיע אין די סלאנימער געסלעך פון „ברעג״, „בארג״ און אויף באליאנע גופא? — ליידער איז מיר געבליבן אין זכרון נאר די ערשטע אויבן דערמאנטע סטראפע, אבער איך געדענק, אז עס זיינען געווען נאך פיל, וועלכע האבן געמאכט א וועזן, נישט נאר פון פוסטן בויך פון שוסטער, נאר אויך פון זיין פאמיליע און „שיינע״ טעכטער און בכלל פון באליאנער ברעג, וועלכער איז נאך דאן געווען באזעצט מיט קליינע פישער־הייזקעס, און אפילו געהאט צוויי אייגענע בתי מדרשים (א פיקאנטע שילדערונג פון באליאנע גיט אליעזר בעקענשטיין אין זיין קארעספאנדענץ אין זשורנאל „היהודי״ פון לאנדאן, זע דעם דריטן באנד פון פנקס סלאנים, ז' 196—197).

און ווער געדענקט נאך די „מאראלישע״ קופלעטן פון אנהייב יארהונדערט:

„פישעלעך צו מארענירן,
איך האב אייך געבראכט א קינד צו פירן...״

וואס סלאנימער דינסט־מיידלעך און חדר־יינגלעך האבן געזונגען (און „באוויינט״) דעם גורל פון דער פארפירטער יידישער טאכטער, וועלכע גייט דערטרינקען אין שטשארע די פרוכט פון איר געהיימער ליבע?

אזוינע און נאך אנדערע לידלעך און קופלעטן, אנגעזאפטע מיט הומאר, סאטירע, שארזש און לעבנס־חכמה. מער אדער ווייניקער פאלקסטימלעכע, מער אדער ווייניקער אנאנימע, — זיינען „ארומגעגאנגען״ אין סלאנים אין פארשיידענע תקופות. שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יארהונ־דערט, מיט א 150 יאר צוריק, האט „עמך״ אין סלאנים רעאגירט מיט לאקאלע לידלעך אויף געשעענישן, גזרות, ארטיקע פאסירונגען אד״גל. אזוי ווייסן מיר פון משה זאבלאצקי, א פאר סטראפן פון א לידל וועגן „עליבקע כאפער״ פון דער קאנטאניסטן־תקופה און וועגן דער בארימ־טער זינדיקער „גענענדל״ מיט איר קבורת־חמור... וועגן א לידל וואס באלעבאסטעס פלעגן זינגען וועגן דירות, ווו עס וווינען אינאיינעם צען פאר שכנים, דערציילט אונדז לאה קובאוויצקי אין אירע זכרונות (ז' 3־טן באנד, „פנקס״, ז' 24).

א טייל פון די לידער קען מען, אפשר מיט רעכט, צורעכענען אלס סלאנימער ווארייאנטן און שאפונגען פון אונדזער גרויסן פאלקס־אוצר. נאר א היפשע צאל פון זיי זיינען געווען לאקאלע פראדוקטן פון דער סלאנימער גאס, מיט ארטיקע טעמעס און „העלדן״ אלס סיזשעטן מיט לע־בעדיקייט און שפרודלדיקייט פון די פאלקס־שיכטן.

סלאנים איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאם. סלאנים אלס פרט, אין דער ליטוויש־ווייס־רוסישער יידישער מאפע, קען נאר באשטעטיקן די אלגעמיינקייט פון כלל.

ווי געזאגט, איז אט די „שאפונג״ נישט שטענדיק געווען אנאנים. אזוי ווייסן מיר די נעמען פון אזעלכע סלאנימער קופלעטיסטן ווי זאבלאצקי אליין (אין די ערשטע 90־ער יארן), זלמן קוניצע, יוסף וויינשטיין, אהרן מאשיניסט און אנדערע — (אין אנהייב יארהונדערט און בעת דער ערשטער דייטשישער אקופאציע).

אבער, צו האט זיך עפעס אייגנגעהיט, צו איז אין ערגעץ פאררעגיסטרירט געווארן עטוואס פון אט דער ספעציפיש־לאקאלער פראדוקציע? — אחוץ געציילטע שורות וועגן דעם כאפער, וועגן שוסטער פון באליאנע וועגן דער פארזינדיקטער מויד, וועגן די „פאזשארניקעס״ און נאך אזוינע קלייניקייטן, איז גארנישט געבליבן

אמת, די מעמואריסטן דערציילן וועגן לידלעך, וואס מען האט געזונגען אין זייערע צייטן, אבער די טעקסטן זיינען ביי זיי געבליבן מטושטש אונטערן לאסט פון די יארן. דאס דארף מען צושרייבן דעם מאנגל פון אן ארטיקן ליבהאבער־זאמלער פון אזא מין רעגיאנעלער שאפונג. וואלט כאטש געווען אין יענע יארן אן ארטיקע טריבונע צו פארנאטירן די קופלעטן, מעגן זיי זיין ווי קורץ־אטעמדיק און ווי פאראיבער־גייענדיק אקטועל ווי זיי זייבען...

גאר אנדערש איז געווען דער גורל פון דער סלאנימער קופלעטן־שאפונג אין דער לעצטער קורצער פוילישער תקופה,

און ספעציעל אין די יארן 1925—1939. דאס האט מען צו פארדאנקען דעם „סלאנימערווארט״, וועלכער איז דערשינען אין 1926—1928, פעריאדיש, נישט רעגלמעסיק און אין די יארן 1929—1939 אלס וואכנבלאט אן איבעררייס. אפטמאל האבן סלאנימער דיכטערס פארביטן זייערע לירישע לידער אויף אקטועלע, שארפזיניקע, סאטירישע טאג־קופלעטן. אזוינע צארטע ליריקערס ווי שמואל אווערבוך און סענדער סטאלאַוויצקי, האבן געגעבן מוסטערהאפטע סטראפן פון דעם מין. (מיר האבן דאס געזען אין „נעווסק״ פון שמואל אווערבוך). פובליציסטן, שרייבערס, פעליעטאניסטן (ווי יחזקאל ראבינאַוויטש, ז. ווארביאווסקי, דער שרייבער פון די שורות און אנדערע), האבן „געזינדיקט״ מיט אזוינע פערזן מעגינא דיומא. מערסטנטייל פלעגן אזוינע שפיציקע „פיילן״ ארויסגעלאזט ווערן אונטער פסעוודאנימען, ווייל מען פלעגט דאך אפט „אנרייבן א מארדע״ אן אייגענעם מענטש, א נאשבראט, — טא זאל דאס כאטש זיין פארשטעלט...

גליקלעכערווייז האב איך איינגעהיט כמעט א פולן קאמפלעט פון „סלאנימער ווארט״ און פיל צענדליקער פון די הומאר און סאטירע־לידלעך זיינען צעשפרייט איבער מער ווי 400 נומערן פון דער צייטונג. עס איז איבעריק צו באטאנען, אז אט די טשעקאווע „שאפונג״, וועלכע איז אי פובליציסטיש, אי דיכטעריש, האט א באדייטונג פאר דער געשיכטע פון לעצטן סלאנימער דור.

מיר גיבן דא א קופלעט אלס ביישפיל.

שמואל אווערבוך

# די רעזקעס

## (דאס קריסטלעכע געסל, הינטער פאנעסווער גאס)

פון א בערגל אין אַ טעלכל
רינט א שמאָלער וואסער־קוועלכל,
שווענקט א גערטל ביי א שטיבל
און א בריקל נעבן אַ גריבל.

נאנט צו צלמים צוויי אין שורה,
אין אביידל שטייט א צורה,
א פאַרגלאָצטע קוקט אנטקעגן
אויפן גרענעץ פון די וועגן.

א געשטאלט פון די וואס זיצן
איבער גלאָקן אויף די שפיצן
און אויף פלייצעס פון א קלויסטער.
„פאנעסאָווער בחור״ הייסט ער.

האלב אויף בערגל, האַלב אין טעלכל
שטייט א הייזל ביי א שטעלכל,
און א ברונעם מיט א רעדל
ביי אַ פלויט׳ל פון א סעדל.

קוקט א לייטער פון א דעכל
און אַ בוידעם דורך א לעכל,
און א שייבל מיט א שמאטע
דורך א פענסטער מיט א לאטע.

פון די פריזבעס זינגען גרילן,
פון די הייפן הינטלאך בילן,
טירלאך סקריפען אויף זאַוויעסקעס
אין דעם געסל אויף די רעזקעס.

און די רעזקעס דארף פרנסה;
איז א שבת־גוי — הכנסה,
און א צווייטער איז א וועכטער
און א דריטער האט דריי טעכטער...

זיידעס רייסן קרויט פון גארטן,
באבעס ווארפן אויס אין קארטן,
און די מיידלאך תמיד שפינדלען,
און די ווייבער — רק זיי קינדלען.

זאוול האלט אין ראַג א קרעמל,
ווו זיין ווייבל כאפט א דרעמל,
ציט א שיכור דארט א ניגון
נאך א גלעזל ביר מיט פליגן.

זונטיק, חגא איז דער שטייגער:
מיט דעם צענטן קלונג פון זייגער,
מיט דעם ערשטן ברום פון צלם
גייט אין שטאט ארויס דער עולם.

אין די שטיוול גלאנצענדיקע
מיט די שיקסעס טאנצענדיקע,
און די קאפטנס חגא׳דיקע
מיט די ווייבער טראגעדיקע.

ווערן גאסן פול נגינות
פון די שיינקען, פון די רינעס,
און פון יעדן טרפה׳ן ברייזל,
און פון יעדן פריילעך הייזל...

הייסט עס: רעזקעס גייט שפאַצירן
פון די קלויסטערס אין טראקטירן,
און אזוי איז די הנהגה
אין דעם געסל — זונטיק, חגא.

קומט די שקיעה בין־השמשות, —
פאלט די רעזקעס אין חלשות,
ביז דאס קרייען פון די הענער
וועקט באגינען אויף די מענער...

# על סלונים היהודית כי איננה עוד
# וועגן יידישן סלאנים וואס איז מער ניטא

יחזקאל רבן

## טִיּוּל אַחֲרוֹן עַל פְּנֵי סְלוֹנִים

תֵּן לִי יָדְךָ וְנֵצֵא לְטִיּוּל אַחֲרוֹן עַל פְּנֵי סְלוֹנִים,
נָחוּשׁ מֵחָדָשׁ רְטִיטַת אַהֲבָה רִאשׁוֹנָה וְזַכָּה,
נִצְעַד בָּרְחוֹבוֹת וְנִסְפֹּג אֶת מַרְאֶה הַיִּפְעָה וְהָעֹנִי —
בְּטֶרֶם עָנְתָה תְּמִימוּתָם בַּבּוֹרוֹת עַד דַּכָּא.

פְּתַח לְךָ דַּף וַעֲצֹם אֶת עֵינֶיךָ — חוֹזְרִים נְעוּרִים כָּךְ
וּמִתְבַּהֲרִים עֲלוּמִים, כְּאִלּוּ הָיוּ תְּמוֹל־שִׁלְשׁוֹם.
אֶת לֵחַ הַשְּׁצַ׳אַרָה תָּחוּשׁ, אֶת מִסְכֵּנוּתָהּ שֶׁל זַ׳בִּינְקָה
וְנֹעַם סוֹדוֹ שֶׁל „הַגַּן הָרֵיקָן״ יַחֲזֹר כַּחֲלוֹם.

הִנֵּה שַׁלְוָתָהּ שֶׁל סְטוּדֶנְסְקָה וּפַנִּיסְבֶה הַמְאֻשֶּׁשֶׁת,
סְאוֹן שְׁתֵּי שׁוּרוֹת חֲנֻיּוֹת וְרַעַשׁ הַנֶּיֶבְסְקִי כִּי־רָב.
עֵינֶיךָ סְגוּרוֹת — כָּךְ יָבוֹא לְאַפְּךָ רֵיחַ יוּרְזִיקָה הַמְרֻשֶּׁשֶׁת,
שֶׁל „פֶּנְצִ׳יכֶה׳ס קוּכְן״ הַטַּעַם, שֶׁל אַוֶירְבּוּךְ — קֶצֶב שִׁירָיו.

נֵרֵד דֶּרֶךְ בְּרִיקֶר לַדַּמְבּוֹת, לַסּוֹד שֶׁל פִּנּוֹת הַמַּרְגּוֹעַ,
אוּלַי עוֹד נִמְצָא אֶת שְׁמוֹתֵינוּ גְּלוּפִים שָׁם בְּגוּף עֵץ עָבֹת.
אוּלַי מְצַפֶּה שָׁם אָבִיב סְלוֹנִימָאִי צָעִיר, מָלֵא זֹהַר,
זֶה שֶׁזָּרַע גַּרְעִינִים שֶׁל שַׁלְוָה וַחֲשַׁשׁ בַּלְּבָבוֹת.

עֵינַיִם סְגוּרוֹת מוֹבִילוֹת אֶל הַשּׁוּק הַסּוֹאֵן שֶׁל עִירֵנוּ,
מִשָּׁם — בֶּרְנַרְדִינְסְקָה עַד סְקְרוּבֶּה, לַקְּסַרְקְטִין הַמְרֻחָק.
אַךְ מַה זֶּה מוֹשְׁכֵנוּ הַבַּיְתָה? וּמִי מְחַכֶּה לִרְאוֹתֵנוּ?
אוּלַי מְצַפָּה לָנוּ אִמָּא לְיַד הַחַלּוֹן, לְהַגִּישׁ אֲרוּחָה?

סְפוּגֵי זִכְרוֹנוֹת צְעִירִים נוֹסִיף עַד לַחֹרֶשׁ לָלֶכֶת,
הַלַּיְלָה יוֹרֵד כְּעוֹרֵב עַל רוֹזְ׳נוֹיאֶר, קוֹדֵר וְאָפֵל.
בָּקְרֵי נְעוּרֵינוּ נוֹשְׁרִים, נִשָּׂאִים כֶּעָלִים בַּשַּׁלֶּכֶת
אֶל בֵּית־הָעָלְמִין, אֶל מֵעֵבֶר פִּשְׁפַּשׁ־הַבַּרְזֶל.

בְּטוּר מַצְּבוֹת עֵץ צָעִיר, עוּל־יָמִים, כְּלוּלָב מִתְנוֹעֵעַ,
נִבְרַח מִן הַכְּאֵב בַּמָּבוֹךְ שֶׁל הַבַּארְג, זוֹ שְׁכוּנַת הַבָּכָא.
עֵינֶיךָ עוֹדָן עֲצוּמוֹת? אַתָּה כְּבָר בַּשּׁוּלְהוֹיף, שׁוֹמֵעַ
תְּפִלּוֹת מִבָּתֵּי־הַמִּדְרָשׁ שֶׁל חֶבְרוֹת בַּעֲלֵי־הַמְּלָאכָה?

לֹא וָלֹא! בַּדְּמָמָה הַלֵּילִית יְבָבָה אֲיֻמָּה מִתְמַשֶּׁכֶת,
חוֹדֶרֶת לְלֵב הַשָּׁמַיִם, פּוֹלֶשֶׁת לְתוֹךְ נִשְׁמָתְךָ.
פְּקַח אֶת עֵינֶיךָ, הַקֵּץ לַחֲלוֹם! פְּקַח אֶת עֵינֶיךָ!
רְאֵה אֶת הַ„שְׁטָאט־שׁוּל״ עוֹמֶדֶת בּוֹדֶדֶת, דְּוּיָה — וּבוֹכָה.

בּוֹכוֹת אִתָּהּ יַחַד נִשְׁמוֹת אֲבוֹתֵינוּ וְאִמּוֹתֵינוּ,
הַטַּף הַנִּרְצָח מִתְיַפֵּחַ וְזוּג הַסָּבִים, הֶחָלָל;
נִשָּׂא בְּרָמָה „אֵל מָלֵא רַחֲמִים״ מִפִּי הַשַּׁמָּשׁ שֶׁל עִירֵנוּ,
מִגְּבוּל שֶׁל פֶּטְרַלֶבִיץ׳ וְצֶ׳פֶּלוֹבָה זוֹעֵק הַשָּׂדֶה הַמְחֻלָּל.

חֳרָבוֹת מִסָּבִיב. וַחֲצוֹת. וְשַׁחֲרוּתְךָ כָּאן מֻנַּחַת.
חוּצוֹת חֲרֵבִים נִמְשָׁכִים עַד לַבּוֹר הַתּוֹבֵעַ שִׁלֵּם.
סְגֹר אֶת הַסֵּפֶר, הוֹשֵׁט לִי יָדְךָ, אֲפוּפֵי חֻרְבָּנוֹ שֶׁל הַשַּׁחַר
נָשׁוּב מִטִּיּוּל עַל־פְּנֵי סְלוֹנִים הָעִיר וְהָאֵם.

התרגום מיידיש ע״י המחבר.

# LAST STROLL THROUGH SLONIM

by JEZEKIEL RABAN

Give me your hand. Hold my hand, while we take our last stroll through Slonim.
Let us feel once again, the thrills of our first pure love.
Once more we walk the streets, which reveal to us our past.
Now we face the graves: the graves of our ancestors, who were tortured to death.

Open a page, close your eyes, imagine you are younger.
Now you can visualize your youth.
Just as if everything happened yesterday.

Feel the freshness of the River Shtzara and of the poor street Shzabinka.
Here we hear the secrets and feel the tenderness of the rustling trees which rest in Pustin Sod Park.
Now we come upon the rich quiet streets of Studentsky, and Paneswe.
You hear the noise of the bustling stores, the Radkromen, and the walking on Neifsky street.

Close your eyes, take a deep breath, smell the wonderful aroma of Fenchehers kuchens.
Listen to the tune of Averbuch's songs.

We are now at the quiet edges of the Shtzara.
Bricker Street Faces us.
Let's walk, through this street to see if our names are inscribed on the trees.
Maybe they are.

WAIT; maybe a Slonim spring is waiting for us, with seeds scattered all over,
And a nice peaceful atmosphere.
The spring faces us.
We see a young fresh tree shivering,
Between the monuments of the cemetary.

Let's go through the streets facing the poor mountain.
QUICK! let us escape the sadness which surrounds us.
Close your eyes: slowly, very slowly.
Can't you see the school yard?
The Shulhoif??

Keep them closed and you will hear the prayers,
Loud and clear, coming from the synagogues
Shneidersher, Hiltzerner, and the Moyer.

Now, in the still darkness which confronts us,
We hear a cry.
This cry reaches the heavens, and bites into our souls.
Now, slowly, very slowly, open your eyes. Stop dreaming!
LOOK; see the ruins:
Standing alone near our Big Synagogue der Shulhoif. She is weeping.
Crying with her also are the souls of our Fathers and Mothers.

One can hear the weeping of the grandparents.
They weep for their murdered children.
The loud voice of Eil Moley Rahamim, by Avrom Moshe der Shames Portrays the destruction of the earth in Petralevich and Chepelove. Only ruins lie here along with the remembrance of your stranded youth.

Now in front of us, we see a stretch of streets, All of the destroyed.
These streets lead to the far away graves. It seems as though the graves are crying to us.

Close the book and give me your hand as we stand in this pale gray morning.
Slowly, we are all walking back, walking back.
From our last stroll through Slonim.

# חיים אורלן: מחזיונות השואה והגבורה
# חיים ארלאַן: וויזיעס פון אומקום און גבורה

## 1
## אין מיין שטאָט

געווידמעט דעם ליכטיקן אנדיינקען פון
חיים אווערבוך ז״ל.

אויפן הינטערגרונט פון גרויסן בית־עלמין
און קברים׳דיקע בערג אין וויסטע פעלדער
האט זיך באוויזן פאר מיר
מיין הייליקע, פארפייניקטע, אויסגע׳הרג׳עטע
יידישע סלאָנים.
פון ערגעץ־ווו, פון ארויף פאנעסווע,
איז אנגעקומען שמואל הירשענבערג׳ס גלות־פּראצעסיע,
ווי זי וואלט אראפגעגאנגען פון דעם בילד אויפן וואנט,
און זי מארשירט פארביי אונדזער שטוב.
און איך שטיי פארגאפט ביים פענסטער,
כ׳קוק זיך צו צו די מארשירנדע הירשענבערגס געשטאלטן, —
מענער, פרויען, יינגעלאך און מיידעלאך,
מאמעס און באבעס מיט קינדערלאך אין זייערע ארמס,
און טאטעס און זיידעס מיט פעקלאך אין די הענט...
כאפּ איך זיך, אז דאס זיינען גאר אייגענע, —
פריינט, שכנים, באקאנטע, חברים מיינע.
איך רוף זיי אויפן קול: „זלמן, נחמן, אברהם׳ל!
ווארטס א ווײַלע, ווארטס, אט קום איך,
איך גיי אויך מיט אייך...״ —
אבער זיי איילן זיך אלע מיט גיכע טריט פאַרויס,
פון שטאט ארויס.
און אט זיינען זיי מיטאמאל נישט געווארן — — —

---

דאס מאל געפין איך זיך אויפן שולהויף —
די גלאקן פון די קלויסטערס האבן זיך עפּעס
מורא׳דיק צוקלונגען,
און אין דעם מיטן פון הילכערייען, און קלינגערייען
לויפט־אן מיט א בהלה א גרויזאמע סאלדאטסקע מחנה
אויף גאלאפּירנדיקע צעווילדעווועטע פערד, —
איינער פון זיי שפרינגט אראָפּ,
בינדט־צו דעם פערד צו א פארקאַן,
ציט ארויס זיין לאנגע שווערד,
און שארפט עס און שארפט עס מיט א גרויס כוונה,
ווארפנדיק זיינע אויסקעלאצטע אימ׳ציקע קוקערס
אויף א רייהע דערשלאגענע יידן,
וואס שפארן זיך ארויס פון דער גרויסער שטאט־שול
און גייען אראָפּ די טרעפּ איינער נאכן אנדערן.
איך דערקען זיי, איך קען זיי אלעמען:
פריינט, שכנים, באקאנטע, חברים מיינע, —
אלע היילע, נאקעטע, בארוועסע,
נאר ארבע־כנפות׳ן אויף זייערע לייבער — — —
עס ווילט זיך מיר שרייען: גוואלד!
אבער די האלדז איז פארשטיקט...

---

און אט שטיי איך אין „פוסטן סאד״,
ווו מיר פלעגן טרעפן זיך,
פארברייגען און וועבן צוזאמען אונדזערע יוגנט־פלענער
וועגן פאלק און וועגן זיך, —
ווי פון א שווערן, געדיכטן נעבל
קומט ארויס א ליבע יוגנט־פריינדין
פון אזוי ווייטע־ווייטע און דאך נאנטע יוגנט־יארן, —
פארוויקלט אין א טרויעריקן אומעט,
גייט זי שנעל פארביי, מאכט זיך ניט זעענדיק.
לויף איך איר נאך און כאפּ איר אן:
— „וואס מאכסטו? זאג מיר נאר, וואס מאכסטו?
געדיינקסטו דען ניט, — איך בין געוועז דיין לערער,
איך האב דיר געלערנט העברעאיש...״ —
זי האט אראפּגעלאזן איר בלאס־געווארענעם פנים
און א זאג געטאן:
— „יע, איך פלעג לייענען פאר דיר פון בוך, מאכנדיק גרייזן,
און דו פלעגסט זיך צוהערן און מקבל באהבה זיין״... —
איך האב זיך דערמאנט איר הארציקן שמייכל,
וואס פלעגט אנטפלעקן אירע פערלדיקע ציינער
און פלעגט אנצינדן א ווארעמע ליכטיקייט אין אירע טיפע אויגן

און כ׳האב צוגעגעבן:
— „ווייל מיר האט זיך געדוכט,
אז יעדער גרייז קומט ארויס פון דיין מויל קארעקט, אן א פגם...״ —

זי האט אויפגעהויבן איר קאפּ;
א ציטער האט א צופּ־געגעבן אירע ליפּן,
וואס האבן זיך אנ׳עפן געטאן

און אויפגעדעקט א מויל מיט א שווארצע ליידיקייט,
און אירע אויגן האבן געקוקט אויף מיר פארגליווערט...
...איך האב אפגעווישט א קאלטן שווייס פון מיין שטערן,
כ׳האב זיך אויפגעכאפט צו א נייעם פרימארגן,
צו א ליכטיקע זון, א חנפה׳דיקע, —
אט די זעלבע,
וואס האט צוגעזען און צוגעלייכטן אומפארשעמטערהייד מיט איר ליכט
אלע יענע מעשים וואס זיינען געטאן געווארן.
און אט קומט זי, די זעלבע זון, ווידער ארויס, —
קלאר, שיינענדיק, ריין, —
ווי א רוצח, נאכ׳ן אפוואשן זיינע פארבלוטיקטע הענט.

איבערזעצט אין יידיש דורך אויטאר

2

## בעירי

מוקדש לזכרו המאיר של
חיים אוירבוך ז״ל

עַל רֶקַע בֵּית הָעָלְמִין הַגָּדוֹל נִרְאֲתָה אֵלַי
קְהִלָּתִי הַקְּדוֹשָׁה קִרְיָתִי הַנֶּאֱמָנָה, עִירִי הַשְּׁסוּעָה,
נִרְאֲתָה אֵלַי כְּבְמַחֲזֶה.
אֵי מִזֶּה נֶעְתְּקָה תַּהֲלוּכַת שְׁמוּאֵל הִירְשֶׁנְבֶּרְג
אֶל רְחוֹב בֵּית אָבִי בִּקְצֵה הָעִיר.
וַאֲנִי צָמוּד אֶל הַחַלּוֹן מִסְתַּכֵּל בַּתַּהֲלוּכָה —
כֻּלָּם מֻכָּרִים לִי וִידוּעִים, עַד כְּדֵי לִקְרֹא בִּשְׁמוֹתֵיהֶם —
בְּהוּלִים וּמְבֹהָלִים, אִישׁ אִישׁ וּצְרוֹרוֹ תַּחַת בֵּית שֶׁחְיוֹ,
אִשָּׁה אִשָּׁה וְתִינוֹקָהּ בִּזְרוֹעוֹתֶיהָ —
מַחֲנֶה גָּדוֹל וָרַב עוֹזֵב אֶת הָעִיר.
(עֵינַי תָּרָה לִרְאוֹת אוֹתוֹ זָקֵן הוֹלֵךְ בָּרֹאשׁ, וְאֵינֶנּוּ...)
אָכֵן, לֹא עַם, לֹא עֵדָה — עֵדֶר, עֵדֶר אֲדוֹנָי...
יוֹצְאִים לְדֶרֶךְ רְחוֹקָה בְּאֵין מַנְהִיג וּמוֹרֶה...
וְשׁוּב, אֲנִי צוֹפֶה: פַּעֲמוֹנֵי כָּל הַקְּלוֹיְסְטְרִים פּוֹעֲמִים בְּאָזְנַי —
חָגָא ?
וְהִנֵּה, שַׁעֲטַת פַּרְסוֹת סוּסִים וְלַהֲקַת פָּרָשִׁים מְטִילָה אֵימִים
עוֹלָה בִּדְהָרָה,
אֶחָד מֵהֶם עוֹצֵר סוּסוֹ, קוֹשְׁרוֹ בְּזִיזָהּ שֶׁל גָּדֵר
שׁוֹלֵף חֶרֶב אֲרֻכָּה וּמְמֹרָטָה וְנִצָּב לְמָרְטָהּ עוֹד
וְהוּא מַשְׁחִיזָהּ וּמַשְׁחִיזָהּ תּוֹךְ כַּוָּנָה עֲצוּמָה.
כְּאִלּוּ אֵינוֹ שָׂם לֵב כְּלָל אֶל טוּר הַיְּהוּדִים הַיּוֹצְאִים בַּסַּף
זֶה אַחֲרֵי זֶה וְיוֹרְדִים בְּמַעֲלוֹת בֵּית־הַכְּנֶסֶת הַגָּדוֹל —
שְׁכֵנִים וּמַכִּירִים, קְרוֹבִים וּרְחוֹקִים —
כֻּלָּם עֵירֻמִּים וְרַק „אַרְבַּע הַכְּנָפוֹת״ לְמַעֲרֻמֵּיהֶם שֶׁצִּיצִיּוֹתֵיהֶם
מִשְׁתַּלְשְׁלוֹת — —
וּגְרוֹנִי נִחַר וְחָנוּק מִלִּזְעוֹק גַּם זְעָקָה מָרָה אַחַת: שְׁמַע
יִשְׂרָאֵל!...
וְהִנֵּה גַּן הָעִיר שֶׁלָּנוּ, בּוֹ הָיִינוּ נִפְגָּשִׁים לְשִׂיחַת רֵעִים.
כְּמִתּוֹךְ הָעֲרָפֶל מוֹפִיעָה יְדִידַת נְעוּרִים רְחוֹקִים רְחוֹקִים
וְכֹה קְרוֹבִים,
וְהִיא כְּמִשְׁתַּמֶּטֶת מִמֶּנִּי וְכוֹבֶשֶׁת פָּנֶיהָ.
אֲנִי נֶחְפָּז אַחֲרֶיהָ וּמַדְבִּיקָהּ: „מַה שְּׁלוֹמֵךְ, אָנָּא, הַגִּידִי,
מַה שְּׁלוֹמֵךְ ?
הֲתִזְכְּרִי יָמִים עֵת מוֹרֵךְ הָיִיתִי, לִמַּדְתִּיךְ עִבְרִית ?...״
הִיא כּוֹבֶשֶׁת עוֹד פָּנֶיהָ הַמַּסְמִיקִים וּמוֹסִיפָה:
„וַאֲנִי הָיִיתִי קוֹרְאָה לְפָנֶיךָ בַּסֵּפֶר וּמַפְלִיגָה בִּשְׁגִיאוֹת,
וְאַתָּה הָיִיתָ מַקְשִׁיב וּמְקַבְּלָן בְּסֵבֶר שֶׁל רָצוֹן״...
זָכַרְתִּי בַּת צְחוֹקָהּ הַמְלַבֵּב, שֶׁהָיָה חוֹשֵׂף שְׁנֵי טוּרֵי שִׁנַּיִם
מַרְגָּלִיּוֹת
וּמַצִּית אוֹר בְּעֵינֶיהָ הַקּוֹרְנוֹת, וְהוֹסַפְתִּי אַחֲרֶיהָ:
„יַעַן כִּי אָמַרְתִּי: כָּל שְׁגִיאָה יוֹצֵאת מִפִּיךְ כִּמְתֻקֶּנֶת״...
הִיא הֵרִימָה אֵלַי רֹאשָׁהּ וְרַעַד קַל עָבַר
עַל שְׂפָתֶיהָ הַהֲדוּקוֹת שֶׁנִּפְתְּחוּ אוֹתוֹ רֶגַע
וְגִלּוּ לְפָנַי חֲלַל פֶּה שָׁחוֹר וְרֵיק.
וְעֵינֶיהָ נִחֲתוּ בִּי קָמוֹת וּכְבוּיוֹת...
מָחִיתִי זֵעָה קָרָה מֵעַל מִצְחִי וְהִתְעוֹרַרְתִּי לִקְרַאת בֹּקֶר חָדָשׁ,
לִקְרַאת שֶׁמֶשׁ עוֹלָה חֲנֵפָה מִבֵּין הָרֵי יְהוּדָה,
זוֹ שֶׁלְּאוֹרָהּ נֶעֶשְׂתָה הַתּוֹעֵבָה הַגְּדוֹלָה, לְאוֹרָהּ —
וְהִיא כְּעוֹלָה מִן הָרַחְצָה זַכָּה וּבְהִירָה,
כְּרוֹצֵחַ שֶׁרוֹחֵץ כַּפָּיו וּמְטַהֵר בְּמֵימֵי הַנַּחַל...

3

## יידישע גבורה אין סלאנים

וווּנדערבארע יידישע גבורה אין סלאנים, — ווער קען עס אויסדערציילן ?
יידיש לעבן אין סלאנים איז געווען איין גרויסע גבורה.
א ייד אין סלאנים איז דורכגעגאנגען דעם לעבנס־שפאן מיט לויטער גבורה.
יידישע קינדהייט אין סלאנים איז שוין געווען פול מיט גבורה.